STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00497

GEKLIBENE SHRIFTN

Samuel Niger

Permanent preservation of this book was made possible by
Herbert & Marion Achtentuch Philanthropic Fund
in memory of
Dr. Herman & Paula Achtentuch

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ש. ניגער

לעזער, דיכטער, קריטיקער

ערשטער באַנד.

אידישער קולטור פאַרלאַנג
ניו יאָרק, 1928

Copyright 1928 by
Samuel Charney
New York

ALLIED PRINTING TRADES UNION LABEL COUNCIL 200

אינהאַלט.

זייט

פון אידישן קולטור פאַרלאַג — 5

פאָרבאַמערקונגען פון דעם פּראָפעסער — 11

1. לייענען.
א. וואָס הייסט לייענען ? — 15
ב. דער אמת'ער פאַרגעניגן און אמת'ער נוצן פון לייענען 26
ג. ווי צו לייענען ? — 32
ד. וואָס צו לייענען ? — 43
ה. אַלטע און נייע ליטעראַטור — 50
ו. אייגנס און פרעמדס — 62

2. דער שרייבער און דער לעזער.
א. שרייבערשע קאַפּריזן — 71
ב. דעם לעזער'ס רוח הקודש — 79
ג. וויפיל טיפן שרייבער, אַזויפיל טיפן לעזער — 85

3. די אידישע ליטעראַטור — און דער אידישער לעזער.
א. די ליטעראַטור — און דער לעזער — 95
ב. די אידישע ליטעראַטור — און דער אידישער לעזער — 100
ג. דער אידישער אַרבעטער לעזער — 109
ד. נאָך וועגן דעם ארבעטער לעזער — 116
ה. אין פּראָלעטאַרישן שפּאַן — 132
ו. די אידישע ליטעראַטור און דער אידישער לעזער אין ראַטנפאַרבאַנד — 149
ז. נאָך וועגן דער אידישער ליטעראַטור און דעם אידישן לעזער אין סאָוועט רוסלאַנד — 146
ח. די קונסט־טעאָריע—און די קונסט פון דוד בערגעלסאָן, 156

4. אלט און ניי אין קונסט.
א. אַלט און ניי, אַלטע און נייע — 167
ב. דער וועג פון פּרט און דער וועג פון כלל — 186
ג. „די קונסט איז טויט” — 199
ד. מאָדערנער מיטאָס — 204
ה. וועלט־ציטערניש — 220

זייט

5. ציימגייסט.
א. צייט און צייטלאכס — — — — — — — — — — — — — — 231
ב. לינקע קונסט — — — — — — — — — — — — — — 237
ג. קאָנסטרוקטיוויזם — — — — — — — — — — — — — 245
ד. דער אָטעם פון דער רעוואָלוציע — — — — — — — — — 251
ה. די רעוואָלוציע — און דער פּאָעט — — — — — — — — 265

6. וועגן רעאַליזם.
א. וואָס איז קינסטלערישער רעאַליזם? — — — — — — — 273
ב. אָרימע ליטעראַטור, אַלמעכטיג לעבן... — — — — — — — 281
ג. ליטעראַטור און לעבן — — — — — — — — — — — 287

7. דער שרייבער און דער קעמפער.
א. פון דער נאָענט אָדער פון וויימן? — — — — — — — 303
ב. וואָס הייסט קעמפן? — — — — — — — — — — — — 309
ג. שטימונגען און איבערציוגונגען — — — — — — — — — 315
ד. אַהער אָדער אַהין — — — — — — — — — — — — — 318

8. שאַפן און אַרבעטן — — — — — — — — — — — — — 327

9. דיכטער און קריטיקער — — — — — — — — — — — — 353

10. פּראָבלעמען פון קריטיק.
א. קריטיק און רעצענזיע — — — — — — — — — — — — 381
ב. דער הויפּטוועדט פון קריטיק — — — — — — — — — 387
ג. דער קריטיקער איז אַ שרייבער, אַ לעזער, אַ לערער — 394
ד. קריטיק און פּאָלעמיק — — — — — — — — — — — — 400
ה. דער קהל'שער מענטש — — — — — — — — — — — — 407
ו. ניט גוט און ניט שלעכט — — — — — — — — — — — 414
ז. די מיטלמעסיגקייט — אַמאָל און איצט — — — — — — 419
ח. אין דער ברייט — — — — — — — — — — — — — — 426
ט. ספּעציאַליזירטע קריטיק — — — — — — — — — — — 431
י. ליטעראַטור קריטיק און טעאַטער קריטיק — — — — — 434
י"א. סאָציאַל־עטישע קריטיק — — — — — — — — — — 459
י"ב. קולטור־היסטאָרישע קריטיק — — — — — — — — — 464
י"ג. מאַרקסיסטישע קריטיק — — — — — — — — — — — 470

11. בעל מחשבות — — — — — — — — — — — — — — — 495

12. וועגן דוד פרישמאַנען — — — — — — — — — — — — 569

13. דר. א. מוקדוני, א טעאטער קריטיקער — — — — — 597

14. וועגן בראַנדעסן — — — — — — — — — — — — — — 619

פון דעם אידישן קולטור־פארלאג.

דער „קאמיטעט פון דעם אידישן קולטור־פארלאג“ שעצט זיך גליקליך, וואס אויף אים איז אויסגעפאלן דער כבוד, ארויס־צוגעבן די ערשטע דריי בענד פון ש. ניגער'ס „געקליבענע שריפטן“.

ניגער איז איינער פון אונזערע בעסטע קלאסיקער. און ווען מיר ווענדן אן אט דעם אויסדרוק, מיינען מיר ניט נאר א שאפער מיט אן אנדערקענטן טאלאנט, וואס ברענגט כבוד דער ליטעראטור און דעם פאלק, צו וועלכע ער געהערט; ניט נאר א שרייבער, וועמעס ווערק עס קאנען דינען ווי א מוסטער פאר אנדערע שרייבער פון דעמזעלביגען זשאנר. דער באדייט פון א קלאסיקער ליגט נאך מער אין דעם, וואס ער געהערט צו די זיילן, אויף וועלכע עס האלט זיך דער גאנצער בנין פון דער ליטעראַ־טור; אזא קלאסיקער איז ניגער. אונזער ליטעראטור האט בא־קומען א באשטימטע אויסזען און האט שטארק געוואונען אין חשיבות און באדייט, א דאנק אויך יענעם פאקט, וואס ניגער ווירקט אין איר און אויף איר.

שוין אין זיינע ערשטע יונגע ארבעטן האט ניגער געצויגן דעם לעזער'ס אויפמערק ניט נאר דורך דעם ערנסטן צוטריט צו דעם ענין און דער פרישקייט פון זיין געדאנק, נאר אויך דורך דער איינגארטיגקייט פון זיין סטיל. דער „ניגער'שער אויס־דרוק“ איז געווארן א שם־דבר. אין יענע יינגערע ארבעטן האט ניגער, ווייזט אויס, אליין אנגעקוואלן פון זיין שפראך'ס איינ־פאלן און המצאות, דער עיקר פון דעם שפיל מיט אנטיטעזן. דאס האט אפשר מיטגעווירקט, אז אייניגע יינגערע זאלן זיך בארוישן מיט א ריין שפראכלאכער גראציעזער שפילעוודיגקייט, מיט א ריזיקאלישער אקראבאטישקייט, אין וועלכע אונזער לשון

האָט באַוויזן זיין ווירטואָזיטעט און זיינע אומגעהויער רייכע מעגלעכקייטן.

ניגער האָט אָבער באַלד אַליין איינגעצאַמט די שפּילעוודיגע לוסט פון זיין פען, און זי אַוועקגעשטעלט אין דעם שטרענגען דינסט פון דעם געדאַנק. ס׳האָט זיך באַקומען אַ שפּראַך־טאַלאַנט, וואָס וויים פון זיינע אייגענע אוצרות, פוכעלט אָבער ניט מיט זיי, נאָר גיט זיי אויס עניות׳דיג, צווינגנדיג די ווערטער, זיי זאָלן זיך אַליין פאַנאַנדערנעמען, ווי די בלעטלאַך פון אַ בלום, און אַנטפּלעקן יענע געדאַנק־שאַטירונגען, וואָס זיינען פאַרבאָרגן אין זיי.

דער הויפּט־פאַרדינסט ניגער׳ס פאַר אונזער ליטעראַטור ליגט אין זיינע ליטעראַר־קריטישע אַרבעטן. זיין גרונט־באַשטרעבן דערביי איז—אויסצוגעפינען דעם קינסטלער׳ס מהות־מענש, דערגראָבען זיך ביז צו די טיפסטע, אָפּט פאַרבאָרגענע וואָרצלען פון זיין נשמה. ניגער וויים גאַנץ גוט, אַז אין דער וועלט פון דעם אינדיווידועלן קינסטלערישן שאַפן שפּילן זייער אָפט אַ גרויסע ראָלע עלעמענטן, וואָס שטאַמען ניט פון אַזעלכע פאַרבאָרגענע וואָרצלען, ווי: די סביבה, אין וועלכער דער קינסטלער לעבט, די טראַדיציעס פון זיין פאָלק, די אידייען פון זיין צייט, די מאָסטערן, וואָס האָבן אויף אים איינגעווירקט, די מאָמענטאַנע, אויבערפלאַכלאַכע קאַפּריזן פון דער פאַנטאַזיע, די איבערגעשפּאַנטע אַמביציעס פון וועלן אַרויסווייזן וואָס מען קאָן. דאָס זוכן די פאַרבאָרגענע וואָרצלען פון דעם קינסטהער׳ס נשמה העלפט ניגער׳ן דעם געבענשטן מיט אַ געזונטן חוש פאַר נאַטירלאַכקיים, פאַנאַנדערצושיידן צווישן דעם, וואָס עס שטאַמט ביין קינסטלער פון זיין אייגענער נאַטור, פון די פאַרבאָרגענע נשמה־וואָרצלען, און דעם, וואָס עס איז אַרויסגעוואַקסן ביי אים פון קערנדלאַך, פאַרטראָגן אויף זיין פעלד פון דעם פרעמדן אַרום אָדער פון מאָמענטאַנע קאַפּריזן און איבערגעשפּאַנטער אַמביציע.

ניגער געפינט דערביי, אַז דער קינסטלער איז אַם שטאַרקסטן דאָרטן, וואו ער איז אַם נאַטירלאַכסטן, וואו זיין שאַפן

פליסט דירעקט ארויס פון די טיפערע נשמה־קוואלן, און אז ער, דער קינסטלער, איז אם שוואכסטן אין יענע שאפונגען, וואס שטאמען פון זייטיגע קערנדלאך, פון מאמענטאנע אדער אויבער־פלאכלאכע טענדענצן, הגם גראד אזוינע שאפונגען קומען אפטמאל ארויס מיט א שענערן דרויסנלאכן גלאנץ.

דאס גיט אן אנווייז דעם קינסטלער, — צו דערקענען זיך אליין, זיך אפצוגעבן א טיפערן דין וחשבון וועגן די באדינגונגען, די מעגלאכקייטן און — וואס איז נאך וויכטיגער — די גרע־נעצן פון דעם אייגענעם קאנען, — די נאטירלאכע גרע־נעצן, אין וועלכע דער קינסטלער דארף זען איינצאמען זיך אליין.

דאס גיט אויך אן אנווייז פאר דעם ליטעראטור־פארשער פאראויסצוזען, מיט א געוויסן גראד אפשר'קייט, וועלכע ווערק וועלן פארבלייבן איינגעווארצלט אין דער געשיכטע פון אונזער ליטעראטור און וועלכע וועלן, אן אן איבערקלייב, אריינ־געטאן ווערן אין דער בלעטער־גניזה פון איר עבר.

געוויס איז ניגער, ווי א ליטעראטור־קריטיקער, א דאנק זיין אייגנארטיגן צוטרעט צו די אויפגאבן פון דער ליטעראַרישער קריטיק, א סך מער א ליטעראטור־פארשער, איידער אן אייגנטלאכער קריטיקער אין דעם געוואוינטלאכסטן זין פון דעם ווארט. און א סך יונגע טאלאנטן זיינען זיך מצער דאָרויף.

אונזער יונגער גארטן וואקסט זיך פאנאנדער מיט אן אימ־פעטיגן וואוקס און ברענגט טאג־טעגלאך ארויס נייע שפראצונגען; עס איז שווער גלייך אין אנהויב צו דערקענען, וואס אין זיי איז פעלד־גראז, העכסטנס פעלד־בלום אדער גארטן־בלום, און וואס איז אין זיי דער ערשטער אויפגאנג פון א בלום, א בר־קימא, וואס וועט שלאגן טיפע ווארצלען, זיך פאנאנדערצווייגן און ברענגען בלומען און פרוכט. זיי אלע נויטיגן זיך אין זון־שיין, אין דערוואַרעמענדיגע, באלייכטנדיגע שטראלן. זיי אלע בענקען נאך געניטע הענט פון מומחה'ס־גערטענירער, וואס זאלן זיך אפגעבן דער עיקר מיט די פילפארשפרעכנדיגע שפראַ־צונגען.

ניגער איז אויך אזא מומחה, און, אין אונזער גרויסן מאנגל אין רעצענזענטן און קריטיקער פון אט דער אזוי־נויטיגער

ארט, גיט ער אויך אָפּ א היבש ביסל צייט (אַ סך מער, איידער ער וואָלט דאָס באדארפט טאָן) פאר דער אומנות פון א רעצענזענט. ער פליקט אוים ווילד־גראָזן, וואָס מאַכן זיך אים אונטער דער האַנט; ער טראָגט אין זון־שיין אריבער פלאַנצן, וואָס זאָגן עפּעס צו (אויך פון די, וואָס מאַכן זיך אים אונטער דער האַנט).

אָבער זיין עיקר־אינטערעס איז די אויספאָרשונג פון יענע פאַנאַנדערגעוואַקסענע טאַלאַנטן, וואָס זיינען שוין אריין אין דער ליטעראַטור; זייער מהות אויסצוגעפינען, זייער באַדייט אין איר ארויסצוברענגען, אָט דאָס איז דער וואָרצלהאַפטסטער אינטערעס פון זיין ליטעראַריש־קריטישן שאַפן. און ער בלייבט טריי זיין אייגענער נאַטור, און איז אויף זיך אַליין מקיים די פאָדערונג, וועלכע ער שטעלט דעם קינסטלער: די זעלבסט־איינצוואַנג אין די גרענעצן פון דער אייגענער נאַטירלאַכקייט.

ש. ניגער איז ניט נאָר א ליטעראַטור־קריטיקער און אַ ליטעראַטור־פאָרשער. ער האָט אויך פאַרדינסטן פאַר אונזער יונגער ליטעראַטור־געשיכטע. אין אַ פּאָר ערנסטע מאָנאָגראַפיעס, איינצלנע אַרטיקלען און געלעגנטלאַכע באַמערקונגען מיט ער זיך צו באַווייזן, אַז אונזער מאָדערנער אידישער שאַפן איז ניט קיין מאָמענטאַנער קאַפּריז פון דער געשיכטע, אויך ניט קיין „קקיון דיונה” אויף צו לינדערן אַ פאַריבערגייענדיגע נויט. אונזער גאַנצע מאָדערנע קולטור־אַנטוויקלונג אין דער אידישער שפּראַך איז אַ פּראָדוקט פון גרויסע לעבענס־נויטן, פון דורות־אַלטע שטרעבונגען, פון אַ טיפער איינגעוואָרצלטקייט אין דעם לעבן פון אונזער פאָלק.

און דעמזעלבינן גרונט־שטריך פון זיין שאַפן געפינען מיר אויך אין ניגער'ן, דעם פּאָליטיקער און פּובליציסט. ער איז פּאָליטיש, אזוי צו זאָגן, אריינגעבוירן געוואָרן אין דער פּאַרטיי סאָציאַליסטישע טעריטאָריאַליסטן, וואו ער האָט איינגעזאַפּט אין זיך אויף אייביג די בעסטע אידעאַלן פון דער אַלגעמיין־מענטשלאַכער גערעכטיגקייט און דער אידישער אויפלעבונג. אָבער די פּסיכישע גרונט־שטעלונג פון אָט דער פּאַרטיי

צו די פראָבלעמען פון דעם אידישן לעבן איז געװען *פונקט* *דער היפוך* פון דעם װאָס איז אַזוי טײַער ניגער'ס נשמה, — פונקט דער היפוך פון אײַנגעװאָרצלטקײט, נאַטירלאַכער אַנטװיקלונג און זעלבסט־אײַנצאַמונג. אירע פאָדערונגען האָבן פיל מער פאַרלאַנגט די *אױסװאָרצלונג* פון די אידן אין גלות, זײער מאָמענטאַנעם איבערפלי אין אַ אידיש לאַנד, אין אַן אומבאַשטימטן אָרט אױף אַן אומבאַשטימטן װעג. ניגער האָט דעריבער ניט לאַנג געקאָנט אַרומפליען מיט זײַן פאַרטײ איבער דעם גרענצלאָזן מרחב פון אַלערלײ בלױע חלומות. זײַן גאַנצע נאַטור האָט אים געצױגן צו דעם אַזױ־אָנגערופענעם „גלות־נאַציאָנאַליזם" און „אידישיזם", מיט זײער טרײקײט צו די װאָרצלען, װאָס מיר האָבן געשלאָגן אין די פאַרשײדנסטע לענדער, מיט זײער אײַנצאַמען זיך אין די גרעניצן פון אַ מעגלאַכער נאַטירלאַכער אַנטװיקלונג. און ער האָט שאַרף איבערגעריסן מיט דער פאַרטײ פון זײַן פריער יוגנט, איז קאָנסעקװענט צוגעשטאַנען צו דעם „אידישיסטישן גלות־נאַציאָנאַליזם" און איז געװאָרן אײנער פון זײַנע װיכטיגסטע פאָנענטרעגער. דערבײ לײגט ער ניט באַזונדערס פיל װאָג אױף די פראָגראַמען און שאַרפע פאָרמולירונגען פון אָט דער נײער ריכטונג. ניט די שײנע לאָגישע פאַרמעל איז פאַר אים דער עיקר; ניט די פאַרשײדנאַרטיגע מעגלאַכקײטן אין דער װײַטער צוקונפט דאַרפן שטײן אױף דעם *ערשטן* פלאַן. אױף דעם ערשטן פלאַן און דער עיקר דאַרף מען האָבן אין אױג די טרײקײט צו זיך אַלײן, די נאַטירלאַכע אַנטװיקלונג, דאָס פרײַע װאַקסן, דעם קאַמף אַנטקעגן די פרעמדע אײַנװירקונגען, װאָס פאַר'סם'ען די סאַמע װאָרצלען פון אונזער מאָדערנעם, װעלטלאַך־אידישן לעבן.

ס'איז ניט דאָ דער אָרט אָפּצושטעלן זיך לענגער אױף דער כאַראַקטעריסטיק פון ניגער'ן און אױף דעם אָפּשאַץ פון זײַנע אײַנצעלנע װערק. דאָס אױבן־געזאָגטע איז אױך ניט מער װי אַ שװאַכער פרואװ אָנצומערקן אײנעם פון די גרונד־שטריכן, װאָס טרעטן מער אָדער װײניג בולט אַרױס אױף אַלע פעלדער פון ניגער'ס פרוכפּערן שאַפן.

מיר װעלן באַלד האָבן זײַנע געזאַמלטע שריפטן. מיר װעלן

זיי לייענען און אריינטראכטן זיך אין זיי, און מיר וועלן קאָנען בעסער אָפּשאַצן זיין ארבעט פאר אונזער ליטעראַטור.

מיר וועלן זען פאר אונז דעם סטיליסט און שפּראַך־באַרייכערער; דעם ליטעראַטור־און געשיכטס־פאָרשער; דעם ליטעראַר־קריטיקער; דעם פּאָליטיקער און פּובליציסט, מיט זיין וואָגיגן וואָרט, צו וועלכן עס הערן זיך תמיד צו סאי פריינט, סאי פיינט. מיר וועלן אויך געווינען אַ באַגריף וועגן זיין פּרוכפּערער ארבעט, ווי אַ פּעדאַגאָג, אַ לערער, און אַן אומער־מידלאכער קולטור־טוער און קולטור־בויער. און הינטער אָט די אַלע איינצלנע און פאַרשיידענע טעטיגקייטן און אויפטואונגען וועלן מיר אויך ניט פארזען ניגער'ן דעם מענטשן, דעם עניות'דיגן, צופיל עניות'דיגן בנוגע צו זיינע אייגענע כוחות, דערפאַר אָבער דעם מוטיגן, שטאָלצן און איבערגעגעבענעם קעמפער פאר די אמת'ן, אין וועלכע ער גלויבט.

מיר זאָלן אָבער אויך פארשטיין ניגער'ס אייגענעם וועג אין אַלץ, וואָס ער טוט און שאפט, זיין באַשטימטן לעבנס־באַנעם. עס זאָל ניט פאַרזען ווערן ניגער, דער אַפּאָסטעל, — דער אַפּאָסטעל פון אמת'דיגקייט און נאטירלאכקייט, פון טרייקייט צו זיך אַליין, פון איינגעוואָרצלטקייט, און פון שטרענגער זעלבסט־איינצאַמונג אין דעם שווערן דינסט און הארטן קאַמף פאר די פּראָגרעסיווסטע אַלגעמיין־מענטשלאכע אידעאַלן און פאר דעם נאַציאָנאַלן אויפלעב פון אונזער אייגענעם פאָלק.

אין נאָמען פון דעם אידישן קולטור־פאַרלאַג,

פאָרזיצער דר. ה. זשיטלאָווסקי.

ניו יאָרק, נאָוועמבער, 1928.

פאַרבאַמערקונגען פון דעם פאַרפאַסער.

א. אָט דאָס בוך, ווי דער לעזער קאָן לייכט באַמערקן, איז ניט געשריבן געוואָרן לויט א פאַראויס באַשטימטן פּלאַן. עס באַשטייט פון קאַפּיטלען, וועלכע האָבן א שייכות איינס צו דאָס אַנדערע (זיי אַלע גרופּירן זיך ארום דער דרייפאַכער פּראָבלעם: ל י י ע נ ע ן, ש ר י י ב ן, ק ר י ט י ק י ר ן), אָבער זיי זיינען ניט פאַרפאַסט געוואָרן לכתחילה ווי טיילן פון איין גאַנצער זאַך. דערפון נעמט זיך, וואָס זיי זיינען פאַרבונדן צווישן זיך מער איגערלאַך (לויט געוויסע אידייען און מאָטיוון), ווי אויסערלאַך.

ב. אַ היבש ביסל קאַפּיטלען האָבן צו טאָן מיט פראַגן, וואָס אין די לעצטע יאָרן זיינען זיי געוועזן גאָר באַזונדערס אַקטועל — מיט אַזוינע פראַגן ווי „אַלט און ניי אין קונסט“, „פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור“, „דער שרייבער און דער לעזער“, „רעוואָלוציע“. וועגן אַזעלכע ענינים איז אין דער אַטמאָספערע פון דער איצטיגער צייט געוועזן אוממעגלאַך צו שרייבן רואיג אָדער, ווי מען רופט עס, „אַקאַדעמיש“. זיינען א סך זייטלאַך אין דעם דאָזיגן בוך געשריבן אין אַן אויפגערעגטפּאָלעמישן טאָן. אייניגע שטעלן האָב איך מיט א כוון נישט „ווייכער“ געמאַכט, נישט געענדערט, סיידן נאָר אין קליינע פּרטים, מחמת מיר דוכט, אַז אַזעלכע ליטעראַרישע דיסקוסיעס זיינען אין אַ געוויסן זינען דאָקומענטן, וואָס ווען עס איז וועלן זיי עדות זאָגן אויף די שטימונגען און שטרייטיגקייטן פון דער איצטיגער עפּאָכע.

ג. מחמת דעם אייגענעם טעם האָב איך כמעט גאָרנישט ניט געענדערט אין דעם תוך און טאָן פון די אַרטיקלען, וואָס זיינען אריין אין דער אָפּטיילונג „צייטגייסט“, אָדער אין אַזאַ קאַפּיטל, ווי „וועלטציטערניש“. דאָרט זיינען דאָ אויסדרוקן, שורה'ס און אפשר אויך גאַנצע פּאַראַגראַפן, וועלכע קלינגען מיר אַליין איצט פרעמדלאַך. איך וואָלט זיי איצטער אָדער גאָר ניט געשריבן, אָדער — אויף אַן אַנדער אופן. אָבער אַזוי־ווי מיר איז נאָענט דער גרונט־געדאַנק פון די דאָזיגע ארבעטן, האָב איך דעם קערן נישט געוואָלט אויסשיילן פון יענע בלעטער און בלומען, אין וועלכע ער איז אויף אַ נאַטירלאַכן אופן געבוירן געוואָרן...
פאָרם און אינהאַלט זיינען אין דער אַבסטראַקט־געדאַנקלאַכער וועלט

פונקט אזוי צונויפגעוואקסן אינאײנעם, ווי אין דער וועלט פון בילדער און געשטאַלטען.

ד. כמעט אַלע אַרטיקלען, וואָס זיינען פאַרריכט און סיסטעמאַטיזירט געוואָרן פאַר דער דאָזיגער אויסגאַבע, זיינען פריער אין פאַרשיידענע צייטן געדרוקט געוואָרן אין דער פעריאָדישער פרעסע, אָפט אין טעגלאכע צייטונגען (דערהויפט אין „טאָג”). דערמיט דערקלערט זיך, וואָס דער אופן שרייבן איז דאָ ניט אומעטום דערזעלביגער. איינינע אַרטיקלען זיינען געשריבן אין א פּאָפּולערן, שיר ניט פּאָפּולאַריזאַטאָרישן טאָן.

ה. איך דאַנק פון גאַנצן האַרצן די פריינט און חברים פון „אידישן קולטור־פאַרלאַג”. זיי האָבן מיך אויפגעמונטערט אויפצוזאַמלען א טייל פון מיינע שריפטן און געהאָלפן זיי אַרויסגעבן.

1. לייענען

.1 לייענען.

א. וואָס הייסט לייענען?

מען נעמט אַ בוך, אַ זשורנאַל, אַ צייטונג — און מען לייענט. וואָס איז דאָ פֿאַראַן וואָס צו חקירה'ן זיך?

אפילו דער אינטעליגענטערער לעזער באַנוגנט זיך אָפּט דערמיט, וואָס ער לייענט; דער זין, דער תכלית, דער אופן פֿון לייענען — דאָס גייט אים נישט אָן. זיין פֿראַגע איז: „וואָס זאָל מען לייענען?" נישט „ווי?" און נישט „צוליב וואָס?" ער איז נייגעריגער צו וויסן דעם סוד פֿון שרייבן, איידער די פּסיכאָלאָגיע פֿון לעזער, כאָטש (אָדער ווייל) דאָס איז זיין אייגענע פּסיכאָלאָגיע. ער פֿאַרגעסט, אַז ער האָט נישט קיין אַנדער וועג צו דער וועלט פֿון שאַפֿן, קיין אַנדער שליסל צו דעם דיכטער'ס רעטעניש, אַחוץ דעם, וואָס ליגט באַהאַלטן אין זיין אייגענעם לייענען.

אַ פּאָעט קאָן וויסן, וואָס איז עס אַזוינס פּאָעזיע, פֿון זיין אינעווייניגסטער דערפֿאַרונג; אויב ער קאָן דאָס נישט אַלעמאָל פֿאַרשטיין, קאָן ער דאָס פֿילן. אָבער וואָס ווייס דער לעזער פֿון אַ ליד, איידער ער לייענט דאָס איבער? און וואָס איז נאָכדעם ווי ער האָט עס שוין איבערגעלייענט? קען ער דאָס ליד? ער קען נאָר דעם **איינדרוק** פֿון זיין לייענען. דעם דיכטער'ס שאַפֿן עקזיסטירט פֿאַר אים נאָר דורך זיין, דעם לעזער'ס, געניסן. ווייל ער האָבן אַ שייכות צום ענין שאַפֿן, מוז ער זיך פֿאַר־טיפֿן אין דעם סוד פֿון אויפֿנעמען דאָס געשאַפֿענע, אין דעם סוד פֿון לייענען. ווייל ער, קורץ, דערגיין, וואָס איז פֿאַר אים דער שרייבער,

מוז ער וויסן, וואָס ער, דער לעזער, זוכט — און געפינט — ביים שרייבער. ער מוז אָנהויבן פון זיך אַליין.

ער וואָלט עס סיי־ווי געמוזט טאָן, אויך ווען ער זאָל האָבן אַנאַנדער מיטל ווי צו פאַרשטיין דעם שרייבער: מען מוז דאָך קענען זיך אַליין, נישט נאָר אַנדערע. באַזונדערס אָבער מוז ער עס טאָן, ווען ער האָט באמת ניט קיין אַנדער וועג צו פאַרשטיין די, וואָס שאַפן, סיידן נאָר צו פאַרטיפן זיך אין די, וועלכע געניסן, ד. ה., אין זיך אַליין.

און די ערשטע פראַגע, וואָס ער מוז זיך אַליין שטעלן, איז: צוליב וואָס לייענט ער?

ווען עס זאָל אים קלאָר ווערן, צוליב וואָס ער לייענט, וועט אים ניט שווער זיין צו ענטפערן אויף די פראגן: וואָס צו לייענען? און ווי צו לייענען? אָן דעם מאָטיוו, וואָס באַוועגט אונז צו נעמען אַ בוך אין האַנט, ווענדט זיך דאָס „וואָס" און דאָס „ווי", דער אינהאַלט און דער אופן פון אונזער לייענען.

נון, צוליב וואָס פאַר אַ מאָטיוון לייענען מיר די אָדער יענע ביכער?

אויף דער פראַגע וועלן מיר ניט קאָנען ענטפערן, וואו מיר וועלן ניט וויסן, וואָס מיינען מיר מיט דעם וואָרט „לייענען" און ווער זיינען עס אָט די „מיר"? ניט אַלע זיינען גלייך אין דעם ענין פון לייענען, אַזוי ווי ניט אַלע שרייבן גלייך. דאָס, וואָס איינער רופט אָן „לייענען", קאָן פאַר אַן אַנדערן זיין נאָר אַ בלעטערן — און פאַרקערט.

אין אונזער שפּראַך איז דאָס וואָרט „לייענען" — אין דעם זינען, אין וועלכן דאָס ווערט איצטער געברויכט — אַ ניי וואָרט בערך. אַמאָל, אַז מען האָט געזאָגט „לייענען", האָט מען געמיינט לייענען די תורה אין שול בעת'ן דאַווענען. אַזוי אַ ספר האָט מען ניט געלייענט, נאָר געלערנט. אַ חוץ „לערנען" זיינען געווען נאָך אַנדערע אויסדריקן, וואָס האָבן פאַרביטן דעם וואָרט „לייענען". — „נעמען אַ ספר אין האַנט", „אַריינקוקן (אָדער מעיין זיין) אין אַ ספר".

לייענען איז חל געווען נאָר אויף לייכטערע

און וויינציגער חשוב׳ע וויבערשע ספרים אָדער אויף א מעשה־ביכל: די מאַמע האָט געלייענט דעם צאינה וראינה; די שוועסטער האָט געלייענט „טויזנט און איין נאַכט“, די „בבא־מעשה“ אָדער אַנאַנדער מעשה־ביכל, אָבער — דער טאַטע האָט געלערנט אַ בלאַט גמרא.

די מאָטיוון פון לערנען זיינען ניט געווען די־זעלביגע ווי פון לייענען. לערנען האָט מען געלערנט פון מצוה־וועגן. די, וואָס האָבן געלערנט אַ סך און געהאַט אַ גוטן זכרון, אַ שאַרפן מח, זיינען געוואָרן לומדים, רבנים, מופלגים, גדולים, גאונים; אָבער ניט די לומדות, ניט די רבנות, ניט די גאונות איז געווען דער ציל; דער ציל איז געווען דאָס לערנען. דאָס איז געווען אַ ציל פאַר זיך אַליין. דאָס איז געווען אַ מין גאָטעסדינסט. מען פלעגט, אמת,ריידן וועגן תורה און עבודה, ווי וועגן צוויי גאָר באַזונדערע זאַכן; אין תוך אָבער איז תורה גופא געווען אַ שטיק עבודה.

איז ניט שייך געווען צו גריבלען זיך אין דער פראַגע: וואָס און ווי זאָל מען לערנען. פון איין זייט, האָט מען מקיים געווען אַ מצוה, ווען מען האָט געלערנט, אַליץ איינס — ווי און וואָס; פון דער אַנדערער זייט, איז געווען קלאָר, אַז יעדער דאַרף לערנען דאָס, צו וואָס ער איז מסוגל, וואָס ער קאָן משיג זיין: איז ער געווען אַ פּראָסטער איד, האָט ער געלערנט „עין יעקב“, ניט אזא פּראָסטער — משניות, אַ למדן — ש״ס און פוסקים.

אויף אַ געוויסן סאָרט לערנען האָט מען אין דער אָדער יענער צייט געקאָנט קוקן קרום: אַמאָל האָט מען ניט געוואָלט ליידן, ווען איינער טוט זיך אַריין צופיל אין נסתר, אין קבלה, אַמאָל איז פּלפּול געווען ניט געוואונשן, אַמאָל — חקירה־ספרים, פילאָזאָפיע. אָבער די אַלע באַגרעניצונגען האָבן זיך גענומען פון געוויסע אַלגעמיינע, רעליגיעזע אָדער עטישע כללים. זיי האָבן ניט געהאַט צו טאָן מיט דעם יחיד און זיין פרייען אויסקלייב. עס זיינען געווען אָנגענומענע ספרים — און פונקט אַזוי איז געווען אויך אַן אָנגענומענער סאָרט לערנען.

אַנדערש איז מיט׳ן לייענען. לייענען האָט מען שוין גאָר אַמאָל געלייענט ניט פון מצוה וועגן, נאָר פון דעם

איינגעם נוצן אָדער פאַרגעניגן וועגן. אפילו די וואוילקענעוודיגע אידענע, וואָס האָט געלייענט דעם טייטש־חומש אָדער דעם שבט־מוסר, האָט עס געטאָן מיט׳ן פרייען ווילן. זי איז עס נישט געווען מחויב צו טאָן. ווער רעדט די מעשה־ביכלאך — איז אודאי נישט געווען קיין מוז זיך צו קאָכען אין זיי. עס איז גאָר, פאַרקערט, געווען א זינד צו לייענען די „וועלט־ביכער״, אָט די אַלע „נאַרישע מעשיות״. און אויב מען האָט זיי דאָך געלייענט, איז עס געווען דערפאַר, ווייל מען האָט חשק געהאַט זיי צו לייענען. און שפּעטער, אַז עס איז געקומען די צייט פון השכלה, פון וועלטליכקייט, און מען האָט זיך שוין מער גאָרניט גערעכנט מיט די אָנגענומענע רעליגיעזע אויטאָריטעטן, איז דאָס לייענען אינגאַנצן געוואָרן (און אויב עס איז ניט געוואָרן, האָט עס געקאָנט ווערן) א זאַך פון יעדן איינציגנס גוסט, פון יעדן איינציגנס פרייען אויסוואַל.

עס האָט זיך אָבער געמערקט און עס מערקט זיך ביז איצט, אַז עס איז דאָ א גוסט און אַן אויסקלייב ניט אַזוי פון איינציגע פערזאָנען, ווי פון גאַנצע גרופּעס.

פון די צוויי פאַרשפּרייטסטע טיפּן לעזער־גרופּעס לייענט איינער דערהויפּט פון פ א ר ג ע נ י ג ן וועגן, דער אַנדער — דערהויפּט פון נ ו צ ן וועגן.

עס פאַרשטייט זיך, אַז די צעטיילונג דאַרף ניט גענומען ווערן פּעדאַנטיש: ווען א בוך (אָדער אַן אַרטיקל) ברענגט נוצן דעם לעזער, איז אין דעם דאָ אויך א שטיקל פאַרגעניגן, און ווידער איז אין יעדן אמת׳ן פאַרגעניגן, וואָס מען האָט פון לייענען, פאַראַן א געוויסער סאָרט נוצן. פונדעסטוועגן קאָן מען ריידן וועגן אַזא לייענען, וואו דער עיקר איז דאָס אויסלערנען זיך אָדער דאָס אָפּלערנען זיך עפּעס, און אַזא לייענען, וואו די הויפּט־זאַך איז די הנאה, — ווי וועגן צוויי גאָר באַזונדערע סאָרטן לייענען.

מיר וועלן זיך אָפּשטעלן אויף דעם צווייטן מין לעזער — אויף דעם, וואָס לייענט נאָר פון הנאה וועגן, און זעען צי קאָן מען עס שטענדיג אָנרופן ל י י ע נ ע ן.

אין פלוג קאָן זיך אויסדוכטן, אַז וויבאַלד עס זיינען דאָ

ביכער, וואָס זייער עובדה איז צו פאַרשאַפן אונז פאַרגעניגן, איז יעדער איינער, וואָס לייענט אַזאַ בוך און האָט הנאה פון דעם, ווערט צו טראָגן דעם נאָמען לעזער, אַלץ איינס פון וואָס די הנאה זיינע נעמט זיך און אין וואָס זי באַשטייט. אין דער אמת'ן איז עס נישט אַזוי. עס זיינען דאָ מענטשן, זייער אַ סך מענטשן, וואָס זוכן און געפינען אַ באַפרידיגונג אין ביכער און פונדעסטוועגן איז זייער לייענען נישט קיין לייענען.

פאַרוואָס איז עס אַזוי? ווייל זייער הנאה איז אַ צו שוואַכע, אַ צו אָרימע, אַ צו אויבענאויפיגע? ניין, דאָס וואָלט זיי געמאַכט נאָר פאַר לעזער פון אַ נידעריגערער מדרגה, ניט פאַר אויס לעזער. מען קאָן דאָך נישט פאַרלאַנגען פון מענטשן מיט פאַרשיידענע כאַראַקטערען, מיט אַ פאַרשיידענעם סאָרט דענקען און פילן אָדער מיט אַ פאַרשיידענעם גראַד בילדונג, לעבנסקענטעניש און דער־פאַרונג, אַז זיי זאָלן, לייענענדיג איין ראָמאַן אָדער איין פּאָעמע אָדער איין עסעי, האָבן אַ גלייך שטאַרקע גייסטיגע פרייד. יעדערער לייענט אויס פון אַ ווערק אַזוי פיל, וויפיל ער איז פייאיג אין דעם אריינצולייענען. נאָר אין מאַטעריעלן לעבן איז „אַ נעמער ניט קיין געבער". גייסטיג קאָן מען אנדערש ניט נ ע־ מ ע ן, סיידן מען ג י ט. מ'מוז ווערן אַ שותף למעשה בראשית, אויב מען וויל פאַרנעמען גאָט'ס אָדער אַ מענטשנ'ס שאַפונג. מען מוז אריינלייגן אַ חלק אין דעם שותפות. ווענדט זיך ממילא אַלץ אָן דעם, וואָס פאַר אַ חלק מען לייגט אריין, ד. ה., מיט וואָס מען קומט צום ווערק. האָט איינער אַ פאַרשלאָפענעם מוח, טעמפּע חושים, אַן אָרימע פאַנטאַזיע, איז אוממעגלאַך, אַז אַ פּאָעמע אָדער אַ נאָוועלע זאָל אים פאַרשאַפן אַזאַ פרייד, ווי די, וועלכע עס וועט האָבן פון איר אַ מענטש מיט אַ וואַכן געדאַנק, מיט פיינע געפילן און אַ לעבעדיגן כח־הדמיון.

אַלזוי, נישט וועגן אַן אָרימערן און אַ בלאַסערן לייענען רעדט זיך דאָ, נאָר וועגן אַזאַ לייענען, וואָס איז גאָר ניט קיין לייענען. עס קען אַזאַ פּאַל אויך זיין. און ער איז אַ סך מער פאַרשפּרייט, ווי מען שטעלט זיך עס פאָר. ער איז דאָ דאַן, ווען מען זוכט אין ביכער אַזעלכע סאָרטן פאַרגעניגענס, וועלכע מען קאָן האָבן אויך נישט־לייענענדיג קיין ביכער. ווען מען נעמט זיך, צום ביישפּיל,

פאַר אַ בוך נאָר כדי צו פאַריאָגן דעם אומעט אָדער אָפּצושטופּן אַן אָוונט און מען איז גרייט צו פאַרמאַכן דעם ביכל און פאַרגעסן אָן אים ווי נאָר עס וועט זיך געפינען אַנאַנדער מיטל צו פאַרטרייבן די צייט, — איז עס נישט קיין לייענען. אין ליטעראַטור, אין קונסט, איז פאַראַן עפּעס אַזוינס, וואָס מען קאָן עס געפינען נאָר אין ליטעראַטור, נאָר אין קונסט. אין וואָס אָט דאָס עפּעס באַשטייט, וועלן מיר זעען שפּעטער. דערווייל וויל איך זאָגן, אַז ווען איינעם איז אומעטיג מיט זיך אַליין און אים איז אַלצאיינס ווי פּטור צו ווערן פון דעם אומעט, ד. ה., פון זיך אַליין, צי דורך עפּעס אַן „אינטערעסאַנטן" ראָמאַן, צי דורך קריגן אַ „האַנט" אויף צו שפּילן אין קאָרטן, צי דורך זיצן און דרעמלען אין די „מואווים", צי דורך עפּעס אַנאַנדער פאַרווײַלונג, איז עס אַ סימן, אַז ער האָט צו ליטעראַטור גאָר קיין שייכות ניט און זיין לייענען איז אַ טויטע זאַך. און אין דער אמת'ן ווייסן מיר טאַקע, אַז ניט איינער פון אָט די טויטע לעזער האָט גאָר אינגאַנצן אויפגעהערט צו לייענען, זינט עס זיינען פאַרשפּרייט געוואָרן אַזעלכע מיטלען צו פאַרברענגען די צייט, ווי אויטאָמאָביל־רייזן, ראַדיאָ א. ד. ג.

און ווען מען דערמאָנט זיך, אַז דאָס רוב ראָמאַנען אין אַלע שפּראַכן פון דער וועלט ווערן געלייענט (און געשריבן) פון (און צוליב) אָט דעם סאָרט לעזער, ווילט זיך, אַז עס זאָלן זיך אומקערן צוריק יענע צייטן, ווען מען האָט ווייניגער געשריבן און ווייניגער געלייענט, אָדער אַז עס זאָל שוין ענדליך אָנקומען די געבענטשטע תקופה, ווען דער קינאָ־טעאַטער, דער וואָדעוויל, די ראַדיאָ און אַלע אַנדערע „אויפטוען פון דער ציוויליזאַציע" וועלן שוין אינגאַנצן מאַכן איבעריג און אַוועק'הרג'ענען אָט דעם סאָרט ליטעראַרישע פּראָדוקציע. דער אמת'ער ליטעראַטור וועט דערפון קיין שאָדן ניט אַרויסקומען. אַזוי ווי דער קינאָמאַטאָגראַף קאָן נאָר שעדיגן די „ביזנעס" פון'ם „לעבעדיגן טעאַטער" אָבער ניט פאַרבייטן זיין קונסט, אַזוי ווי דער ראַדיאָ־ראָמאַן קאָן נישט זיין קיין במקום אמת'ער ראָמאַן, אַזוי קאָנען די אַלערליי סאָרטן פאַרווײַלונגען נישט איבעריג מאַכן דעם באַזונדערן פאַרגעניגן, וואָס עס איז דאָ אין ליטעראַטור פאַר יענע, וועלכע האָבן אַ גוסט

צו איר און פילן אין איר א טעם... דער, וואָס לייענט ביכער נאָר כּל זמן ער האָט ניט קיין אַנדער פאַרווײַלונג, איז ניט קיין אמת'ער לעזער.

געאָרג בראַנדעס איז מקיל אין דעם פּרט. „אפילו דאַן, שרייבט ער, ווען דאָס לייענען ברייננט אונז נאָר אומשולדיגע אונטערהאַלטונג, האָט דאָס אַ ווערט אין דער לאַנגווייליגקייט און איינפאָרמיגער מאַטעריעלער פּון טאָג־טעגליכן לעבן. דאָס לייענען נאָר פון פאַרגעניגן ווענן דאַרף בשום אופן נישט פאַראַכט ווערן — אויב נאָר דאָס פאַרשאַפט אונז פאַרגעניגן". און אויב — וואָלט איך פונדעסטוועגן צוגעגעבן — דאָס איז יענער סאָרט פאַרגעניגן, וועלכן מען קאָן האָבן נאָר פון לייענען...

דאָס רוב פרויען און מענער (פרויען קומט זיכער דער אויבנ־אָן אין דעם פאַל) לייענען ניט „פון נוצן וועגן", לייענען ניט דער־פאַר, ווייל זיי האָפן צו ווערן בעסער, קליגער, געבילדעטער פון די מעשה־ביכלאַך. ניין, דאָס לייענען איז ביי זיי אַ פאַרוויי־לונג. און דער ווערט דערפון ווענדט זיך, ווי געזאָגט, אָן דעם, וואָס פאַר אַ מין פאַרווײַלונג דאָס איז. אויב אַזאַ, וואָס זיי קאָנען געפינען אויך ערגעץ אַנדערשוואו, איז אפשר טאַקע גלייַ־כער, אַז זיי זאָלן עס זוכן ד אָ ר ט ן , ניט אין דער וועלט פון ליטעראַטור. אויב, אַ שטייגער, זיי פאַרכאַפּט אין אַ ראָמאַן נאָר די מעשה, וואָס ווערט דאָרטן דערציילט, און עס מאַכט זיי ניט אויס ווי זי ווערט דערציילט, און עס גייט זיי ניט אָן, צי דער דערציילער האָט אַ שאַפנדיגן אָדער נאָר אַ פּלאָנטערדיגן כח פון פאַנטאַזיע, און עס אינטערעסירט זיי ניט דעם שרייבער'ס פע־היגקייט אָדער אומפעהיגקייט צו געפינען פאַר אַלץ פּאַסיגע און פרישע, לעבעדיגע, ניט קיין אָפּגעניצטע ווערטער, דעם שרייבער'ס פעהיגקייט אָדער אומפעהיגקייט צו שאַפן כאַראַקטערן, צו לאָזן פאַר אונז אויפלייכטן טונקלקייטן, צו לאָזן פאַר אונז אויפבליצן טיפענישן פון דער נשמה, צו אַנטפּלעקן פאַר אונז נייע איבערלעבונגען, אומגעריכטע ניואַנסן פון געפיל, אומבאַ־קאַנטע לעבנס־ריטמען און פאַרהוילענע טרוים־וועלטן, — אויב זיי זיינען גלייכגילטיג צו די דערמאָנטע און פאַרשיידענע אַנדערע ניט - דערמאָנטע אויפגאַבן און אויפטוען פון שרייַ־

בער, און דאָס איינציגע וואָס זיי ווילן איז נאָר הנאה האָבן פון עפּעס אַ טשיקאַווער געשיכטע, דאַן דאַרפן זיי ניט לייענען דווקא טאָלסטאָי אָדער פלאָבער. די צייטונגס־כראָניק, דער קינאָמעטאָ־גראַף, די שכנה, דער שכן קאָן זיי דערציילן מעשיות, וואָס וועלן פאַר זיי זיין אפשר נאָך אינטערעסאַנטער, טשיקאַווער. און ווי־באַלד אַז זיי קאָנען האָבן פון אַ צייטונגס־באַריכט, פון „מואַוויס" אָדער גאָר רכילות דעמזעלביגן פאַרגעניגען, וואָס זיי געפינען אין אַ מעשה־ביכל, איז זייער לייענען אַזוי אָרים, אַז מען קאָן עס גאָר ניט רעכענען פאַר אַ לייענען.

אמת, עס קאָן טרעפן — און עס האָט ניט איינמאָל גע־טראָפן — אַז פון פּוסטן לייענען זאָל מען קומען צו אַן אמת'ן אינטערעס פאַר ביכער. אין אָנהויב זוכט מען ביים שרייבער טאַקע נאָר אַן „אינטערעסאַנטע" געשיכטע, אַ מעשה מיט אַ „דעטעקטיוו", אַ פּלאָנטער מיט אַן אָרימער שניידערקע, וואָס האָט חתונה געהאַט פאַר אַ גראַף; דערוויילע אָבער קריגט מען די גע־וואוינהייט צו „האַלטן אַ ביכל אין האַנט", מתוך שלא לשמה בא לשמה, און ביסלאַכוויז לערנט מען זיך אויס צו געפינען אין ביכער נאָך עפּעס, אחוץ ליבעס־באַשרייבונגען און אַנדערע „שיינע געשיכטן". אַמאָל קאָן, אגב, אַ גאַנץ ביליג מעשה־ביכל אויפוועקן אַ מענטשן און אַרויפירן אים שיר ניט אויף אַ נייעם וועג. אין די צייטן פון השכלה, צום ביישפּיל, האָבן אפילו אַזעלכע נאַ־רישע ביכלאַך ווי שמ"ר'ס אָדער בלאָשטיינ'ס „העכסטע־אינטערע־סאַנטע ראָמאַנען" געשפּילט אָפּט אַ געוויסע ראָלע אין דער גייסטיגער אויפוואַכונג פון דער יוגנט. אַ קליינשטעטלדיג אידיש בחור'ל, וואָס האָט געמיינט, אַז הינטער זיין כתרילעווקע לאָזט זיך דער הימל אַראָפּ אויף דער ערד און עס הייבן זיך אָן די הרי חושך, האָט פון שמ"ר'ס אַ ביכל זיך דערוואוסט, אַז עס איז דאָ אַזאַ זאַך אויף דער וועלט ווי פּאַריז, לאָנדאָן, ליבע, לאָרדן — און „די אויגן האָבן זיך אים געעפנט". דאָס איז געווען פאַר אים דער ערשטער שריט אויפ'ן וועג צו אַ נייעם, ברייטערן, לעבנס־באַנעם. אָבער אויב דאָס איז געווען פאַר אים באמת אַזאַ שריט, איז ער ביי די שמ"ר'ס ניט געבליבן. די מעשה־ביכלאַך האָבן געהאַט פאַר אים נאָר די באַדייטונג, וואָס זיי האָבן

געעפנט פאר אים א טירעלע צו א וועלט, וועלכע האט אים דערוויייטערט פון אזעלכע ביכלאך. דאס איז געווען א שטאפל, וואס ער האט געדארפט אויף אים ארויפגיין נאר כדי אויפצו־הייבן זיך אויף אן אנדער שטאפל, א העכערן.

דאס אייגענע קאן מען זאגן וועגן די, וואס לייענען נאר פון דעם ספור המעשה וועגן. אויב ביסלאכווייז לערנען זיי זיך אויס צו פילן דעם אינעווייניגסטן זין און די קינסטלערישע שיינ־קייט, ניט נאר דעם אויבנאויפיגן פלאנטער פון דער געשיכטע, ווערן זיי אמת'ע לעזער. אויב אבער זיי בלייבן — און מיר ריידן וועגן די וואס בלייבן — ביים אויבנאויף פון דער געשיכטע און ביי דער פוסטער נייגעריגקייט צו וויסן וואס דער סוף איז געווען, איז זייער לייענען ווינציג וואס ווערט.

עס איז ווינציג וואס ווערט, ווייל אט דער סארט לייענער, ווי עס איז פריער געזאגט געווארן, קריגט ניט פון ביכער יענעם באזונדערן פארגעניגן, וואס א בוך און נאר א בוך (ניט קיין צייטונגס־געשיכטע, ניט קיין „מאווים" און ניט קיין אנדער סארט פארווייל‌ונג) קאן עס געבן, און ער ווארפט אוועק דאס לייענען ווי נאר ער קאן זיך אמוזירן אויף אן אנדער אופן, א „מער לעבעדיגן". ווארים ער האט זיך לכתחילה גענומען פאר'ן בוך ניט פון בוך וועגן, נאר ווייל ער האט ניט געהאט וואס צו טאן...

קעגן קליינע קינדער, וועלכע כאפן זיך פאר א ביכל, ווען זיי האבן ניט אין וואס אדער מיט וועמען צו שפילן, האבן מיר ניט קיין טענות. פאר זיי איז דאס לייענען א שפיל. אלץ איז פאר זיי א שפיל. זיי פארשעמען ניט דעם שרייבער, ווען זיי פארברענגען מיט די מענטשעלאך און אמוזירן זיך מיט די מעשה־לאך, וואס ער האט אויסגעטראכט. ער שעצט זיך גליקלאך, ווען ער פארשאפט זיי פרייד און מאכט זייערע אויגן בלישטשן פון טרערן. עס איז אים גוט אין זייער ריינער, קליינער וועלט. אבער א דערוואקסענער, דוכט זיך מיר, באליידיגט דעם שריפט־שטעלער, ווען ער קומט צו אים דערפאר, ווייל עס איז ניטא היינט קיין „מאווים" אדער ווייל עס גיסט א רעגן און מען קאן ניט גיין צו געסט. דער שרייבער האט די רייכסטע, די פול־

סטע, די הייליגסטע שעה'ען פון זיין לעבן אנגעצונדן און פאַר־ברענט, ווי אַ קרבן, אין זיין בוך, — און ד ע ר קומט צו אים מיט זיין פוסטקייט, מיט זיין לאַנגווייל, מיט זיין וואָכעדיגן אומעט!

פאַרצייטן האָבן מענטשן געהאַט מער יראת־הכבוד פאַר'ן ספר. זיי האָבן זיך געפילט ווי אין דער געזעלשאַפט פון אַ גרויסן מענטשן אָדער אַ הייליגן גייסט, ווען אַ ספר איז געלעגן פאַר זיי. אמת, עס זיינען געווען אַמאָל ווינציגער ביכער ווי איצט, און דאָס רוב זיינען די ספרים ניט פּראָדוצירט געוואָרן אויף אַזא מעכאַנישן אופן ווי היינט. זיי זיינען געווען אָדער די אָנגע־זאַמלטע חכמה פון דורות, די ירושה פון טויזנטער יאָרן מענטש־לאַכע דערפאַרונג, אָדער די וואונדערלאַכע אויסשטראַלונגען פון אינדיווידועלער געניאַליטעט. די מאַסנפּראָדוקציע האָט וואָכעדיג געמאַכט דעם מאָדערנעם בוך. אָבער עס זיינען דאָך איצט אויך פאַראַן ווערק, וואו דער מענטשלאַכער גייסט פייערט זיינע גרויסע און אמת'ע ימים־טובים. און קענען אָט די שאַפונגען זינדיגט דער־לעזער, וואָס ווענן אים רייד איך דאָ, ווען ער נעמט דעם דיכטער'ס „פונק פון הארצן און צינדט־אָן אין דעם זיין פּאַפּיראָסל", לויט ביאַליק'ס אַן אויסדרוק. אָט די ווערק פאַרשוועכט ער, ווען ער פירט זיך אויף ווי אין אַ שענק, געפינענדיג זיך אין זייער טעמפּל.

ביי דעם סאָרט לעזער איז רעכט צו נעמען זיך פאַר אַ בוך אַפילו ניט צוליב צייטפאַרטרייב, נאָר צוליב הוילע באַרי־מעריי. כדי ער זאָל קאָנען זיך אויספּיינען פאַר זיינע באַקענטע, כדי ער זאָל קאָנען מאַכן דעם אָנשטעל פון געבילדעטקייט, כאַפּט ער אַ קוק אין די ווערק פון דעם אָדער יענעם שרייבער. און דאָס וואָס איז אָפּט דער שטאָלץ פון דער נאַציע, די וויזיע פון אַ דור, די קווינטעסענץ פון אַ תקופה, ווערט אַ מיטל אָנצוזעטיגן די פוסטע גאוה פון אַ לײדיגגייער. ער דערנידעריגט, אָט דער פוסטאונפּאַסניק, די ליטעראַטור ביז צו — דער נייסטער מאָדע. אינאיינעם מיט אַ ניימאָדישן שניפּס אָדער אַ מאָדישן הוט קויפט ער אָדער זי דעם „נייסטן", „מאָדערנסטן" בוך.

פון אַזא מין לעזער נעמט דאָס פאַרשוועכטע בוך נקמה. עס פאַרשליסט זיך פאַר אים, ווי אַ בלום פאַר קעלט. עס באַהאַלט

פון אים זיין אראמאט, זיין אמת׳ע פארב, זיין אינעווייניגסטע פראכט. קיין ביליגן פארגעניגן אפילו האט אזא פוסטער לעזער ניט פון זיין לייענען. ער לאנגווייליגט זיך, נעבאך, ער מור־טשעט זיך לייענענדיג.

ניט אומזיסט פארבייט ער אזוי אפט דעם נייעם בוך אויף א רעצענזיע וועגן דעם. די רעצענזיע איז קירצער און גיט „גענוג מאטעריאל" פאר „אינטעליגענטע" געשפרעכן.

אבער בעסער זאלן גאר ניט געשריבן ווערן אזעלכע רע־צענזיעס, אויב זיי ווערן א במקום פון בוך. דער אמת׳ער רע־צענזענט וויל ניט, אז זיין ארבייט זאל זיך שטעלן ווי א וואנט צווישן דעם גוטן בוך און דעם לעזער. ער וויל, פארקערט, אפ־ראמען דעם וועג פאר׳ן שרייבער. ער וויל אויפוועקן אין דעם לעזער אן אינטערעס, א חשק, א דורשט צום שרייבער׳ס אויפטו. אבער דער לעזער, וואס וועגן אים ריידן מיר דא, קוקט אויף דער רעצענזיע, ווי אויף אלץ וואס ער לייענט, נאר ווי אויף א מיטל צו באפרידיגן זיין נארישע גאוה. ער איז געגליכן צו יענע קליינשטעטלדיגע איינוואוינער, וואס ווען עס איז אמאל געקומען צו זיי א וואנדער־טרופע און האט ארויסגעשיקט א פאר פון אירע אין פארביגע קליידער אנגעטועגע קאמעדיאנטן אויף אן אויסגע־פוצט אייזעלע, איינגעשפאנט אין א טשיקאוון וועגעלע מיט גלעק־לאך, כדי אנצוזאגן דעם עולם, אז חברה פורים־שפילער זיינען דא, — האבן זיי, די שוטים, געמיינט, אז דאס איז שוין דער ספעקטאקל און זיי זיינען ניט געקומען אין טעאטער. זיי זיינען געווען באטש נאאיוו. דער לעזער, וואס ביי אים האלטן מיר, אט דער לעזער־פאראזיט, ווייסט, אז דאס וועגעלע מיט די גלעקלאך, — די רעצענזיע, — איז ניט דאס שפיל אליין, נאר אן אנזאג אויפ׳ן ספעקטאקל — דעם בוך, —אבער ער דארף נאר מאכן דעם אנשטעל, אז ער „שטייט ניט אפ פון דער צייט", אז ער איז „מאדערן" א. אז. וו.

ער איז נאך ערגער פון יענעם סארט לעזער, וועלכער זוכט אין בוך נאר דאס ארים ביסל „פארווײלונג". יענער איז אויפ־ריכטיג, דער איז א צבוע׳ק.

איך ווינטש ניט קיין אמת׳ן שרייבער אזעלכע פאלשע לעזער.

אַן אמת'ער שרייבער וויל ניט, אַז דער לעזער זאָל אַראָפּנעמען נאָר דעם שוים פון דעם פולן בעכער, וואָס ער דערלאַנגט אים. אַן עכטער שרייבער דורשט נאָך אַ לעזער, וואָס זאָל דעם טייערן געטראַנק, וואָס ער האָט פאַר יענעם צוגעגרייט, אויסטרינקען — מיט אַ דאַנק און אַ ברכה און אַן אומפאַרגעסלאַכער פרייד — ביזן דעק.

ב. דער אמת'ער פאַרגעניגן און אמת'ער נוצן פון לייענען.

אַן אומפאַרגעסלאַכער פאַרגעניגן — און אַ דויערנדיגער נוצן — יע, אָט דאָס איז דער פאַרגעניגן — און דער נוצן — וואָס מיר האָבן פון גוטע ביכער, ווען מיר לייענען זיי, ווי געהעריג איז.

מיר קאָנען פאַרגעסן די נעמען, די איינצעלהייטן, אפילו די אידעען פון דעם בוך, אָבער ניט די שעה'ן, וואָס מיר האָבן פאַרבראַכט אויף דעם, ניט די פרייד, ניט דעם וואונדער, ניט די טיפקייט פון יענע שעה'ן. זיי בלייבן אין אונזער געדעכעניש ווי אַן אויסערגעוויינלאַכע פּאַסירונג, ווי אַ יום־טוב. זיי בלייבן אין אונזער לעבן, אין אונזער פילן, אין אונזער דענקען, ווען אַפילו מיר געדענקען נישט אַקוראַט וואָס מיר האָבן געלייענט, בפרט נאָך ווען מיר געדיינקען. זיי בלייבן — און אָט דאָס איז די הויפּטזאַך, דאָס איז דער וויכטיגסטער אונטערשייד צווישן די פולע, זאַטע רגע'ס, וועלכע עס לעבט איבער אַן אמת'ער לייענער, און יענע מאָגערע שעה'ן, וועלכע עס פאַרברענגען די, וואָס אַ בוך איז ביי זיי אַ מיטל נאָר צו פאַרטרייבן די צייט.

דער אמת'ער לייענער פאַרטרייבט ניט די צייט; פאַרקערט, ער היט זי אויף. ער היט זי אויף, ווי אַ געבענטשטע דעראַינערונג — און נישט נאָר ווי אַ דעראַינערונג אַליין. יענע שטילע, אַנטציקטע מינוטן, וואָס ער פאַרברענגט אין דער געזעלשאַפט פון גוטע ביכער, זיינען מינוטן פון גייסטיגער נערונג, מינוטן פון באַפרוכפערונג. ווי קאָנען זיי פאַרשווינדן? דאָס, וואָס נערט און באַרייכערט און באַפרוכפערט

אונזער גייסט, געהערט צו אונזער זיין, צו אונזער שפּעטער זיין, צו אונזער ווערן, ניט צו דעם, וואָס איז געווען.

אַ פּוסט בוך אָדער אַפילו אַ גוט בוך, געלייענט פון אַ פּוסטן לעזער, פאַרגייט ווי אַ שאָטן און לאָזט איבער נאָך זיך אַ פּוסטקייט. פון אַ גוט־געלייענטן בוך גייען מיר אַוועק פולע, — ניין, מיר גייען ניט אַוועק פון אַזאַ בוך, מיר נעמען דאָס מיט, דאָס ווערט איינער פון אונזערע לעבנס־באַגלייטער, דאָס ווערט פאַר אונז וואָס מרים'ס ברונען איז געווען פאַר די אידן אין מדבר — אומעטום און תמיד העלפט דאָס אונז שטילן אונזער דורשט...

אַ בוך, וואָס מען לייענט נאָר פון מאָמענטאַנעם פאַרגעניגן אָדער פון פּראַקטישן נוצן וועגן (מען וויל זיך, אַ שטייגער, אויס־לערנען עפּעס אַ טעכנישע זאַך) — איז אַזוי ווי אַ בלום, וואָס מען האָט אָפּגעריסן פון וואָרצל: עס לעבט ניט לאַנג. אַנדערש זיינען די ביכער, וואָס גיסן זיך צענויף אויף שטענדיג מיט אונזער דיינקען און פילן, די ביכער, וואָס ווערן פאַר אונז אַ קוואַל פון אומאויסשעפּליכן גייסטיגן פאַרגעניגן און דויערנדיגן אינטעלעקטועלן נוצן — זיי זיינען ווי די טיף־פאַרוואָרצעלטע פלאַנצונגען, וואָס בליען־אָפּ און בליען־אויף צוריק.

זיי זיינען פאַר אונז דאָס, וואָס שפּייז איז פאַר אַ קינד, ד. ה., זיי זיינען נויטיג און ניצליך פאַר'ן וואוקס, נישט נאָר פאַר דער אויפהאַלטונג פון דעם אָרגאַניזם.

מיר זיינען צופרידן מיט'ן אמת'ן בוך צוליב דער הנאה און דער געשמאַקקייט פון לייענען און „צעקייען" און פאַרדייען דאָס געלייענטע; נאָך מער אָבער האָבן מיר דערפון שפּעטער, ווען דאָס ווערט אויפגעלייזט, צעגאַנגען אין אונז, ווען דאָס ווערט, ווי אַ קערנדל אין שויס פון דער ערד, גרייט אַרויסצושפּראָצן, פאַנאַנדערצובליען זיך און טראָגן פרוכט.

וואָרים נישט נאָר געדאַנקען גיט אונז דאָס אמת'ע לייענען; עס העלפט אונז דענקען. נישט נאָר באַקענט עס אונז מיט די געפילן פון פאַרשיידענע סאָרטן מענטשן; עס לערנט אונז אַליין פילן פיינער, שאַרפער, טיפער. נישט נאָר פירט עס אונז אַריין אין די וואונדערליכע ספערן פון אַ דיכטער'ס פאַנטאַזיע: עס וועקט און צינדט־אָן

אונזער אייגענע פאַנטאַזיע. עס באַנייט און מאַכט ברייטער און פרייער אונזער אינעווייניגסטע וועלט, נישט נאָר עפנט עס פאַר אונז פרעמדע וועלטן.

עס מאַכט ב ר י י ט ע ר אונזער אינעווייניגסטן לעבן — אין דעם ליגט די העכערע פרייד און דער הויפּט־זין פון לייענען. וואָס איז אונזער לעבנס־דערפאַרונג אָן ביכער? די דערפאַרונג פון א י י ן מענטשן. זייער אַ באַגרעניצטע דער־פאַרונג. אפילו דער, וואָס לעבט אַ רייכן און אַ פילזייטיגן לעבן, טרעפט זיך און ווערט נאָענט מיט אַ סך מענטשן, פאָרט אום איבער דער וועלט און זעט זיך אָן אַלערליי הימלען, חיות, קאָלירן, בלומען, — אפילו דער קאָן ניט זען אַלץ און אודאי ניט איבערלעבן אַלץ. ער מוז אָנקומען צו די דערפאַרונגען פון אַנדערע, אויב ער וויל זיך נישט באַנוגענען מיט דעם ביסעלע, וואָס ער האָט אַליין געזען, געהערט און אויסגעפּרואווט. ער מוז איינשטעלן אין זיין וועלט אַזעלכע געהיימע אַפּאַראַטן, וואָס זאָלן דערנענטערן צו אים די קלאַנגען, וועלכע ער האָט נישט פאַרנומען, די פאַרבן, וואָס זיינען געבליבן פאַרהוילן פון אים, די לעבנס, וועלכע ער האָט נישט געלעבט. אַזעלכע וואונדערליכע אַפּאַראַטן זיינען די ביכער פאַר אונז. זיי זיינען ווי שלוחים, וואָס קומען צו אונז פון אַלע עקן וועלט. זיי ברענגען אונז גערוסן פון די ווייטסטע שטערן, פון די פרעמדסטע נשמות. זיי באַקענען אונז מיט די ווילדסטע שבטים, זיי פאַרבינדן אונז מיט די וואונדערליכסטע גאונים...

אַ רייזענדער האָט אויסגעפאָרשט דעם לעבן פון ערגעץ אַ פאַרוואָרפענעם אינזל, אַן אַסטראָנאָם האָט אַנטדעקט אין די הימלשע רוימען אַ נייע וועלט, אַ דיכטער האָט אַ נייע וועלט ב אַ שאַ פ ן — וואָס וואָלט דאָס געווען פאַר אונז אָן ביכער? אַ דאַנק זיי ווערט עס אַ באַרייכערונג פון אונזער וויסן, אַ לייטער־רונג פון אונזער באַוואוסטזיין, אַ ניי ליכט אויפ'ן שמאָלן און טונקעלן וועג פון אונזער עקזיסטענץ, אַ נייער שטראַלנדיגער פאָדעם, וואָס ציט זיך צו אונז פון די אייביגע געהיימענישן...

אונזער לעבן ווערט אויסגעצויגען דורך לייענען גוטע ביכער אין דער לייגג און אין דער טיף, נישט נאָר אין דער ברייט.

צו דער קורצער און פּלוצלונג זיך איבעררייסענדיגער קייט פון אונזערע באַשערטע „זיבעציג יאָר“ ווערט צוגעלייגט, אַ דאַנק די כראָניקעס, דער געשיכטע, דער מיטאָלאָגיע, אַן אומענדלאַכע צאָל פריערדיגע רינגען — די רינגען פון די אָבות. עס ווערט פאַר אונז מעגלאַך צו לעבן (אין אונזער באַוואוסטזיין) אויף צוריק. מיר וואַקסן־אריין אין דער פאַרגאַנגנהייט. דאָס דאַרע צווייגל פון אונזער לעבן ווערט אַ טייל פון אַ טיף־איינגעוואָרצעלטן און מעכטיגן יחוס־בוים. אַלע דורות, וואָס האָבן ביז אַהער געלעבט, ווערן אונזער משפּחה.

און עס ווערן אריינגענומען אין איר אויך די קומענדיגע דורות. די נביאים, די אוטאָפּיע־דיכטער, די אַלע גרויסע בעלי־חלומות רופן זיי אַרויס מיט זייער כשוף פון די פאַרבאָרגענישן פון די שפּעטערדיגע צייטן... מיר וואַקסן אריין אין דער צוקונפט... מיט אונזער באַוואוסטזיין יאָגן מיר איבער אונזער זיין — און פאַרלייגערן עס.

דאָס וואָרט פון טרוים (וואָס זיינען דען אַלע גרויסע דיכ־טונגען, אַלע וויזיעס פון דער מענטשהייט, אויב נישט קיין חלום'ען אויפ'ן וואָר?), דער טרוים פון וואָרט וועבט אונז אריין אין אַ געוועב, וואָס פאַרלירט זיך מיט זיין אָנהויב און זיין סוף אין דער אומענדלאַכקייט.

אונזער לעבן היינט ווערט טיפער, אינטענסיווער, ווען עס הערט אויף צו זיין אַ צופעליגער ברוכשטיק פון דער וועלט און ווערט אַ רינג אין דער קייט, וואָס באַהעפט אונז מיט אַמאָל און שפּעטער. אַ דאַנק די אַלע נייע דערפאַרונגען, מיט וועלכע עס באַקענען אונז די ביכער, ווערט אינטענסיווער אונ־זער אייגענע דערפאַרונגס־פייאיקייט. „דאָס לייענען, זאָגט געאָרג בראַנדעס, קאָן שאַרפער מאַכן אונזערע חושים און שטאַרקער — אונזער כשרון אויפצונעמען דאָס ווערטפולע“... מיר נעמען אויף פולער און באַנעמען בעסער די איינדרוקן פון אונזער אייגענעם לעבן, ווען מיר ווערן באַקאַנט מיט די לעבנס פון אַנדערע — פון אַנדערע מענטשן, אַנדערע דורות, אַנדערע פעלקער, אַנדערע נאַטור־ספערן.

דער ווערט פון וויסנשאַפטליכע ווערק ליגט דערהויפּט אין דעם, וואָס זיי סטימולירן אונזער דיינקען און מאַכן רייכער, פאַרשיידענאַרטיגער, איינהייטליכער און באַוואוסטזיניגער אונ־זערע באַציאונגען צו דער רעאַלער וועלט. קינסטלערישע שאַפונגען האָבן נאָך גאָר אַנאַנדער באַדייטונג: זיי טראָגן אונז אַריבער אין גאָר אַן אַנדער וועלט, זיי ברייננגען אונז אין באַרירונג מיט גאָר אַ נייעם סאָרט לעבן, מיט אַ לעבן, וואָס איז אַ פּראָדוקט פון דער מענטשלאַכער פאַנטאַזיע, פון דער מענטשלאַכער שאַפונגס־קראַפט.

אָט דער קוואַל פון וואונדערליכער פרייד, אָט דעם כשוף'דיגן קוואַל קאָנען מיר געפינען נאָר אין די ווערק פון קינסטלער און דיכטער, צו וועלכע עס געהערן אָפט אויך, אגב, דענקער און פילאָזאָפן. נאָר זיי אַליין קאָנען שטילן אונזער דורשט נאָך אמת'ער פרייהייט, נאָר זיי אַליין קאָנען אַזוי פאַנאַנדעררוקן די גרעניצן פון אונזער באַוואוסטזיין, אַז אונז זאָל זיך דוכטן, אַז עס זיינען נישטאָ גאָר קיין גרעניצן. נאָר זיי אַליין קאָנען זאָגן: „עס זאָל זיין ליכט!" — און עס זאָל ווערן ליכט, וואו עס איז געווען טונקעלקייט און כאַאָס...

גובר זיין דעם כאַאָס אינאיינעם מיט די גרעניצן פון דעם דרויסענדיגן לעבן — דאָס איז אַ וואונדער, וואָס נאָר קינסטלער, פּאָעטן און פילאָזאָפן קאָנען ווייזן. נאָר זיי אַליין קאָנען אונז פאַרשאַפן אָט די אומבאַרעניצטע פרייד.

און זיי קאָנען זי אונז פאַרשאַפן מיט זייערע ווערק מער ווי מיט זייער פּערזענלאַכער נאָענטקייט. „די ווערק, זאָגט שאָפּענ־הויער, זיינען די קווינט־עסענץ פון אַ גייסט (ניט „פון יעדן שעפּעריש ן גייסט," ווי עס שרייבט דער אידישער איבער־זעצער*): „זיי וועלן אונז מער געבן דערפאַר, ווי דאָס פאַר־ברענגען מיט דעם מענטשן, מעג ער אפילו זיין דער גרעסטער, זיי וועלן פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון דעם פאַרברענגען, — נאָך מער, זיי וועלן דאָס איבעריאָגן און לאָזן הינטער זיך"... „מען קאָן דער־

---

*) אַרטור שאָפּענהויער: די חכמה פון לעבן, און אַנדערע עסייען. איבערזעצט פון דייטש פון נ. פּערלמאַן, פאַרלאַג מאַקס יאַנקאָוויטש, נויאָרק.

פאר, — זאגט שאפּענהויער ווייטער — לייענען די ביכער פון מענטשן, וואס מיט זיי אליין פארברענגען איז אפשר גארניט אינ־טערעסאנט, און דערפאר, ווידער, ברענגט הויכע קולטור פון גייסט אונז ביסלאכווייז דערצו, אז מיר זאלן שוין זוכן אונטערהאלטונג במעט נאר אין ביכער, ניט אין מענטשן".

א שאפנדיגער מענטש קאן אין לעבן אמאל אויסזעהן ארים, שטום, אומבאדייטנדיג. זיין גאנץ עשירות, זיינע קליגסטע רייד, זיינע שענסטע וויזיעס נעמען־צו די איינזאמע שעה'ן פון זיין שאפן. מיר זעען אים אין דער געזעלשאפט אפט א מידן, אן אויסגעשעפטן, אן אויסגעליידיגטן — און מיינען, אז מיר קענען אים. מיר מוזן אים זען, ווען ער איז פריש, פול, באגייסטערט, אויב מיר ווילן אים קענען, — און דאס איז ער אין זיינע ווערק. אין לעבן איז טאלסטאי'ס פרוי, סאפיא אנדרעיעווגא, געווען „שטארקער" פאר'ן קינסטלערישן ריז לעוו ניקאלאיעוויטש. זי האט דער קונסט פון לעבן אפגעגעבן אלץ, וואס זי האט פארמאגט. ביי טאלסטאי'ען זיינען, פארקערט, אלע געניאלע כחות אוועק אויפ'ן לעבן פון דער קונסט. ווער ווייסט, צי וואלטן מיר געהאט די אלע וואונדערליכע ווערק טאל־סטאי'ס, ווען ער וואלט מיט אן אמת געגומען פארווירקלאכן זיינע אידעאלן? די גרויסע פארווירקלאכער, די גרינדער פון נייע רעליגיעס און מאראלן, האבן זעלטן־ווען איבערגעלאזן נאך זיך גרויסע ווערק. (זייער תורה איז געשריבן געווארן פון אנדערע). דער גאון פון טאט איז זעלטן ווען א גאון פון ווארט. ביים דיכ־טער אבער איז דאס ווארט — זיין העכסטע (און אפט זיין איינ־ציגע) טאט. אויב עס איז אמת, און ניט קיין חנ'דל, וואס אסקאר ווײַלד האט געזאגט וועגן זיך, אז ער האט זיינע ווערק געגעבן זיין טאלאנט און זיין לעבן, — זיין געניאליטעט, איז עס א סימן, אויב מען דארף נאר האבן א סימן, אז ער איז נישט געווען קיין אמת־גרויסער דיכטער. דער אמת'ער דיכטער שענקט זיינע ווערק אלץ, וואס ער פארמאגט, און מען דארף זיך נישט וואונדערן, ווען מען זעט, אז זיין לעבן בלייבט טאלאנטלאז. דעם דיכטער'ס ווערק — דאס איז זיין שבת. מעג ווי פול זיין דאס בילד, וואס מיר האבן פון זיין וואך, גיט עס אונז ניט דעם מינדסטן

באגריף פון זיין נשמה יתירה. פארקערט, אָבער, דאָס בוך עפנט פאַר אונז אויף אין אים אַזוינע מעגלאַכקייטן, אַזוינע כחות, וועלכע זיינען אַלע טעג פון אַ גאַנץ יאָר פארבאָרגן פון אונז און אויך פון אים אַליין.

ביכער זיינען דאָס בעסערע, העכערע און מער געלייטערטע א י ך פון די מענטשן, וועלכע האָבן זיי געשאַפן. ביכער צייכענען זיך אָבער אויס אויך מיט אַן אַנדער גרויסער מעלה: זיי פירן אונז אריין אין דער געזעלשאַפט פון יענע גרויסע מענטשן, מיט וועלכע מיר וואָלטן נישט געקאָנט קומען אין פערזענלאַכער באַרירונג, ווען אַפילו מיר זאָלן וועלן. זיי דערנענטערן אונז צו די געניאַלע פער־זענלאַכקייטן פון די ווייטסטע לענדער און ווייטסטע, שוין לאַנג פאַרגאַנגענע, צייטן... אַ גוטע ביבליאָטעק איז אַ פּלאַץ, אַ פּ אַ־ ל אַ ץ , וואו די הויכע גייסטער פון אַלע פעלקער און אַלע דורות באַגעגענען זיך. איז עס נישט קיין וואונדערלאַכער פּלאַץ? איז נישט קיין פרייד צו זיין דאָרטן? איז נישט קיין צענפאַכע פרייד צו פ י ל ן ז י ך ר א ו י צו זיין דאָרטן?

ג. ווי צו לייענען.

עס איז ניט שייך צו געבן עצות ו ו י צו לייענען, און איך שרייב דאָ ניט קיין רעצעפּטן. איך האָב עס ניט געטאָן אויך אין די פריערדיגע קאַפּיטלען, וואו איך האָב באַטראַכט די פראַגע צ ו ל י ב ו ו אָ ס מיר לייענען. עס איז דאָ אוממעגלאַך צו געבן עצה'ס. זיי וואָלטן, אגב, ניט געהאָלפן. פון ו ו י ס ן , אַז עס זיינען דאָ העכערע מאָטיוון ביים אריינקוקן אין אַ בוך, ביז ה אָ ב ן זיי — איז אַ גרויסער מהלך. אַמאָל איז איינער אַן אויסגעצייכנטער לייענער — און ער גיט זיך ניט אָפּ קיין חשבון אין דעם. פאַרקערט, אָפט ווייס איינער צוליב וואָס און ווי מען דאַרף לייענען, אָבער דאָס ווירקט ניט אויף אים. דער אופן און די מאָטיוון פון אונזערע אַלע האַנדלונגען, און אויך פון אונזער לייענען, ווענדען זיך אָן אונזער כאַראַקטער, אָן אונזער דערציאונג, אָן אונזערע געוואוינהייטן, אָן דער מדרגה פון אונזער בילדונג, אָן דער סביבה, אין וועלכער מיר געפינען

זיך, — און מיט מוסר און עצות קאָן מען דאָ, ווי אומעטום, ווייניג וואָס אויפטאָן.

אויך קאָן מען ניט מאַכן קיין כללים, וואָס זיינען גוט פאַר אַלעמען.

וואָס איך בין אויסן, איז — נאָר אַן אַלגעמיין טעאָרעטישע באַטראַכטונג פון דעם ענין לייענען, הגם דער אָדער יענער איינציגער פונקט קאָן אפשר האָבן אַמאָל אויך אַ פּראַקטישע באַדייטונג.

די ערשטע זאַך, וואָס מען מוז האָבן אין זינען, ווען מען וויל ענטפערן אויף דער פראַגע ווי צו לייענען, איז — אַז מען געפינט זיך דאַן, ווען מען קוקט אריין אין אַ בוך, ניט אין אַ צושטאַנד פון פּאַסיוויטעט. לייענען הייסט זיין גייסטיג אַקטיוו. לייענען הייסט ארבייטן מיט'ן קאָפּ, ניט נאָר מיט די אויגן. אגב, זעט מען גאָרנישט מיט די אויגן, ווען די געדאַנקען זיינען ערגעץ אַנדערשוואו, ניט אין בוך. וויל מען זען ווערטער, ניט נאָר „שוואַרצע פּינטעלאַך", מוז מען טראַכטן וועגן דעם זין פון די ווערטער. דער געדאַנק מוז זיין וואַך, דער מוח מוז אַרבעטן, ווען מען לייענט. דאָס איז, אין פלוג, אַ זעלבסטפאַרשטענדלאַכקייט, אָבער — ניט פאַר אַלעמען. אָט האָט שאָפּענהויער געשריבן: „ווען מיר לייענען, דענקט אַן אַנדערער פאַר אונז: מיר חזר'ן נאָר איבער זיין מענטאַלן פּראָצעס. עס איז אַזוי ווי ביים לערנען שרייבן, ווען דער תלמיד פירט מיט דער פעדער איבער די אותיות, וועלכע דער לערער האָט אָנגעצייכנט מיט אַ בליישטיפט. די ארבייט פון דיינקען ווערט ביים לייענען מערסטנטיילס ביי אונז צוגענומען". אָבער דער פילאָזאָף האָט עס געשריבן נאָר צוליב אַ פּאָלעמישן ציל. אין דער אמת'ן ווערט פּאַרמינערט ביים לייענען נאָר די זעלבסטשטענדיגקייט פון אונזער דיינקען (און דאָס האָט שאָפּענהויער געמיינט), ניט די עצם דיינק-ארבייט. יענעמ'ס געדאַנקען קאָן מען ניט „איבער'חזר'ן" אַזוי מעכאַניש, ווי דער תלמיד פירט מיט דער פעדער איבער דעם לערער'ס בליישטיפט-צייכענונגען. מען מוז תופס זיין יענעמ'ס כונה, יענעמ'ס פאַנ-טאַזיעס, און דאָס קאָן מען ניט אַנדערש, סיידן מען איז אַליין פעיאיג און אויפגעלייגט צו דיינקען און צו פאַנטאַזירן. לייענען

הייסט ניט, ווי שאָפּענהויער מיינט, „דיינקען מיט א פרעמדן קאָפּ, אנשטאָט דעם אייגענעם“. לייענען הייסט דיינקען מיט דעם אייגענעם קאָפּ אין דער אנוועזנהייט פון אן אנדער דענקענדיגן קאָפּ. לייענען, ווען דער מוח שלאָפט, איז ארויסגעוואָרפענע ארבעט.

ניט נאָר קאָן מען ניט האָבן קיין נוצן פון אזא מין פ א ר ש ל אָ פ ע נ ע ם לייענען — מען האָט דערפון שאָדען. מען קאָן אוועק׳הרג׳ענען מיט אזא מין לייענען דעם וואונדער־ליכסטן בוך. מען קאָן אָפּ׳פּסק׳ענען פאר זיך אליין, אז עס איז א לאנגווייליג ווערק, בעת אין דער אמת׳ן קאָן דאָס אונז זייער פיל געבן, ווען מען זאָל עס נאָר ניט לייענען מיט א פוסטן מוח. מען קאָן, אין בעסטן פאַל, ארויסנעמען נאָר א קליינעם טייל פון דעם בוך, וואָס מען לייענט אויבענאויפיג, און דאָס איבעריגע לאָזן גיין לאיבוד — איז עס ניט א שאָד?

די גלייכסטע זאך איז, ניט נעמען זיך פאר א בוך, ווען דער קאָפּ איז פארנומען מיט אנדערע זאכן אָדער ווען מען איז מיד און אויסגעשעפּט...

איז אייגנטלאך איבעריג צו געבן אזעלכע עצות. עס זיינען דאָ גענוג תירוצים אויף נ י ט לייענען, און מען דאַרף גאָר קיין תירוצים ניט.

אָבער איך רייד ניט וועגן יענע, וואָס האָבן בכלל ניט קיין גוסט צו ביכער. איך האָב אין זינען די, וועלכע זיינען ג ע־וואוינט צו לייענען. ביי זיי טרעפט, אז דאָס לייענען ווערט א מעכאנישע רגילות. זיי מוזן האַלטן פאר די אויגן עפּעס א געדרוקטע זאך. ביים עסן, פאר׳ן שלאָפן, ליגנדיג אין בעט, פאָרנדיג מיט דער הויכבאן, מיט דער אונטער־ערד־באן, אין דער גרעסטער איינגשאפט, אין האלבער טונקלקייט — אומעטום און אלעמאָל מוזן זייערע קורצזיכטיגע אויגן בלאָנ־דזשען איבער עפּעס א געדרוקטן בלאט פּאַפּיר. אָפט איז אזא טומל ארום אָדער אזא מידקייט אינעווייניג אין זיי, אז זיי באנעמען ניט וואָס זיי לייענען, זיי כאפּן נאָר איינציגע אָפּגעריסענע פראזן, האַלבע ווערטער, שאָטנס פון געדאנקען, — אָבער זיי הערן

ניט אויף, זיי קאָנען ניט אויפהערן קוקן אויף די „שוואַרצע פּינ־טעלאַך".

אַט די פליסיגע, שוין אביסל צו־פליסיגע לייענער דאַרף מען בעטן, אַז זיי זאָלן רחמנות האָבן, אויב ניט אויף זייערע אויגן, איז אויף די פאַרפאַסערס פון די ביכער. די שרייבער ווילן שטילן דעם הונגער פון אונזער גייסט, ניט פון אונזערע אויגן. זיי ווילן אונזער געדאַנק וועקן, ניט פאַרשלעפערן אים. זיי ווילן זיין מיט אונז אין וואַכער שטילקייט. זיי ווילן, אַז מיר זאָלן האָבן פאַר זיי אָפּענע, ניט קיין פאַרשטאָפּטע און ניט קיין פאַרטומעלטע אויערן. זיינען זיי דען ניט באַרעכטיגט דערצו? וואָלטען מיר דען אָפּגערעדט צו טרעפן זיך מיט אַ פריינד, וואָס מיר ווילן זיך דורכריידן מיט אים וועגן אַ וויכטיגן ענין, — אויף אַזאַ פּלאַץ, וואו עס טומלט אַזוי, אַז מען הערט ניט וואָס מען רעדט? זיינען דאָך ביכער פאַר די, וואָס לייענען זיי, די בעסטע און טייערסטע פריינד זייערע, היינט פאַרוואָס זאָלן זיי אַליין פאַרשטערן דעם יום־טוב פון זייערע באַגעגענישן?

די, וואָס מוזן האַלטן אַ בוך אין האַנט אפילו דאַן, ווען זיי קאָנען זיך ניט אַריינטאָן אין דעם, וואָלט מען געדאַרפט ראָטן צו לייענען ביי די אומשטענדן שוואַכע זאַכן, אויב זיי קאָנען שוין אַנדערש ניט און מוזן האַלטן פאַר די אויגן עפּעס געדרוקטס. שוואַכע ווערק פאַרדינען אפשר ניט קיין בעסערן לייענען, און אפשר איז גאָר ניט נויטיג פאַר זיי קיין באַזונדער כונה. עס זיינען דאָ ביכער, וואָס לייענענדיג זיי האָבן מיר דעם געפיל, האָט געזאָגט דער דייטשער דיכטער העבעל, אַזוי מיר וואָלטן געגעבן דעם פאַרפאַסער אַ נדבה... אָבער די ביכער, וואָס עס לוינט זיך זיי צו לייענען מיט קאָפּ, איז אַ שאָד און פשוט אַ זינד (קעגן זיך אַליין און קעגן די פאַרפאַסער) צו געבן זיי אַזאַ קאַלטן אויפנעם. זיי דאַרפן מיר טראָגן אַנטקעגן אַלץ וואָס מיר פאַרמאָגן, פאַר זיי דאַרפן מיר עפענען דאָס האַרץ און דעם מוח און אַלע אונזערע גייסטיגע פייאיקייטן; דאַן וועלן זיי אויך זיין פאַר אונז אָפן און פרייגיביג. זיי דאַרפן מיר אָפּגעבן די שטילסטע שעה'ן, פאַר זיי דאַרפן מיר אויסזוכן דעם

בעסטן פּלאַץ. ערשט דאַן וועלן מיר הערן וואָס זיי האָבן אונדז צו זאָגן...

בעסער צו לייענען איין שעה מיט קאָפּ, ווי צען שעה מיט די אויגן. בעסער דורכצונעמען גוט איין בלעטל, איידער נאָר דורכצובלעטערן אַ גאַנצן בוך. אגב, אַמאָל איז, ווי געזאָגט, געוווּג נאָר דורכבלעטערן. „אַמאָל, ווערט איבערגעגעבן אין ר׳ חיים וואָלאָזשינערס נאָמען, דאַרף מען לערנען איין בלאַט גמרא צען שעה און אַמאָל — צען בלאַט גמרא איין שעה״.. מען קאָן נישט לייענען אַלעמאָל גלייך. ווי אין שרייבן איז וויכטיג, וואָס און ווער עס שרייבט, אַזוי איז אויך אין לייענען אַן אונטערשייד, וואָס מען לייענט און — ווער.

עס זיינען דאָ מענשען, וואָס האָבן איינגעשלונגען גאַנצע ביבליאָטעקן און זיינען געבליבן עם־הארצים. דאָס זיינען די, וואָס האָבן זיך ניט אויסגעלערנט צו לייענען, כאָטש זיי לייענען זייער גאַנץ לעבן. זיי האָבן זיך ניט אויסגעלערנט — און ווען זיך ניט אויסלערנען קיינמאָל ניט. עס פעלט זיי די געבוירענע פייאיקייט, וואָס מען דאַרף האָבן צו זיין אַ גוטער לעזער — די פייאיקייט צו באַנעמען און אָפּצושאַצן, וואָס יענער זאָגט, די פייאיקייט צו לייענען אַקטיוו.

נאָר די, וואָס קאָנען לערנען פון זיך אַליין, ד. ה. פון דער אייגענער דערפאַרונג, קאָנען לערנען עפּעס פון אַנדערע. עס זיינען דאָ מענטשן, וואָס האָבן זיך אָנגעזען און אָנגעהערט אָן אַ שיעור זאַכן — און ס׳איז גלייך ווי גאָרנישט. זיי האָבן גאָרנישט ניט געלערנט פון לעבן, דערוויסן זיי זיך גאָרנישט אויך פון ביכער.

ביכער קאָנען קליגער מאַכן דעם קלוגן, ניט דעם נאַר. דעם נאַר מאַכען זיי נאָך נאַרישער. ער ווייסט ניט וואָס צו טאָן מיט די פאַקטען וואָס ער געפינט אין די ביכער, אַזוי ווי ער ווייסט ניט וואָס צו טאָן מיט די לעבנס־פאַקטן. פון די כל־ערליי „אידייען און געדאַנקען״ ווערט ביי אים אין קאָפּ אַזאַ פּלאָנטער, אַז עס איז אויף אים גאָט׳ס רחמנות...

כסדר און נאָכאַנאַנד לייענען איז פאַר קיינעם ניט קיין מעלה. דאָס איז אַזוי ווי זיין תמיד אין געזעלשאַפט. מען מוז זיין אַמאָל אַליין. מען טאָר ניט איינגעשלונגען ווערן פון

אנדערע און פון דער אויפמערקזאַמקייט צו זיי, מעגן זיי זיין אַפילו די קליגסטע און די גייסטרייכסטע. מען מוז זיך צוהערן צו דער אייגענער שטים אויך. און דאָס איז אפשר נויטיגער ווי אַלעמאָל, ווען מען הערטריידן גרעסערע פון זיך, ד. ה., ווען מען לייענט גוטע ביכער. דאַן איז באַזונדערס גרויס די געפאַר צו פאַרלירן דעם אייגענעם איך. דאַרף מען, לייענענדיג אַ בוך, שטיין אויף דער וואך. מען דאַרף זיך אי לאָזן, אי ניט לאָזן באַהערשט ווערן פון דעם.

די מעלה פון אַ בוך (אין פאַרגלייך מיט אַ לעקציע אָדער אַ רעדע אָדער אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג) איז, וואָס מען קאָן דאָס אינמיטן פאַרמאַכן — און טראַכטן, פאַרטראַכטן זיך. אינטעלי־גענטע לעזער נוצן־אויס די דאָזיגע מעגלאַכקייט. זיי כאַפּן ניט, זיי שלינגען ניט דעם בוך. זיי מאַכן פּויזעס ביים לייענען. זיי נעמען איין יענעמ׳ס שאַפונג, ווי גוטן וויין, טראָפּנווייז. זיי לייענען אין די מינוטן, ווען דאָס בוך ליגט אָפּגערוקט פון זיי, ווי דאַן, ווען זיי זיינען פאַרטיפט אין דעם. זיי פ י ל ן אַ ט ע ם אין דעם וואָס זיי לייענען, זיי פאַרדייען עס. זיי לייענען נאָר אַזוי פיל, וויפיל זיי קאָנען פאַרדייען.

דאָס לייענען איז ביי זיי אַ סטימול צום טראַכטן. וואַכט אויף זייער אייגענער געדאַנק, צינדט זיך אָן זייער אייגענע פאַנטאַזיע, לייגן זיי אַוועק דעם בוך אָן אַ זייט. זיי לייענען, כדי צו קאָנען אַליין עפּעס זאָגן, ניט נאָר צו הערן וואָס אנדערע זאָגן. זיי דיינקען וועגן דעם, וואָס זיי לייענען, דערפאַר גע־דיינקען זיי, וואָס זיי לייענען, און נאָר אַזאַ געדיינקעניש האָט אַ ווערדע.

עס זיינען דאָ מענטשן, וואָס זייער געדענקען וואָס זיי לייע־נען, נעמט זיך דערפון, וואָס זיי לייענען נאָר מיט׳ן זכרון. (עס זיינען דאָ אַזעלכע, וואָס שרייבן בלויז מיט׳ן זכרון). זייער געדאַנק אַרבעט נישט, ווען זיי קוקן אריין אין בוך, זייער פאַנטאַזיע שלאָפט, זיי האָבן נאָר אַ באַזונדער פייאיגקייט אויפצוהיטן אין זייער מאָרך עפּעס אַ מין אָ פּ ד ר ו ק, שיר נישט אַ קאָפּיע פון דעם, וואָס זיי האָבן געלייענט. ווען איר זאָלט זיי פרעגן,

וועלן זיי אייך איבערזאָגן אַלץ, וואָס אין בוך שטייט, אפילו די דרוק־פעלערן. זיי זיינען, ווי די חוזרים, וואָס זיינען געווען אמאָל ביי חסידישע רביים. וואָרט אין וואָרט, אות באות פלעגט דער חוזר איבערגעבן דעם רבינ'ס תורה. אָפט האָט ער ניט פארשטאַנען, וואָס דער צדיק האָט געמיינט. אָבער ער האָט זיך געפליסט צו געדענקען און איבערצו'חזר'ן אַלץ, וואָס דער הייליגער רבי האָט געזאָגט, און — פונקט אזוי, ווי ער האָט געזאָגט.

איז, מילא, ביי די חסידים יעדעס וואָרט, וואָס ער, זאָל לעבן, האָט אַרויסגעבראַכט פון מויל, געווען הייליג. אָבער ביי דעם סאָרט לעזער, וועגן וועלכן איך רייד איצט, נעמט זיך ניט דאָס געדענקען פון דעם, וואָס ער פארהייליגט אזוי דאָס געלייענטע. גיכער קומט עס דערפון, וואָס ער געדענקט מער, וויפיל ער דענקט. האָט ער, אַנשטאָט אַן איינדרוק, אַן אָפּדרוק פון בוך.

ער קלייבט נישט אָפּ דאָס וויכטיקסטע, ער טיילט נישט אויס, וואָס עס האָט באַפרוכפּערט זיין געדאַנק, געוועקט זיין פאַנטאַזיע בעת'ן לייענען (קענטיג, אַז קיין זאַך האָט אים נישט באַזונדערס פארכאַפּט, ביי אים איז אַלץ גלייך, אַלץ גלייכגילטיג), געדענקט ער יעדעס ברעקעלע. ער היט־אויף אין זיך, ווי א פאָנאָגראַף, אַלץ, וואָס איז אין אים אַריינגערעדט געוואָרן.

ער ווייסט ניט, אַז לייענען, אזוי ווי שרייבן, איז א פּראָצעס פון אויסקלייבן און אָפּקלייבן. עס קומט אים אפילו ניט אויפ'ן זינען, אַז לייענען הייסט זיין גייסטיג וואַך, שעפעריש... „ניט נאָר די, וואָס שרייבן," האָט געזאָגט אַמאָל איבסען, „אויך די, וואָס לייענען, זיינען פּאָעטען... אָפט זיינען זיי נאָך מער פּאָעטיש, ווי דער פּאָעט אַליין..." איז דאָס אפשר א גוזמא. אָבער עפּעס פון א דיכטער, מוז זיכער זיין אין יעדן אמת'ן לעזער. און אזוי ווי דער דיכטער גיט אונז נישט אַלץ און דאַרף אונז נישט געבן אַלץ, וואָס ער האָט איבערגעלעבט, אזוי דאַרף אויך דער לעזער נישט אַריינגעמען אין זיך אַלץ.

ער קאָן גאָרנישט אויפנעמען און אויפהיטן אַלץ, ווען אַפּילו ער זאָל וועלן, אויב נאָר ער איז אַ לעבעדיגער מענטש, ניט קיין לייען־מאַשין. „וועלן", זאָגט שאָפּענהויער, „אַז איינער זאָל געדענקען אַלץ, וואָס ער האָט ווען עס איז געלייענט, איז אַזוי ווי וועלן, אַז ער זאָל טראָגן אין זיך אַלץ, וואָס ער האָט ווען עס איז געגעסן. פון דעם האָט ער קערפּערלאַך, פון יענעם גייסטיג געלעבט און איז דורך דעם געוואָרן, וואָס ער איז. אַזוי ווי אָבער דער קערפּער אַסימילירט נאָר דאָס, וואָס פּאַסט פאַר אים, אַזוי וועט יעדערער אָפּהיטן אין זיין זכרון נאָר דאָס, וואָס אים אינטערעסירט, ד. ה., נאָר דאָס, וואָס פּאַסט זיך אַריין אין דער סיסטעם פון זיינע געדאַנקען".

די צרה מיט דעם לעזער, וואָס איך האָב פריער דערמאָנט, איז, וואָס ער האָט ניט קיין געדאַנקען־סיסטעם און בכלל ניט קיין געדאַנקען, ער האָט נאָר אַ זכרון. און איך גלויב ניט, אַז אים האָבן עס געמיינט אונזערע פּאַרצייטיגע חכמים, ווען זיי האָבן צו גוטן דערמאָנט דעם תּלמיד, וואָס איז ווי אַ „בור סיד שאינו מאבד טפּה" — ווי אַן אויסגעפּלאַסטערטע גרוב, וואָס פאַרלירט ניט קיין איין טראָפּן. דער סאָרט לערנער אָדער לעזער, וועגן וועלכן איך רייד דאָ, „פאַרלירט נישט" דערפאַר, ווייל ער געפינט נישט.

איז פאַר אים „געגנוג", ווען ער לייענט אַ זאַך איינמאָל. טיפער וועט ער סיי ווי נישט אַריינדרינגען אין בוך, ער מעג עס לייענען צען מאָל, און דעם אויבנאויף — די נעמען, די ווערטער — וועט ער נישט פאַרגעסן, ווען ער וועט עס האָבן געלייענט נאָר איינמאָל. אַנדערש איז מיט דעם לעזער, וואָס פאַרדייעט דאָס לייענען. דער מוז גוט צעקייען. און עס קאָן אָפט טרעפן, אַז איינמאָל לייענען אַ בוך זאָל זיין פאַר אים ווייניג. עס קאָן טרעפן, אַז ער זאָל ניט אַלץ אַרויסלייענען פון בוך דעם ערשטן מאָל.

עס זיינען דאָ ווערק, וואָס זיינען ענליך צו קוואַלן, וועלכע באַהאַלטן זיך טיף אין דער ערד. מ'מוז לאַנג גראָבן, ביז מ'דערגייט צו זיי. י. ח. ברענער האָט געשריבן (אין אַ בריוו) וועגן גנעסינ'ס „הצדה", אַז ער האָט עס געלייענט צוויי מאָל, און ערשט צום צווייטן מאָל האָט ער דערפילט, אַז גנעסין האָט אָנגעשריבן „אַ

גרויסע זאַך". אָבער אפילו די ביכער, וואָס מען קאָן דערפילן אין זיי אַ טעם שוין דעם ערשטן מאָל, שאַדט ניט צו לייענען נאָך אַמאָל, וויבאַלד נאָר זיי האָבן פאַר אונז אַ ווערט.

„ביים צווייטען מאָל לייענען", זאָגט דער שוין ניט איינמאָל ציטירטער שאָפּענהויער, „באַנעמט מען בעסער די שייכות צווישן די פאַרשיידענע טיילן, דעם אָנהויב פון בוך פאַרשטייט מען ערשט גוט, ווען מען קען דעם סוף". אַ חוץ דעם, „קומט מען צו יעדער שטעלע אין בוך ביים צווייטן מאָל לייענען מיט אַן אַנדער שטימונג, מיט אַן אַנדער געמיט־צושטאַנד, ווי ביים ערשטן מאָל, און דאָס מאַכט, אַז מען זאָל קריגן גאָר אַן אַנדער איינדרוק, אַזוי ווי ווען מען זעט אַ זאַך אין אַ נייער באַלייכטונג".

גאָר באַזונדערס אינטערעסאַנט איז צו לייענען נאָך אַמאָל, ווען מען ווערט עלטער, די ווערק, וועלכע מען האָט געלייענט אין דער יוגנט. מען זוכט — און מען געפינט — אין ביכער איין זאַך, ווען מען איז יונג און מען לעבט נאָך מער מיט'ן געפיל, ווי מיט'ן שכל, און גאָר אַן אַנדער זאַך, ווען מען ווערט פון יאָרן און לעבענסדערפאַרונג קילער אָדער קליגער. עס זיינען דאָ ביכער, וואָס זיינען אונז ליב און טייער נאָר דערפאַר, וואָס מיר האָבן זיי געלייענט אין דער יוגנט. פּרואווט נאָך אַמאָל אַריינקוקן אין זיי, ווען איר זענט עלטער געוואָרן, וועט איר אָדער גאָרנישט ניט געפינען, אַ חוץ יוגנט־זכרונות, אָדער איר וועט דערזען אין זיי גאָר אַ ניי ליכט.

אָבער נישט נאָר די יאָרן קאָנען ווירקן אויפ'ן כאַראַקטער און רעזולטאַט פון לייענען. אויך אַנדערע ענדערונגען, וואָס קומען פאָר אין אונזער אינעווייניגסטן לעבן, קאָנען צייגן אונז אַ בוך, וואָס מיר האָבן שוין אַמאָל געלייענט, פון גאָר אַ נייער זייט און דערמיט מאַכן וויכטיג פאַר אונז צו לייענען עס נאָך אַמאָל...

„אַ געוויסנהאַפטיגער קריטיקער", זאָגט בראַנדעס, „מוז בדרך כלל לייענען פיל מאָל, אין פאַרשיידענע פּעריאָדן פון זיין אַנטוויקלונג, דאָס ווערק, וואָס ער קלייבט זיך צו דערקלערן און אָפּצושאַצן. ביי יעדן מאָל לייענען ווערט ער איבערראַשט פון

עפעס נייעס אין דעם ווערק, און צום סוף שטעלט ער עס זיך פאַר פון אַזוי פיל פאַרשיידענע שטאַנדפּונקטן, אַז אָן אַ גע־וויסער אָנשטרענגונג איז אים אוממעגלאך צו האַלטן זיך ביי איין שטימונג אָדער איין באַשטימטן שטאַנדפּונקט". און דאָס, וואָס בראַנדעס זאָגט וועגן קריטיקער, איז ריכטיג וועגן יעדן אינטעליגענטן לעזער. קיין לעזער דאַרף זיך נישט באַנוגענען מיט לייענען אַן אמת גוטן בוך נאָר איין מאָל.

בראַנדעס גייט אַזוי ווייט, אַז ער זאָגט (אין אַ ספּעציעלן עסיי וועגן לייענען): „אויף דעם דאָזיגן, אפשר דעם איינציגן — געביט גילט דער כלל, אַז איינמאָל איז קיינמאָל, און דער, וועלכער האָט זיך באַנוגנט דערמיט, וואָס ער האָט איינמאָל נאָר איבערגעלייענט אַ גוטן בוך, געהערט צו יענע, פון וועלכע דער אינהאַלט פון בוך שפּרינגט אָפּ: אַנדערש וואָלט ער גע־ווים זיך געמוזט האָבן אומגעקערט צום בוך".

וועגן זיך אַליין דערציילט דער באַרימטער דענישער קרי־טיקער, אַז די ביכער, פון וועלכע ער האַלט, האָט ער אָפּט גע־לייענט מער ווי צען מאָל און וועגן אַ טייל פון זיי וואָלט אים געווען, זאָגט ער, אוממעגליך אָנצוגעבן, ווי אָפט ער האָט זיי גע־לייענט. ער צעקאָכט זיך אַזוי, אַז ער זאָגט: „מען קאָן גאָר אַ בוך ניט, וואו מען קאָן עס ניט כמעט אויף אויסווייניג".

דאָס איז, פאַרשטייט זיך, ריכטיג נאָר וועגן אַ געוויסן — גאָר הויכן — סאָרט ווערק. ניט אַלץ דאַרף מען לייענען מיט אַזאַ כונה, ווען אפילו מען דאַרף עס לייענען. עס זיינען דאָ ביכער, וואָס עס איז גאַנץ גענוג צו לייענען זיי איינמאָל אָדער אפילו גאָר אַ האַלבן מאָל.

וועגן דעם, אַז מען דאַרף לייענען פאַרשיידענע סאָרטן ביכער אויף אַ פאַרשיידענעם אופן, מיט אַ פאַרשיידענעם גראַד אריינ־טאָן־זיך ווערט אָפט ציטירט אַ וואָרט פון בייקאָן. „עס זיינען דאָ ביכער", האָט געשריבן דער ענגלישער פילאָזאָף, „וואָס זיי־נען נאָר צום פאַרזוכן, אַנדערע דאַרף מען אָראָפּשלינגען און נאָר זייער אַ קליינע צאָל ביכער זיינען פאַראַן, וואָס מען דאַרף זיי צעקייען און פאַרדייען. דאָס הייסט: אין אַ סך ביכער זיינען דאָ נאָר טיילן צום לייענען, אַנדערע דאַרף מען לייענען אינ־

גאַנצן, אָבער ניט שטאַרק זיך אַריינטאָן אין זיי, און נאָר זייער אַ קליינע צאָל ביכער דאַרף מען לייענען פון אָנהייב ביז׳ן סוף מיט התמדה און גרוים כונה״.

דאָס לייענען מיט כונה און דאָס איבערלייענען און איבער־חזר׳ן איז וויכטיג גאָר באַזונדערס, ווען עס רעדט זיך וועגן פאָעטישע שאַפונגען. פאָעזיע האָט אין זיך ניט די באַשטימטקייט און די פעסטקייט, וואָס איז דאָ אין פּראָזע, דערהויפּט אין וויסנשאַפטלאַכער. אַ וויסנשאַפטלאַך ווערק האָט נאָר איין זין, און ער ענדערט זיך ניט. פאָעזיע ווערט אויפגענומען פון יעדן אויף אַ באַזונדער אופן. אַן עכט פאָעטיש ווערק, ווי אַן אמת שיין געזיכט, איז רייך אין אומענדלאַכע ענדערונגען. אָט האָט עס אַזאַ שמייכל אויף די ליפּן און אָט — אַן אַנדערן. אָט זיינען די שאָטנס דאָ און אָט — דאָרטן. עס ווענדט זיך, פון וואָסער זייט מיר קוקן אויף דעם און מיט וואָס פאַר אַ אויגן. אין אַ גוטער פאָעמע, ווי אין יעדן אמת׳ן קונסטווערק, קאָנען מיר דער־פאַר יעדן מאָל, ווען מיר לייענען עס, פילן גאָר אַ נייעם טעם. אין פאָעזיע (אַלץ איינס צי אין פערזן אָדער נישט אין פערזן) האָבן מיר, אַ חוץ אַלעם, הנאה פון די קלאַנגען און די ריטמען, נישט נאָר פון דעם לאָגישן זינען. און קלאַנגען, ווען זיי זיינען מוזיקאַליש, זיינען שטענדיג אַנגענעם, וויפיל מאָל מיר זאָלן זיי נישט הערן... אַ פּרק שפּינאָזע אָדער אַ בלאַט קאַנט, ווען איר האָט עס נאָר איינמאָל גוט דורכגענומען, וועט עס אייך שוין מער ניט אַזוי אַנטציקן, ווי צום ערשטן מאָל. אָבער אַ קאַפּיטל תהלים אָדער היינע׳ס אַ געדיכט, פון די געשמאַקערע, וועט אייך שטענדיג נעמען, וויפיל מאָל איר זאָלט עס נישט האָבן געלייענט. פאָעטישע ווערק זיינען פאַר אונז, ווי תפלות פאַר אַן אמת פרומען. ער זאָגט זיי יעדן טאָג מיט אַ נייער כונה, מיט אַ נייער פרישקייט.

אין אַ וויסנשאַפטלאַכן ווערק זוכן מיר אַ תכלית, אַ פּועל־יוצא, אַן אויספיר. באַקענען מיר זיך מיט׳ן רעזולטאַט פון דער פאָרשונג, איז שוין דער פּראָצעס, וועלכער האָט געפירט דערצו, נישט אַזוי וויכטיג. ביים געניסן קינסטלערישע שאַפונגען איז

דער עיקר דער פּראָצעס: דאָס לייענען, ניט דאָס האָבען גע־לייענט.

דערפאר זיינען גערעכט די, וועלכע זאָגן, אז מען קאָן אָפּ־שאַצן א ליטעראַרישן קונסטווערק לויט דעם, וויפיל מאָל מיר קענען עס לעזן. עס זיינען דאָ ביכער, וואָס איינמאָל לייע־נען זיי איז גאַנץ גוט, אָבער פּרוּווט אַריינקוקן אין זיי נאָך אמאָל, וועט אייך זיין לאַנגווייליג. דאָס זיינען יענע פלאכע ווערק, וועלכע איר קאָנט אויסשעפּן מיט איינמאָל. אַן אמת קונסטווערק קאָנט איר קיינמאָל ניט אויסשעפּן. איר האָט עס שוין געמעגט האָבן געלייענט צען מאָל, ווילט זיך עס אייך ווידער לייענען: איר ווערט נישט איבערגעזעטיגט.

ד. וואָס צו לייענען.

וואָס זאָל מען לייענען?

פון אויבנאויף קאָן זיך דאַכטן, אז עס האָט גאָר קיין זין ניט צו שטעלן אזא פראַגע. איז דען דאָ א לייען־רעצעפּט, וואָס זאָל זיין גוט פאַר אַלעמען? איז דען מעגליך צו מאַכן א רשימה פון צען אָדער הונדערט „בעסטע ביכער" און זאָגן: „אָט דאָס דאַרף מען לייענען"? עס ווענדט זיך דאָך ווער עס מאַכט די רשימה, און — פאַר וועמען זי ווערט געמאַכט. דער, וואָס מאַכט זי, פאַרלאָזט זיך אויף זיין אייגענעם גוסט, אויף זיינע פּערזענליכע דערפאַרונגען. אַנדערע קאָנען האָבן גאָר אַן אַנדער גוסט, אַנדערע דערפאַרונגען. אפילו אין יענע טיילן פון ליטעראַטור, וואו מיר זוכן דערהויפּט פאַקטן, קענטענישן און וואו עס קאָן זיין א מער־אָביעקטיווע מאָס, ווי געשמאַק, אָדער פּער־זענליכער איינדרוק, — אפילו דאָרט איז שווער צו רעקאָמענ־דירן ביכער מענטשן, וועלכע מען קען ניט. מען דאַרף וויסן, צו וואָס איינער איז צוגעגרייט לויט זיין בילדונג, צו וואָס איינער איז מכוגל לויט זיינע נאַטירלאַכע פייאיגקייטן, לויט זיינע גייס־טיגע אינטערעסען, איידער מען קאָן אים זאָגן וואָס צו לייענען. וועט א דאָקטאָר פאַרשרייבן א רפואה צו א קראַנקהייט, ווען ער האָט ניט אויסגעהערט, אויסגעפאָרשט דעם, וואָס ליידט פון איר?

דער דאָקטאָר ווייסט טאַקע זייער גוט, אַז אין אַזאַ און אַזאַ פאַל טוט מען דאָס און דאָס, אָבער ער דאַרף זיין זיכער, אַז ער האָט דאָ צו טאָן מיט אַזאַ און ניט מיט קיין אַנדער מחלה. ער דאַרף אויך וויסן אין וואָס פאַר אַ סטאַדיע איז די קראַנקהייט און אין וואָס פאַר אַ צושטאַנד עס געפינט זיך דעם קראַנקענ׳ס אָרגאַניזם. פּונקט אַזוי מוז מען פּערזענלאַך קענען דעם, וואָס מען וויל אים געבן אַ גייסטיגע דיעטע, אַ רפואת־הנפש. מען מוז וויסן, וואָס אים פעלט און וואָס ער פאַרמאָגט — גייסטיג. מען מוז זען, וואָס פאַר אַן אויפנעם־פעיאיגקייט ער האָט און וואָס פאַר אַ דענק־פעיאיגקייטן.

סתם אַזוי אַ צעטל „גוטע ביכער" קאָן האָבן אפשר אַ זין, ווען עס רעדט זיך וועגן קינדער. ביי זיי זיינען נאָך שוואַך אַנטוויקלט די אינדיווידועלע פאַרשיידנקייטן. זיי שטעלן פאַר מיט זיך איין טיפּ לעזער, ווען זיי זיינען פון איין עלטער (און איין געשלעכט). אָבער אפילו קינדער זיינען נישט אינגאַנצן גלייך איינע צו די אַנדערע אין דעם פּרט פון לייענען, ווי אין אַ סך אַנדערע פּרטים. ביי איין קינד קאָן דער גייסטיגער (אַזוי ווי דער פיזי־שער) וואוקס זיין אַ שנעלערער, ביי אַן אַנדערן — אַ מער פּאַ־מעלאַכדיגער. אַ קינד קאָן זיין אין „לייען־עלטער" פון אַכט יאָר, באָטש עס איז ערשט זעקס יאָר אַלט — און פאַרקערט. אויך די סביבה, וואו דאָס קינד געפינט זיך, האָט אַ געוויסן באַטייט. לאָמיר, אַ שטייגער, אָננעמען, אַז מיר זיינען קעגן „פאַנטאַסטישע" מעשה׳לאַך פאַר קינדער און מיר ווילן זיי געבן נאָר אַזאַ לייען־מאַטעריאַל, וואָס איז שייך צום ארומיגן לעבן. וועלן מיר פאַר אַלע קינדער גלייך רעקאָמענדירן, לאָמיר זאָגן, געשיכטן פון ספּע־ציעל־שטאָטישן אָדער ספּעציעל־דאָרפישן לעבן? ניין. דאָס, וואָס איז נאָענט דעם שטאָטישן קינד, קאָן זיין פרעמד דעם דאָר־פישן און פאַרקערט. אין שטאָט (אָדער אין דאָרף) גופא קאָן, צום ביישפּיל, איין קינד, צוליב געוויסע אומשטענדן, האָבן אַן אינטערעס פאַר חיות, דאָס צווייטע — ניט א. אז. וו.

איז אויב עס איז שווער צו מאַכן פאַר קינדער אַן אַלגעמיין־גילטיגע רשימה פון ביכער, הייַנט וואָס איז שוין צו ריידן וועגן

דערוואקסענע, וועלכע זיינען א סך מער פארשיידן איינע פון די אנדערע? דערוואקסענע קאן מען אודאי נישט געבן קיין עצות וועגן לייענען, וואס זאלן זיין גוט פאר אלעמען און פאר יעדן.

אזוי זעט עס אויס, און פונדעסטוועגן איז א פאקט, אז דאס רוב ביכער, וואס ס׳רוב מענטשן לייענען זיינען ביכער וואס אימיצער האט זיי רעקאמענדירט. אפילו דער בעסערער (אדער דוקא דער בעסערער) לעזער לייענט נישט דאס, וואס ער אליין קלייבט אויס. ווי קאן ער דען אויסקלייבן? עס זיינען דא אין די גרויסע ליטעראטורן טויזנטער, צענדליגער טויזנטער ביכער אויף יעדן געביט. יעדעס יאר קומען־צו נייע. איז דען מעגליך פאר׳ן לעזער צו „כאפן א קוק” אין יעדער פון אט דער אומגעהייערער צאל אויסגאבן און זען צי איז זי גוט אדער שלעכט פאר אים? ווען א לעזער זאל דאס וועלן טאן, ווען ער זאל אין דעם ענין פון אויסקלייבן וואס צו לייענען וועלן זיין זיין אייגענער געזעצגעבער, וואלט אים ניט גע־בליבן קיין צייט, ווען צו לייענען. ער וואלט דעם גאנצן לעבן געמוזט פארברענגען אין קלייבן, אין זוכן, אין פארזוכן. מוז ער זיך פארלאזן, צי ער וויל צי ניט, אויף דעם, וואס אנדערע זאגן. און אויב ער נעמט לייענען א קלאסיקער, איז עס ניט דערפאר, ווייל ער איז אליין זיכער, אז ער וועט ביי דעם שרייבער געפינען עפעס ווערטפולעס, נאר ווייל אנדערע מענטשן אין פאר־שיידענע צייטן האבן עס געלייענט און אזוי ארום עדות געזאגט, אז עס איז גוט. אויב ער נעמט לייענען א בוך פון א מאדערנעם שרייבער, איז עס ניט ווייל ער אליין ווייס (פון וואנען זאל ער ווייסן?) אז עס איז אן אינטערעסאנט בוך, נאר ווייל ער האט געהערט אדער געלייענט וועגן דעם א גוטע מיינונג. אימי־צער מוז ווייזן דעם לעזער וואו איין און וואו אויס אין דעם לאבירינט פון געדרוקטן ווארט. אימעצנ׳ס א רעקאמענדאציע מוז א בוך האבן, כדי דער געוויינטלאכער לעזער זאל זיך מיט דעם פאראינטערעסירן. איז עס נישט די רעקאמענדאציע פון די פריערדיגע דורות (ווי אין דעם פאל פון קלאסיקער), איז עס די קאלעקטיווע מבינות פון דער עפנטלאכער מיינונג, אדער דער

ליבגעזאַנג פון אַ קריטיקער אָדער דער „פאַר זיך אַליין ריידנדיגער" נאָמען פון אַ באַרימט געוואָרענעם פּראָפעסער...

איז עס ניט קיין מאָדנע לאַגע ? פון איין זייט איז אוממעגלאַך צו זאָגן אַן אַנדערן, וואָס צו לייענען, ווען מען קען אים נישט גוט פערזענלאַך ; פון דער אַנדערער זייט האַלט זיך דאָס לייענען פון דאָס רוב מענטשן אויף די מיינונגען און רעקאָמענדאַציעס פון אַנדערע. פון איין זייט איז קיין ראיה ניט, אַז אַ בוך איז גוט פאַר מיר, ווען עס געפעלט אַנדערע ; פון דער אַנדערער זייט האָב איך קיין אַנדער אָנשפּאַר ניט, ווען איך וויל אויסקלייבן ביכער צום לייענען, ווי די הסכמה פון אַנדערע.

כמעט אַלע, וואָס שרייבן וועגן לייענען, זיינען ברוגז אויפ'ן לעזער פאַרוואָס ער ווייזט נישט אַרוים קיין זעלבסטשטענדיגקייט און האָט ניט קיין אייגענעם געשמאַק, ווען עס קומט צו אויסקלייבן וואָס צו לייענען, אָבער זיי זאָגן ניט, ווי, פון וואַנען זאָל דער עולם וויסן, וואָס עס איז גוט פאַר אים און וואָס ניט, ווען עס ליגט פאַר אים אַ לאַנגער קאַטאַלאָג פון ביכער, וועלכע זיינען אים נישט באַקאַנט.

„דאָס בעסטע בוך פאַר אייך", האָט געזאָגט קאַרלייל אין זיינער אַ לעקציע וועגן אויסקלייבן ביכער — „דאָס בעסטע בוך פאַר אייך איז דאָס בוך, וואָס איר זענט זייער נייגעריג עס צו לייענען". און געטע האָט אין אַ געשפּרעך מיט עקערמאַנען אַמאָל געזאָגט, אַז „אייגנטלאַך וואָלט מען גדאַרפט לייענען נאָר דאָס, וואָס מען באַוואונדערט". אָבער ווי קאָנען מיר וויסן, צי האָבן מיר אַן אינטערעס צו דעם בוך, איידער מיר האָבן עס געלייענט ? די טעמעס, דער נאָמען, דער פּראָפעסער קאָן אונז אַמאָל מאַכן נייגעריג. אָבער ווי וויסן מיר, צי וועט די נייגעריגקייט אונזערע געשטילט ווערן ? עס איז אמת, וואָס קאַרלייל זאָגט, אַז ווען מיר לייענען אַ בוך, צו וועלכן מיר האָבן אַן אינעווייניגסטע שייכות, זיינען מיר אין „די סאַמע צוגעפּאַסטע און גוטע באַדינגונגען, וואָס קאָנען נאָר זיין, צו האָבן אַ פּעולה פון בוך". אָבער — ווידער אַמאָל — די דאָזיגע אינעווייניגסטע שייכות צום ווערק קאָן ווערן ביי אונז ערשט דאַן, ווען מיר האָבן עס געלייענט. דאַרפן מיר דאָך וויסן, איידער מיר האָבן פאַרזוכט

דעם טעם דערפון, צי זאָלן מיר עס נעמען אין מויל אריין אָדער ניט. און דאָ בלייבט נאָר צוצוהערן זיך צו דער מיינונג פון די, וואָס האָבן זיך באַקענט דערמיט. און דאָס הייסט, צו דער מיינונג פון די, וואָס האָבן אפשר גאָר אַנדערע אינטערעסן, אַנ־דערע צילן און ממילא אויך אַן אַנדער מאָס, ווי מיר...

איז דער איינציגער אויסוועג — אַ פּשרה: אי פֿאַרלאָזן זיך, אי ניט פֿאַרלאָזן זיך אויף די רעקאָמענדאַציעס פון אַנדערע. פֿאַרלאָזן זיך אויף זיי ביים אויסקלייבן ביכער און ניט פֿאַרלאָזן זיך אויף זיי, נאָר רעכענען זיך מיט דעם אייגענעם איינדרוק, ביים לייענען. דאָס מיינט צו זאָגן, אַז אויב איך האָב גענומען לייענען דעם בוך, וואָס איז מיר רעקאָמענ־דירט געוואָרן פון אַן אויטאָריטעט, און האָב ניט דערפילט קיין טעם אין דעם, בין איך נישט מחויב צו מאַטערן זיך. איך מעג אוועקלייגן דעם בוך אָן אַ זייט און טראַכטן, אַז אָדער דער אוי־טאָריטעט האָט אַ טעות געהאַט און עס איז גאָרניט קיין גוט בוך, אָדער עס איז גוט פאַר אַנדערע, נישט פאַר מיר.

און אָט דאָ איז אפשר דאָ אַ מעגלעכקייט פון אַן עצה, וואָס קאָן טויגן פאַר אַלעמען. די עצה קאָן אַזוי פֿאָרמולירט ווערן:

רעכן זיך מיט דער מיינונג פון אויטאָריטעטן ביים עפענען אַ בוך, האָב דיין אייגענע מיינונג ווען דו פֿאַרמאַכסט עס. און האָב דעם מוט צו פאַרמאַכן עס נאָך די ערשטע עטלאַכע בלעט־לאַך!

אין דעם דאָזיגן פּשוט'ן און כמעט זעלבסטפאַרשטענדלאַכן כּלל נויטיגן זיך דוקא די לעזער, וואָס געהערן אָדער רעכענען זיך צו צום אינטעליגענטערן קלאַס מענטשן. אַ פּראָסטער לעזער, אַזוי ווי אַ קינד, וועט נישט לייענען אַ זאַך, וואָס לאַנגווייליגט אים. פּאָלקס־מענטשן און קינדער האָבן צו זייער גייסטיגער, ווי צו זייער פיזישער, נערונג אַ ניט־געקינצלטע און אַן אָנ־חכמות'דיגע באַציאונג. געפעלט זיי ניט דאָס מעשה־ביכל, ווארפן זיי עס אַוועק. און פאַרקערט, האָט עס ביי זיי אויסגענומען,

קאָנט איר זיי נישט אָפּרייסן דערפון. אַמאָל קאָן **אונז** ניט זיין צום האַרצן, וואָס זיי „נאַשן", אָבער זיי אַליין האָבן הנאָה דערפון, אַניט וואָלטן זיי עס ניט געלייענט. אַנדערש איז מיט דעם אַזוי אָנגערופענעם אינטעליגענטן לעזער. ער לייענט אָפּט פון **מצוה וועגן**. איז אַ בוך אַריין אין מאָדע, מוז ער, „אַלס אינטעליגענטער מענטש", דאָס האָבן געלייענט, כאָטש עס אינטערעסירט אים ניט, כאָטש עס לאָזט אים גלייכגילטיג. האָט זיך געוויזן עפּעס אַ „נייע ריכטונג", איז ער, „אַלס אַזעלכער", מחויב איר „נאָכצופאָלגן", כאָטש זי איז אים אינגאַנצן פרעמד. איז ער אַ אידישיסט, האַלט ער „פאַר זיין הייליגן חוב" צו לייענען אַלץ, וואָס „דערשיינט" אויף אידיש, אפילו דאָס, וואָס האָט צו איהם קיין שייכות ניט. דער סוף איז, אַז זיין לייענען ווערט עפּעס אַ מעכאַנישע זאַך — און דאָס איז דער אומאינ־טעליגענטסטער סאָרט לייענען.

דערפאַר איז צו ראַטן דעם לעזער, אַז ער זאָל געדענקען דעם כלל פון דר. דזשאָנסאָן, דעם כלל, וואָס זאָגט, אַז „אַ מענטש דאַרף לייענען נאָר דאָס, צו וואָס עס ציט אים, ווארים פון דעם, וואָס ער לייענט על־פּי מוז, האָט ער גאַנץ ווינציג נוצן".

בלייבט נאָך אַלץ די אַלטע קשיה: פון וואַנען זאָל דער לעזער ויסן, אַז דאָס אָדער יענעס בוך האָט אין זיך עפּעס אַזוינס, וואָס קאָן אים פאַראינטערעסירן? דאַרף מען איבער־דרייען קאַרלייל'ס, געטע'ס און דזשאָנסאָנ'ס כלל און פאָרמולירן עס נעגאַטיוו: — לייען **ניט** (אָדער הער אויף צו לייענען) דאָס, פון וואָס דו האָסט קיין הנאָה ניט!

דערפון איז, פאַרשטייט זיך, ניט געדרונגען, אַז אַלץ, פון וואָס מען האָט הנאָה ביים לייענען, איז גוט. עס ווענדט זיך, אין וואָס די הנאָה באַשטייט און פון וואַנען זי נעמט זיך. עס קאָן זיין ביים לייענען, ווי ביים עסן, אַ „פאַלשער אַפּעטיט", ווי קאַרלייל רופט עס אָן, און עס איז גאַנץ שווער זיך אויס־צולערנען צו אונטערשיידן דעם פאַלשן אַפּעטיט פון דעם אמת'ן. איין זאַך אָבער איז קלאָר: אַזעלכע ביכער, צו וועלכע מען האָט גאָר ניט קיין אַפּעטיט, איז מען ניט מחויב צו לייענען.

איז דאָס אַן ענטפער אויף דער פראַגע: וואָס זאָל מען נ י ט לייענען. אָבער וואָס ז אָ ל מען לייענען?

מען קאָן ניט מאַכן קיין רשימה פון באַשטימטע איינציגע ביכער, וואָס זאָלן זיין גוט פאַר אַלעמען. אָבער מען קאָן אָנווייזן אויף געוויסע סאָרטן ביכער און ריידן וועגן זייער גרעסערן אָדער קלענערן ווערט. מען קאָן זיך אָפּשטעלן אויף יענע ברייטערע פראַגן, וועלכע קומען־אויף און מוזן אויפקומען ביי דעם אינטעליגענטן לעזער, ווען ער וויל באַשטימען פאַר זיך אַליין דעם מין אָדער די מינים ווערק, וואָס ער זאָל שטודירן.

דאָס קינד און דער פרימיטיווער מענטש האָבן ליב נאָר איין סאָרט ליטעראַטור: מעשיות! אָבער דער פאַרשטענדיגער לעזער ווייס, אַז עס זיינען דאָ אַ סך פאַרשיידענע פרוכטבוימער אין דעם גאָרטן פון ליטעראַטור, און ער מוז וויסן, וואו אַ שטייגער זאָל ער מער און פריער זוכן וואָס צו לייענען, — אין דער קלאַ־סישער אָדער אין דער מאָדערנער ליטעראַטור, וועלכע ביכער קאָנען בעסער שטילן זיין נשמה־דורשט, וויסענשאַפטלאַכע אָדער קינסטלערישע, וואָסערע שרייבער קאָנען מער וועקן און מער באַפרוכפּערן זיין געדאַנק, אַזעלכע וואָס זיינען אים נאָענט, אָדער פאַרקערט גאָר אַזוינע, וועלכע רופן אַרויס זיין געגנער־שאַפט א. אַ. וו.

אויך אויף אָט די אַלגעמיינע פראַגן קאָן מען ניט געבן קיין ענטפער, וואָס זאָל זיין גוט פאַר אַלעמען גלייך. אויך דאָ איז וויכטיג צו וויסן, וואָס פאַר דערציאונג איינער האָט באַקומען, וואָס פאַר אַ געשמאַק ער האָט, וואָס פאַר אַ געוואוינהייטן א. אַז. וו. אָבער עס לוינט זיך דאָך צו ריידן וועגן די פאַרשיידענע ס אָ ר ט ן ביכער און דער פאַר־שיידנקייט פון זייער ווערט, מחמת מיר זיינען אַלע פאַראינ־טערעסירט אין דער ע צ ם ב אַ ט ר אַ כ ט ו נ ג פון די דאָזיגע אַלגעמיינע פראַגן, מיר מוזן וויסן אַלע פ אַ ר ־ און ג ע ג ן ־ מאָטיוון, איידער מיר באַשטימען אונזער אייגענע באַציאונג צו זיי.

ה. אלטע און נייע ליטעראַטור.

וואָס פֿאַר אַ פּאַר־ און געגן־מאַטיוון קאָנען זיין ביים פֿאַרגלייכן די מאָדערנע ליטעראַטור מיט דער קלאַסישער, ווי מאַטעריאַל צום לייענען?

ווען מען וויל מאַכן דעם דאָזיגן פֿאַרגלייך, מוז מען געדענקען, אַז „מאָדערן“ און „קלאַסיש“ זיינען ניט אַזעלכע באַשטימטע באַגריפֿן, ווי עס קאָן זיך אויסדוכטן. כמעט אַלע ווערק, וואָס מיר רעכענען זיי צו איצט צו דער קלאַסישער ליטעראַטור, זיינען אין זייער צייט געווען דוקא מאָדערן, און אייניגע פֿון זיי אַפֿילו רעוואָלוציאָנער. אַ שטייגער, וויקטאָר הוגאָ רעכנט זיך איצט פֿאַר אַ קלאַסיקער פֿון דער איראָפּעאישער ליטעראַטור אין נייַנצענטן יאָרהונדערט, אָבער ווען ער האָט געשאַפֿן זיינע ווערק איז ער געווען אַ נייער, שיר ניט אַ רעוואָלוציאָנער. נאָך אַ בעסערער ביישפּיל זיינען אונזערע אידישע קלאַסיקער — מענדעלי, פּרץ, שלום־עליכם. זיי האָבן ניט געהאַט פֿאַר זיך קיין מוסטערן אין דער אידישער ליטעראַטור פֿון זייער צייט, זיי האָבן געשריבן אויף אַ נייעם שטייגער, און אַפֿילו שלום־עליכם, וואָס האָט זיך געהאַט פֿאַרקוקט אויף מענדעלי׳ן, איז געגאַנגען דערנאָך אויף זיין אייגענעם וועג. איצט איז ער, אַזוי ווי מענדעלי אָדער פּרץ, אַ אידישער קלאַסיקער. שפּעטער וועלן די מער ווערטפֿולע פֿון די היינטיגע שרייבער ווערן קלאַסיקער.

דערפֿאַר איז גלייכער ניט צו געברויכן די ווערטער קלאַסיקער און מאָדערנע, נאָר צו ריידן וועגן יענע ווערק, וועלכע זיינען אונז געבליבן בירושה פֿון די פֿריערדיגע דורות און די וואָס אונזער אייגענער דור שאַפֿט. וואָסערע פֿון דיביידע מינים איז וויכטיגער פֿאַר אונז?

דער ענטפֿער אויף דער פֿראַגע ווענדט זיך אָן דעם, וואו מען שטעלט די טראָפּ, ווען מען רעדט וועגן די ביכער וואָס זיינען געבליבן פֿון די פֿריערדיגע דורות. שטעלט מען די טראָפּ אויף „די פֿריערדיגע דורות“, ווערט מען ניט נתפּעל פֿון די ווערק, וואָס זיי האָבן איבערגעלאָזן. זיי האָבן געהאַט, זאָגט

מען, אנדערע פירונגען, אנדערע השגות ווי מיר. זייערע שרייבער האָבן, ריידענדיג מיט די ווערטער פון געאָרג בראַנדעס, „געשריבן פאַר אַ פריערדיגן דור און דעריבער האָבן זיי געוויינטלאַך אין זיך עפּעס, וואָס איז דעם אויפוואַקסנדיגן דור פרעמד. איז אפשר די גלייכסטע זאַך פאַר אים טאַקע אָנצוהויבן פון די ביכער, וואָס זיינען געשריבן פאַר די מענטשן פון דער היינטיגער צייט. די דאָזיגע ביכער פאַרשטייט די יוגנט גוט, און דורך זיי ליגט דער וועג צו די גרויסע שרייבער פון דער פאַרגאַנגענהייט".

אנדערע גייען נאָך ווייטער פון בראַנדעס'ן און האַלטן, אַז „די שרייבער פון דער פאַרגאַנגענהייט" זיינען בכלל ניט מער ווי אַ שטיק פאַרגאַנגענהייט, און אויב מען לייענט זיי, איז עס ניט דערפאַר, ווייל מען האָט צו זיי אַ לעבעדיגן און אַן אויפ־ריכטיגן אינטערעס, נאָר ווייל עס רעכנט זיך פאַר אַ סימן פון געבילדעטקייט צו האָבן געלייענט די „מוסטערהאַפטע ווערק" פון דער אַלטער ליטעראַטור. „וויפיל קלאַסישע פאַרפאַסערס", פרעגט אַן ענגלישער עסעיאיסט, „וואָלטן מיר געלייענט, ווען מיר זאָלן זיין זיכער, אַז מען וועט ביי אונז קיינמאָל ניט פרעגן וועגן זיי?" און אַזוי ווי עס זיינען דאָ מענטשן, וואָס זיינען זיכער אין דעם, איז די אַלטע ליטעראַטור פאַר זיי גאָר אינגאַנצן אַן איבעריגע זאַך.

אָבער דאָס איז נאָר ווען מען קוקט אויף איר, ווי אויף אַן ענין פון דער פאַרגאַנגענהייט. שטעלט מען די טראָפּ ניט אויף דעם, וואָס זי איז געבליבן פון אַ מאָ ל, נאָר אויף דעם וואָס זי איז ג ע ב ל י ב ן, מוז מען האָבן אויף איר גאָר אַן אַנדער קוק. מען מוז איינזען, אַז זי האָט אין זיך עפּעס וואָס פאַרגייט ניט, כאָטש זי שטאַמט פון דער פאַר־גאַנגענהייט.

זי איז באַשאַפן פון יענע אמת־גוטע שרייבער, וועלכע האָבן געלעבט פאַר ז י י ע ר צייט נאָר דערפאַר, ווייל זיי לעבן פאַר אַלע צייטן, און מען דאַרף זי לייענען ניט מחמת דעם וואָס זי איז אַלט, נאָר, פאַרקערט, דערפאַר וואָס זי איז נ י ט אַלט געוואָרן.

וועט מען פרעגן: ווי קאָן עס געמאָלט זיין, אַז אַ בוך זאָל ניט אַלט ווערן? איז דען דאָ אויף דער וועלט אַ שאַפונג, וואָס זאָל ניט טראָגן אויף זיך דעם שטעמפּל פון איר צייט? ניטאָ אַזאַ! היינט אויב אַזוי, וואָס פאַר אַ ווערדע קאָן האָבן אַ בוך נאָכדעם ווי זיין צייט איז אַוועק?

אויף דער פראַגע וואָלט מען געמוזט ענטפערן נ י י ן, ווען אין יעדער עפּאָכע פון דער מענטשלאַכער געשיכטע זאָל לעבן גאָר אַן אַנדער מענטשהייט. אָבער עפּאָכעס זיינען עטאַפּן אויפ׳ן וועג פון א י י ן א ו ן ד ע מ ז ע ל ב י ג ן מענטשלאַכן מין. זיינע הויטן, זיינע שאָלעכצן בייט ער, ניט זיין תוך. און די גרויסע ליטעראַטור רירט אָן דעם תוך. כדי צו קאָנען אים אָנרירן, מוז זי דורכגיין דורך דער הויט — דורך דער באַזונדערקייט פון דער אָדער יענער עפּאָכע, — אָבער זי באַנוגנט זיך ניט מיט׳ן דורכלייכטן די הויט — די צייט. דורך דער דורכזיכטיג געוואָרענער שאָלאָכץ צייגט זי אונז דאָס טיפערע, דאָס מער דויערהאַפטיגע, דאָס וואָס האָט אַ ווערט פאַר אַלע צייטן.

און אָט דאָס איז דער הויפּט-אונטערשייד צווישן דאָס רוב אַלטע ביכער, וואָס זיינען אויפגעהויט געוואָרן, און דעם גרעסטן טייל ביכער, וואָס ווערן געשריבן אין אונזער אייגענער צייט. די לעצטע זעען אָפט אויס צו זיין נענטער צו אונז, אָבער דאָס איז נאָר דערפאַר, ווייל זיי זיינען נענטער צו דער ה ו י ט, צו דער שאָלעכץ, צו דעם צייט-קאָליר פון א ר ו ם. מאָרגן וועט דער קאָליר זיך ענדערן, אַ נייע הויט וועט זיך אָנטאָן אויפ׳ן לעבן: וועלן זיי זיין טויט. אין די אַלטע ביכער איז דער קאָליר אָפּגעבלאַקירט, די שאָלעכץ צעשפּאָלטן, פאַרטריקנט; קאָן עס אונז ניט אָפּנאַרן. און אויב ס׳ציען זיך צו זיי דאָך דורות נאָך דורות, אויב מענטשן, און דערהויפּט רייפע מענטשן, הערן ניט אויף צו געפינען אין זיי שיינקייט און אמת׳דיקייט, איז עס אַ סימן, אַז עס איז דאָ אין זיי עפּעס טיפס, עפּעס דויערהאַפטיגס, עפּעס וואָס לאָזט אפילו זייער „הויט” ניט איינגאַנצן איינטריקענען.

קאָן דאָס ניט זיין אין אַ נייעם בוך? געוויס קאָן עס זיין! זיינען דאָך די אַלטע ביכער, וואָס וועגן זיי ריידן מיר דאָ, ניט געבוירן געוואָרן אַלט. זיי זיינען געווען ניי, ווען זיי זיינען אַרויס אויף דער ליכטיגער שיין. קאָנען אויך היינט באַשאַפן ווערן ווערק, וואָס זאָלן פון הויט זיך ציען צום תוך און פון איצט צום שפּעטער. און ווען זיי ווייזן זיך, זיינען זיי אודאי וויכטיגער פאַר אונז, ווי די שאַפונגען פון אַמאָל, מחמת אין זיי איז אונז נאָענט און פאַרשטענדליך און ווערטפול אפילו דאָס צייטליכע, דאָס פאַריבערגייענדיגע. זיי ריידן צו אונז מיט אַלע זייערע אברים, מיט יעדן ריר און קנייטש, מיט'ן מינדסטן פּינטעלע... אויף אַלע קלאַנגען פון אַ גרויסן דיכ־טער, וואָס געהערט מיט אונז צו איין דור, איז דאָ אין אונזער נשמה אַן אָפּקלאַנג. ביי די עלטערע דיכטער, אפילו ביי די היינעס און די שעלים און די פּושקינס געפינען זיך קלאַנגען, וואָס זיינען שוין טויט פאַר אונז, און ווערטער, וועלכע מיר פילן ניט. זיינען די גרויסע פון אונזער צייט פאַר אונז געוויס וויכטיגער, ווי די אַמאָליגע גרויסע. אָבער וויפיל ווערן עס געשאַפן אין איין דור גענ‌יאַלע ווערק? און קאָן דען ניט געמאָלט זיין אַ דור, וואָס אים זאָל אינגאַנצן ניט באַשערט זיין צו האָבן אַ גאון? ווען מיר זאָלן לייענען נאָר די ליטע־ראַטור פון אונזער צייט, קאָן זיך טרעפן, אַז מיר זאָלן ניט פאַרזוכן דעם טעם פון אַן אמת־גרויסן טאַלאַנט... אָט פאַרוואָס מיר מוזן זיך ווענדן פון צייט צו צייט צו די אַמאָליגע גרויסע שרייבער.

די מוסטערהאַפטע ליטעראַטור פון די פריערדיגע צייטן איז אגב וויכטיג שוין דערמיט אַליין, וואָס זי איז אַן אָפּגע־קליבענע ליטעראַטור. זי איז ניט די גאַנצע וואָרט־שאַפונג פון די אָדער יענע דורות, פון דעם אָדער יענעם פאָלק; זי איז דער תמצית, דער יסוד, די קרוין פון דעם ליטעראַרישן שאַפן פון אַלע דורות און אַלע פעלקער... אין דער נייער ליטעראַטור איז דאָ פּלאַץ אויך פאַר גאונים. אין דער אַלטער, אָפּגעקלי־בענער, ליטעראַטור, וואָס וועגן איר רעדט זיך דאָ, ווערן אריינ־

געלאָזן נאָר גאונים *). און איך קאָן אפילו מיטפילן מיט דעם דרייסטן ענגלישן קריטיקער, העיזליט, וועלכער האָט געהאַט דעם מוט צו זאָגן אָפן: „איך האָב מער צוטרוי צו די טויטע ווי צו די לעבעדיגע". פשוט דערפאר, ווייל דאָס רוב לעבעדיגע וועלן מאָרגן זיין טויט, בעת פון די טויטע זיינען אין דער ליטעראַטור ס'רוב איבערגעבליבן די, וואָס זיינען, ווי מען רופט דאָס אָן, אומ־שטערבלאַך, די, וואָס זיינען אמת'ע גאונים.

אָבער גאונות, וועט מען זאָגן, איז ניט אַלץ. אריסטאָטעל האָט זיך געמעגט זיין אַ געני, פונדעסטוועגן וועלן מיר ניט גיין צו אים לערנען איצט וויסנשאַפט, מחמת ער האָט אַ סך זאַכן פשוט ניט געוואוסט, ניט געקאָנט וויסן. מיר, היינטיגע, האָבן ניט אין ערך מער קענטענישן, ווי די אַמאָליגע, וועגן דער וועלט, דערהויפּט דער דרויסנדיגער, און דער וואָס וויל זיך באַקענען מיט די פאַקטן פון לעבן און די געזעצן פון דער נאַטור, דאַרף געוויס זיך ווענדן צו דער מאָדערנער, ניט צו דער פאַרצייטיגער ליטעראַטור. אָבער קונסט איז ניט וויסנ־שאַפט.

אין קונסטווערק, ווי אויך אין די ווערק פון אמת'ע פילאָ־זאָפן, זוכן מיר ניט קיין פאַקטן און קיין דרויסנדיגע אמת'ן, נאָר יענע וואונדערלאַכע אַנטפּלעקונג פון מענטשלאַכן גייסט, וואָס מיר רופן אָן שאַפן, יענעם כח, וועלכער ווישט אָפּ די גרעניצן פון עפּאָכעס, וועלכער רייסט אַראָפּ פון לעבן זיינע אַלע מאַסקעס און ווייזט אונז זיין אמת'ן און שטענדיגן געזיכט. דער דאָזיגער כח איז געווען אַמאָל אַזוי גרויס ווי איצט, און עס וואָלט געווען אָן אומזין צו זוכן אים נאָר אין דער ליטעראַטור פון היינט. עס וואָלט געווען די געפערלאַכסטע, נאַרישסטע זעלבסטבאַגרעניצונג צו פאַרשפּאַרן זיך אַליין אין די פיר איילן פון דעם אייגענעם דור און ניט אַריינקומען אין יענע אומגע־

*) אפילו אין דער רעליגיעזער ליטעראַטור, וועלכע האָט אויפגעהיט אַ סך זאַכן צוליב זייער הייליגקייט מער, ווי צוליב זייער גרויס־קייט, — אפילו אין די רעליגיעזע זאַמלונגען, ווי, צום ביישפּיל, אין אונזער תנ"ך, זיינען דאָס רוב אַריינגענומען געוואָרן נאָר גרויסע ווערק.

זעענע טעמפּלען, וואו עס זיצן אַלע ראַטגעבער, טרייסטער און העל־זעער פון דער מענטשהייט...

אָבער אין דער לעצטער צייט מערקט זיך אַ טענדענץ איינ־צוריידן דעם לעזער, אַז נאָר דאָס איז גוט, וואָס איז מאָדערן, אָדער ריכטיגער, וואָס איז אין מאָדע. די דאָזיגע טענדענץ פאַרפירט דעם יונגן, נאָך ניט געניטן לעזער, און זי איז עלול צו לאָזן די וואָרט־קונסט איינשרומפּן און אַראָפּזינקען ביז צו אַ ליטעראַטור פון צייט־פראַגן און מאָדע־זאַכן...

מען מישט צונויף צייט־דיכטונג מיט טאָג־ליטעראַטור. מען פאַרשטייט ניט, אַז דער דיכטער, וואָס איז אין טיפערן זינען מ אָ ד ע ר ן, פ אַ ר אַ י י ב י ג ט די צייט, וועלכע איז געוואָרן פאַר אים שטאָף אָדער סטימול. ער נעמט פון דער צייט דאָס איבערצייטלאַכע, וואָס איז דאָ אין איר. אויב עס איז, צום בײַ־שפּיל, אַן עפּאָכע פון רעוואָלוציעס, פון שטורעמס, זעען מיר אין איר אמת'ער דיכטונג נישט נאָר די היסטאָריש־פאַראיבערגייענדיגע סביבה־אומשטענדן, און נישט נאָר די צייטווייליגע נשמה־צו־שטענדן. מיר דערשפּירן דעם מענטשן בכלל, די אויפגעברויזטקייט, צערודערטקייט, כאַאָטישקייט פון דער מענטשלאַכער נשמה. די וואולקאַנישע דערשיינונגען פון לעבן הערן אויף צו זיין דורך דער דיכטונג פון אַזאַ צייט צופעליגע קאַטאַסטראָפאַלע אויסבראָכן. זיי ווערן פאַרטיפט ביז צו דער אונטערערדישער וואָרצלדיגקייט פון געהיימע לעבנסגעזעצן. דער מענטש און זיין לעבנסגאַנג וועט זיך באַלד, ווייסן מיר, איינשטילן, באַרואיגן; אָבער די ר ו, זאָגט אונז די דיכטונג פון אויפגעציטערטע צייטן, — איז נאָר דער אָ פּ ר ו פון שטורעמס: ב י י ד ע, די רו און דער שטורעם, שאַפן דעם ריטם פון ים, וואָס הייסט לעבן. דער ים איז ים אי ווען ער שפּיגלט זיך רואיג און גלאָט אויף דער זון, אי ווען די כוואַליעס זיינע שטורעמען, רייסנדיג זיך צו די וואָלקנס און עפּע־נענדיג אָפּגרונטן. די אמת'ע קונסט פון אויפגערודערטע דורות באַקענט אונז נישט נאָר מיט דער פייאיגקייט פון מענטשן צערו־דערט צו ווערן. זי צייגט אונז אויך אַנדערע פייאיגקייטן, אייגנ־שאַפטן, געזעצן פון לעבן, ווי זיי זעען אויס ביי אַזעלכע אומרו־

איגע דורות. זי ציינט אונז דעם י ם אין שטורם, נישט נאָר א ש ט ו ר ם אויפ׳ן ים. דערפאַר איז זי אַזוי דויערהאַפטיג, ווי דער ים, ניט אַזוי שנעלפאַראיבערגייענדיג, ווי אַ שטורמווינט. און זי עקזיסטירט פאַר אַלע דורות, ניט נאָר פאַר דעם דור, וואָס האָט זי געשאַפן.

דאָס איז אַזוי קלאָר, אַז מען האָט וועגן דעם גאָרניט געדאַרפט רעדן. אָבער עס זיינען דאָ „מאָדערנע" שרייבער, וואָס מיינען גאַנץ ערנסט, אַז אין צ ײ ט־ד י כ ט ו נ ג שטייט די טראָפּ אויפ׳ן וואָרט צ ײ ט, ניט אויפ׳ן וואָרט ד י כ ט ו נ ג. זיי פילן אפשר אַליין ניט, ווי זיי דערנידעריגן די צייט־דיכטונג ביז צו טאָג־ליטעראַטור, וועלכע פאַרגייט אינאיינעם מיט דעם טאָג, וואָס האָט זי געבראַכט. עס קומט אויס, לויט דער מיינונג פון די דאָזיגע פאַלשע מאָדערניסטן, אַז ניט די תקופה, ווען דער דיכטער שאַפט, ווערט דורך אים דערהויבן און געלייטערט, נאָר, פאַרקערט, ער ווערט אין איר און אירע אומשטענדן אַזוי פאַרזונקען, אַז ווען זיי פאַרשווינדן, האָט אויך ער ניט קיין קיום. מיט איר איז ער געקומען, מיט איר אינאיינעם גייט ער אַוועק. קיינער פאַרשטייט אים מער ניט, קיינער דאַרף אים מער ניט...

פון צוויי זייטן בלאָזן ביי אונז אָט די ווינטן, וועלכע ווילן אונז אָפּרייסן פון די אַלטע טויזנט־יאָריגע וואָרצלען, פאַרטרייבן פון די אור־קוואַלן, וועלכע נערן יעדע ליטעראַטור, און צובינדן אונז צו די ליטעראַרישע טאָג־זאַכן. זיי בלאָזן, די ווינטן, פון דאָרטן, וואו עס איז געמאַכט געוואָרן אַן איבערקערעניש אין דעם פּאָלי־טישן לעבן, און אויך פון דאָרט, וואו עס ווערן געפּלאַנט ליטע־ראַרישע רעוואָלוציעס.

ביידע סאָרטן רעוואָלוציאָנערן, די פּאָליטישע און די קינסט־לערישע, אַטאַקירן די וואָרט־שאַפונג, וועלכע שטאַמט ניט פון היינטיגער צייט, אָבער נאָר זעלטן זיינען די אַטאַקעס זייערע פאַר־אייניגט. דאָס רוב האָבן זיי פאַרשיידענע אויסגאַנגס־פונקטן און שטעלן זיך ניט איינע און די זעלביגע צילן.

אונזערע פּאָליטישע קעמפער ווילן אַ ליטעראַטור מיט אַ

נייעם, א „רעוואָלוציאָנערן״, אינהאלט. די ריין־קינסטלע־רישע איבערקערער ווילן מאָדערניזירן דעם ריטם, דעם סטיל פון ליטעראַרישן שאַפן.

לאָמיר זיך אָפּשטעלן פריער אויף די פּאָליטיש־רעוואָלוציאָנערע געגנער פון דער ליטעראַרישער ירושה. זיי זײַנען קעגן איר, ווייל זי טויג ניט, זאָגן זיי, פאַר אַ כלי־זין אין קאַמף. ליטעראַטור איז, פון זייער שטאַנדפּונקט, גוט נאָר דעמאָלט, ווען זי קאָן אויסגעניצט ווערן פאַר די צילן פון רעוואָלוציאָנערע אויפשטאַנדן... דאָס איז — ניט אמת? — שוין אַביסל אַ צו־איינזייטיגע אָפּשאַצונג פון יענער גרויסער און וואונדער־לאַכער קונסט, וואָס מיר רופן אָן ליטעראַטור. קאָן דער לעזער מיך חושד זיין, אַז איך האָב אפשר ניט ריכטיג איבערגעגעבן די געגנערישע מיינונג. וועל איך ציטירן אָן אַרטיקל פון מ. ליט־וואקאָוו, זייער אָן אָנגעזעענעם פאָרשטייער פון דער דאָזיגער ריכ־טונג אין אונזער וועלטל. דער פאַרפאַסער פון דעם אַרטיקל וויל אונז מאַכן גלויבן, אַז „קאָמוניסטן באַציען זיך איבערהויפּט ניט מיט ביטול צו קולטור־ירושה, אויף וויפיל עס ליגן טאַקע אין איר אָנגעזאַמלטע ווירקלאַכע קולטור־ווערטן״; פונדעסטוועגן מוז ער זיך מודה זיין, אַז „די סאָוועטישע אידישע ליטעראַטור פילט זיך „אויפ׳ן ראַנד פון אָנהויב״, אַז ביי דער גאַנצער אַכטונג, וואָס זי פילט צו אונזער ליטעראַרישער ירושה, ביי איר גאַנצן ווילן צו ציען איר מסורה פון אונזער פאָריגער ליטעראַטור, פילט זי און אַנערקענט אין דערזעלביגער צייט, אַז זי האָט ווייניג וואָס אָנ־צוואוונדן פון דער דאָזיגער ירושה ביי די גאָר נייע, ראַדיקאַל־געענדערטע, פּראָבלעמען פון איר אייגענער בויאונג״. פאַרוואָס איז דאָס אַזוי? פאַרוואָס האָט די אידישע ליטעראַטור, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן פאַר דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, כמעט קיין שום ווערט ניט פאַר דעם נייעם דור שרייבער און לעזער אין רוסלאַנד? דערפאַר, זאָגט מ. ליטוואקאָוו, ווייל „זי האָט אידעאָלאָגיש און קינסטלעריש זייער ווייניג מיט זיי (מיט די אַר־בעטנדיגע מאַסן) מיטגעאַרבעט אין זייער רעוואָלוציאָנערן קאַמף פאַר באַפרייאונג״... „האָבנדיג אַלס פאַקטישן געברויכער בלויז איין קלאַס — דעם אידישן פּראָלעטאַריאַט און די אַרבעטס־

מאסן, וואָס גרופּירן זיך אַרום אים, האָט זי מיט זיין קאַמף כמעט ווי זיך ניט פאַרנומען"... „טיפּן און געשטאַלטן, וואָס זאָלן מיטהעלפן אין דער אָריענטאַציע אויף פּאָליטישן קאַמף, אויף רעוואָלוציע, האָט די אידישע ליטעראַטור ווייניג געשאַפן"...

וויל איך נישט אַריינלאָזן זיך דאָ אין חקירות, צי איז דאָס אמת אָדער ניט. איך האָב נאָר געוואָלט ווייזן, אַז איך האָב, חלילה, ניט געמאַכט קיין בלבול אויף מ. ליטוואַקאָוו'ן און זיינע חברים אין סאָוועט רוסלאַנד אָדער אין אמעריקע, ווען איך האָב געזאָגט, אַז זיי האַלטן נאָר פון אַזאַ מין ליטעראַטור, וועלכע העלפט־מיט „אין דער אָריענטאַציע אויף פּאָליטישן קאַמף, אויף רעוואָלוציע".

יאָ, זיי האַלטן נאָר פון אַזאַ סאָרט ליטעראַטור. ממילא איז פאַרשטענדליך, פאַר וואָס זיי זיינען גלייכגילטיג און אָפט פיינטלאַך צו די אַלע ווערק, וואָס זיינען געשריבן געוואָרן פאַר מתן תורה פון „אָקטאָבער". די דאָזיגע אַלע ווערק וואָלטן, לויט זייער שיטה, שוין מער נישט געטויגט פאַר די פּאָליטישע צילן, ווען אפילו זיי זאָלן אין זייער צייט יאָ האָבן „מיטגעאַרבעט" מיט'ן קאַמף פון די מאַסן פאַר זייער באַפרייאונג. דער דאַמאָלסדיגער קאַמף איז ניט גלייך געווען צו דעם איצטיגן. יעדע עפּאָכע האָט איר פּאָליטיק, און אפילו אין איין און דערזעלביגער תקופה איז דאָס פּאָליטישע לעבן ניט פעסט, ניט סטאַביל, עס האַלט זיך אין איין ענדערן. אפילו אין דער „סאָוועטישער" פּאָליטיק מערקן זיך בסדר נייע אָריענטאַציעס. און אויב עס זאָל זיין אמת, אַז ליטעראַטור האָט אַ ווערדע נאָר אויף וויפיל זי קאָן „צוניץ קומען" אין פּאָליטישן קאַמף, וואָלט זי זיך גדאַרפט ענדערן ניט נאָר נאָך יעדער גרויסער פּאָליטישער איבערקערעניש, נאָר יעדן יאָר, שיר ניט יעדן מאָנאַט. זי וואָלט גדאַרפט האַלטן אין איין בייטן אירע טעמעס, אירע מאָטיוון, אירע טענדענצן און איר גאַנצן אינהאַלט. קומט־אָן, אַ שטייגער, דער פעריאָד פון „נעפּ" אין דעם רעוואָלוציע־לעבן פון רוסלאַנד, מוז גלייך באַשאַפן ווערן אויך אַ ליטעראַרישער „נעפּ". איז זינאָוויעוו דער פירער פון דריטן אינטער־נאַציאָנאַל, מוז זיך די רעוואָלוציאָנערע ליטעראַטור „אָריענטירן אויף זינאָוויעוו'ן", פאַלט ער דורך און זיין אָרט פאַרנעמט אַ

מער־נאָכגעביגע פירערשאַפט, מוז גלייך אין דער פּאָעזיע און אין דער גאַנצער ליטעראַטור זיך אָנהויבן צו פילן אַן אַנטי־זינאָוויעוו טענדענץ. און אַזוי דאַרף אויך זיין אין דעם אידישן לעבן. גיבען זיך אָפּ די אידישע קאָמוניסטן מיט קאָלאָניזאַציע, מוז די אידישע פּאָעזיע, אויב זי וויל ניט „אָפּשטיין פון דער צייט", אונז געבן צו פילן, אַז אין דער „סאָכע ליגט די מזל־ברכה". וועט די אידיש־קאָמוניסטישע פּאָליטיק זיך אַ נעם טאָן פאַר „אינדוסטריאַליזאַציע", וועט זיך די אידישע ליטעראַטור מוזן „אינדוסטריאַליזירן".

דאָס איז אַ קאַריקאַטור — וועט מען זאָגן. אָבער לייענט, וואָס מ. ליטוואַקאָוו שרייבט אין דעם דערמאָנטן אַרטיקל, לייענט, ווי ער שטעלט זיך פאָר די נייע *סאָוועטיש*־אידישע ליטעראַטור אין רוסלאַנד, וועט איר זען, אַז דאָס, וואָס איך האָב נאָר וואָס געזאָגט, איז גאָר ניט ווייט פון אמת: „און די ליטעראַטור, פרייט זיך מ. ליטוואַקאָוו, מאַכט טאַקע דורך אויף איר שטייגער אַלע פאַזיסן און עטאַפּן וואָס די פּאַרטיי און די סאָוועטן־מאַכט האָט דורכגעמאַכט אין דער אידישער סביבה. אין די יאָרן פון מיליטערישן קאָמוניזם, — יאָרן פון אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע — האָט די ליטעראַטור אויסגעדריקט אָקטאָבער־פּאַטאָס, אין די ערשטע קריזיס־יאָרן פון „נעפּ" איז זי געווען פאַרנומען מיט מרה־שחורה'דיקן ישוב־הדעת. ווען דאָס שטעטל איז אַנטדעקט געוואָרן אין אַלע זיינע שוואַרצע פאַרבן, האָט די ליטעראַטור געהאַלטן אין איין ברענגען צו קבורה דאָס שטעטל. ווען די פּאַרטיי און די מאַכט האָבן זיך געווענדעט „מיט'ן פּנים צום שטעטל", האָט אונזער ליטעראַטור גלייך דערזען „בליענדיקע מיסטן", און די ערד־איינאָרדנונג האָט שוין באַוויזן צו שאַפן אַ רייכע פּאָעזיע..." יאָ, אַ *קאָנזעקווענט*־דורכגעפירטער פּאָליטישער קוק אויף ליטעראַטור *מוז* פירן צו אַזעלכע אַבסורדן.

פּאָליטיק איז *בטבע* אַ צייט־זאַך. אפילו דאַן, ווען זי שטעלט זיך גרויסע היסטאָרישע צילן, בויט זי און מוז בויען אַלץ אויף די קאָנקרעטע אומשטענדן פון דער נאָהענטסטער סביבה

און דעם איצטיגן מאָמענט. זאָל די ליטעראַטור ווערן דינען נאָר דער פּאָליטיק, קאָן זי דאָס אַנדערש ניט טאָן, סיידן זי זאָל ווערן אַ ליטעראַטור פון צייט־פראַגן און מאָמענט־אויפגאַבן, סיידן זי זאָל, מיט אַנדערע ווערטער, אויפהערן צו זיין ליטעראַטור.

איז דערפאַר קלאָר, אַז די, וואָס ווילן מאַכן פון דער וואָרט־קונסט אַ געווער, און נאָר אַ געווער פון היינטיגן פּאָליטישן קאַמף, מוזן סוף־כּל־סוף פאַרלייקענען יעדע, ניט נאָר די אַלטע, ליטעראַטור, זיי מוזן סוף־כּל־סוף אָנהייבן קוקן קרום אויף אַלע די שרייבער, וואָס רירן־אָן לעבענס־שיכטן, וועלכע ליגן טיפער פון דעם פּאָליטישן אויבערפלאַך. זיי מוזן דערקלערן פאַר „קליינבירגערלאַכע אידעאָלאָגן" אַלע די דיכטער, וועלכע שאַפן אידעען און געשטאַלטן, וואָס זיינען דויער־האַפטיגער, ווי די אויפגאַבן פון מאָמענט...

און ווי האַלט עס מיט דעם צווייטן סאָרט רעוואָלוציאָנערן — די רעוואָלוציאָנערן פון סטיל?

צווישן זיי זיינען דאָ אַזעלכע, וואָס פאַרשטייען, אַז דער „נייער סטיל" איז דער נוסח, אָדער אַ נוסח פון דער „נייער צייט" — מער גאָר־נישט. אין די פריערדיגע צייטן האָבן געקאָנט זיין אַנדערע סטילן, שפּעטער וועלן זיין ווידער אַנדערע. אָבער דאָס הייסט ניט, אַז יעדעס מאָל ווערט געבוירן אַ נייע קונסט, וועלכע פאַרלייקענט אַלע פריערדיגע שאַפונגען. די קונסט גייט צו איר ציל אויף אַלערליי וועגן. האָט זי איר ציל דערגרייכט, מאַכט נישט אויס אויף וואָס פאַר אַ וועג זי איז געגאַנגען און וואָס פאַר אַ מיטלען זי האָט געברויכט. סטילן אין דער קונסט זיינען ניט קיין באַזונדערע שטראָמען, נאָר כוואַליעס, וואָס הייבן־זיך און פאַלן אין איין און דעמזעלביגן שטראָם — דעם שטראָם פון מענטשלאַכן שאַפן.

יעדער אמת'ער קינסטלער קומט מיט זיין אייגענעם נוסח און מיר נעמען אים אָן. פונדעסטוועגן קאָנען מיר געניסן אויך די ווערק פון אַנדערע קינסטלער. אַזוי קאָנען אונז געפעלן די

שאפונגען אויך פון אנדערע דורות, אויב נאָר זיי זיינען אמת׳ע שאפונגען. דאָס, וואָס זיי האָבן אַן אַנדער סטיל, ווי דער, צו וועלכן מיר זיינען איצט געוואוינט, איז אַ קנאַפּער שטער. אַמאָל איז עס גאָר פאַרקערט, אַ מעלה. אַ סטיל, וואָס מיר זיינען נישט געוואוינט צו אים, רייצט אונז מער און מאַכט אויף אונז אַ שטאַר־קערן רושם.

מען קאָן, אַלזאָ, האַלטן פון „נייעם סטיל״ און דאָך שטעלן דעם טראָפּ ניט אויף דעם, וואָס ס׳איז נ י י , נאָר אויף דעם, וואָס ס׳איז אַ ס ט י ל , — איינער צווישן אַ סך אַנדערע, פריער־דיגע און שפּעטערדיגע, סטילן.

עס זיינען אָבער דאָ חסידים פון נייע פאָרמען, וואָס דער עיקר ביי זיי איז די נייקייט. זיי טיילן די ווערק פון שרייבער ניט אויף געלונגענע און נישט־געלונגענע, נאָר אויף אַלטע און נייע. די נייע נעמען זיי אָן, די אַלטע וואַרפן זיי אַוועק. דער־מיט גראָבן זיי אונטער זייער אייגענעם שוואַכן בנין, וואָרים דאָס, וואָס היינט איז ניי, וועט מאָרגן אין זייערע אייגענע אויגן זיין פאַרעלטערט און זיי וועלן עס מוזן אריינוואַרפן אין מיסט־קאַסטן, וואָרים פון מוזייען האַלטן זיי ניט.

זיי ריידן וועגן מ אָ ד ע ר נ י ז ם . אין דער אמת׳ן איז יעדער „נייער סטיל״ פאַר זיי ניט מער ווי אַ מ אָ ד ע ! זיי האָבן ליב צו געברויכן אַזעלכע ווערטער ווי פרייהייט, פּערזענ־ליכקייט, אָריגינאַליטעט. אין דער אמת׳ן שלעפּן זיי זיך נאָך, ווי אַ סטאַדע, נאָך „אימיצן״, וואָס באַהאַלט זיין גרויקייט, און זיינען פאַרשקלאַפט פון דעם ערגסטן סאָרט „מאַב״, — ד ע ם , וואָס שעמט זיך מיט זיין „מאַב״־פּסיכאָלאָגיע.

זיי זיינען גלייכגילטיג צו די גרויסע ווערק פון אַמאָל, ניט ווייל זיי ווילן ניט דאָס אַמאָליגע, נאָר ווייל זיי האָבן בכלל ניט קיין חוש פאַר גרויסקייט. זיי זיינען דער א מ ת נייער ליטע־ראַטור פּונקט אַזוי פרעמד, ווי דער אַלטער. זיי זיינען פרעמד יעדער ליטעראַטור. זיי שלעפּן זיך נאָך נאָך די נייע שטרע־מונגען, ניט זיי דאַרפן זיי און ניט זיי פילן זיי.

די עכטע שאַפערס פון נייע פאָרמען האַסן ניט זייערע פאָר־גענער. זיי ווייסן, אַז אומעטום, וואו עס איז דאָ שאַפונג, איז

דאָ נייקייט, אָריגינאַליטעט. אַזאַ זאַך ווי אַלטע קונסט איז גאָר ניטאָ אויף דער וועלט, אַזוי ווי עס איז ניטאָ אַזאַ זאַך, ווי טויטע קונסט... מיר בויען איצט נישט קיין פּיראַמידן, אָבער די, וואָס זיינען אַמאָל געבויט געוואָרן, זיינען ניט טויט. מיר קאָנען איצט — אפשר נאָך מער, ווי די פאַרצייטיגע עגיפּטער — געניסן און באַוואונדערן די גראַנדיעזע איינפאַכקייט פון זייערע ליניעס...*)

אין די ווערק פון גאָר אַמאָל זיינען דאָ ווינציגער, ווי אין דער נייער צייט, אויסדרוקן פון איינציגע אָריגינעלע פּערזענליכקייטן, דערפאַר אָבער פאַרמאָגן זיי מער קאָלעקטיווע שאַפונג און קאָלעקטיווע איינגאַרטיגקייטן. איר באַהעפט זיך מיט דורות און פעלקער און גאַנצע קולטורן, ווען איר פאַרטיפט זיך אין אַזעלכע שאַפונגען. ווי אונזער תנ״ך, האָמער אָדער די פינישע קאַלאַוואַלע.

די פאַרצייטיגע ביכער פאַרמאָגען, אַחוץ אַלעם, אַזאַ קורצקייט און אַזאַ קאָנדענסירטקייט, וועלכע איז אַ זעלטנהייט אין דער נייערער ליטעראַטור. (עס איז ניט געווען דאַן קיין דרוק, האָט מען פאַרצייכנט נאָר דאָס וויכטיגסטע, דאָס ווינציגער וויכטיגע איז פאַרגעסן געוואָרן, און דאָס, וואָס איז געבליבן, איז תמצית פון תמצית.) דאָס, וואָס איז היינט אַ בוך, איז אַמאָל געווען אַ פּסוק. מיר וועלן נאָך לאַנג אומפּויזן אין די פלאַכע וואַסערן פון דער צייט־ליטעראַטור ביז מיר וועלן זיך אויסלערנען שרייבן אַזוי קורץ, אַזוי געדיכט און אויסדרוקספול, ווי עס זיינען געשריבן אונזערע עשׂרת הדברות.

ו. אייגנס און פרעמדס.

איך האָב פריער געזאָגט, אַז מיר דאַרפן נישט לייענען, וואָס אונז געפעלט ניט, פון וואָס מיר האָבן ניט קיין הנאה. דאָס איז אַ ריכטיגער כלל, אָבער ער קאָן פאַלש פאַרשטאַנען ווערן,

*) זע ווייטער דעם קאַפּיטל „אַלט און ניי אין קונסט״.

און דאַן וועט ער פירן צו איינזייטיגקייט אין אונזער לייענען און אויך אין אונזער דענקען.

ער קאָן אויסגעטייטשט ווערן — און ער ווערט אָפט אויסגעטייטשט — אַזוי, אַז איך דאַרף לייענען נאָר מיינע שרייבער, נאָר די, וואָס זיינען מיר נאָנט, נאָר די, וואָס איך בין מסכים מיט אַלץ, וואָס זיי זאָגן. ביי שרייבער, וואָס געהערן צו אַן אַנדער מחנה, וואָס דינען צו אַן אַנדער גאָט, האָב איך ניט, וואָס צו זוכן.

דאָס איז אַ מיינונג, וואָס איז פאַרשפּרייט דערהויפּט צווישן פּאַרטיי־מענטשן. אין אַלע זאַכן, וואָס זיינען נוגע (און וועלכע זאַכן זיינען נישט נוגע?) דער פּאַרטיי, פאַרלאָזן זיי זיך נאָר אויף דעם, וואָס עס שרייבן אירע פירער, אירע אידעאָלאָגן. מ'אָמער קוקן זיי אַמאָל אַריין אין דער ליטעראַטור פון געגנער, איז עס נאָר צוליב „דע מה שתשיב"... זיי לייענען עס לכתחילה נאָר כדי אָפּצופרעגן. זיי לייענען עס מיט אַ טענדענץ. און אַ טענדענציעז לייענען איז פּונקט אַזוי שלעכט, ווי טענדענציעז שרייבן.

מען דאַרף פריי און טיף אַריינקוקן אין די ווערק פון ווייטע אָדער אַפילו פיינדלאַכע שרייבער און מען דאַרף עס טאָן ניט כדי צו זוכן זייערע טעות'ן, נאָר כדי אויסצוגעפינען צי האָט מען אַמאָל אַליין נישט קיין טעות.

אַ לעזער מוז זיך אויסלערנען צו פאַרגעסן אין דעם מאָמענט פון לייענען, אַז ער איז אַ צד. ער מוז אויף זיך קוקן ווי אויף אַ בורר, וואָס דאַרף ערשט אויסגעפינען דעם אמת. ער מוז זיין גרייט אויסצוהערן רואיג און געדולדיג ביידע צדדים.

אגב, קאָן מען זיך די אייגענע מיינונגען גוט קלאָר מאַכן ערשט דאַן, ווען מען באַקענט זיך מיט די געדאַנקען פון צד שכנגד. מען ווייס בעסער, וואָס מען וויל אַליין, ווען מען ווייס פאַרוואָס מען וויל ניט, וואָס יענער וויל. כדי אָבער צו וויסן, פאַרוואָס און ווי ווייט מען איז קעגן יענעם, מוז מען זיך גוט צוהערן צו דעם, וואָס ער זאָגט.

די לעזער, וואָס זיינען געגליכן צו חסידים, וועלכע פאַרן

נאָר צו איין רבין, פאַרשטייען נישט גוט זייער אייגענעם רבינס תורה, שוין נישט גערעדט וועגן אַנדערע תורה׳ס.

כדי צו קענען זיך אַליין, מוז מען קענען אַנדערע. און מען מוז סתם קענען אַנדערע. מען מוז כאַטש אויף אַ ווײַלע אַרויס פון דעם אייגענעם לעבנסקרייז. ערשט דאַן קאָן ער ברייטער ווערן. עס איז געווים שווער אַריינצוגיין אין אַ נייער און אומ־באַקאַנטער סביבה, ווען אַפילו זי איז נישט פײַנטלאַך צו אונז, אָבער מען דאַרף זיך אָנטאָן אַ כח און אָנקלאַפּן אין דער פרעמ־דער טיר.

אַמאָל טרעפט, אַז אַ געוויסער סאָרט ביכער לאָזט אונז קאַלט, ניט ווײַל ער איז ניט צוגעפּאַסט צו אונז אָדער ווײַל מיר זײַנען בטבע ניט צוגעגרייט צו אים, נאָר ווײַל עס פעלט אונז, פּשוט, די געוואוינהייט צו אַזאַ מין לייען־שטאָף. אַזוי ווי עס קאָן זײַן ביים לייענען אַ „פאַלשער אַפּעטיט״, ווי קאַרלייל רופט עס אָן, קאָן אויך געמאָלט זײַן אַ פאַלש פעלן פון אַפּעטיט.

מען האָט אָפט קיין חשק ניט צו אַן אומבאַקאַנטן געריכט נאָר דערפאַר, ווײַל מען האָט קיינמאָל ניט פאַרזוכט דעם טעם דערפון. פאַרזוכט אים, וועט איר בעטן נאָך.

פּרוואוט לייענען אויך וויסנשאַפטלאַכע ביכער (עס זײַנען דאָ שוין איצט אויף אידיש אויך וויסנשאַפטלאַכע ווערק), אויב איר זענט געוואוינט נאָר צו בעלעטריסטיק. פּרוואוט קריגן אַ נייע געוואוינהייט. אין אָנהייב וועט עס זײַן שווער. איר וועט לייענען אָן חשק די היסטאָרישע אָדער די נאַטור־וויסנשאַפטלאַכע אָפּהאַנדלונג. עס וועט זײַן „צו טרוקן״, „צו אַבסטראַקט״. באַלד אָבער וועט איר דערפילן, אַז עס הייבט זיך אָן צו עפענען פאַר אייך אַ נייער קוואַל פון גייסטיגער הנאה, און איהר וועט נישט קאָנען מער באַנוגענען זיך נאָר מיט ראָמאַנען און דער־ציילונגען. איר וועט זיך דערוויסן, אַז ליטעראַטור איז נישט נאָר פּאָעזיע, נישט נאָר בעלעטריסטיק. ליטעראַטור, וועט איר זען, איז אַלץ, וואָס מאַכט גרעסער, מיט דער הילף פון וואָרט, אי אייערע קענטעניסן, אי אייער פייאיגקייט זיי צו באַנוצן.

ליטעראַטור, וועט איר אויסגעפינען, נעמט אַרום אַלע ספערן און אַלע פאָרמען פון לעבן און שאַפן — דאָס, וואָס האָט צו טאָן מיט פאַקטן און געדאַנקען, פּונקט אַזוי ווי דאָס, וואָס האַלט זיך אויף פאַנטאַזיע און געפיל.

אין וויסנשאַפט, וועט איר זען, איז פאַראַן פאַנטאַזיע, פּונקט אַזוי ווי אין קונסט — אינטעלעקט.

די גאָר גרויסע גייסטער (ווי אַ מיקעל אַנדזשעלאָ, אַ געטע) זיינען גרויס אי אין קינסטלערישן, אי אין וויסנשאַפטלאַכן שאַפן. אָבער דאָס זיינען אויסנאַמען. בכלל איז דאָס שאַפן ספּעציאַליזירט. איז איינער אַ קינסטלער, גיט ער זיך ניט אָפּ מיט נאַטור־פאָרשונג. וויסנשאַפטלייט שאַפן ניט קיין קונסט־ווערק. און סיי אין דער קונסט, סיי אין דער וויסנשאַפט גופא האָט זיך יעדערער זיין באַזונדער געביט. עס זיינען איצט שוין ניטאָ — און מחמת דער אומגעהייערער דיפערענצירונג פון דעם מענטשלאַכן וויסן און פאָרשן, זיינען איצט שוין נישט מעגליך — אַזעלכע אוניווערסאַלע גאונים, ווי עס זיינען געווען אַמאָל. אָבער ביי גענים זיינען מיר נישט אַזוי באַגרעניצט ווי ביי שאַפן ליטעראַטור, און מיר זיינען נישט מחויב אָפּצוגעבן אונזער צייט און אונזער אויפמערקזאַמקייט דורכאויס נאָר איין סאָרט לייענען. מיר קאָנען ליב האָבן אַ גוטן ראָמאַן און הנאה האָבן אויך פון לידער. מיר קאָנען לייענען ביידע זאַכן און נישט פאַרגעסן, אַז עס זיינען דאָ אינטערעסאַנטע ביכער אויך אויף די געביטן פון געשיכטע, פון נאַטור־וויסנשאַפט, פון סאָציאַלן וויסן. און נישט נאָר קענען מיר — מיר דאַרפן עס טאָן. מיר דאַרפן אַנטוויקלען אין זיך די פייאיגקייט און די געוואוינהייט צו לייענען אַלערליי סאָרטן ביכער.

אַזוי ווי עס איז שעדליך צו זיין נאָר אַ לעזער פון פאַרטיי־ליטעראַטור, אַזוי איז ניט גוט צו לייענען בלויז פאַך־ליטעראַטור. אין דעם ערשטן פאַל דערווייסן מיר זיך וואָס איין צד זאָגט וועגן אַלץ, אין צווייטן פאַל — וואָס אַלע זאָגן וועגן איין זאַך. עס איז געוואונטשן, אַז מיר זאָלן וויסן, וואָס אַלע זאָגן וועגן אַלץ.

דאָס דאַרף זיין דער אידעאַל פון יעדן לעזער. מיר קאָנען אים נישט דערגרייכן, מיר קאָנען זיך אָבער דערנענטערן צו

אים און האָבן מעגליכסט ברייטע און פאַרשידנאַרטיגע ליטעראַ־רישע אינטערעסן.

דאָס הייסט ניט, אַז מען קאָן לייענען אַלץ, וואָס ס'מאַכט זיך, אָן אַ סדר און אָן אַ באַשטימטן ציל. מען מוז זיין אַריינגעטאָן אין איין זאַך מער ווי אין אַנדערע זאַכן און האָבן כאָטש אויף איין געביט גרינדליכע קענטנישן. ערשט דאַן קאָן מען — און מען דאַרף — זיך פאַרגינען אַ מער אויבנ־אויפיגע באַקאַנטשאַפט מיט אַנדערע ליטעראַרישע געביטן. די, וואָס האָבן נישט קיין פולן באַגריף וועגן קיין זאַך, נאָר זיי האָבן גענאַשט אַ שטיקל דאָ און אַ ברעקל דאָרט, זיינען כל־בו'ס, וואָס ווייסן אַלץ — און ווייסן גאָרנישט. אַזעלכע כל־בו'ס פּרוכפּערן זיך און מערן זיך דערהויפּט אין דער האַלב־אינטעלי־גענץ, און אַזוי ווי אין אונזער ליטעראַטור און צווישן אונזערע לעזער פאַרנעמט דער האַלב־און פערטל־אינטעליגענט גאָר אַ באַ־זונדער גרויסן אָרט, איז ביי אונז דערפאַר אַזוי פאַרשפּרייט דער דילעטאַנטיזם און דאָס האַלב־ אָדער פערטל־ווייסן, וואָס איז, ווי באַוואוסט, ערגער ווי גאָר ניט ווייסן.

איז נויטיג צו וואָרענען דעם אידישן לעזער קעגן דעם צעוואָרפענעם סאָרט לייענען. עס איז ווערט צו דערמאָ־נען אים אָן דעם פּאַרזאַג פון אַזאַ אַלטן און געניטן לייענער ווי געאָרג בראַנדעס, אָן דעם פּאַרזאַג: „לייען בעסער צען ביכער אויף איין טעמע אָדער וועגן איין פּערזענלאַכקייט, איידער הונ־דערט ביכער וועגן הונדערט פאַרשיידענע זאַכען!"

באַפעסטיג זיך אויף איין פּלאַץ ערגעץ אין דער גרויסער און רחבות'דיגער ליטעראַטור, בוי זיך אויס אַ גייסטיגע היים, וועסטו פון אָט דעם היימישן ווינקל קאָנען מאַכן עקסקורסיעס אויך אין אַנדערע, ווינציגער היימישע און מער אָפּגערוקטע, גע־ביטן!

בלייב נישט איינגעשלאָסן אין דיין היים, אין דיין ווינקל. זוך וועגן, וואָס פירן צו דער ווייטער וועלט, אָבער ווער נישט פאַרבלאָנדזשעט אויף די ווייטע וועגן, קער זיך אום צוריק צו דיין פּלאַץ!

וואָס פאַר אַ פּלאַץ דאָס זאָל זיין, וואו דער לעזער זאָל

מאַכן זיין היים — דאָס קאָן יעדערער באַשטימען נאָר פאַר זיך אַליין. איינער קאָן זיך פילן היימישער אין דער קינסטלע־רישער, אַן אַנדערער — אין דער וויסנשאַפטלאַכער ליטעראַטור, איינער קאָן ליב האָבן מער פּראָזע, אַן אַנדערער — מער פּאָעזיע, איינער — פּאָליטישע עקאָנאָמיע, אַן אַנדערער — ביאָלאָגיע.

אָבער עס זיינען דאָ נאָך פּונקטן, וואָס זיינען שייך צו אַלע לעזער, אַחוץ דעם נאָר וואָס באַרירטן פּונקט וועגן ניט איינשליסן זיך אינגאַנצן אין דעם „אייגענעם" געביט.

פון די דאָזיגע פּונקטן וויל איך אויסטיילן דריי, וועלכע איך האַלט פאַר באַזונדערס וויכטיג:

1) וועגן דער וויכטיגקייט צו לייענען מער ווי אַלץ און פריער ווי אַלץ אויף דער מוטער־שפּראַך.

2) וועגן דעם, וואָס מען דאַרף יעדע זאַך לייענען, אויב עס איז נאָר מעגלאַך, אין אָריגינאַל, ניט אין אַן איבערזעצונג.

3) וועגן דעם, וואָס מען דאַרף וויסן פריער, וואָס און ווי די שרייבער אַליין זאָגן און דערנאָך ערשט, וואָס אַנדערע זאָגן וועגן זיי.

די פּריאָריטעט פון דער ליטעראַטור אויף דער מוטער־שפּראַך פאַר אַנדערע, פרעמד־שפּראַכיגע, ליטעראַטורן נויטיגט זיך ניט אין גרויסע דערקלערונגען. מעגן מיר ווי גוט קענען אַ פרעמדן לשון, קענען מיר עס נישט אַזוי גוט, אַזוי אינטים, ווי מאַמע־לשון. דערפאַר אַליין שוין קאָנען מיר קיין בוך ניט פאַר־שטיין אַזוי גרינטליך, ווי אַ בוך, וואָס איז געשריבן אויף אונזער אייגענער שפּראַך. אָבער נישט נאָר דערפאַר. עס איז דאָ נאָך אַ טעם, פאַרוואָס לייענען אויף מאַמע־לשון איז דער פּרוכטבאַרסטער סאָרט לייענען. די, וואָס שרייבן אויף אונזער שפּראַך, האָבן מיט אונז געוויינטלאַך אַ שותּפות'ע דערפאַרונג, שותּפות'ע באַגריפן, איינדרוקן, נישט נאָר שותּפות'ע ווערטער. קאָנען מיר זיי בעסער פאַרשטיין, קאָנען זיי שטאַרקער וועקן אונזער געדאַנק און אונזער פאַנטאַזיע. דאָס איז אין יעדן סאָרט ליטע־ראַטור אַזוי, דערהויפּט אָבער אין דער קינסטלערישער ליטעראַטור,

וואו די שפּראַך שפּילט אַזאַ גרויסע ראָלע און וואו זי באַהאַלט אין זיך אַזוי פיל אינטימע עמאָציאָנעלע זאַכן.

דער, וואָס האָט קיינמאָל גאָרנישט ניט געלייענט אויף זיין מוטער־שפּראַך, האָט ניט פאַרזוכט דעם אמת'ן טעם פון פאַרעזיע און ניט געפילט דעם צויבער פון וואָרט.

דאָס קאָן מען נאָך מיט מער זיכערקייט זאָגן וועגן יענע לעזער, וועלכע נערן זיך מיט איבערזעצונגען און לייענען נישט קיין זאַך אין אָריגינאַל. זיי טרעפן זיך ניט מיט'ן דיכטער פנים־אל־פנים. זיי זעען אַ שאָטן פון זיין געזיכט, ניט דאָס געזיכט אַליין. זיי הערן אַ וווייטן ווידערקול פון זיין שטים, ניט זיין אמת'ע שטים. וואָרים אַן איבערזעצונג, האָט אַמאָל איינער געזאָגט, איז ווי אַ פרוי: די שיינע איז ניט טריי, די טרייע — ניט שיין. און אַן אַנדער ווערטל איז דאָ וועגן איבערזעצונגען, אַז זיי זיינען, ווי אַ טעפּיך אויפ'ן לינקן זייט: מען קאָן זען די ליניעס, אָבער נישט די פאַרבן... די, וואָס לייענען נאָר איבערזעצונגען, זעען ניט די לעבעדיגע פאַרב פונ'ם וואָרט.

און דאָס איז ריכטיגער נאָך וועגן די, וואָס לייענען קאָמפּילאַציעס און באַריכטן פון ביכער, אַנשטאָט צו לייענען די עצם ביכער. די גייסטיגע קליידער פון די דאָזיגע לעזער זיינען איבערגעניצעוועטע און דערצו נאָך פול מיט לעכער און לאַטעס. זיי גייען אום, אָט די לעזער, קרוע־בלוע און מיינען, אַז זיי זיינען אָנגעטאָן...

קאָנען מיר אויסקומען אינגאַנצן אָן איבערזעצונגען און פּאָפּולאַריזאַציעס? ניין, מיר מוזן זיי אָן אַנדערעם מאָל באַנוצן, אַזוי ווי מיר מוזן לייענען איבערזעצונגען און פרעמד־שפּראַכיגע ביכער. מיר קאָנען זיך נישט באַנוגענען מיט אונזער נאַציאָנאַלער ליטעראַטור, ווען זי איז אפילו רייך, בפרט נאָך ווען זי איז אָרים. מיר קאָנען נישט לייענען אַלץ אין אָריגינאַל און מיר קאָנען בכלל נישט לייענען אַלץ. מיר מוזן זיך באַנוגענען אָפט מיט אַ קורצן באַריכט וועגן אַ בוך.

אָבער וויפיל מיר זאָלגן נישט וואַנדערן אין פרעמדע און ווייטע ליטעראַטורן, מוז אונזער צידה לדרך זיין גענומען **פון דער היים און פון ערשטן מקור.**

2. דער שרייבער און דער לעזער

2. דער שרייבער און דער לעזער.

א. שרייבערשע קאַפּריזן.

אין דעם פֿאַל דער שרייבער און דער לע־זער איז דער שרייבער . . . די זי.

דער לעזער, אַז ער האָט ליב אַ דיכטער, זאָגט ער פּשוט, אָן חכמות: ער געפֿעלט מיר. און ווער רעדט אַז אַ דיכטער ברענגט אים אַריין אין התפּעלות, דאַן שעמט ער זיך ניט און זאָגט: איך בין אַנטציקט פֿון אים, איך פֿאַרגעטער אים, איך קאָן זיך ניט שיידן מיט אים, א. ד. גל.

ביים שרייבער אָבער איז זיין בענקען נאָכ'ן לעזער פֿול מיט „ווייבערשע קאַפּריזן", מיט ברוגז־ווערן, מיט חנ'דלאַך; זיין יאָ ליגט איינגעוויקלט אין עפּעס אַ נעפּלדיגן ניין.

דער געניטער לעזער ווייס עס. ווערט ער ניט נתפּעל, ווען אַן „איינזאַמער דיכטער" וואַרפֿט אים דעם גט אין פּנים": ער וועט זיך איבערבעטן, טראַכט זיך דער פֿאַרשטענדיגער לעזער. ער האָט זיך שוין, אייגנטלאַך, איבערגעבעטן: ער רעדט צו מיר אָט די אַלע ברוגז'ע רייד און ניט — צו דער וואַנט. ווען ער זאָל „ניט וועלן וויסן" פֿון מיר, אָרימען לייענער, וואָלט ער געפֿונען אַ לייכטערן מיטל, ווי אויסצודריקן מיר זיין פֿאַראַכ־טונג, איידער צו דערקלערן זיך מיר אין גלייכגילטיגקייט מיט דער הילף פֿון אויסגעפּוצטער פּראָזע און זיך חנ'ענדיגע פֿערזן.

אַזוי זאָגט צו זיך אַליין דער לעזער, וועלכער ווערט נאָך מער פֿאַראינטערעסירט אין דעם שרייבער, וואָס „בלאָזט אָן די ליפּעלאַך" (אויב דאָס קליידט אים) און שטויסט אָפּ פֿון זיך דעם „פּרעכן" לעזער (ניט פֿאַרגעסנדיג מאַכן דערביי

א שעלמיש חנ׳עווודיגע מינע). דער לעזער זאָגט עס צו זיך אַליין (ער איז ניט קיין שרייבער: קאָן ער זיך פאַרגינען ריידן מיט זיך אַליין). דער שרייבער, וואָס לייענט דעם מענטשנ׳ס געדאַנקען הויך אויפ׳ן קול, אזוי, אז אַלע זאָלן הערן, — דער שרייבער כאַפּט־אויף דעם לעזער׳ס ספקות און ענטפערט אויף זיי אין פרייע פערזן אָדער געבונדענע פראָזע (אָבער נאָך אַלץ אין א ברוגז׳ן טאָן):

— דו פרעגסט, צוליב וואָס און וועמען שלייף איך אזוי מיין פּראָזע. דו פאַרשטייסט ניט, וואָס (אָדער וועמען) מיינט דער חן פון מיינע זינגענדיגע שורות. דו באַנעמסט עס ניט, ווייל דו ביזט נישט קיין דיכטער. ביזט א סטאַדע־מענטש. א דיכטער פּוצט זיך ניט פאַר קיינעם. ער שרייבט פאַר זיך אַליין. ער איז אַליין זיין לעזער, קיין אַנדערע לעזער דאַרף ער ניט. ער שרייבט פיין, אייגנאַרטיג, קונסטפול, ווייל אַנדערש קאָן ער ניט. אָבער ער וויל קיינעם ניט געפעלן, נאָר זיך אַליין.

אזוי זאָגט דער שרייבער, און אויב ער האָט עס גוט — „פיין, אייגנאַרטיג, קונסטפול” — געזאָגט (און אויב אפילו ניט גאָר גוט), לאָזט ער עס דרוקן. „פאַר זיך אַליין”. אין א קליינער צאָל עקזעמפּלאַרן: וויפיל דאַרף מען פאַר זיך אַליין? (דערצו האָפט מען אויף א צווייטער אויפלאַגע און אויף די קומענדיגע דורות, וואָס וועלן שוין באַזאָרגן א פאָלקס־אויסגאַבע.) דעם דיכטער וואָלט ניט אַרן, אז די ערשטע אויסגאַבע זאָל זיין נאָך קלענער (עס זיינען דאָ מאַטריצן), אָבער וואָס טוט מען מיט די פריינט און פאַרערער? און דאַן — די רע־צענזענטן...

פון די צען מאָס לעזער־פאַראַכטונג, וואָס עס האָט דער דיכ־טער, קריגט ניין מאָס יענער אומדאַנקבאַרסטער פון אַלע אומ־דאַנקבאַרע לעזער, וועלכער פאַרשטעלט זיך אונטער דעם נאָמען רע־צענזענט אָדער קריטיקער. אָבער דאָס שטערט ניט — פאַר־קערט, דאָס מאַכט נאָך אינטערעסאַנטער — די פאַרהעלטענישן צווישן דער האַלב־ברוגז׳ער, האַלב־שפּילעוודיגער קונסט־דאַמע און דעם קריטישן מאַנספאַרשוין. דער לעצטער קען זי, אזוי ווי

אַלע אַנדערע דערפּאַרענע לעזער. ווי יענע, ווייס ער, אַז איר ברוגז'ן זיך איז אָפּט אַן אויסדרוק פון איר שטילן לײדנשאַפטלאַכן פאַרלאַנג צו געפעלן.

פון דעם קריטיקער, ווי פון אַלע פאַרשטענדיגע לעזער, איז ניט פאַרהוילן, אַז די „אומדאַנקבאַרקייט פון המון", די „טפשות פון דער מערהייט" און אויך פון דער מינאָריטעט („די מינאָריטעט איז פונקט אַזוי אומגערעכט ווי די מאַיאָריטעט", זאָגט איינער פון אונזערע „שרעקלאַך איינזאַמע" — און קריגט שיטערע, אָבער פאַרדינטע אַפּלאָדיסמענטן) — איז אַן „אייביגע פּראָבלעם" אין דער דיכטונג, פונקט אַזוי ווי ליבע, טויט, א. ד. גל. זינט עס זיינען דאָ דיכטער אויף דער וועלט, קלאָגן זיי זיך אויפ'ן עולם־גולם, און טענה'ן, אַז דער לעזער טויג ניט, ער איז ניט ווערט דער שרייבער זאָל זיך מיען פאַר אים, א. אַז. וו. זיי כאַפּן זיך אָן אָן דער טעמע: „לעזער", ווי אָן אַ קראַנק אָרט. וואָס העפטיגער זיי טוען עס, אַלץ מער איז עס אַ סימן אַז עס טוט זיי וויי. עס איז זיי אַ פאַרדראָס, וואָס דער לעזער קומט ניט אויסנאַרן ביי זיי די ברכה'ס: שילטן זיי אים...

עס זיינען בייז אויפ'ן לעזער נישט נאָר די, וואָס „דאָס איינזאַם־זיין", דאָס זיין פאַר זיך, אין זיך איז ביי זיי אַ (באַנאַלע) טעמע, אַ (נאַאיווע) „פּראָגראַם" אָדער גאָר אַ קאָקעטערײ. אויך די אמת איינזאַמע פלוכן דעם לעזער... ערשט זיי פעלט ער מיט אַן אמת. זיי האָבן אים דאָך טאַקע וואָס צו זאָגן.

אָבער זיי זיינען אויפגעבראַכט אויף אים נישט דערפאַר, וואָס ער איז אַ לעזער, פאַרשטייט זיך. (אָ, ווען ער זאָל באמת זיין אַ לעזער, ווען ער זאָל האָבן דעם „טאַלאַנט צו זיין אַ לעזער"!) זיי זיינען אויף אים בייז, וואָס ער איז אַ טאַלאַנטלאָזער, אַ פאַנטאַזיעלאָזער, אַ טעמפּער, אַ גלייכגילטיגער לעזער. זיי קאָנען אים און זיינע מיליאָנען חברים נישט אָנזען דערפאַר, וואָס זיי לייענען — און לייענען נישט; דערפאַר, וואָס עינים להם — ולא יראו, אָזנים — ולא ישמעו: זיי האָבן אויגן — און זעען ניט, אויערן — און הערן ניט. „זיי לייענען דאָך די טויטע בוכשטאַבן. די אויגן זייערע טאַפּן די ווערטער,

און די ווערטער זיינען פאר זיי ניט מער, ווי בליי. זיי גייען ניט ווייטער פון די אויגן". אזוי האט אויסגעגאסן זיין שרייבעריש הארץ יונה ראזענפעלד, און אומזיסט האט מען אים חושד געווען, אז ער וויל ניט, מען זאל אים לייענען. ער האט נאר געזאגט דאס, וואס עס האבן א סך מאל פאר אים שוין געזאגט אנדערע שרייבער. אפילו דעם אויסדרוק, אז מען דארף געבוירן ווערן מיט א טאלאנט צו ג ע נ י ס ן, ניט נאר צו ש א פ ן קונסט האט ראזענפעלד ניט אויסגעטראכט דער ערשטער, כאטש ער האט זיך זיכער אליין דערטראכט צו דעם. די, וואס האבן זיין מיינונג אזוי זעלבסטצופרידן אויסגעלאכט, וועלן מוזן איבערראשט ווערן, ווען איך וועל זיי איבערזעצן דעם פאלגנדיגן זאץ פון ביעלינסקי, וועלכער איז זיכער אן אויטאריטעט אין זייערע אויגן. אט וואס עס האט געשריבן אמאל דער גרויסער רוסישער קריטיקער: „די פייאיגקייט אויפצונעמען איינדרוקן פון דאס שיינע איז א געוויסער סארט טאלאנט; מען קאן זי נישט קריגן ניט דורך וויסנשאפט, ניט דורך בילדונג, ניט דורך איבונג, זי איז א גאב פון דער נאטור".

דאס אייגענע, נאר מיט אנדערע ווערטער, האט געזאגט אויך דער דייטשער דראמאטיקער העבבעל. מען געפינט עס אויך ביי אנדערע דיכטער. זיי זיינען אלע ניט צופרידן מיט דער טאלאנטלאזיגקייט פון דעם לעזער־עולם. אבער דאס הייסט ניט, אז זיי ווילן ניט האבן קיין לעזער.

גיט זיי א ג ו ט ן לעזער (אזא, „וואס זאל פארגעסן זיך, מיך, די גאנצע וועלט און לעבן נאר אין מיין בוך", ווי געטע האט אויסגעדריקט זיין אידעאל פון א לעזער) — וועלען זיי זיין פול צו אים מיט ליבשאפט און מיט דאנקבארקייט... זיי וועלן זיך ניט חנפ'ענען צו אים (א גוטער לעזער האט פיינט, אז מען חנפ'עט אים), אבער זיי וועלן בענטשן זיין קומען.

— וואו נעמט מען א גוטן לעזער! — דאס איז דער בת קול, וואס רופט פון די אלע תהום'ען פון „פאראכטונג", וואס דער שרייבער האט צום „המון", צו זיין מערהייט אדער מינדערהייט. דער אמת'ער שרייבער האסט ניט דעם לעזער (פארקערט,

ער בענקט נאָך אים טיף אין הארצן); ער האסט נאָר דעם פלאַך־לעזער, דעם שלעכט־לעזער... „ברודער שריפטשטעלער", האָט אויף זיין אופן געשריבן משה נאדיר („פון מענש צו מענש") — „ברודער שריפטשטעלער, דורך דער קלענסטער נשמה מוזטו דורכגיין, ווי דורך אַן אויג פון אַ נאָדל, דורך יעדן ענגען געהירן מוזטו דורכציען, דורך יעדן שמאָלן הארץ מוזטו זיך דורכפלאַטערן. און וואָס בלייבט פון דיר, ווען דו קומסט ארויס אַ דורכגעלעזענער? דער פיינער שמעטערלינג־שטויב פון דיינע געדאַנקען־פליגל ווערט פון די רויע פינגער אָפגעריבן. און וואָס בלייבט? גאָרנישט. שטערן־ און לבנה־שימער דורך אַ גראָבן זאַק. שניי־פייערן דורך רויכערדיגע לאָמפּן. דער איידלסטער געדאַנק קומט ארויס פארשמירט, *דורכגעלעזערט*, צע־בלוטיגט, פארביטערט. צו זיין אַ שעקספּיר מוז מען געפעלן ווערן די לעזער — די פרעמדסטע, די ערגסטע, די פארשלאָפנסטע. דער רום פון היינריך היינע שטייט איין אין די הענט פון נאפט־סוחרים. די אומשטערבלאַכקייט פון קיניג שלמה וואוינט אין די הערצער פון גמרא־מלמדים. ווי טרויעריג דאָס איז".

צום סוף האָט משה נאדיר זיך *פארעדט*, ווי דאָס טרעפט ביי אים. אָבער ס'איז ניט קיין איראָניע. ס'איז יעדנ־פאַלס, נאָר אַ שאָטן, נאָר אַ שאַטירונג פון אַן איראָניע, ווען אונזער סענטימענטאַלער ליריקער, וואָס מען וויל אים מאַכן מיט געוואַלט פאַר אַ הומאָריסט, זאָגט: *ווי טרויעריג דאָס איז*. עס איז באמת טרויעריג.

עס וואָלט ניט געווען טרויעריג, ווען דער „ברודער שריפט־שטעלער" זאָל זיך קאָנען באַגיין אינגאַנצן אָן לעזער. ער קאָן זיך אָבער נישט באַגיין אָן זיי. ער מוז זיי האָבן, אַזוי ווי אַ רעדנער מוז האָבן צוהערער, אַ בינע־קינסטלער — צוזעער. יענע מוזן דאָס „פּובליקום" האָבן פאַר זיך בעת'ן שאַפן (דאָס איז דער געפערלאַכער שטריך פון זייער ניט־אינטימער קונסט). דער שרייבער שאַפט ביחידות, צוליב דער קונסט און דעם גענוס פון שאַפן; אָבער זיין קונסט און זיין שאַפן, ד. ה. זיין *זעלבסט־אויסדרוק* איז אַ פרייד פאַר אים נאָר דאַן, ווען עס

געלינגט אים, ד. ה. ווען זיין איך ווערט ניט־איך, און עס איז דאָ אַ מעגלאַכקייט, אַז אויך אַנדערע (מעגן זיי זיין ווי ווייניג) זאָלן עס, אין דער אָדער יענער מאָס, קאָנען געניסן.

עס איז אמת, אַז אַ שרייבער וויל געפעלן זיך אַליין. אָבער ער געפעלט זיך אַליין אפשר נאָר דערפאַר, וואָס ער איז זיכער, אַז פריער אָדער שפּעטער וועט ער אויך אַנדערע געפעלן. „אפילו אויף אַן אומבאַוואוסטן אינזל וועט אַ קינסטלער, זאָגט אַפּ־טאָן סינקלעיר, טראַכטן, אַז ווען עס איז וועט קומען אַהער אַ שיף"... ער קאָן אויסקומען אָן ווירקלאַכע לעזער, אָבער ניט אָן פּאָטענציעלע. ווען ער זאָל זיין פאַרשאָלטן צו זיין און צו בלייבן אויף שטענדיג אַ ראָבינזאָן קרוזאָ, וואָלט ער ניט געהאַט גאָר קיין באַדערפעניש — און ממילא אויך ניט קיין פרייד — פון שאַפן. די דיכטער שאַפן „פאַר זיך אַליין" נאָר דערפאַר, וואָס זיי זיינען אין דער אמת'ן קיינמאָל ניט אַליין (אין דער פאַנטאַזיע, ווייניגסטנס). אפילו אַ פויגל וואָלט נישט געזונגען, ווען עס זאָל ניט זיין ערגעץ נאָך אַ פויגל. יעדער קלאַנג אין דער נאַטור רופט אַרויס אַ ווידערקלאַנג, און ווער ווייס — אפשר וואָלט אָן נאָכקלאַנגען נישט מעגלאַך געווען גאָר קיין קלאַנגען אין דער וועלט?

יעדנפאַלס, אָן לעזער וואָלטן זיכער נישט געווען קיין שריי־בער אויף דער וועלט. אָבער יעדער שרייבער מוז וועלן, אַז די לעזער (אָדער כאָטש אייניגע פון זיי) זאָלן זיך אויפהייבן און קומען צו אים, אויב ער וויל ניט אַראָפּנידערן צו זיי.

אפילו אַזאַ שטאָלצער און פּאַראַכטונגספולער שריפטשטע־לער ווי שאָפּענהויער, האָט דעם גאַנצן כעס און גיפט פון זיין סאַרקאַזם אויסגעלאָזן צו די — פילאָזאָפישע — לעזער פון זיין צייט, ניט ווייל ער האָט ניט געוואָלט האָבן קיין לעזער, נאָר, פאַרקערט, ווייל ער האָט זיי זייער שטאַרק גע־וואָלט. ער האָט זיין פּאָעמע (זיין פילאָזאָפיע איז אַ פּאָעמע) וועגן דער וועלט „אַלס ווילע אונד פאָרשטעלונג" געשריבן, אין גרויס איינזאַמקייט, „פאַר זיך אַליין"; אָבער אים האָט מורא'דיג פאַרדראָסן, און ער האָט קיין איין רגע נישט געקאָנט פאַרגעסן,

וואָס קיינער שאַצט אים ניט אָפּ, קיינער פאַרשטייט אים ניט, און וואָס די ערשטע אויסגאַבע פון זיין געניאַלן ווערק איז שיעור ניט פאַרנוצט געוואָרן אויף פּאַק־פּאַפּיר. ער וואָלט זיכער ניט אויסגעהאַלטן זיין פּיינלאַכע איינזאַמקייט, ווען ער זאָל נישט גלייבן אין דעם טריאומף פון זיין פילאָזאָפיע אין דער צוקונפט. ער וואָלט נישט געקאָנט אַרבעטן, ער וואָלט נישט געקאָנט לעבן, ווען ער זאָל רעכענען, אַז ער האָט נישט קיין לעזער. אָבער ער האָט זיי געהאַט: דאָס זיינען די לעזער פון די קומענדיגע דורות. זיי האָבן אים פאַרביטן דעם לעזער פון זיין צייט. ער האָט גערעדט מיט גיפט וועגן דעם לעצטן נאָר דערפאַר, וואָס ער האָט מיט די אויגן פון זיין געניאַלער פאַנטאַזיע געזען די ערפאָרכטיגע און דאַנקבאַרע לעזער, וואָס וועלן קומען שפּעטער... און דאָס איז ריכטיג וועגן אַלע אמת־גרויסע מענטשן. ס'דאַכט זיך אונז נאָר, אַז זיי זיינען איינזאַם; אין דער אמת'ן פילן זיי זיך אַרומגערינגלט מיט אַ פראַכטפולער געזעלשאַפט, וואָס הערט זיך צו צו יעדן וואָרט זייערן: — דאָס איז די געזעלשאַפט פון דעם צוקינפטיגן מענטשן.

ניטשע האָט נאָכדעם ווי ער האָט געשאַפן דעם אומפאַר־שטענדלאַכסטן פון זיינע אַלע ווערק — עקקע האָמאָ — געשריבן צו בראַנדעס'ן: „איך שווער אייך, אַז אין צוויי יאָר אַרום וועט די גאַנצע וועלט אויפציטערן קאָנוואולסיוו פון דער גרויסער אי־בערקערעניש, ווייל איך בין דאָס פאַטום". ער איז שוין דאַן געווען ניט גאָר ביים זינען, אָבער אומבאַוואוסטזיניג האָט ער אויך פריער געגלויבט (און נאָר דאָס האָט אים געגעבן מוט), אַז עס וועט קומען אַ צייט, ווען מען וועט אים פאַרשטיין. ער האָט געוואַרט אויף דער צייט און געבענקט נאָך איר. ער, אָט דער איינזאַמער אַריסטאָקראַט פון גייסט, אָט דער נביא פון דעם אויבער־מענטשן, איז געווען קינדיש צופרידן, ווען ער האָט געקאָנט מיטטיילן זיין באַגייסטערטן קריטיקער, בראַנדעס'ן, אַז עס לייענען זיינע ווערק עטלאַכע מענטשן, פון וועלכע ער האַלט זייער שטאַרק. „עטלאַכע לעזער, צו וועלכע דו האָסט אַכטונג (האָט ער געשריבן) און ווייטער קיינע לעזער ניט — דאָס איז אייגנטלאַך מיין פאַרלאַנג. וואָס ווייטער, האָב איך אַלץ ווייניגער

האפנונג, אז דער לעצטער טייל פון מיין פארלאנג זאל זיך פאר־ווירקלאכן (זאגט ער במעט קאקעטיש); דערפאר האב איך א מזל צו די עטלאכע, צו די גוטע לעזער". און ער רעכנט אויס א קורצן צעטל פון אט די אויסדערוויילטע לעזער. קיין גרויסן פובליקום האט ניטשע ניט געוואלט האבן, מחמת ער האט געוואוסט, אז קיין סך „גוטע לעזער" (פאר זיינע ווערק) זיינען ניטא, און ער האט, ווי יעדער אמת'ער שרייבער, געוואלט נאר גוטע לעזער.

אבער ג ו ט ע לעזער האט ער, פונקט אזוי ווי שאפענהויער, ג ע וו א ל ט, ג ע ׳ ח ל ש ׳ ט האבן. און ער איז געווען שטארק פאראינטערעסירט צו וויסן, וואס זיי טראכטן, וואס זיי זאגן וועגן אים און זיינע ווערק. ווען בראנדעס, וואס איז געווען אין דעם צעטל פון זיינע „גוטע לעזער", האט אים מיטגעטיילט, אז ער האט געהאלטן וועגן אים אין קאפענהאגן אן עפנטלאכן פאר־טראג, האט ער אויפריכטיג געוואלט וויסן, וואס בראנדעס האט געזאגט וועגן אים. „איך בין זיך מודה, האט ער געשריבן צום דענישן קריטיקער, אז איך בין א נייגעריגער מענטש. אזוי ווי איך האב ניט געהאט די מעגלאכקייט צוצוליינגן אן אויער צום לעכל פון טיר פון אוניווערזיטעטס־זאל און הערן עפעס וועגן מיר אליין מיט אייגענע אויערן, וואלט איך זייער געוואלט הערן דאס פון אייך. שרייבט מיר א פאר ציילן וועגן אייער פאר־טראג. ווי פיל וועל איך אויסלעזן פון דריי ווערטער"...

אזוי איז מיט דיכטער־פילאזאפן. דיכטער, וואס זיינען ניט קיין פילאזאפן, זיינען נאך אומגעדולדיגער אין זייער פארלאנג צו האבן „פריינד און פארערער" אדער, פשוט, לעזער. „אין רוס־לאנד, ווען דארט איז ניט געווען קיין פאפיר, — האט דערציילט דער רוסישער דיכטער יעווסעניין, — האב איך געדרוקט מיינע פערזען אינאיינעם מיט קוסיקאוו און מאריענהאף (צוויי יונגע רוסישע דיכטער) אויף די ווענט פון סטראסטנאי מאנאסטיר אדער געלייענט זיי ערגעץ (פאר די דורכגייער?) אויף א בול־וואר"...

יעווסעניין איז געווען אן „אימאזשיניסט". ער וואלט עס זיכער געטאן אויך, ווען ער זאל זיין אן „אינזיכיסט".

יעדער דיכטער זאגט צו זיך, ווי פושקין: „ביזט א קייסער;

זיי אליין". אָבער, ווי יעדער קייסער, מוז אויך דער דיכטער האָבן אַ פאָלק.

ב. דעם לעזער'ס רוח הקודש.

להיפּוך צו אַ קייסער, וויל דער דיכטער, אַז זיין פאָלק זאָל אים פאַרשטיין, נישט נאָר פאַרערן. ער וויל, אַז זיין לעזער זאָל האָבן טאַלאַנט צום לייענען.

אָבער טאַלאַנט איז נאָך ניט אַלץ. אַ באַגאַבטער שרייבער קאָן אַמאָל אָנשרייבן אַ שלעכטע זאַך. אַזוי קאָן אַ גוטער לעזער אַמאָל שלעכט לעזן. צום לייענען מוז מען אויך זיין צוגע־גרייט, אַזוי ווי צום שרייבן.

איז יעדער שרייבער דען מסוגל צו שרייבן וועגן אַ ל ץ? טרעפט דען ניט, אַז איינער איז אַ גוטער ליריקער, אָבער אַ שוואַכער ראָמאַניסט? מוז אַ דראַמאַטיקער קאָנען שרייבן לי־דער? אָבער נישט נאָר דער מ י ן ליטעראַטור — אָפט שפּילט אַ ראָלע דער סטיל, דער מאָטיוו, אפילו בלויז די טעמע פון אַ ווערק. עס זיינען דאָ דיכטער, וואָס זיי איז צוגענגליך נאָר אַ געוויסער שטייגער שרייבן, און עס זיינען דאָ דיכטער, וואָס עס איז באַגרעניצט דער קרייז פון זייערע מאָטיוון, אָדער אפילו סיוזשעטן. אַ קינסטלער קאָן ארויסווייזן זיכערע פייאיגקייטן אויפ'ן געביט פון אינדיווידועלער פּסיכאָלאָגיע, און דורכפאַלן נעמענדיג פאַר אַ טעמע די נשמה פון קאָלעקטיוו. אַן אַנדערער קאָן, פאַרקערט, זיין אַ מייסטער אין מאָלן דעם מאַסנלעבן, און אומ־באַהאָלפן, ווען עס קומט צו איינציגע פּערזאָנען. אַזוי איז עס אויך מיט'ן לעזער. ער קאָן זיין מער מסוגל צו לייענען ליריק, איידער דראַמעס, און פאַרקערט. ער קאָן הנאה האָבן פון רייזע־באַשרייבונ־גען, און ניט האָבן קיין געדולד צו געטע'ס „פויסט". אפילו אויף איין און דעמזעלביגן ליטעראַרישן געביט קאָן אים, ווי דעם שריי־בער, זיין איין סטיל מער צום האַרצן, ווי דער אַנדערער. אפילו די טעמע אליין קאָן מאַכן, אַז איין ווערק זאָל אים זיין נאָענט, און אַן אַנדערס — פרעמד, כאָטש זיי האָבן ביידע גרויסע מעלות. דאָס איז אַ באַגרעניצטקייט, אַן איינזייטיגקייט, און דער לעזער,

וואָס זיין „שאַפן" איז אויפנעמענדיג, ניט אזוי אַקטיוו, קאָן זי לייכטער בייקומען, איידער דער שרייבער. ווען ער קומט זי אָבער נ י ש ט ביי, מאַכט זי אים ניט פאַר אוים לעזער, זי מאַכט אים נאָר פאַר אַ לעזער פון אַ געוויסן מין שרייבער אָדער ווערק. פאַר שרייבער אָדער ווערק פון אַן אַנדער מין וועט ער זיין טויב, טויט...

ווען מען האָט אפילו „טאַלאַנט צום לייענען", דאַרף מען וויסן, צו וו אָ ס פ אַ ר אַ ס אָ ר ט ו ו ע ר ק דער טאַ־לאַנט איז. און דער שרייבער מוז ווינטשן צו האָבן ניט סתם אזוי אַ „גוטן לעזער", נאָר אַ לעזער, וואָס איז גוט פאַר ז י י נ ע ווערק, פאַר ז י י ן סאָרט שרייבן, פאַר ז י י נ ע טעמעס.

אָבער אויך דאָס איז ניט גענוג. אַ גוטער לעזער קאָן אַמאָל שלעכט לייענען אַ ווערק, כאָטש עס איז ווי אָנגעמאָסטן פאַר אים אי לויט זיין אינהאַלט, אי לויט זיין פאָרם. עס ווענדט זיך ו ו ע ן און ו ו י ער לייענט עס.

ווען ער איז נישט אויפגעלייגט, ווען זיינע געדאַנקען זיינען פאַרשלאָפן, זיין פאַנטאַזיע איז אָן פליגלען, קאָן פון זיין לייענען גאָרנישט ניט אַרויסקומען. אים וועט זיך דוכטן, אַז דאָס בוך זאָגט גאָר נישט: אין דער אמת'ן זיינען די אויערן זיינע פאַר־שטאָפט, און ער הערט ניט, וואָס דער שרייבער רעדט צו אים.*)

אויך דאָ איז פאַראַן אַן ענליכקייט צווישן דעם „פראָדו־צירער" און דעם „געניסער". ווען מען זאָגט אויף אַ שרייבער, אַז ער האָט טאַלאַנט, הייסט עס ניט, אַז ער האָט עס שטענדיג. ער קאָן אַמאָל וואַכן, חדשים לאַנג וואַרטן אויף דער שכינה, זי זאָל רוען אויף אים. עס איז ווי דוד המלך'ס פידעלע: אַז דער ווינט גיט אַ בלאָז, הייבן אָן די סטרונעס צו ציטערן און צו שפּילן פון זיך אַליין; אָבער אַז דער ווינט קומט ניט? און אַמאָל זיינען דאָ דרויסנדיגע שטערונגען, וואָס לאָזן ניט זיין פּראָדוקטיוו. דאַן העלפט ניט דער רוח הקודש.

---

*) זע פריער דעם קאַפּיטל „לייענען".

וויפיל געדאַנקען, בילדער, זעאונגען גייען פאַרלוירן, ווען מען האָט ניט די מעגלאַכקייט צו פאַרצייכענען זיי אין דער צייט? ווי שטומע נשמות, האָבן זיי געפּלאָנטערט ביים טיר פון דעם שרייבער'ס באוואוסטזיין, געבעטן אַ תיקון, געוואָלט ער זאָל זיי געבן אויסדרוק, פלייש און בלוט; ער האָט ניט געטאָן זייער ווילן אין דער גליקליכער רגע: זיינען זיי צערונען געוואָרן, ווי אַ חלום. מיט אַ שעה צוריק האָט זיך עפּעס אַנטפּלעקט פאַר אים, ער האָט שאַרפער געזען, ווי געוויינלאַך, קלאַנגען פון ווייטע, געהיימע וועלטן זיינען דערגאַנגען צו אים. זיינע אַלע חושים זיינען געווען אָפן — און איצט? אַ פאַרהאַנג האָט זיך אַראָפּגעלאָזן, זיין וועלט איז אַזוי קליין געוואָרן, אַזוי ענג. „נישטיגער פון אַלע נישטיגע מענטשן" איז דער דיכטער (אַזוי האָט געזאָגט פּושקין), כל־זמן אַפּאָלאָ רופט אים ניט אויף צום הייליגן קרבן. פול מיט צופלוס און אָפּפלוס פון כחות איז דעם דיכטער'ס לעבן, באַרג אַרויף און באַרג אַראָפּ פירט זיין וועג. אַז ער פאַלט, פאַלט ער נידעריגער, ווי אַלע, אָבער זיין פאַלן „טראָגט דעם אויפקומען אין זיך", ווי עס זינגען די חסידים אין „דיבוק" פון אַנ—סקי. אָט איז ער מיד, אַפּאַטיש, אָפּגעלאָזן, אויסגעלאָשן, אויסגעליידיגט. אין אַ ווײַלע אַרום ווערט ער ווידער שטאַרק, מוטיק, אַ ליכט איז אים אויפגעגאַנגען אין דער נשמה, אַ ליכטיגקייט איז אין אים אַריינגעגאָסן געוואָרן, עס זיינען אים פליגלען אויסגעוואַקסן. דער דאָזיגער אויסערגעוויינלאַכער צושטאַנד פון אינספּיראַציע, באַגייסטערונג אָדער רוח הקודש איז ניט איינמאָל באַשריבן געוואָרן פון גרויסע דיכטער. איך וויל ברענגען וועגן דעם נאָר אַ פאָר שורות פון ניטשע. זיי געפינען זיך אין אַ בריוו זיינעם צו בראַנדעס'ן. „אַזעלכע העלע וואָכן, ווי כ'האָב געהאַט אין טורין, שרייבט ער אין בריוו, אַזעלכע פילאָזאָפישע וואָכן האָב איך שוין לאַנג ניט געהאַט. כמעט יעדן טאָג זיינען מיינע קרעפטן אין משך פון אַ שעה־צוויי געווען אַזוי שטאַרק אָנגעשטרענגט און פּאָטענצירט, אַז איך בין געווען פייאיג צו באַנעמען מיין גאַנצע קאָנצעפּציע פון אָנהויב ביז'ן סוף; די גאַנצע פיל־פאַרביגקייט פון פּראָבלעמען ליגט אויסגעצויגן צו מיינע פיס, געצייכנט מיט

שארפע, קלאָרע ליניעס, ווי אין רעליעף. דאָס פּאָדערט אזוי פיל קראַפט און אָנשטרענגונג, אז איך האָב קיינמאָל ניט געהאַפּט, אז איך וועל דאָס דערלעבען". ניטשע האָט ניט געהאָפט, אז ער וועט דערלעבען צו באַנעמען זיין אייגענע פילאָזאָפיע אין איר פולער גאַנצקייט. עס האָבן געדאַרפט אָנקומען באַזונדערס גליק־לאַכע, באַזונדערס אָנגעשטרענגטע שעה'ן, כדי זיין האָפענונג זאָל מקוים ווערן. און ניטשע איז ניט קיין אויסנאַם. וועגן איינער פון ראַפאַעל'ס מאַדאָנעס (דער, וואָס געפינט זיך אין דער דרעזדענער קונסט־גאַלעריע) ווערט דערציילט, אז דער מאָלער האָט אַ לאַנגע צייט זיך געגרייט זי צו מאָלן. עס איז שוין געווען אָנגעצייגן דער לייוונט. אָבער ער האָט אַלץ נישט געקאָנט אָנהייבן זיין ארבעט. די „אידעע", די „פאַנטאַזיע" איז געווען, אָבער עס איז ניט געווען קיין כח זי אויסצופירן: אַזוי ווי די שכינה וואָלט זיך אָפּגעטאָן פון אים. איינמאָל איז ער, טראַכטנדיג וועגן דער מאַדאָנע, אַנדרעמלט געוואָרן. אויפכאַפּנדיג זיך האָט ער אויסגעשריען: ז י א י ז ד אָ! — און גלייך גענומען זיך פאַר'ן פּענזיל. אין האַלבן שלאָף, אין לייטערנדיגן שלאָף האָט אויף אים אַראָפּגענידערט דער רוח הקודש...

אזוי איז עס מיט'ן שאַפן — אזוי איז עס אויך מיט'ן גע־ניסן קונסט־ווערק. אויך געניסן זיינען מיר ניט שטענדיג פייאיג, ניט שטענדיג צוגעגרייט, מעגן מיר האָבן אין זיך אַלע פּאָטענ־ציעלע מעלות פון אַ קונסטגעניסער. פיל מאָל שטייען מיר פאַר אַ בילד אָדער לייענען אַ פּאָעמע, אָדער זיצן אין טעאַטער — און מיר זיינען קאַלט, גלייכגילטיג, פּאַסיוו. מיר זעען — און זעען ניט, הערן — און הערן ניט. פּלוצלינג וואַכט אויף עפּעס אין אונז, אַ העלע, ליכטיגע רגע קומט אָן — און דאָס בילד אָדער דאָס בוך אָדער דאָס שפּילן אין טעאַטער אַנטפּלעקט אונז זיין סוד, זיין געהיימען לעבן, אזוי ווי אַ טיר וואָלט זיך געעפנט פאַר אונז אין אַ וואונדערליכער וועלט. מיר זיינען פאַר'כשוף'ט, דורכגענומען, דורכגעלויכטן פון דער שיינקייט, פון דעם ליכט, וואָס מיר האָבן דערזען, פון דער אַנטציקונג, וואָס האָט אָנגעפילט אונזער וועזן.

מיט דער נאַטור איז דאָך אויך אַזוי. ניט נאָר ווירקט זי ניט אויף אַלעמען גלייך, זי ווירקט ניט אַלעמאָל גלייך. מיר זעען נאָר די שיינקייט אירע, וואָס מיר טראָגן אין זיך; מיר געפינען נאָר דאָס, וואָס מיר זוכען אין איר. ניט אַלעמאָל טראָגן מיר שיינקייט אין זיך, ניט תמיד זוכן מיר זי, און ניט שטענדיג זיינען מיר פייאיג זי אויפצונעמען... איר זיצט שטיל ביים ים. זיין גרויס־קייט האָט אייך באַרואיגט און אויפגערעגט, האָט אייך האַלב דערוויטערט פון זיך אַליין, האַלב נענטער געמאַכט. עס איז אַ קלאָרקייט אין אייך, איר זעט זאַכן, וואָס זיינען ביז דאַן געווען פאַרשלאָסן פאַר אייך. איר זעט דעם ים אַזוי, ווי איר האָט אים קיינמאָל ביז דאַן ניט געזען. פּלוצלינג האָט זיך דער־הערט פון דער זייט אַ יאָמערלאַך סקאַוואַטשען פון אַ הונט, ווי ער וואָלט פאַר׳מסר׳ט פאַר אימיצן די וועלט. ווען איר האָט זיך אָפּגעקערט, האָט איר אים דערזען לויפנדיג אויף דריי פיס: דער פערטער איז געווען פאַרוואונדעט. דאָס האָט אייך צעשלאָגן די געדאַנקען: דער פריערדיגער ים איז מער נישט געווען...

די מינדסטע קלייניגקייט קאָן ווערן אַ וואַנט צווישן אונז און דער נאַטור. אָבער נאָך לייכטער קאָן פאַרשטעלט ווערן פון אונז אַ קונסטווערק.

איך האָב פריער דערציילט וועגן דער „דרעזדענער״ מאַדאָנע, אַז ראַפאַעל האָט אַ לאַנגע צייט זיך ניט געפילט פייאיג זי צו מאָלן. דער רוסישער דיכטער זשוקאָווסקי גיט איבער, אַז ער איז לאַנג ניט געווען פייאיג זי צו זען. „איך האָב געקוקט אויף איר, שרייבט ער אין איינעם פון זיינע בריוו, עטלאַכע מאָל, אָבער געזען זי, ווי געהעריג איז, האָב איך נאָר איינמאָל״. אים האָט געשטערט דאָ עפּעס אַ „פיגורל״ מיט אַן „אָנגעפּודערט קעפּל״, וואָס איז געשטאַנען פאַר׳ן בילד און עס קאָפּירט, דאָ דער „פירער״, וואָס האָט געגעבן דעם עולם איינגע׳חזר׳טע דערקלע־רונגען וועגן ראַפאַעל׳ן, דאָ עפּעס אַ באַקאַנטע דאַמע, וואָס איז צוגעגאַנגען צו אים און אים איינגערוימט אַ סוד אויפ׳ן אויער, אַז זי האָט געזען אַמאָל נאַפּאָלעאָנ׳ען שטיין פאַר דער מאַדאָנע. ער האָט ניט געקאָנט אַריינטאָן זיך אין דעם בילד. די וואָכעדיגע

מענטשן, וואָס אַרום, האָבן אים געשטערט. עס איז געבליבן ביי אים קומען אין דער קונסט־גאַלערעע גאָר פרי, ווען קיינער איז נישטאָ. ער האָט אַזוי געטאָן, און עס איז אים געלונגען צו דערגרייכן יענע מדרגה, וועלכע עס איז אים נויטיג געווען צו זען, ווי געהעריג איז, ראַפאַעל׳ס בילד פון „גאָט׳ס מוטער״. „איך בין געווען, שרייבט ער, אַליין; אַרום איז געווען אַלץ שטיל; אין אָנהויב איז מיר געווען שווער אַריינצוטאָן זיך אין זיך אַליין; דערנאָך האָב איך גענומען קלאָר פילן, אַז מיין נשמה שפּרייט זיך אויס: עפּעס אַ רירנדיג געפיל פון גרויסקייט איז אַריין אין איר; דאָס, וואָס קאָן ניט אויסגעמאָלט ווערן, איז פאַר איר אויסגעמאָלט געוואָרן, און זי איז געווען דאָרטן, וואו זי קאָן זיין נאָר אין די בעסטע מינוטן פון לעבן. דער געניע פון ריינער שיינקייט איז געווען מיט איר״...

דאָס איז געווען אַן עקסטאַז, אַן עלית־נשמה פון קונסט־גענוס, ענליך צו דער שכינה, וואָס רוט אויפ׳ן מענטשן, ווען ער שאַפט אָדער איז ראוי צו שאַפן קונסט.

די, וואָס מיינען, אַז מען קאָן שטענדיג לייענען אַ בוך, עס איז נאָר אַ פראַגע פון פרייער צייט, האָבן קיינמאָל אין זייער לעבן קיין בוך, ווי געהעריג איז, ניט געלייענט. לייענען (כ׳מיין פּראָדוקטיווו, שעפעריש לייענען) אַ בוך איז אַן ע ב ו ד ה, אַ הייליגע דינסט, וואָס פּאָדערט די העכסטע און ריינסטע כונות, אַזוי ווי שרייבן אַ בוך. מען קאָן ניט שטענדיג לייענען, ווי מען קאָן ניט דאַוונען שטענדיג. די בעסטע לעזער זיינען ניט די פיל־לייענער, נאָר די פרום־לייענער. און ווען איך זאָג פרום, מיין איך ניט אַ פרומע אומקריטישע באַציאונג צום פּאַרפאַסער, נאָר אַ געוויסן רעליגיעזן צושטאַנד, אַן אינעווייניגסטע באַגייס־טערונג און ערפאַרכטיגקייט.

אין אַזאַ מין דערהויבענעם צושטאַנד געפינען זיך אייניגע אָפטער, אַנדערע זעלטענער, קיינער אָבער געפינט זיך ניט שטענ־דיג אויף דער דאָזיגער מדרגה. דערפאַר איז ווייניג צו האָבן טאַלאַנט צו געניסן קונסט, עס איז נויטיג, אַז אין דעם מאָמענט,

ווען מיר קומען אין באַרירונג מיט׳ן קונסטווערק, זאָל דער טאַלאַנט זיין וואַך אין אונז.

אָבער דערמיט איז נאָך אויך ניט אַלץ געזאָגט. אַ חוץ באַגייסטערטקייט און אָפּגעטעמפּטקייט, זיינען אין דער באַגייס־טערטקייט אָדער אין דעם טאַלאַנט גופא פאַראַן פאַרשיידענע מינים און פאַרשידענע מדרגות. אַ גוטער לעזער, פּונקט אַזוי ווי אַ גוטער שרייבער, קאָן אפילו אין די „גוטע", טאַלאַנטפולע שעה׳ן פון זיין לעבן זיין גוט אויף פ א ר ש י י ד ע נ ע אופנים און אין פ א ר ש י י ד ע נ ע גראַדן.

ג. וויפיל טיפן שרייבער, אַזויפיל טיפּן לעזער.

איין לעזער צייכנט זיך אויס דערמיט, וואָס ער זוכט צו טרעפן „דעם אמת׳ן מיין", „די ריכטיגע כונה" פון דעם, וואָס ער לייענט. ער וויל אין דעם גאָרנישט ניט אַריינלייענען. ער וויל עפּעס מער, ווי סוביעקטיווע איינדרוקן. ער גלויבט, אַז די ביל־דער און געשטאַלטן, געדאַנקען און געפילן, וואָס דער פאַרפאַסער האָט אַרויסגעבראַכט, קאָנען ווערן אויפגענומען פון אים פּונקט אַזוי „ווי זיי זיינען". ער וויל זיין אַן אָ ב י ע ק ט י וו ע ר לעזער. ער איז ענליך צום שרייבער פון נאַטוראַליסטישן שניט. יענער וויל אונז געבן אַ נאַטור־טריי בילד פון לעבן. דער זוכט צו בלייבן טריי דעם מיין פון שרייבער.

זיי ביידע נאַרן זיך. אפילו דער אָביעקטיווסטער און רעאַ־ליסטישסטער קינסטלער גיט אונז ניט די נאַטור און די מענטשן „ווי זיי זיינען". ער ציינט אונז זיי אַזוי ווי ע ר זעט ז י י און ווי זיינע קינסטלערישע מאַטעריאַלען און מיטלען דער־לויבן עס אים. „קונסט איז אַ שטיק נאַטור, געזען דורך דעם קינסטלער׳ס טעמפּעראַמענט" (זאָלאַ). ווען דער קינסטלער זאָל אונז געבן בלויז אַן אָפּשפּיגלונג פון לעבן, וועלן מיר האָבן רעכט צו פרעגן: אויף וואָס דאַרפן מיר די אָפּשפּיגלונג, דעם שאָטן, די קאָפּיע, אַז ס׳איז דאָ דער אָריגינאַל? און וואָס איז עס סתם פאַר אַ קונסט — קאָפּירן? דאָס איז מלאכה, טעכניק. אין דער אמת׳ן איז יעדעס בילד, וואָס אַ קינסטלער

גיט אונז פון לעבן, צו גלייכער צייט אויך אַן אויסטייטשונג, אַ באַלייכטונג, אַ באַרייכערונג, אַ באַנייאונג פון לעבן. און אויך דער לעזער, אפילו דער אָביעקטיווסטער, האָט פון אַ בוך ניט מער ווי ז י י ן אויסטייטשונג, ז י י ן באַלייכטונג פון בוך. אַנדערע קאָנען עס אַנדערש אויסטייטשן, אַנדערש באַלייכטן. אפילו די איינפאַכסטע און אָפנסטע זאַך זעט איין מענטש אַזוי, דער אַנדערער — אַנדערש. אַ פשיטה שוין — אַזאַ פאַרוויקלטע און פאַרשטעלטע זאַך, ווי אַ קונסטווערק...

„ווען מענטשן ווערן אַנטציקט פון שעקספּיר'ן, בעטכאָווענ'ען, — האָט געשריבן טאָלסטאָי אין זיין טאָגבוך, דעם 14טן אָקטאָבער, 1897, — ווערן זיי אַנטציקט פון זייערע אייגענע געדאַנקען, פון די טרוימען, וואָס עס וועקט אין זיי אויף שעקספּיר, בעטכאָווען, אַזוי ווי פאַרליבטע האָבן ליב ניט דעם „געגנשטאַנד", נאָר דאָס, וואָס ער רופט אין זיי אַרויס". עס קאָן ניט זיין קיין אַבסאָלוטע אָביעקטיוויטעט אין לייענען, ווי דאָס קאָן ניט זיין אין שרייבן.

אָבער עס קאָן דאָך געמאָלט זיין אַ ד ע ר נ ע נ ט ע ר ו נ ג צום אָביעקטיוון אופן לייענען. יעדער לעזער, ווי יעדער שרייבער, לייגט טאַקע אַרויף אויף דער זאַך, וואָס ער רירט זיך צו צו איר, זיין פּערזענלאַכן שטעמפּל, אָבער ביי איינעם איז אָט דער סוביעקטיווער חותם אַזוי בולט, אַז דער „אָביעקט" ווערט אינגאַנצן פאַרשטעלט, ביי אַן אַנדערן זעט מען אויך דעם „אָביעקט". וועגן אָט דעם לעצטן קאָן מען ריידן, ווי וועגן אַן אָביעקטיוון לעזער.

דאָס איז יענער מין לעזער, וואָס וועגן אים האָט געמוזט טרוימען געטע, ווען ער האָט געוואונטשן, אַז ער זאָל פאַרגעסן אים, זיך אַליין און לעבן נאָר אין זיין ווערק. און ניט נאָר געטע — אַלע שרייבער בענקען נאָך אַזאַ מין לעזער. ער איז אויפמערקזאַם, באַשיידן. ער איז ווי אליעזר בן הורקנוס, אַ ב ו ר ס י ד ש א י נ ו מ א ב ד ט פ ה, אַן אויסגעפּלאַסטערטע גרוב, וואָס פאַרלירט ניט קיין טראָפּן פון דעם זאַפט, וואָס דאָס ווערק האָט אין זיך.

אָבער עס איז דאָ אַן אַנדער מין לעזער — פון אליעזר

בן ערד׳ס טיפ: ער איז כמעין המתגבר, ניט קיין „אויסגעפלאסטערטע גרוב", וואס היט אין זיך אויף די פון רעגן אנגעקליבענע וואסער, נאר — א קוואל, וואס שלאגט פון זיך אליין און וואס ווערט אלץ שטארקער. פאר אים איז דער שרייבער אן אנהייב, ניט דער סוף פון זיין דענקען, פילן און טרוימען. פאר אים איז דער שרייבער ניט קיין ציל פאר זיך אליין, נאר א וועג, וואס ער גייט אויף אים צו זיינע אייגענע צילן. פאר אים איז דער שרייבער א פייער, וואס צינדט אים אן, ניט נאר א ליכט, וואס לייכט אים. אפט איז דאס ווערק פאר אים בלויז מאטעריאל, וואס ער שאפט פון דעם אין זיין פאנטאזיע גאר א ניי ווערק. ער שאפט עס אין דער געשטאלט און לויט דעם פורעם פון דיכטער, אבער ער שאפט עס אליין. ער לעבט ניט אין דעם ווערק, ווי דער לעזער פון דעם פריער דערמאנטן אביעקטיוון טיפ; ער וויל, אז דאס ווערק זאל לעבן — און וואקסן — אין אים. ער וויל באררייכערן דאס בוך, וואס ער לייענט, ניט נאר באררייכערט ווערן פון דעם.

דער שרייבער איז מיט דעם דאזיגן מין לעזער ניט תמיד צופרידן. ער וויל א מער פעמינינישן לעזער, ער וויל א לעזער, וועלכער זאל האבן אויגן, וואס לייכטן פון באגייסטערונג און ערפורכט פאר אים, ניט פון זייערע אייגענע פייערלאך. ער וויל א „בור סיד", וואו עס היט זיך אויף זיין לעבעדיג וואסער, ניט קיין „מעין המתגבר", וואס האט זיינע אייגענע שטראמען, זיינע אייגענע וועגן...

באמת אבער איז דער זעלבשטענדיגער אינדיווידועלער לעזער ווערטפול ניט נאר פאר זיך אליין, נאר אויך פאר דעם ווערק, וואס ער באפרוכפערט נאכדעם ווי ער איז אליין פון אים באפרוכפערט געווארן. „וואס מער מיר זעען אין א קונסטווערק", שרייבט לעסינג אין „לאאקאאן", אלץ מער מוזן מיר קאנען צוטראכטן. וואס מער מיר טראכטן צו, אלץ מער זעען מיר". לעסינג זאגט עס וועגן מאלעריי און סקולפטור. דאס איז ריכטיג וועגן יעדן קונסטווערק. וואס מער א לעזער האט פאנ־

טאַזיע, וואָס אַקטיווער און שעפערישער עס איז זיין געדאַנק, וואָס רייכער עס איז זיין דערפאַרונג, וואָס טיפער און שטאַרקער עס איז זיין געפילס-לעבן, אַלץ אַ בעסערער, אַלץ אַ רייכערער לעזער איז ער.

„די גרויסע קונסט", זאָגט דער פראַנצויזישער עסטעטיקער א. פוליע, „איז געגליכן צו דער גרויסער נאַטור: יעדער לייענט אין איר איבער אַלץ, וואָס ער קאָן איבערלייענען, יעדער געפינט אין איר אַ מער אָדער ווייניגער טיפן זינען — דאָס ווענדט זיך אָן דעם, ווי טיף ער קאָן אַריינדרינגען". דעם שרייבער קאָן זיך דאַכטן, אַז דער לעזער איז „פאַרקראָכן אין אַן אַנדער זייט", „אַראָפּ פון וועג", האָט אַריינגעטייטשט, אַריינגעפאַנטאַזירט אין זיין ווערק זאַכן, וואָס זיינען ניטאָ דאָרט. אָבער דער שרייבער פאַרגעסט, ווען ער טראַכט אַזוי, אַז דער לעזער קאָן פאַרטיפן זיין ווערק און אַנטפּלעקן אין דעם כּוונות, וואָס זיינען פון אים אַליין געוועזן פאַרהוילן. ניט אַלע שרייבער, אגב, פאַרגעסן עס.

„דער לעזער, זאָגט יהואש, האָט פיל מאָל אַ גרעסערן חלק אין דעם פּראָצעס פון שאַפן, ווי דער שריפטשטעלער. — — — פיל געדאַנקען ווערן געשריבן אין אַ סאָרט ראשי תיבות, און עס פּאַסירט, אַז דער מחבר, ווען מען זאָל צו אים צושטיין, וואָלט אויך ניט געקאָנט אויסטייטשן די ראשי תיבות. קומט אַ לעזער און דערפרישט די פאַרבאָרגענע שפּראַך, און דער מחבר האָט אַ נייעם גלוי שכינה". און נאָך זאָגט יהואש: „אַלע טרערן, וואָס זיינען אין די פּסוקים פון תהלים אַריינגעוויינט געוואָרן אין הונדערט דורות, וויינען פון דאָרטן צוריק אַרוים פאַר אונז — — — אַלע ביטערע פּראָטעסטן, וואָס אַלע לייענער פון איוב אין אַלע יאָרהונדערטער האָבן אין זיינע שורות אַריינגעשריען, שרייען צו אונז צוריק, ווען מיר עפענען אונזער איוב"...

די נשמות פון די לעזער לעבן אין יעדן גרויסן ווערק, ניט נאָר דעם דיכטער'ס נשמה.

„יעדער פיינער פערז פון אַן אמת'ן דיכטער", שרייבט דער פראַנצויזישער פּאָעט אַלפרעד דע מיוסע, „האָט אין זיך צוויי

אָדער דריי מאָל מער, ווי דאָס, וואָס דער פּאָעט אַליין האָט גע־זאָגט. דעם לעזער בלייבט צוצוגעבן דאָס, וואָס פעלט, — לויט דער מדרגה פון זיינע כחות, געדאַנקען און געשמאַק". דער לעזער קאָן צוגעבן צו דעם, וואָס דער דיכטער האָט געזאָגט, און ער קאָן צוגעבן אַלץ מער, וואָס רייכער זיין געדאַנק איז, וואָס שע־פערישער זיין פאַנטאַזיע.

אָבער מיר האַלטן דערווייל ביי די פאַרשיידענע מינים, ניט ביי די מדרגות פון לעזער. מינים לעזער קאָנען זיין נאָך אַ סך אַנדערע, אַ חוץ דעם אָביעקטיוו־אויפנעמענדיגן אָדער „רעאַליסטישן" מין און דעם סוביעקטיוו־שעפערישן אָדער „אי־דעאַליסטישן" מין לעזער, וואָס זיינען פריער דערמאָנט געווען. עס זיינען דאָ אַזויפיל קאַטעגאָריעס לעזער, וויפיל עס זיינען דאָ טיפּן שרייבער. עס זיינען דאָ, צום ביישפּיל, עפּישע, לירישע, דראַמאַטישע לעזער. דאָס הייסט, ניט אַזוינע, וואָס לייענען עפּישע, לירישע אָדער דראַמאַטישע ווערק. ניט וועגן שטאָף, נאָר וועגן דעם אופן לייענען רעדט זיך דאָ. איינער האָט אַ לירישן כאַראַקטער: לייענט ער לי ריש אַלץ, אפילו דראַמעס. אין אַן אַנדערן פּולסירט דראַמאַטיש בלוט, איז דער אופן פון זיין אויפנעמען אַ ווערק דראַמאַטיש. באַטראַכט אויף אַ קונסט־אויסשטעלונג די באַזוכער, קוקט זיך צו צו זיי, ווען זיי שטייען פאַר די בילדער, באַמערקט דעם אויסדרוק פון זייערע געזיכטער, הערט זיך צו צו זייערע שטילע אָדער רוישיגע גע־שפּרעכן — איז אויב איר האָט אין זיך אַ געניגנ גרויסן גראַד באָאָבאַכטונגספייאיגקייט און לעבנס־דערפאַרונג, וועט איר מיט אַ גרעסערער אָדער קלענערער אפשרקייט קאָנען זאָגן, ווער פון זיי איז אַ לירישער קונסט־געניסער און ווער אַן עפּישער, איר וועט אפשר אויך קאָנען באַשטימען, ווער פון זיי וואָלט זיין גענויגט מער צום רעאַליזם, ווען ער זאָל זיין אַליין אַ קינסטלער, ווער וואָלט געווען אַ ראָמאַנטיקער, ווער אַן אימ־פּרעסיאָניסט, אַן עקספּרעסיאָניסט א. ד. ג., מען קאָן, אגב, טרעפן אַמאָל דעם מין, פונקט אַזוי ווי דעם גראַד, פון איינעמס געשמאַק, ווען אפילו מען זאָל ניט זיין באַקאַנט מיט דעם אופן פון זיין געניסן קונסטווערק. עס איז גענוג צו קענען גוט זיין

פערזענליכקייט. איינעמס געניטן, ווי איינעמס שאפן קונסט ווענדט זיך אן זיין כאראקטער.

אבער אויך אזוינע זאכן, ווי דער עלטער פונ׳ם לעזער, קאנען ווירקן אויפ׳ן שטייגער לייענען. אין די יונגע יארן לייענט מען אנ־דערש, ווי אין די מיטעלע יארן אדער אויף דער עלטער. און דאס איז ניט נאר א פראגע פון רייפקייט. עס איז וויכטיג אויף וואס עס איז געווענדט די אויפמערקזאמקייט פון דעם לעזער. יעדער מענטש־לאכער עלטער האט זיין אייגענעם צענטער פון אויפמערקזאמקייט. פרואווט איבערלייענען נאך אמאל א בוך, וואס איז אייך באַ־קאנט געווען נאך אין דער יוגנט. איר וועט האבן איצט גאר אן אנדער איינדרוק. איר וועט געפינען זאכן, וואס איר האט פריער ניט באמערקט. שטעלן, וואס האבן אייך אמאל אנטציקט, וועלן אייך איצט איבערלאזן קאלט, און פארקערט. ווען האט איר דעם בוך „בעסער פארשטאנען“ — איצט אדער אמאל? איר האט עס ביידע מאל „פארשטאנען“, נאר יעדעס מאל אויף א באזונדער אופן. דאס בוך האט פאר אייך פונקט אזוי פיל זינען, וויפיל מאל איר לייענט עס, אויב איר ענדערט זיך צווישן איינמאל לייענען און דעם אנדערן. דאס בוך ענדערט זיך אינאיינעם מיט אייך. איין און דערזעלביגער מענטש לייענט אין איין פעריאד פון זיין לעבן אנדערש, ווי אין אן אנדערן, און ביי איין שטימונג ניט אזוי, ווי ביי אן אנדערער... די ענדערונג פון וועטער קאן אמאל ענדערן דעם כאראקטער און דעם ווערט, וואס עס האט פאר אונז א בוך.

אבער אחוץ די פארשיידענע מינים — זיינען דא פאר־שיידענע מדרגות אין לייענען. ווארים, וויבאלד אז עס זיינען פאראן טאלאנטלאזע און טאלאנטפולע לעזער, מוזן זיין אויך מער טאלאנטפולע און ווייניגער טאלאנטפולע לעזער, אזוי ווי עס זיינען דא שרייבער מער באגאבטע און ווייניגער באגאבטע...

א לעזער נעמט פון דעם בוך, וואס ער לייענט, אזוי פיל, וויפיל ער איז פייאיג צו נעמען. און אויף דער פראגע, צי די גרויסע מאסע לעזער פארשטייט אדער פארשטייט נישט, וואס זי לייענט, קאן מען ניט ענטפערן ניט יע און ניט ניין

סתם אין דער וועלט אריין. עס ווענדט זיך, וואָס מען רופט אָן „פאַרשטיין". איינער פאַרשטייט דעם פּירוש המלות און אַן אַנדערער, מיט אַ רייכער פאַנטאַזיע און אַן אָריגינעלן דענקען — באַרייכערט אַ בוך אַזוי, אַז ער ווערט זיין צווייטער מחבר... צווישן די צוויי מדרגות קאָנען זיין אָן אַ שיעור צווישן־שטופן. קיין לעזער דאַרף ניט מיינען, אַז ער האָט דערגרייכט שוין די העכסטע מדרגה, וואָס ער קען דערגרייכן אין לייענען. אויב ער איז אַ גוטער לעזער, קאָן ער ווערן נאָך אַ בעסערער. „די גוטע לייט ווייסן ניט, האָט געזאָגט אַמאָל געטע, וויפיל עס האָט געקאָסט איינעם צייט און מי ביז וואַנען ער האָט זיך אויסגעלערנט לייענען. איך האָב אויף דעם אַכציג יאָר אָפּגעגעבן, און כ'קאָן ניט זאָגן, אַז כ'האָב שוין דערגרייכט דעם ציל". געטע איז צו אַכציג יאָר נאָך ניט געווען זיכער, אַז ער האָט זיך שוין „אויסגעלערנט לייענען"! היינט וויפיל דאַרף לערנען דער געוויינטלאַכער מענטש צו פאַרדינען אָט דעם הויכן טיטל — **לעזער?**

3. די אידישע ליטעראַטור — און דער אידישער לעזער

3. די אידישע ליטעראַטור — און דער אידישער לעזער.

א. די ליטעראַטור און דער לעזער.

די ליטעראַרישע אָפּטיילונג פון דער וואַרשעווער „פאָלקס־צייטונג" האָט דורכגעפירט אַן אנקעטע צווישן אירע לעזער. דער ציל פון דער אַנקעטע איז געווען — הערן די מיינונגען, וואָס די אידישע אַרבעטער, די הויפּט־לעזער פון דער „פאָלקסצייטונג", האָבן וועגן דער היינטיגער אידישער ליטעראַטור... אָבער וואָס פאַר אַ באַדייטונג האָבן בכלל פאַר אונז די לעזערישע מיינונגען? צוליב וואָס ווילן מיר זיי אויסהערן? כדי בעסער צו קענען די לעזער אַליין — זייערע באַדערפעענישן, זייער גראַד בילדונג, זייער געשמאַק?

כדי צו וויסן, וואָס פאַר אַ פאָדערונגען מען זאָל שטעלן צו די שרייבער, צו דער גאַנצער ליטעראַטור?

דאָס אויספאָרשן דעם עולם'ס סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס צוליב די עצם רעזולטאַטן פון דער אויספאָרשונג, קאָן האָבן בלויז אַ טעאָרעטישן ווערט. עס קאָן אונז דערקלערן־פאַרוואָס אַ שטייגער אַזא סאָרט ביכער איז זייער פאַרשפּרייט און אַן אַנדערער ניט; עס קאָן אונז געבן אַ שליסל צו דער פּסיכאָלאָגיע און צו דעם גייסטיגן מצב פון געוויסע סאָציאַלע שיכטן. קאָן עס האָבן אַ פּראַקטישן אינטערעס פאַר'ן ה א נ ד ל מיט ביכער, ניט פאַר'ן ליטעראַרישן שאַפן.

אָבער אויב מיר זאָלן אָננעמען, אַז דאָס פּובליקום קאָן זאָגן אַ דעה דעם שרייבער, איז זיין, דעם לעזער'ס, מיינונג וויכטיג פאַר דער ליטעראַטור גופא. אין דעם פאַל וועלן די שרייבער

מוזן דערגיין, וואָס די לעזער פאַרלאַנגען פון זיי, כדי צו וויסן, ווי, וואָס און ווען וואָס צו שרייבן...

מיט אַ כיון האָב איך עס אויסגעדריקט אַזוי איינפאַך און גראָב. כ'האָב געוואָלט ווייזן לכתחילה די אוממעגלאַכקייט פון אַזאַ מין שיטה. וואָרים ווי קאָן דאָס געמאָלט זיין, אַז דער אמת'ער שרייבער — דער עסעיאיסט, דער דערציילער, דער פאָעט — זאָל דאַרפן וואַרטן אויף דעם לעזער'ס באַשטעלונג?

און ווען ער זאָל נישט וואַרטן, נאָר אַליין צוטרעפן, וואָס דער לעזער וויל, — איז עס נאָך ערגער. וואָס זאָל טאָן יענער שרייבער, וועלכער האָט צו זאָגן עפּעס נייעס, עפּעס אייגנס, עפּעס, וואָס דער לעזער ריכט זיך גאָרניט דערויף, וואָס איז קעגן דעם לעזער'ס מיינונגען און געוואוינהייטן?

דער אמת'ער שרייבער געפינט זעלטן ווען פאַר זיך דעם לעזער אַ גרייטן. ער דאַרף אים ערשט צוגרייטן פאַר זיך, באַפריינדן מיט זיך — „באַקערן". אפילו אַזאַ „לייכטער", אַזאַ פּאָפּולערער דיכטער, ווי אונזער שלום עליכם, האָט נישט געהאַט דעם גאַנצן גרויסן עולם זיינעם גלייך פון אָנהויב. מיט אַ טייל פון אים — מיט אַ געוויסער מ אָ ד ע ר נ ע ר לעזער־גרופּע — האָט ער אַ היבשע צייט געדאַרפט זיך ראַנגלען שטילערהייט, ביז ער האָט זי איינגענומען...

די שרייבער, וואָס קומען אויף אַלעם פאַרטיגן, די שרייבער, וואָס דער עולם דערקענט אין זיי זיך אַליין, זיינען געוויינטלאַך די ביליגסטע, די אומנויטיגסטע. זיי האָבן נישט קיין פנים, כאָטש אַלע ווייסן ווער און וואָס זיי זיינען. זיי זיינען בני בלי שם, כאָטש זיי זיינען אַ שם דבר. פאַרקערט, שרייבער, וואָס זיינען אין אָנהויב אַזוי ווי פרעמד דעם לעזער, ווערן דערנאָך מיט אים זייער באַפריינדעט. זיי זיינען אַזוי ווי יוסף, וועלכער האָט זיך ניט געכאַפּט תאלזן און קושן מיט זיינע ברידער גלייך ווי ער האָט זיי דערזען. ער איז אַ היבשע צייט געשטאַנען פאַר זיי אַ שטרענגער, אַ פרעמדער, אַ הערשער: דערפאַר איז אַזוי היים געווען דערנאָך זייער ברידערלאַך אַרומנעמען זיך...

אייגנטלאַך וויל דער לעזער גופא, אויב שוין יאָ זיך רע־

כענען מיט זיין ווילן, אז דער שרייבער זאָל אים מיט עפּעס אי־בערראַשן, פאַרוואונדערן. נאָר דער גייסטיג באַשרענקטער, נאָר דער, וואָס זיין געדאַנק האָט אויפגעהערט צו וואַקסן, זוכט אין ביכער אַ הסכמה אויף זיינע אייגענע טראַכטעניש. דער אַנט־וויקלטער מענש, דער, וואָס איז נאָך פייאיג עפּעס צו לערנען, באַנוגנט זיך ניט מיט אַן עכאָ פון זיין אייגענער שטים. ער וויל הערן יענעמס שטים. ער דורשט נאָך נייע, אומבאַ־קאַנטע, טענער. ער וויל, אַז זיין גייסט זאָל אַרויסגעריסן ווערן פון דעם וויכן שלאָף, צו וועלכן עס ציט אים, — און דער שריי־בער, וואָס האָט זיין אייגענעם קוק אויפ׳ן לעבן, וועט אים שטאַר־קער, ווייס ער, וועקן, און מער באַאומרואיגן, מער אָנרעגן, ווי דער, וועלכער געהערט צו איין לאַגער מיט אים.

דערפאַר וואָלט מען אייגנטלאַך געדאַרפט מאַכן דעם אויס־פיר, אַז וואָס מער אַ שריפטשטעלער וויל זיך רעכענען מיט דעם לעזער׳ס אמת׳ע באַדערפעניש, אַלץ ווינציגער זאָל ער אין זינען האָבן דעם לעזער און אַז וואָס געטרייער ער וויל דינען דעם בע־סערן עולם, אַלץ טרייער זאָל ער זיין צו זיך אַליין...

אָבער מיר האַלטן נאָך נישט ביי מאַכן אויספירן. דער געדאַנק, וואָס איך האָב נאָר וואָס אויסגעדריקט און וואָס איז מיר אַליין אַזוי קלאָר, ווערט נישט פון אַלעמען אָנגענומען, און צו די, וואָס זיינען געגן אים, געהערט אויך, ווי עס ווייזט, די ליטעראַרישע רעדאַקציע פון וואַרשעווער „פאָלקס־צייטונג״, וועל־כע האָט איינגעאָרדנט די דערמאָנטע אַנקעטע. וואָס איז זי אויסן געווען מיט איר אַנקעטע? סתם אַזוי שטודירן די פּסי־כאָלאָגיע און דערגיין די באַדערפענישן פון די לעזער? ניין, זי האָט געוואָלט אויסהערן זייערע פ אָ ד ע ר ו נ ג ע ן, כדי אויס־צואַרבעטן בהסכם מיט זיי אַ פּראָגראַם פאַר די שרייבער... און ניט דווקא פאַר אירע מיט־אַרבעטער.

ווען זי זאָל זיך באַנוגענען מיט זיך אַליין, וואָלט איר וואונש אויסצופרעגן די לעזער געווען אַ נאַטירלאַכע זאַך. פאַר אירע אייגענע שרייבער מעג אַ רעדאַקציע אָנצייכענען איר אייגענעם וועג און זי מעג אודאי מישב זיין זיך מיט איר פּובליקום וועגן

דעם אינהאַלט און דער פאָרם פון דעם אָרגאַן, וואָס איז איר אָנגעטרויט געוואָרן. איז ווען, אַ שטייגער, אַ פּעריאָדישע אויס־גאַבע זאָל מעלדן, אַז אירע לעזער ווילן נישט אָדער דאַרפן נישט קיין שום אַנדער ליטעראַטור, אַחוץ דער, וואָס איז פּראָקלאַמירט און געלויבט געוואָרן אין די עצה׳ס פון אירע לעזער, וואָלט מען צו איר קיין שום טענה׳ס נישט געקאָנט האָבן. איין פּרעסע־אָרגאַן איז ניט די גאַנצע ליטעראַטור: ער קאָן זיך שטעלן אַזעלכע צילן, וועלכע ער האַלט פאַר נויטיג זיך צו שטעלן; ער קאָן ארויס פון זיינע גרעניצן און קאָן זיך איינשליסן אין זיי — דאָס איז זיין זאַך. אָבער די „פאָלקסצייטונג" האָט זיך נישט באַ־נוגנט מיט זיך אַליין. זי האָט נישט געפרעגט ביי אירע לעזער, וואָס זיי ווילן זען געדרוקט אין זייער צייטונג. זי האָט זיי גע־בעטן ענטפערן אויף אַ מער אַלגעמיינער פראַגע: „וואָס פעלט מיר, דעם ארבעטער, אין דער היינטיגער אידישער ליטעראַטור?" זי האָט געוואָלט הערן דעם אַרבעטער׳ס מיינונגען וועגן דער גאַנ־צער היינטיגער אידישער ליטעראַטור, און אַז זי האָט זיי אויס־געהערט, איז זי אַרויס אין זייער נאָמען מיט אַ פאָדערונג ניט צו זיך אַליין, נאָר צו דער גאַנצער אידישער ליטעראַטור. אָט ווי מלך ראַוויטש, דער רעדאַקטאָר פון דער ליטעראַרישער אָפּטיילונג אין דער „פאָלקסצייטונג" און אַליין אַ דיכטער, האָט פאָרמולירט די „צענטראַלע טענה", וואָס איז קלאָר געוואָרן פון די ענטפערס אויף דער אַנקעטע. „דער אידישער לעזער", האָט געשריבן מלך ראַוויטש אין זיין אַרטיקל „וואָס לערנט אונז אונזער אַנקעטע?" — „דער אידישער לעזער מאָנט די סאָציאַלע ליטעראַטור, מאָנט דעם גרויסן סאָציאַלן ראָמאַן און די גרויסע סאָציאַלע דראַ־מע. ער מאָנט צוריק דעם גרויסן און באַגייסטערנדיגן העלד פון די בלעטער פון בוך און פון די ברעטער פון דער בינע, דעם־זעלבן העלד, וואָס ער האָט אים מיט גרויסן מסירת נפש און צו יעדער צייט פון די נייע צייטן געשטעלט אויף דער גרויזאַמער און בלוטיגער בינע פון דעם לעבן. צאָל אים דיין חוב, אידישער דיכטער!"

קאָן קיינער פון אונז גאָרנישט ניט האָבן געגן דעם „גרויסן סאָציאַלן ראָמאַן", „דער גרויסער סאָציאַלער דראַמע", דעם

„גרויסן און באַגייסטערנדיגן העלד" א. ד. ג. אדרבה ואדרבה, זאָלן אידישע דיכטער, אויב זיי קאָנען, אונז געבן אַזעלכע ראָמאַנען און אַזעלכע דראַמעס און אַזעלכע העלדן. אָבער נישט וועגן דעם רעדט זיך דאָ.

עס רעדט זיך וועגן דעם דיכטער'ס „חוב". עס רעדט זיך וועגן דעם לעזער ווי וועגן אַ „מאַנער".

איז ריכטיג, אַז דער לעזער קאָן עפּעס מאָנען ביי די שרייבער? איז אמת, אַז די דיכטער דאַרפן שרייבן אַזוי און ניט אַנדערש, ווייל זיי דאַרפן צאָלן דעם לעזער זייער חוב?

דאָס איז אַן אַלטע פראַגע, אָבער זי איז איצט ווידער געוואָרן אַקטועל, און זי דאַרף פאַרענטפערט ווערן אָן קיין שום שייכות צו יענעם קאָנקרעטן סכום (דעם סאָציאַלן מאָטיוו א. אז. וו.), וועלכן עס מאָנען ביי אידישע שרייבער די לעזער פון דער „פאָלקסצייטונג". היינט מאָנען זיי אַזאַ זאַך, מאָרגן וועלן זיי פאַרלאַנגען עפּעס אַנדערש. די גרופּע לעזער האָט אַזעלכע טענה'ס, אַן אַנדער גרופּע קאָן אַרויס מיט אַנדערע פאָדערונגען.

אויב מען זאָל אין פּרינציפּ אָנערקענען די חובות צו די לעזער, זע איך ניט איין, פאַרוואָס זאָל מען מוזן צאָלן נאָר די ליטעראַטור-שולדן, וואָס עס מאָנט איין סאָרט לעזער, און ניט די שונד-חובות, וועלכע עס פאָדערט אַן אַנדער מין לעזער, און אויב דער שרייבער מעג און מוז אָפּוואַרפן מיט פאַראַכטונג די שונדיסטישע פאַרלאַנגען פון עולם, מעג ער אפשר האָבן זיין געשמאַק און זיין מיינונג אויך בנוגע צו די „ליטעראַרישע" לאָזונגען? אויב די שרייבער זאָלן זיך דאַרפן רעכענען מיט די „סאָציאַלע" טענה'ס פון די סאָציאַליסטן, דאַרפן זיי אפשר האָבן אין זינען אויך די „נאַציאָנאַלע" תביעה'ס פון די נאַציאָנאַליסטן? און אויב נאַציאָנאַליזם אָדער ניט-נאַציאָנאַליזם איז דעם שרייבער'ס פּריוואַט זאַך, מוז ער אפשר האָבן דאָס זעלביגע רעכט אויף פרייער זעלבסטבאַשטימונג בנוגע אויך צו אַנדערע „איזמען"?

קורץ, די פראַגע וועגן דעם שרייבער'ס חוב צו דער סאָציאַלער, עטישער, עסטעטישער אָדער שונדישער „באַשטעלונג" פון די לעזער דאַרף באַטראַכט ווערן אין פּרינציפּ און אָן קיין שום

פאַרבינדונג מיט דעם אָדער יענעם קאָנקרעטן אינהאַלט פון דער לעזערשער „באַשטעלונג"...

ב. די אידישע ליטעראַטור און דער אידישער לעזער.

אָט די פראַגע, האָב איך געזאָגט, איז אַן אַלטע, נאָר זי ווערט איצט ווידער געשטעלט. און איך מוז צוגעבן, אַז אַמאָל איז זי פאַרענטפערט געוואָרן אויף דעם זעלביגן אופן, ווי זי ווערט איצטער באַטראַכט פון דער סאָציאַליסטישער „פאָלקס־צייטונג" און פון דער קאָמוניסטישער „אידסעקציע" אין סאָוועט רוסלאַנד און אין אַמעריקע. איך מוז, הייסט עס, מודה זיין, אַז די מיינונג, וועלכע איז מיר אַזוי פרעמד, שטיצט זיך אויף אַן אַלטער ליטעראַרישער טראַדיציע. די דאָזיגע טראַדיציע האָט אָנ־געפילט, קאָן מען זאָגן, די גאַנצע עלטערע אידישע ליטעראַטור. וואָס פאַר אַ פאַרצייטיגן אידישן ספר אָדער מעשה־ביכל איר וועט נעמען אין האַנט, וועט איר כמעט שטענדיג געפינען אויפ'ן שער־בלאַט אָדער אין דער הקדמה אַ דערקלערונג וועגן דעם לעזער אָדער דער לעזערין, וועמען דער פאַרפאַסער איז אויסן געווען מיט זיין שרייבן. דער אַלטער אידישער מחבר האָט אָבער ניט נאָר סתם אַזוי אין זינען געהאַט דעם עולם, וואָס וועט לייענען זיין ספר; ער האָט זיך בפירוש צוגעפּאַסט צו אָט דעם עולם. ער האָט געוואוסט, אַז עברי־טייטש לייענען דערהויפּט „די ווייבער און דאָס געמיין פאָלק, דאָס ניט קאָנען תורה לערנען", און ער האָט געשריבן וועגן אַזעלכע ענינים און אין אַזאַ נוסח, וואָס זאָל זיין פאַרשטענדלאַך און אינטערעסאַנט פאַר „די ווייבער און דאָס געמיין פאָלק".

די גאַנצע עלטערע אידישע ליטעראַטור, אַזוי ווי, אגב, דער גרעסטער טייל פון דער מיטלאַלטערישער ליטעראַטור אין גאַנץ אייראָפּע, איז אין אַ געוויסן זינען אַ לעזער־ (אָדער אַ לעזע־רין־) ליטעראַטור, ניט קיין שרייבער־ליטעראַטור, ד. ה. זי איז אינספּירירט און דיקטירט געוואָרן פון די, פאַר וועמען זי איז באַשאַפן געוואָרן, ניט פון די, וועלכע האָבן זי געשאַפן. און אָט

די טראַדיציע האָט ביי אונז אידן אַנגעהאַלטן שיר ניט ביז׳ן סוף נײַנצענטן יאָרהונדערט.

אַלע השכלה־שרייבער האָבן געשריבן ניט סתם אַזוי, נאָר פאַר אַ באַשטימטן סאָרט לעזער. דער אונטערשייד צווישן זיי און די אַלטע רעליגיעזע מחברים איז באַשטאַנען נאָר אין דעם, וואָס יענע האָבן דעם לעזער געוואָלט פרימער מאַכן, בעת די האָבן אים געזוכט קליגער צו מאַכן. אָבער אי צווישן די אַלטע, אי צווישן די נייע פאַרפאַסערס זיינען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געוואָלט נאָר אַמוזירן דעם עולם, און די האָבן זיך אודאי צוגע־פאַסט צו זיין גוסט.

אַזוי צוגעוואוינט איז מען געווען צו זען, ווי די אידישע שרייבער „ניאַנטשען זיך" מיט׳ן פאָלקס־לעזער, אַז ווען מענדעלע מוכר ספרים האָט געוואַגט צו פאַרגעסן אויף אַ ווײַלע (אין דער „קליאַטשע") דעם פּראָסטן עולם און אָנרירן העכערע ענינים, איז עס געווען אַן אומגעריכטע זאַך. „דער נייער ר׳ מענדעלע, אָט טאַקע דער פון דער „קליאַטשע", שרייבט יעקב דינעזאָן אין זיינע זכרונות, — האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, ווײַל שוין די איינפאַכע צוהערער כמעט נישט קענען — — — און וויבאַלד אַז יאָ אַזוי, האָט זיך מיר געוואָלט וויסן, צוליב וואָס און צוליב וועלכן טעם האָט ער געשריבן די „קליאַטשע" אין עברי־טײַטש דוקא, און נישט אין לשון הקודש? — — — צווישן די לעזער פון נישט מער ווי עברי־טײַטש האָב איך צו יענער צייט געזוכט און נישט געפונען כמעט איינעם אָדער איינע, וואָס פאַרשטייען דעם נייעם מענדעלען פון דער „קליאַטשע" און האָבן התפעלות פון דעם, וואָס ער דערציילט א. אַז. וו." היינט וויבאַלד אַז די לעזער האָבן ניט קיין התפעלות, איז צו וואָס בכלל שרייבן? דער עצם ענין שרייבן איז אין דער אידישער ליטעראַטור, ווי געזאָגט, באַרעכ־טיגט געוואָרן ניט דורך דעם שרייבער׳ס פערזענלאַכקייט, טאַ־לאַנט און וויסן, נאָר פאַרקערט, דורך דער אומוויסנהייט און די קליינע השגה׳ס פון דעם ברייטן עולם.

עס איז, אַלזוי, ניט קיין נייעס אָט דאָס, וואָס אין דער סאָוועטיש־אידישער פרעסע און אויך אין דער סאָציאַליסטישער „פאָלקסצייטונג" פאַרלאַנגט מען פון די אידישע שרייבער אַז זיי

זאָלן צאָלן „זייער חוב" צום לעזער. דאָס איז ניט קיין רעוואָ־לוציע. פאַרקערט, ס'איז אַ טראַדיציאָנעלע פאָדערונג אין דער אידישער ליטעראַטור.

אָבער... אַט די טראַדיציע, כאָטש זי איז שוין זייער אַלט, איז זי דאָך שוין, דאַנקען גאָט, איבערגעריסן געוואָרן. די אידישע ליטעראַטור האָט אויפגעהערט צו זיין בלויז אַ לעזער־ליטעראַטור. מענדעלע, פּרץ, שלום עליכם און די אַלע, וואָס זיינען געקומען נאָך זיי, האָבן געוואונען פאַר איר דאָס רעכט אויף שרייבערישער אינדיווידואַליטעט, אויף דיכטערישער זעלבסטבאַשטימונג. מענ־דעלע און פּרץ האָבן זיך פאַרגונען צו שרייבן מיט פינטעלאַך און רמזים, ווען דער אידישער לעזער־עולם איז געוואוינט געווען, אַז מען זאָל אים „צוקייען און אין מויל אַריינלייגן". שלום עליכם האָט דעם מוט געהאַט צו לאַכן און פרייליך זיין, ווען דער לעזער, וואָס האָט זיך אויפגעהאָדעוועט אויף מוסר־און השכלה־ספרים, האָט געגלויבט, אַז אַ שרייבער מוז זיין אָנגעצויגן און האָבן „ערנסטע" כונה'ס. יעדער פון אונזערע אינגערע פּראָזע־דיכטער, ליריקער, עסעיאיסטן, האָט געזאָגט זיין וואָרט, געשריבן אויף זיין שטייגער און אָנגערירט זאַכן, וועלכע האָבן אים אַליין אינטערעסירט, ניט וואַרטנדיג אויף דעם לעזער'ס „באַשטעלונג".

קומען איצט צום אידישן שרייבער און זאָגן אים, אַז ער האָט אַ בעל־הבית איבער זיך, דעם לעזער, און אַז ער דאַרף טאָן וואָס זיין בעל־הבית פאַרלאַנגט פון אים, — הייסט וועלן אומקערן די אידישע ליטעראַטור צוריק צו יענער ניט הויכער מדרגה, אויף וועלכער זי האָט זיך געפונען ערב דער איצטיגער עפּאָכע. און — נאָך ערגער. דאָ האָט מען גערעדט אין נאָמען פון אַלע אידישע לעזער און מען האָט זיך באַנוגנט בלויז מיט איין פאָדערונג — דער פאָדערונג פון פאַרשטענדליכקייט (מען האָט נישט פאַרלאַנגט פון דעם שרייבער, אַז ער זאָל חנפ'ענען די לעזער און שרייבן וואָס זיי געפעלט). איצט האָט מען אין זינען נאָר איין גרופּע לעזער, די אַרבעטער־גרופּע, און פון איר נעמט מען נאָר איין טייל, דעם רעוואָלוציאָנערן טייל, און מען שטעלט זיך ניט צופרידן בלויז מיט פאָדערונגען צו דער שפּראַך און דער הסברה פון די

שרייבער, — ניין, מען וויל זיך אריינמישן אויך אין דעם אינ־האלט, אין דעם תוך פון זייער שרייבן — מען וויל זיי דיקטירן די טעמעס, די מאטיוון, די אידעען. מען וויל פאקטיש (הגם אפשר אומבאוואוסטזיניג) מאכן דעם לעזער פאר דעם משגיח, פאר דעם דיקטאטאר, פאר דעם צענזאר איבער דער אידישער ליטעראטור...

„דער קאנסומענט פון דער ליטעראטור", אזוי זאגט מלך ראוויטש, מאכנדיג דעם סך־הכל פון דער אנקעטע אין דער „פאלקסצייטונג", — „דער קאנסומענט פון דער ליטעראטור האט אויסגעשטעלט א חשבון און מאנט זיין באצאלונג". אזוי רעדט אן איידעלער פאעט — און ער פילט ניט, אז ער רעדט די וואולגארסטע פראזע. ער פילט ניט, אז אין נאמען פון „קאנסומענט" קאן מען קומען מיט טענה'ס צו פאבריקאנטן, צו קרעמער, ניט צו שרייבער... „זיי (די אר־בעטער), זאגט ער, ווייסן, און מען רעדט זיי דאס מיט רעכט איין כסדר און כסדר, אז דאס איז זייער ליטעראטור, ווייל ווען נישט זיי, וואלטן קיין לעזער נישט געווען און ממילא וואלטן די דיכ־טער אוועק צו אנדערע שפראכן אדער אינגאנצן פארשוויגן (אנט־שוויגן?) געווארן, אדער זיך ארומגעדרייט ווי האלבע משוגעים"... ובכן, מוזן די דיכטער זיין דאנקבאר, צוהערן זיך צו זיינע ברויט־און כבוד־געבער, די ארבעטער־לעזער, און טאן וואס זיי הייסן...

און וואס הייסן זיי טאן?

אט וואס זיי הייסן טאן דעם אידישן שרייבער (אויב מען זאל אננעמען, אז די ענטפערס אויף דער אנקעטע פון דער „פאלקס־צייטונג" שטאמען פון טיפישע פארשטייערס פון דעם פראלע־טארישן לעזער־פובליקום):

זיי הייסן דעם אידישן שרייבער אוועקזעצן זיך און אנשרייבן, ענדלאך, דעם „גרויסן סאציאלן ראמאן". דאס, וואס די אידישע דערציילער האבן ביז אהער געשריבן, געפעלט זיי ניט. „אונזערע פראזאאיקער און (!) ראמאניסטן, שרייבט איינער פון זיי, — ס'איז זיי מער נישט פארבליבן ווי צו באארבעטן קליינלאכע טעמען און לבנה'דיגע נעכט. וואו זיינען די ווערק פון אונזערע

גרויסע מסירת־נפש׳דיגע קאמפן, וועלכע פירן זיך צענדליגער יאָרן? וואו איז אָפּגעשפּיגלט אין אונזער ליטעראַטור די דער־וואכונג פון אידישן אַרבעטער־קלאַס? זיינען די הירש לעקערטס און אַנדערע נישט קיין מאַטעריאַל צום באַאַרבעטן?״

און עס איז דערביי אינטערעסאַנט דער טאָן, נישט נאָר דער אינהאַלט פון דעם לעזער׳ס טענה׳ס. ס׳איז דער טאָן פון אַ „באָס״, וואָס בייזערט זיך אויף זיין אָנגעשטעלטן (דעם שרייבער), פאַר־וואָס ער האָט ניט געמאַכט צו דער צייט דאָס באַשטעלטע שטיקל אַרבעט. און ער איז ניט דער איינציגער, וואָס איז אַרויס מיט אָט דער באָסישער אַרבעטער־טענה צו דער אידישער ליטעראַטור. כמעט אַלע אַנדערע לעזער, וואָס האָבן אייגטיילגענומען אין דער אַנקעטע, שטעלן אַרויס די זעלביגע פאָדערונג. „עס פעלט אין דער נייער אידישער ליטעראַטור, ענטפערט אַן אַנדער לעזער, די אָפּ־שפּיגלונג פון אידישן אַרבעטער־לעבן — פון אונזער לעבן. — — — וואו זיינען די אַרבעטער־העלדן און מאַרטירער אפילו פון נאָר דער לעצטער צייט אין דער אידישער ליטעראַטור?״ און נאָך אַן אַנדערער גייט ווייטער און דערקלערט אָפּן: „מיר ווילן, אַז די לי־טעראַטור זאָל דינען דעם סאָציאַליזם. עס איז זעלטן אין דער געשיכטע פון פעלקער, אַז דער אַרבעטער זאָל טראָגן אויף זיינע פּלייצעס די לאַסט פון שולן, ביבליאָטעקן און טעאַטער ווי עס טראָגן עס מיט אמת׳ן מסירת נפש די אידישע אַרבעטער״... היינט וויבאַלד אַז די אידישע אַרבעטער שטעלן אונטער די פּלייצעס אונטער דער לאַסט פון דער אידישער קולטור, דאַרפן די אידישע שרייבער זיי העלפן טראָגן די פאָן פון סאָציאַליזם... אַ פּשוט׳ער חשבון, כאָטש אַביסל אַ קרעמערישער: דער אידישער אַרבעטער טוט אַ טובה דעם אידישן שרייבער — ער שטעלט אונ־טער זיינע פּלייצעס אונטער דער לאַסט פון די אידישע שולן, ביב־ליאָטעקן א. אַז. וו. פילט ער זיך באַרעכטיגט באַלוינט צו ווערן דערפאַר פון דער אידישער ליטעראַטור אויף דער וועלט, און ער פרעגט מיט גרוים רוגזא: „וואו געפינט מען אין איר אונזער לעבן, שטרעבן, אונזערע העלדן? — — — וואו איז דאָס בוך, וואו איז דער דיכטער, וועלכער זאָל זיין אונזערער, נישט דורך זיין איבערצייגונג, נאָר דורך זיין שאַפן?״ טאַקע אַזוי: וויבאַלד

אַז שרייבער אַליין האָבן גענומען איינטענה'ן מיט די אַרבעטער, אַז די ליטעראַטור איז זייערע, מעגן זיי פאַרלאַנגען, אַז זי זאָל זיין אַזוי, ווי זיי ווילן.

זיי זיינען אודאי נאַאיוו, ווען זיי גלויבן, אַז אַ שרייבער קאָן שרייבן דאָס, וואָס מען פאַרלאַנגט פון אים. זיי זיינען זיכער נישט באַהאַוונט אין דעם ענין, ווען זיי מיינען, אַז זיי קאָנען זיין מער בעל־הבית אויפ'ן דיכטער, ווי ער איז אויף זיך אַליין. אָבער כל זמן מען האָט זיי ניט געגעבן צו פאַרשטיין, אַז אַ שרייבער קאָן ניט שרייבן וועגן אַלץ, וואָס ער וויל אָדער אַנדערע ווילן, אַז ער זאָל שרייבן, און כל זמן זיי האָבן די אילוזיע, אַז דער שרייבער געהערט ניט צו זיך אַליין און צו זיין אינעווייניגסטער דערפאַרונג, נאָר צו זיינע לעזער, זיינען זייערע טענה'ס אומפאַרמיידלאַך.

און עס איז גאָר קיין וואונדער ניט, וואָס זיי חזר'ן זיך איבער כמעט ביי אַלע איינטיילנעמערס פון דער אַנקעטע. האָט מען דאָך יעדן פון זיי געבעטן ענטפערן בפירוש אויף דער פראַגע: „וואָס פעלט מיר, דעם אַרבעטער, אין דער היינטיגער אידישער ליטעראַטור?" און מען האָט אים ניט איינמאָל געגעבן אָנצוהערענישן, אַז דער ענטפער אויף דער פראַגע וועט האָבן אַ פראַקטישע באַדייטונג. מען האָט אים איינגערעדט — „און מיט רעכט", זאָגט מלך ראַוויטש, — אַז די אידישע ליטעראַטור איז זיינע, און אַז דער אידישער שרייבער דאַרף שרייבן אַזוי ווי ער, דער אַרבעטער־לעזער, וויל.

מען האָט ניט דערקלערט דעם עולם, אַז אויב אַ גאַנצער דור שרייבער, אַ גאַנצע ליטעראַטור, מיידט אויס געוויסע זאַכן אָדער פאַלט־דורך אין זיי (און די אידישע ליטעראַטור האָט פאַקטיש אויסגעמידן די פאַרלאַנגטע טעמעס אָדער זי איז דורכגעפאַלן, ווען זי האָט זיך גענומען פאַר זיי) — איז עס ניט קיין צופאַל און ניט קיין צו־להכעיס דעם לעזער. מסתמא זיינען דאָ סבה'ס, וואָס פירן דערצו. און אויב שוין יעריידן וועגן דעם, האָט מען געדאַרפט ריידן וועגן אָט די סבה'ס און ניט סתם אין דער וועלט אריין

האָבן טענה׳ס. אפשר וואָלט מען אויסגעפונען, אַז רעוואָלוציע, לעקערט, באַטווין אַ. אַז. וו. איז ניט דער בעסטער שטאָף פאַר אַ קינסטלער. רעוואָלוציע איז אַן אויסנאַם־צושטאַנד, אַן איבער־גאַנגס־צושטאַנד, אַן איבערבראָך, אַ קאַטאַסטראָפע, און דער דער־ציילונגס־קונסט איז לייכטער זיך צו שטיצן אויף אַ לעבן, וואָס איז איינגעשטעלט, סטאַביל, פעסט. רעוואָלוציע איז אַ שטורעם, וואָס דויערט ניט, און די קונסט זוכט דוקא דאָס דויערהאַפטיגע. אפשר וואָלט מען איינגעזען, אַז סאָציאַליזם איז נאָך אַלץ אַן אַבסטראַקציע, אַ נאַקעטע זאַך, ניט אָנגעטאָן אין אַ לעבנס־שטייגער, און דער דער־ציילער האָט דאָ נישט קיין לעבנס־פאַרב צו טונקען אין איר זיין פענזיל, האָט נישט קיין לעבעדיגע פעדים צו וועבן פון זיי זיין קינ־סטלערישן געוועב. אפשר וואָלט זיך אַרויסגעוויזן, אַז יעדער ליטע־ראַטור, נישט נאָר דער אידישער, איז לייכטער צו נעמען שטאָף פאַר זיך אין דער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט, ווי אין דער געגנ־וואַרט, און אַז דער היינט, וועלכער איז אַ סך הכל פון נעכטן, איז נעענטער און קלערער דעם קינסטלער, ווי יענער טייל פון היינט, מיט וועלכן עס הויבט זיך אָן דער מאָרגן. אפשר וואָלט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז נישט געקוקט אויף דער עקזיסטענץ פון פּראָלעטאַרישע פּאַרטייען און רעוואָלוציאָנערע יחידים, איז דאָך בעצם דאָס אידישע לעבן און אפילו דאָס אַרבעטער לעבן ניט פּראָלעטאַריש און ניט רעוואָלוציאָנער, וואָרים דאָס לעבן (דערהויפּט פאַר׳ן קינסטלער) איז ניט די סומע מיטינגען, רעזאָ־לוציעס, בראָשורן, רעדעס, דעמאָנסטראַציעס, שיסערייען; נאָר דער סכום פון אַ ל ע מענשלאַכע איבערלעבענישן, איינדרוקן, דערפאַרונגען, פּאַרלאַנגען, תאוה׳ס, קאָנפליקטן. אפשר וואָלטן אַ סך אַנדערע זאַכן אויפגעדעקט ווערן, ווען מען זאָל נעמען פאָרשן די אורזאַכן, פּאַרוואָס, אַ שטייגער, „שלום אַש, ווי עס שרייבט איינער פון די לעזער, רודערט אונז אויף מיט דער ליריק און הערואישקייט פון זיינע ווערק, אָבער די נאָגנדיגע פראַגן ווערן דאָך נישט פאַרענטפערט״... אפשר איז די קונסט גאָר באַרופן צו שטעלן פראַגן, ניט צו פאַרענטפערן זיי...

דער עצם ענין פון וועלן געפינען אין דער ליטעראַטור אַ באַ־שרייבונג פון די אייגענע העלדישקייטן איז אפשר נישט מער

ווי א מין פּראָלעטאַרישער סנאָביזם, וועלכער איז מער נאַאיוו, מער אויפריכטיג, אָבער נישט מער באַרעכטיגט, ווי דער סנאָביזם פון אַנדערע גרופּעס, וועלכע ווילן, אַז די קונסט זאָל „פאַר־אייביגן" זייערע העלדן.

און דער עיקר — אפשר זיינען די אַלע פאָדערונגען, ווען אפילו זיי זאָלן זיין גערעכטע, אוטאָפּיש, ווייל מען קאָן זיי ניט אויספירן, סיידן נאָר מעכאַניש און קינסטליך?

אָט האָבן אַלע אידישע שרייבער אין סאָוועט־רוסלאַנד זיך אַ נעם געטאָן פאַר דער שילדערונג פון דער רעוואָלוציע, פון דעם בירגער־קריג, פון דער אַרבעטער באַוועגונג א. אז. וו. האָבן זיי באמת רייכער געמאַכט די אידישע ליטעראַטור? האָבן זיי כאָטש דעם לעזער געזאָגט עפּעס, וואָס ער האָט נישט געוואוסט? האָבן זיי געשאַפן כאָטש עפּעס ענליכעס צו די לעבענס־סינטעזן, וועלכע עס האָבן אונז געגעבן די ניט־רעוואָלוציאָנערע אידישע שרייבער? זיי זיינען נאָר געפאַלן אַ קרבן פון דער מאָדע און דער פּאַרטייאישער דיקטאַטור, און די בעסערע פון זיי זוכן זיך צו באַפרייען דערפון.

אָט האָט ה. לייוויק, ענדלאַך, שוין אָנגעשריבן די לאַנג־געפאָדערטע לעקערט־דראַמע. האָט ער שוין פאַרדינט דערמיט אַ שטול אין דעם גן־עדן פון דער רעוואָלוציאָנערער ליטעראַטור? וועלן אונזערע רעוואָלוציאָנערן שוין זיין צופרידן מיט לייוויק'ן? איך צווייפל אין דעם. אין „גולם" איז לייוויק מער „רעוואָלוציאָנער", ווי אין „הירש לעקערט", און מער דיכטער אודאי, כאָטש דאָרט איז די טעמע אַ „מיטל־אַלטערלאַכע" און דאָ — אַ „מאָדערנע". אויך וועט משה נאַדיר, וועלכער קערט זיך אום ווי עס ווייזט, צוריק צו זיינע אַלטע טעמעס און אַלטן סטיל, מער אויפטאָן מיט דעם, ווי מיט זיינע פרום־פּראָלעטאַרישע התפּעלות'ן פון סאָוועט־רוסלאַנד. און ווען איך זאָג דאָס, מיין איך ניט, אַז ער האָט נישט געדאַרפט איבערגעבן זיינע איינדריקן פון סאָוועט־רוסלאַנד. כ'מיין נאָר, אַז ס'איז געווען אַ זינד פון אים געגן זיך אַליין צו שטעלן זיך מיט פאַרגלאָצטע אויגן, אין נאָמען פון דעם ברודער־ אַרבעטער, און מאַכן קידוש, בעת ער איז מער בריה אויף „מאַכן קאַזשעלקעס"... — אָדער נעמט שלום אש'ן. האָט ער דען

ניט געשריבן פון דעם היינטיגן לעבן? ער האָט געפּרובט מאָלן אַפילו די רעוואָלוציע (אין „מערי" און „דער וועג צו זיך"). אָבער מער פּאָעט און מער אַש איז ער, ווען ער שילדערט דאָס איינגע־וואָרצלטע און גאַנצע לעבן פון אַמאָל, ניט די צוריסנקייטן און אומרואיגקייטן פון איצט. און דאָס הייסט ניט, ווי מען וויל אונז איינריידן, אַז ער רופט אונז צוריק צו דער פאַרגאַנגענהייט. ער געפינט נאָר דאָרט פאַר זיך פּאַסיגן שטאָף און אַ פעסטן אויס־גאַנגס־פּונקט פאַר זיין פאַנטאַזיע. היינט צו־וואָס זאָל ער זיך אָפּרייסן פון זיינע וואָרצלען, פון זיין ערד?

אָבער אונזערע נייע פאַרזאָרגער פון דער אידישער ליטעראַ־טור רעכענען זיך ניט מיט די אַלע זאַכן. זיי ווילן, אַז די שרייבער זאָלן צופרידנשטעלן די לעזער און מען פאַרגעסט אַפילו צו פרעגן — וועלכע לעזער.

אַ גרופּע פּאַרטיי־מענשן האָט, אונטער דער ווירקונג פון פּאַרטיי־קריטיקער, גענומען זיך דאָס רעכט צו פאָדערן פון דער אידישער ליטעראַטור דאָס טעלערל פון רעוואָלוציע — וויל מען אונז איינריידן, אַז דאָס פאָדערט דער אידישער לעזער. „דער לעזער פון צוואַנציגסטן יאָרהונדערט, לייענען מיר אין איינעם פון די ענטפערס אויף דער „פּאָלקסצייטונג"־אַנקעטע, פאַרלאַנגט נישט קיין מעשה'לאַך אָדער שילדערונגען פון דער פאַרגאַנגענהייט. איהם אינטערעסירט די געגנוואַרט". אַי־וואָס, „אַ סך לעזער פון צוואַנציגסטן יאָרהונדערט" לייענען זייער גערן „מעשה'לאַך און שילדערונגען פון דער פאַרגאַנגענהייט", און אין אַלע לענ־דער, אַפילו אין סאָוועט־רוסלאַנד, ווערן איינציגע קלאַסיקער נאָך אַלץ מער געלייענט, ווי היינטיגע רעוואָלוציאָנערע שרייבער? אַי־וואָס, די לעזער, און אויך די אַרבעטער־לעזער, האָבן דווקא ליב באַשרייבונגען ניט פון זייער אייגענעם לעבן, וועלכעס האָט זיי געגנוג דערעסן, נאָר פון דעם לעבן פון אומבאַקאַנטע, ווייטע, פרעמדע, אויסטערלישע מענשן? דאָס שטערט ניט דעם פּאַרטיי־טוער צו ריידן אין נאָמען פון אַלע לעזער, פון אַלע אַרבעטער — און צו דערקלערן, אַז „דער לעזער פון צוואַנציגסטן יאָר־הונדערט" אָדער „דער אידישער אַרבעטער־לעזער" וויל נישט קיין אַנדער

זאַך, אַ חוץ באַשרייבונגען פון רעוואָלוציאָנערע העלדנטאַטן אַ. ד. ג.

אין דער אמת'ן איז גאָר ניטאָ אַזאַ זאַך, ווי „דער אידי־שער אַרבעטער לעזער". עס זיינען דאָ פאַרשיידענע סאָרטן לעזער צווישן די אידישע אַרבעטער, און די פון זיי, וואָס זיינען אינטעליגענט אין ליטעראַרישן, נישט נאָר אין פּאָליטישן זינען, ווייסן, אַז דעם שרייבער'ס רעכט אויף זעלבסטבאַשטימונג, אויף פרייען אויסקלייב פון טעמעס, מאָטיוון און פאָרמען איז וויכטיג פאַר'ן לעזער, נישט נאָר פאַר'ן שרייבער. די אינטעליגענטע אַרבעטער לעזער ווייסן, אַז עס איז ניט אין די אינטערעסן פון קיינעם, אַ חוץ פון די פּאַרטיי־גרופּעס, צו טעראָריזירן די ליטעראַ־טור און צוצושטיין צו איר מיט פאָדערונגען, וועלכע זי קאָן צו־פרידנשטעלן נאָר דאַן, ווען זי וויל זיי צופרידנשטעלן. (און אמת'ע ליטעראַטור וויל נאָר דאָס, וואָס זי קען.)

ג. דער אידישער אַרבעטער־לעזער.

נישט געקוקט אויף דעם, הערט מען נישט אויף צו מאָנען און צו פאָדערן פון דער אידישער ליטעראַטור, אַז זי זאָל זיין אַן „אַרבעטער־ליטעראַטור".

אין דער פרעסע פון די אידישע קאָמוניסטן אין רוסלאַנד און אויך אין אַמעריקע ווערט ניט איינמאָל אַרויסגעזאָגט די מיינונג, אַז אונזער אידישע ליטעראַטור (און די גאַנצע אידי־שע קולטור) „וועט זיין אַ קאָמוניסטישע אָדער זי וועט גאָר ניט זיין". דאָס איז אַ דרייסטע און אַביסל אַן אומגעריכטע מיי־נונג; אָבער גאָר אינגאַנצן ניי איז זי ניט. נאָך פאַר דער אָק־טאָבער־רעוואָלוציע אין רוסלאַנד האָבן אידישע סאָציאַליסטן (בונדיסטן) ניט איין מאָל געזאָגט און אַפילו געשריבן, אַז די נייע אידישע ליטעראַטור איז אַ פּראָדוקט פון דער אידישער אַר־בעטער־באַוועגונג, און דערפון איז געמאַכט געוואָרן דער אויספיר, אַז די ליטעראַטור אויף אידיש „וועט זיין אַ פּראָלעטאַרישע אָדער זי וועט גאָר ניט זיין".

וואָס איז דאָס אַזוינס „פּראָלעטאַרישע" ליטעראַטור, האָבן די סאָציאַליסטן ניט געוואוסט אויף קלאָר, אַזוי ווי די קאָמו־

ניסטן קאָנען איצט ניט זאָגן אונז אויף זיכער, וואָס אייגנט־לאָך מיינען זיי מיט דעם וואָרט „קאָמוניסטישע“ ליטעראַטור. עס איז אָבער אינטערעסאַנט דער פּאַקט אַליין, וואָס אַ לאַנגע צייט פאַר דער „דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט“ איז שוין ביי אונז געווען דער באַגריף פון אַ „פּראָלעטאַרישער“ ליטעראַטור. און נאָך אינטערעסאַנטער איז פעסטצושטעלן, אַז כאָטש דער דאָזיגער באַגריף איז אָנגעווענדט געוואָרן צו איינעם פון די ניט־פּראָלעטאַרישסטע פעלקער אין דער וועלט, — צו אידן, און עס איז געווען מאָדנע צו הערן ריידן וועגן אַ „פּראָלעטאַרישן“ שאַפן, וואו עס איז, לויט דער מיינונג פון אַנדערע, גאָר ניט געווען נאָך אפילו קיין אמת׳ער פּראָלעטאַריאַט — האָט דאָך אין די דאָ־זיגע רייד געשטעקט אַ שטיק היסטאָרישער אמת.

מען וואָלט נאָר בעדאַרפט געברויכן אַביסל אַן אַנדערע, אַ מער ברייטע, טערמינאָלאָגיע.

מען וואָלט ניט געדאַרפט זאָגן : די נייע אידישע ליטעראַטור איז אַ רעזולטאַט פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג. דאָס איז ניט ריכטיג : די אידישע ליטעראַטור, און ניט נאָר די פאַרצייטיגע, אויך די היינטיגע, ריין וועלטלאַכע, אידישע ליטע־ראַטור — האָט זיך אָנגעהויבן פריער אַ סך, איידער די אידישע אַרבעטער־באַוועגונג ; זי איז געווען, ווען עס האָט נאָך גאָר ניט עקזיסטירט ביי אונז אפילו קיין באַדייטנדיגער קלאַס אידישע אַרבעטער. זי איז געווען, ווען די סאָציאַלע דיפערענצירונג ביי אידן האָט זיך גענומען בלויז פון „אָרים און רייך“, גביר און קבצן, ניט פון יענעם קאָנפליקט צווישן אַרבעטער און אַרבעטס־געבער, פּראָלעטאַריאַט און בורזשואַזיע, וועלכער רופט אַרויס די היינטיגע סאָציאַלע באַוועגונג.

איז עס בפירוש אַן אומוויסנהייט צו טראַכטן, אַז די היינ־טיגע אידישע ליטעראַטור איז אַ קינד פון דעם אידישן אַרבעטער־קאַמף. עס איז אָבער ריכטיג, אַז זי איז געווען אַמאָל אַן אויס־דרוק פון דער סאָציאַלער באַוועגונג ביי אידן, אויב מען זאָל פאַרשטיין אונטער דעם וואָרט סאָציאַלע באַוועגונג די אויפוואַכונג פון די פאָלקס־מאַסן און אויב מען זאָל די דאָזיגע אויפוואַכונג אויסטייטשן אין דעם

זינען, וואָס אַ טייל, — זאָל זיין אַפּילו אַ קלײנער טייל — האָט ניט געוואָלט מער באַנוגענען זיך מיט די רעשטלאַך, וואָס עס האָבן איבערגעלאָזן פאַר זיי די יחסנים, און זיי האָבן גע־פּרואווט מאַכן פאַר זיך אַליין שבת, פּראָוון אַן אייגענעם טיש, אַרויסברענגען פון זיך אַן אייגענע אינטעליגענץ, „קריגן לשון", און אַרויס סוף כל סוף מיט אָפענע טענות קעגן די בעלי טובות, דער כנופיא קהל׳ס־לייט, א. אַז. וו.

אין דעם דאָזיגן ברייטערן זינען איז ניט נאָר די נייע, נאָר אַפּילו די עלטערע, און אַפּילו די רעליגיעזע ליטעראַטור אויף אידיש געווען אין אַ געוויסן זינען אַן אויסדרוק פון דעם שטילן קאַמף, וואָס האָט זיך געפירט פון קדמונים צווישן די אייבערשטע, מאַטעריעל און גייסטיג־הערשנדיגע, און די אונטערשטע, אונ־טערדריקטע, שיכטן פון דעם אידישן פאָלק. ערשט אין די לעצ־טע עטלאַכע צענדליג יאָר האָט די אידישע ליטעראַטור אויפגע־הערט צו זיין די „דינסט" פון דער סאָציאַלער אידעע און אָנגע־הויבן ווערן אַ ציל פאַר זיך אַליין.

די סאָציאַלע אידעע איז — אין איר ליטעראַרישער פאָרם — געווען אין אָנהויב פאַרשטעלט, פאַרשטיקט, אָפטמאָל אַפּילו גאָר אומבאַוואוסט: די, וואָס האָבן מיט אַ יאָר זיבן־אַכט הונדערט צוריק אָנגעהויבן שרייבן אויף עברי־טייטש, האָבן ניט געזאָגט און אויך גאָר ניט געוואוסט, אַז זיי ווילן באַפרייען די פאָלקס־מאַסן פון דער אַפּוטרופּסות און דער הארנשאַפט פון די העכערע שיכטן, די יחסנים; פאַרקערט, זייער ציל איז אָפט געווען דער־נענטערן דעם פאָלק צו דער תורה, דער מאָראַל און דער לעבנס־פירונג פון די לומדים, די גייסטיגע פירערס, אָדער זיי האָבן סתם אַזוי געוואָלט אַמוזירן דעם עולם. פאַקטיש אָבער האָבן זיי אויף אידיש, אויף דער שפּראַך פון די פאָלקס־מאַסן, געשאַפן עפּעס אַזוינס, וואָס טראָגט אויף זיך דעם קלאָרן שטעמפּל פון די דאָזיגע מאַסן. זיי האָבן געשאַפן אַ ליטעראַטור, וואָס אין איר האָט זיך אָפּגעשפּיגעלט דאָס דענקען און פילן און דער גאַנצער לעבנס־גייסט פון „פאָלק", פון „המון". דער, וואָס שטודירט מיט קאָפּ די אַלטע אידישע ליטעראַטור, זעט, אַז אַפּילו דאָן, ווען

זי האָט גענומען פון העברעאיש, האָט זי גענומען ניט אַלץ. זי האָט געקליבן און אויסגעקליבן דאָס, וואָס האָט זיך געפּאַסט פאַר'ן גייסט און גוסט פון „פאָלק". און אפילו דאָס גענומענע האָט זי איבערגעאַרבעט און איבערגעאַנדערשט בהסכם מיט דעם דאָזיגן גייסט און גוסט. נאָך מער אָבער ווי פון העברעאיש, האָט זי אין אָנהויב גענאַשט פון די גוי'אישע ליטעראַטורן, פון יענע „וועלט ביכער" פון יענע ריטער ראָמאַנען און דייטשישע אָדער איטאַליענישע פאָלקס זאגן, צו וועלכע די רבנים און די לומדים האָבן געהאַט די טיפסטע פאַראַכטונג.

אָבער אויב דאָס איז אַמאָל געווען בלויז אַן אַן אומבאַוואוסט־זיניגער אויסדרוק פון דער מלחמה, וואָס איז פאָרגעקומען אין דער שטיל צווישן די „העכערע" און די „נידעריגערע" קלאַסן, איז עס שפּעטער, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די השכלה־באַוועגונג, גע־וואָרן באַוואוסטזיניג. די השכלה־ליטעראַטור אויף אידיש איז אַ לאַנגע צייט פאַר מענדעלע'ס „טאַקסע" שוין געווען אַ ליטעראַטור פון סאָציאַלן פּראָטעסט. די „טאַקסע" — דער דאַמאָלסדיגער סימבאָל פון עקאָנאָמישער עקספּלואַטאַציע און סאָציאַלער אונ־טערדריקונג ביי אידן — איז קריטיקירט געוואָרן שוין אין ריב"ל'ס „הפקר־וועלט", וועלכע איז אין דעם צווייטן פערטל פון נייַנ־צענטן יאָרהונדערט פאַרשפּרייט געוואָרן אין מאַנוסקריפּט. פון דאַן אָן איז דער סאָציאַלער מאָטיוו געוואָרן אָפּן דער הויפּט־מאָטיוו פון דער אידישער ליטעראַטור, און ביז'ן אָנהויב פון צוואַנציגסטן יאָרהונדערט איז די אידישע ליטעראַטור אין איר ע הויפּט־ווערק געווען דער אָרגאַן, דער שופר פון דער אידישער סאָציאַלער באַוועגונג, און זיי, די אידישע ליטעראַ־טור און די אידישע סאָציאַלע באַוועגונג, האָבן איינע אויף דער אַנדערער קעגנזייטיג געווירקט.

די דאָזיגע קעגנזייטיגע ווירקונג איז געוואָרן אַלץ שטאַרקער, וואָס מער דער קאַמף פון די סאָציאַלע היפּוכים איז געוואָרן ביי אונז אָרגאַניזירט און ציל־באַוואוסט. אַזוי איז געווען אין אַמע־ריקע; אַזוי איז געווען אויך, אין די נייַנציגער יאָרן פון פאָריגן יאָר־הונדערט, אין רוסלאַנד.

וואָס איז נוגע ספּעציעל רוסלאַנד, זיינען ווען דעם פאַר־

עפּענטלאַכט זייער אינטערעסאַנטע דאַטן אין דעם זאַמלבוך „רויטער פּנקס" (פאַרלאַג קולטור ליגע, וואַרשע, 1921). די דאַטן געפינען זיך אין די זכרונות פון א. ל י ט ו ו אַ ק — „די זשאַרגאָנישע קאָמיטעטען".

די „זשאַרגאָנישע קאָמיטעטען" זיינען געגרינדעט געוואָרן אין מיטן די ניינציגער יאָרן. זייער ציל איז געווען — „פאַרשפּרייטן גוטע ליטעראַטור צווישן אידישע אַרבעטער, גרינדן אידישע אַרבעטער־ביבליאָטעקן אין דער פּראָווינץ און אַרויסגעבן פּאָפּולער־וויסנשאַפטלאַכע און בעלעטריסטישע ביכער אויף אידיש". די גרינדער פון די „זשאַרגאָנישע קאָמיטעטן" זיינען געווען די פּיאָנערן פון דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין דער ליטע, די, וואָס האָבן שפּעטער אָרגאַניזירט דעם „בונד". זיי זיינען ניט אויסן געווען די אַנטוויקלונג אָדער פאַרשפּרייטונג פון דער אידישער ליטעראַטור. ווי די בורזשואַזע משכילים, אַזוי האָבן אויך זיי ניט געהאַלטן פון אידיש. אַ חוץ אַ פּאָר אויסנאַמען, „זיינען אַלע טוער", שרייבט א. ליטוואַק, „געווען אַסימילירט, האָבן שלעכט גערעדט און כמעט ניט געקאָנט לייענען אויף אידיש". „איינער פון זיי", דערציילט א. ליטוואַק אַ כאַראַקטעריסטישן עפּיזאָד, האָט אים געוואָלט אַמאָל ציינן, אַז ער קען „זשאַרגאָן", האָט ער אים געזאָגט אויפ'ן אויער: „פּגר'ן זאָלסטו מיט אַ חזיר אין איין טאָג". דער דאָזיגער אינטעליגענט איז געווען, ווי עס ווייזט, זיכער, אַז ריידן אידיש הייסט באַנוצן גראָבע ווערטער. און אַז די דאָזיגע אידישע אינטעליגענטן האָבן אָנגעהויבן צו פאַרשפּרייטן דעם סאָציאַליזם צווישן די אידישע אַרבעטער, האָבן זיי עס אין אָנהויב געטאָן מיט דער הילף פון דער ר ו ס י ש ע ר שפּראַך. אַ־וואָס, די אידישע אַרבעטער האָבן ניט פאַרשטאַנען קיין רוסיש? האָט מען די ערשטע זאַך טאַקע גענומען זיי לערנען דעם דאָזיגן לשון. „אונזער אומלעגאַלע אַרבעט", שרייבט מ. מ. ראָזענבוים אין די „ערינערונגען פון אַ סאָציאַליסט־רעוואָלוציאָנער", („דר. זשיטלאָווסקי־פאַרלאַג", ניו יאָרק, 1921) — „אונזער אומלעגאַלע אַרבעט איז, דעריבער, אין אָנפאַנג באַשטאַנען אין אויסקלייבן עטלאַכע סימפּאַטישע אַרבעטער און אַגיטירן צווישן זיי . . . דעם רוסישן אלף־בית".

אַזאַ „קוק“ האָבן געהאַט דאַן אויף אידיש די אידישע סאָציאַליסטישע אינטעליגענטן (מיט דער אויסנאַם פון אַזעלכע ווי דר. זשיטלאָווסקי, וועלכע האָבן דאַן שוין געוואוסט ווי צו שעצן אידיש), און אויב זיי האָבן שפּעטער, אין די ניינציגער יאָרן, אַראָפּגענומען די האַנט פון האַרצן און אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן צווישן די אידישע אַרבעטער ליטעראַטור אויף אידיש, איז עס געווען דערפאַר, וואָס זיי האָבן דערפילט, אַז די אידישע ליטעראַטור קאָן אַ סך מער אויפטאָן פאַר דער פאַרשפּרייטונג פון סאָציאַליזם צווישן די אידישע מאַסן, איידער דער רוסישער אלף בית. די אידישע אַרבעטער און אַרבעטער־אינטעליגענטן זיינען אַליין אויך שטאַרק נתפּעל געווען פון רוסיש (צווישן די אידישע אַרבעטער האָט זיך דאַן ערשט איינטלאַך אָנגעהויבן די השכלה־באַוועגונג, און גראַמאַטיקע אָדער דקדוק איז געווען דער אָנהויב און דער יסוד פון השכלה), אָבער זיי האָבן געפילט אַ נאַטירלאַכע צוגעבונדנקייט צו דער אידישער ליטעראַטור, און די אידישע ליטעראַטור, פון איר זייט, האָט אָנגעהויבן דאַן באַוואוסטזיניג און סיסטעמאַטיש העלפן דער סאָציאַלער אויפוואַכונג פון די אידישע מאַסן. צווישן די אידישע שרייבער אין רוסלאַנד זיינען געווען דאַן איינציגע, וואָס זיינען שוין אַליין געשטאַנען נאָענט צו דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג און האָבן געהאַט פאַרבינדונגען מיט אירע פירער. דאָס זיינען געווען יצחק גוידאָ (ב. גאָרין) אין ווילנע און י. ל. פרץ, מ. ספּעקטאָר און דוד פּינסקי אין וואַרשע. די דערציילונגען מיט אַ סאָציאַלער בילדונגס־טענדענץ, וואָס זיי האָבן דאַן (אַרום 1894) גענומען דרוקן אין באַזונדערע ביליגע ביכלאַך אָדער אין די באַרימטע „יום־טוב בלעטלאַך“ — זיינען געוואָרן דער יסוד פון דער סאָציאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדע צווישן די אידישע אַרבעטער. דערהויפּט האָבן אַ גרויסע ווירקונג געהאַט „די יום־טוב־בלעטלאַך“ און אַנדערע אויסגאַבן פון י. ל. פרץ און זיין גרופּע. „זיי זיינען געגאַנגען“, שרייבט א. ליטוואַק אין זיינע מעמוארן, „פון האַנט צו האַנט. מען האָט זיי געלייענט און פאַרטיילט אין אַרבעטער־קרייזלאַך; געלייענט מער צווישן די שורות, ווי אין די שורות. זיי זיינען געוואָרן אַ מאַטעריאַל פאַר פּראָפּאַגאַנדע און אַגיטאַציע“.

עס איז דאָן באַשאַפן געוואָרן אַן אינטימע פאַרבינדונג, אַ מין פערזענלאַכע יוניע צווישן די פּראָגרעסיווערע פאָרשטייער פון דער אידישער ליטעראַטור און דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג.

און אָט דאָן האָט זיך אָנגעהויבן וועבן די לעגענדע, אַז די אידישע ליטעראַטור איז די ליטעראַטור פון דעם אידישן אַרבעטער־קלאַס.

אָבער אין דער אמת'ן איז עס געווען אויך דאָן ניט מער ווי אַ ווייטער־שפּינען דעם אַלטן פאָדעם פון דער אידיש־ליטע־ראַרישער טראַדיציע: די ליטעראַטור אויף אידיש האָט פון תמיד אָן געהאַט, ווי מיר האָבן געזען, אַ שאַרף אויסגעדריקטע סאָציאַלע טענדענץ; איז אין די ניינציגער יאָרן, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן ביי אונז צו אָרגאַניזירן אַ סאָציאַליסטישע באַוועגונג, פון דער אומ־באַשטימטער סאָציאַלער טענדענץ געוואָרן אַ מער־באַשטימטע סאָ־ציאַליסטישע שטרעמונג. אין רוסלאַנד איז עס, צוליב די צענזור־באַדינגונגען און דער „אונטערערדישקייט” פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, געווען פאַרשטעלט, אין אַמעריקע — אָפן; אין רוס־לאַנד איז עס, צוליב דער קליינער צאָל פון די אידישע אַרבעטער דאָרט, געווען אין אַ קליינעם מאַסשטאַב, אין אַמעריקע, וואו דער גרעסטער טייל פון דער אידישער אימיגראַציע איז פּראָלעטאַ־ריזירט געוואָרן — האָט די „סאָציאַליזירונג” פון דער אידישער ליטעראַטור געהאַט אַ גרעסערן פאַרנעם. אָבער אי דאָ, אי דאָרטן איז די אידישע ליטעראַטור געווען ניט דאָס קינד פון דער אי־דישער אַרבעטער באַוועגונג, נאָר פאַרקערט, איר דערציערין.

און אי דאָ, אי דאָרטן האָט די אידישע ליטעראַטור אָנגעהויבן אַרומצונעמען וואָס ווייטער אַלץ מער און מער ספערן פון לעבן און האָט אָנגעהויבן צו ווערן ממילא אַלץ מער און מער אַלגעמיין־נאַציאָנאַל גראָד דאָן ווען זי האָט, לויט דער מיינונג פון אונזער פּאַרטייאישער ליטעראַטור־געשיכטע, געזאָלט ווערן אָדער שטרעבן צו ווערן „פּראָלעטאַריש”. אי דאָ, אי דאָרט האָט די אידישע ליטע־ראַטור געהאָלפן אַריינברענגען די פּראָלעטאַרישקייט אין דעם גע־זעלשאַפטליכן לעבן, כדי צו קאָנען אַוועקגיין אַליין אויף אַ וועג, וואָס איז ברייטער און פרייער.

ד. נאָך וועגן דעם אַרבעטער לעזער.

אָבער נישט געקוקט אויף דעם, הערט מען נישט אויף צו טענה'ן, אַז אויב די אידישע ליטעראַטור וויל לעבן אויף דער וועלט, וויל האָבן אַ צוקונפט, מוז זי זיך „אָריענטירן (ווי עס זאָגט דער פּאַרטיי־זשאַרגאָן) אויף דער רעוואָלוציאָנערער אידעאָלאָגיע פון דעם קעמפנדיגן אַרבעטער קלאַס". זי מוז זיך אָפּזאָגן פון אירע נייע געווינסן, פון אירע נייע ריין קינסטלערישע אויפגאַבן און ווערן צוריק אַ מאַסן ליטעראַטור אָדער אַן אַרבעטער ליטעראַטור...

אין וואָס זאָל באַשטיין אָט דאָס „אָריענטירן זיך אויף די אַרבעטער, אויף דער פּראָלעטאַרישער אידעאָ־לאָגיע"? זאָל דאָס הייסן, אַז אַלע אידישע שרייבער, — פּאָעטן, פּובליציסטן, ראָמאַניסטן, היסטאָריקער, פילאָ־לאָגן, קריטיקער — קורץ, אַלע די, וואָס שרייבן אידיש מוזן זיין סאָציאַליסטן? ניין, אַזאַ ד י ר ע ק ט ע פּאַרטייאישע פאָ־דערונג צום אידישן שריפטשטעלער האָט נאָך קיינער אָפן ניט גע־שטעלט. היינט אין וואָס זאָל זיך אויסדריקן די פּראָלעטאַריש־קייט פון דעם אידישן שרייבער? זאָלן די ה ע ל ד ן פון אידי־שע ראָמאַנען, דערציילונגען, באַלאַדעס זיין דווקא פּראָלעטאַריער, ווי עס פאָדערן די איינטיילנעמער פון דער פריער דערמאָנטער אַנקעטע? אָדער מוזן די אידעען, די מאָטיוון, די שטימונגען פון אידישע לידער, דראַמעס, עסעיס, וויסנשאַפטלאַכע פאָרשונ־גען זיין רעוואָלוציאָנער, סאָציאַליסטיש? אין וואָסער זינען זאָלן זיי זיין סאָציאַליסטיש? און וואָס הייסט עס בכלל סאָציאַ־ליסטיש אָדער „פּראָלעטאַריש", ווען עס רעדט זיך וועגן קונסט? אויף די אַלע פראַגן האָבן מיר נישט קיין קלאָרן ענטפער, ווי־וואויל מען רעדט שוין וועגן דעם ביי אונז אַ פּאָר צענדליג יאָר.

אפילו סאָציאַליסטן אַליין זיינען נישט דורכגעקומען נאָך צווישן זיך וועגן דעם מיין און דעם תוך פון דעם „פּראָלעטאַרישן כאַראַקטער" פון דער אידישער ליטעראַטור, און ווען איינינגע פון זיי האָבן אַמאָל גענומען שרייבן ליטעראַרישע קריטיק „פון פּראָלעטאַרישן שטאַנדפּונקט", האָט ניט קיין אַנדערער, ווי דער

— איצט־לינקער — מ. אָ ל ג י ן, זיי אויסגעלאַכט. „אין גרונד פון אַזוינע אַנשויאונגען", האָט ער געשריבן, ליגט די מיינונג, אַז די ליטעראַטור איז ניט קיין קולטורעלע מאַכט פ אַ ר ז י ך, אַז זי איז ניט קיין גלייך ווערטפולע זאַך צווישן די אוצרות פונ'ם מענשלאַכן גייסט. די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, ווי יעדע אַנדערע ריין דעמאָקראַטישע, ריין פאָלקסטימלאַכע באַוועגונג, האָט, צום גליק, שוין לאַנג פאַרלאָזן אַזאַ שטאַנדפונקט. דער היינטיגער פּראָלעטאַריער זאָגט: Homo sum — איך בין אַ מענש, און אַלעס מענשלאַכע איז מיר ניט פרעמד. דער פּראָלעטאַריער דאַרף קענען פאָליטישע עקאָנאָמיע און נאַטור־וויסנשאַפט און אַלצדינג, וואָס העלפט אים צו פאַרשטיין די וועלט און די געזעלשאַפט, פונקט אַזוי דאַרף ער האָבן די שיינע ליטעראַטור, די קונסט, די מוזיק — אַלצדינג, וואו עס אַנטפּלעקט זיך די אינערלאַכע מענשלאַכע וועלט, די אינטימסטע באַוועגונגען פון דער מענטשלאַכער נשמה. און פונקט אַזוי דאַרף ער האָבן ניט נאָר א י י ן סאָרט ליטעראַטור, וועלכן ס'וועט באַוויליגן צו באַשטימען פאַר אים אַ קריטיקער „פון פּראָלעטאַרישן שטאַנדפונקט", נאָר טאַקע די ג אַ נ צ ע ליטעראַטור, אין אירע נייסטע דערשיינונגען, און אירע אויסגעפיינטע, אויסגעאיידלטע פאָרמען".

אַזוי האָט מ. אָלגין געשריבן אין זיין בוך „אין דער וועלט פון געזאַנגען". דאָס בוך איז אַרויס אין יאָר 1919. דאָס קאַפּיטל „פון פּראָלעטאַרישן שטאַנדפונקט" איז געשריבן געוואָרן פריער, אָבער ווען דער פּראָפעסער זאָל האָבן חרטה געהאַט אויף דעם, וואָס ער האָט געזאָגט אין יענעם קאַפּיטל, וואָלט ער עס ניט אַריינגענומען אין זיין בוך. ובכן, שוין נאָך מתן תורה פון אָקטאָבער און אַ גאַנץ קורצע צייט איידער מ. אָלגין האָט זיך איבערגעקערט אויפ'ן לינקן זייט, האָט ער געהאַלטן, כאָטש ער איז דאַן אויך געווען אַ שטרענגער מאַרקסיסט, אַז דער אַרבעטער דאַרף זיך נישט באַנוגענען מיט יענעם „סאָרט ליטעראַטור, אויף וועלכן ס'וועט באַוויליגן צו באַשטימען פאַר אים אַ קריטיקער „פון פּראָלעטאַרישן שטאַנדפונקט". דער „פּראָלעטאַרישער שטאַנדפונקט" האָט נאָך געהאַט פאַר אים דאַן איראָנישע גענזעפיסלאַך. און נישט נאָר פאַר אים אַליין. אַ סך פון

זיינע דאמאָלסדיגע חברים, סאָציאַל־דעמאָקראַטען, האָבן נישט געוואוסט, און ווייסן אויך איצט ניט, ווי און וואו עס דאַרף קומען צום אויסדרוק אָט דער „פּראָלעטאַרישער שטאַנדפּונקט" אין דער אידישער ליטעראַטור און צי איז בכלל בארעכטיגט אַזאַ מין שטאַנדפּונקט אין קינסטלערישן שאַפן. אָבער נישט געקוקט אויף דעם, האָבן נאָך פאַר דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע זיך געהערט ביי אונז שטימען, וואָס האָבן געפאָדערט פון דער אידישער ליטעראַטור, אַז זי זאָל זיך „שטיצן נאָר אויף דער אידישער אַרבעטערשאַפט".

און נישט נאָר אויף דעם אידישן וואָרט אַליין, — אויף דער אידישער דערציאונג און אויף דער גאַנצער אידישער קולטור האָט מען געוואָלט אַרויפצווינגען אַ „פּראָלעטאַרישקייט", וועגן וועלכער עס איז ביי סאָציאַליסטן גופא נישט געווען נאָך ניט קיין איינשטימיגקייט, ניט קיין קלאָרקייט.

האָט טאַקע אָט די נישט־קלאָרקייט און נישט־באַשטימטקייט פון די „פּראָלעטאַרישע" תביעות צו דער אידישער ליטעראַטור אָפּגעשוואַכט זייער ווירקונג. נאָך „אָקטאָבער" אָבער זיינען די תביעות אָפּגעפרישט געוואָרן. מער קלאָרקייט האָבן זיי ניט צוגעקראָגן, אָבער די, וואָס שטעלן זיי איצט אַרויס, האָבן מער תקיפות. זיי ריידן שוין איצט ניט מער אין נאָמען פון ק ע מ פ נ ־ ד י ג ן פּראָלעטאַריאַט. זיי זיינען, זאָגן זיי, שלוחים פון דעם ז י ג ר י י כ ן אַרבעטער קלאַס — פון דעם אַרבעטער קלאַס אין ראַטן־פאַרבאַנד. איז ביי דער פאָרמולע „די אידישע ליטעראַטור פאַר די אידישע אַרבעטער" אויסגעוואַקסן אַן עק, און זי לייענט זיך איצט אַזוי: „די אידישע ליטעראַטור פאַר די אידישע אַרבעטער, וועלכע זיינען א י ן אָדער, ווינציגסטנס מ י ט סאָוועט רוסלאַנד". פון דער אידישער שאַפונג פאַרלאַנגט מען שוין איצט, אַז זי זאָל זיך שטיצן ניט סתם אַזוי אויף די אידישע אַרבעטער, נאָר דוקא אויף די סאָוועטישע אָדער קאָמוניסטישע אידישע אַרבעטער. די פאָדערונג, וואָס מען שטעלט איצט אַרויס צו איר, איז אַ פאָדערונג אין אַ פאָדערונג: די אידישע ליטעראַטור מוז, ערשטנס, זיין פּראָלעטאַריש און, צווייטנס, מוז די פּראָלע־

טאַרישקייט אירע זיין דוקא אַזאַ, וואָס זאָל געפעלן ווערן די אי־דישע קאָמוניסטן, דאָס הייסט, די פירער פון די אידישע קאָמו־ניסטן אין רוסלאַנד. עס איז ווינציג, הייסט עס, וואָס די ליטע־ראַטור מוז פּענטען זיך אַליין די פּיס; די פּענטעס מוזן זיין דוקא „מעיד אין יו. ס. ס. ר.״ אונטער דער דירעקטער השגחה פון דער אידישער קאָמוניסטישער סעקציע...

איך זייט ניט זיכער אין דעם? דאַן לייענט, וואָס עס שרייבט מ. ליטוואַקאָוו, — דער, וואָס אַלע, וועלכע ווילן ווערן געטריי דער „העגעמאָניע״ פון מאָסקווע, מוזן נאָכפּלאַפּלען זיינע רייד. אָט וואָס ער שרייבט אין דעם אַריינפיר צו זיין בוך „אין אומרו״ (צווייטער באַנד, פאַרלאַג „שול און לעבן״, מאָסקווע, 1926): „...די אידישע מאַסן פון אויסלאַנד, דער עיקר פון אַמע־ריקע און פוילן, קענען ניט און וועלן ניט בלייבן אָן אַ זייעריגער ליטעראַטור — און אַזאַ ליטעראַטור מוזן און וועלן פאַר זיי שאַפן און באַשאַפן די ד אָ ר ט י ג ע שרייבער און דיכטער, אָבער נאָר דאַן, ווען זיי וועלן זיך אָריענטירן ניט בלויז ק י י ן מאָסקווע, נאָר דער עיקר א ו י ף מאָסקווע, ל ו י ט מאָס־קווע״...

און ווער וועט עס באַשטימען, צי די אידישע שרייבער אין פוילן אָדער אין אַמעריקע אָריענטירן זיך „בלויז ק י י ן מאָס־קווע״ אָדער א ו י ף מאָסקווע, ל ו י ט מאָסקווע״? ניט דער מאָסקווער רב וועט, פאַרשטייט זיך, פּסק׳ענען די שאלה, און אויך ניט דער מאָסקווער אָדער מינסקער ארבעטער, נאָר דער אָרגאַן פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, — קאָנקרעט, „דער עמעס״, — נאָך קאָנקרעטער, מ. ליטוואַקאָוו... דאָס הייסט, פּאַקטיש, איבערענטפערן די ליטעראַטור אין די הענט פון די פּאַרטיי־פירערס און פּאַרטיי־פּאָליטישענס, דאָס הייסט, פּאַקטיש, מאַכן זיי פאַר די משגיחים איבער דער פּראָלעטאַרישער כשרות פון דער אידישער ליטעראַטור...

דאָס איז קלאָר פאַר יעדן, וואָס וויל ניט נאַרן זיך אַליין און אַנדערע. אָבער ווען איך האָב אַזוי אויסגעטייטשט די נייע

פאָדערונג, אַז די ליטעראַטור זאָל זיין ניט סתם פּראָלעטאַריש, נאָר „פּראָלעטאַריש לויט'ן נוסח פון „עמעס", האָט דוד בערגעל־סאָן אויף מיר פאַראיבל געהאַט, און אין זיין ענטפער (אין „פרייהייט" פון 22טן אויגוסט, 1926) אויף מיין „אָפענעם בריף" צו אים, האָט ער, זיך באַהאַלטענדיג הינטער די מאַרטירערישע פּלייצעס פון דעם געשאָסענעם לעמבערגער אידישען קאָמוניסט באַטווין, אונז געוואָלט איינריידן, אַז וויבאַלד צווישן די קאָמוניסטן זיינען דאָ אידעאַליסטישע און העלדישע יונגע לייט, דערפאַר מעגן מיר רואיג שטעלן די אידישע ליטעראַטור אונטער דעם קאָנטראָל פון די קאָמוניסטישע פּאַרטיי־פּאָליטישענס. איך גלויב אָבער, אַז אויב אונז איז באמת טייער דער אָנדענק פון די קעמפער און מאַרטירער, דאַרפן מיר ניט אויסנוצן זייערע נעמען צוליב דעמאַגאָגישע צוועקן און ניט באַהאַלטן זיך הינטער זייערע פּלייצעס. מען קען זייער לייכט „אריינברענגען אין דער אידישער ליטעראַטור אַזאַ העלד ווי באַטווין" און דאָך פאַרשטיין, אַז לאָזן באַשטימען איר גורל אַ פּאַרטיי־אָרגאַן הייסט ניט „אויפבינדן זי", ווי בערגעלסאָן וויל האָבן, נאָר בינדן זי.

דעם בעסטן באַווייז דערצו האָט דוד בערגעלסאָן געקאָנט זעהן אין דער אויפנאַמע, וואָס דער מאָסקווער „עמעס" האָט געגעבן זיין זשורנאַל „אין שפּאַן". איז דאָך בערגעלסאָן געווען זיכער, אַז זיין זשורנאַל אָריענטירט זיך ניט „בלויז קיין מאָסקווע", נאָר טאַקע „ א ו י ף מאָסקווע, ל ו י ט מאָסקווע". אָבער ער האָט געמאַכט, וויזט זיך אַרויס, דעם חשבון אָן דעם בעל־הבית. דער בעל־הבית, דער, וואָס איז ממונה אויפ'ן אידיש־קאָמוניסטישן „עמעס", האָט דערקלערט, אַז בערגעלסאָן איז נאָך זייער ווייט פון ע מ ע ס ן קאָמוניזם און אַז זיין זשורנאַל „אין שפּאַן" איז ניט מער ווי אַ „סמענאָוועכאָווישער" אָרגאַן פון „קליינבירגערלאַכע אידישיסטישע קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן". עס מאַכט נישט אויס, וואָס ער דערקלערט זיך אין פלאַם־פייערדיגער ליבע צו דער רעוואָלוציע. ער איז געקומען צו שפּעט. די רעוואָלוציע האָט שוין אָפּגעגעבן איר האַרץ אַנדערע קאַוואַליערן, און נאָר זיי ווייסן ווי צו געפינען חן און לייטזעליגקייט אין אירע

אויגן. בערגעלסאָנ'ען אַליין מעג מען אַריינלאָזן אין רוסלאַנד, ער האָט זיך אומשעדלאַך געמאַכט. אָבער לאָזן אים אַרויסגעבן אַ זשורנאַל און זאָגן אַ דעה — דאָס ניט. עס זיינען דאָ אַנדערע אויף זאָגן דעות. „די אידישע אַרבעטערשאַפט און האָרעפּאַשנע מאַסן, שרייבט מ. ליטוואַקאָוו (אין „עמעס" פון 20טן יוני, 1926) שעפּן זייער קאָמוניסטישע אידעאָלאָגיע פונ'ם ערשטן קוואַל. זיי האָבן זייערע ערשט־ראַנגיגע פּרעסע־אָרגאַנען און נויטיגן זיך ניט אין קאָמוניסטישע שפּייז פון צווייטן, דריטן און נאָך נידעריגערן סאָרט. די אַרבעטערשאַפט פון פּוילן, פון אַמעריקע? נאָר זיי האָבן קאָמוניסטישע פּאַרטייען — די לאַנד־סעקציעס פון קאָמ־אינטערן. דער אידישער אַרבעטער פון פּוילן, וועלכער האָט די האַלב־לעגאַלע „וואָך", דער אידישע אַרבעטער פון אַמעריקע, וועלכער האָט די „פרייהייט" און דעם „האַמער" — וואָס דאַרף ער, וואָס קען ער געפינען אין דעם „אין שפּאַן"?

אין דעם זעלבינגן טאָג,*) ווען עס איז געדרוקט געוואָרן אין „עמעס" אָט די רעצענזיע אויף „אין שפּאַן" פון מ. ליטוואַקאָוו, איז אין ניו יאָרקער „טאָג" פאַרעפנטלאַכט געוועזן מיין „בריוו" צו דוד בערגעלסאָן. אין אָט דעם „בריוו" האָב איך גע־שריבען, אַז די אַרבעט, וואָס בערגעלסאָן טוט אין זיין זשור־נאַל, איז „אַן אַרבעט, וואָס אַנדערע קאָנען עס טאָן בעסער פון אייך, קאָלעגע בערגעלסאָן". זיינען טאַקע אָט די אַ נ ד ע ר ע אַרויס מיט'ן האַרבן וואָרט און געזאָגט צו בערגעלסאָנ'ן: „אויב קאָמוניזם, לאָזט אונז! מיר וויסן ב ע ס ע ר, וואָס הייסט אָריענטירן זיך א ו י ף מאָסקווע, ל ו י ט מאָסקווע!"

דער גאַנצער בריוו מיינער האָט זיך געלייענט אַזוי:

„ליבער דוד בערגעלסאָן:

מיט אַ כיוון אַדרעסיר איך מיינע באַמערקונגען וועגען דעם פּראָ־גראַם פון אייער חודש זשורנאַל „אין שפּאַן" צו אייך פערזענלאַך. איך בין עטלאכע מאָל אויפגערעגט געוואָרן, ווען איך האָב געלייענט די אַרטיקלען אין דעם ערשטן נומער, האָב איך מורא, אז עס וועט מיר

*) דעם 20טן יוני, 1926.

פעלן די רואיקייט, דער ישוב הדעת, וואָס איז נויטיג אויף צו באַטראַכטן די וויכטיגע אַקטועלע פראַגן, וועלכע איר האָט אָנגערירט. ווען איך וועל זיך אָבער ווענדן צו אייך פערזענלאַך, וועט מיין טיפע אַכטונג צו אייערע קינסטלערישע אויפטואונגען מיך פאַרהיטן, האָף איך, פון ניט געוווּנשטער היציגקייט.

איך וויל אין יעדן פאַל אויסמיידן אַלע קאָפּ־רייַדערייען און ריין־פּערסאָנאַלע זאַכן (הלואי וואָלט אויך איר עס פאַרבייגעגאַנגען אין אייערע פּאָלעמישע נאָטיצן) — און איך וועל זיך אָפּשטעלן בלויז אויף די פּרינציפּיעלע פּונקטן אין אייער פּראָגראַם. די וויכטיגסטע פון אָט די פּונקטן וועט איר מיר אפשר דערלויבן צו פאָרמולירן אַזוי:

1. די גרעסטע, אויב ניט די איינציגע, האָפענונג פון דער אידישער ליטעראַטור איצט איז, ווי איר דריקט זיך אויס, „דער אויפלעבנדיגער אידישער צענטער אין רוסלאַנד”.

2. די אידישע ליטעראַטור דאַרף און קאָן זיך שטיצן נאָר אויף די אידישע אַרבעטער.

3. „די אָפּגעגאַנגענע תקופה קאָן נאָר אין דער פאָרם פון מעמוּאַרן קומען צום וואָרט” (אייערע אייגענע ווערטער).

מאַכט ניט אויס, וואָס די אַלע דריי טעזיסן זיינען שוין לאַנג אַרויסגעזאָגט געוואָרן פון די קאָמוניסטן, וועלכע האָבן דעם מיטלסטן טעזיס געבאָרגט, פון זייער זייט, ביים „בונד”, און איר האָט נאָר געגעבן אויף זיי אייער פאַרשפּעטיגטע הסכמה: די קאָמוניסטן, אַזוי ווי זייערע אַמאָליגע חברים פון „בונד” און אַלע איבעריגע סאָציאַליסטן, זיינען גערעכט אין אַ סך פּרטים, — איז ווען זייער פאַרהאַלטן זיך צו דער אידישער ליטעראַטור זאָל זיין אַזוי ריכטיג, ווי איינציגע אַנדערע פּונקטן אין זייער פּראָגראַם, וואָלט אויף אונז געלעגן אַ חוב זיי צו שטיצן. אָבער איר נעמט אָן דעם קערנדל אמת, וואָס איז דאָ אין דעם „פּראָלעטאַרישן” „אני מאמין”, אינאיינעם מיט דער געדיכט אָנגעוואַקסענער שאָלאַכץ פון אומפאַראַנטוואָרטלאַכע און שעדלאַכע גוזמאות. און אָט דאָס וואונדערט מיך. איך קאָן ניט פאַרשטיין, ווי אַזוי האָט אַ קינסטלער מיט אַ שאַרפן און ברייטן בליק, ווי איר זייט, זיך געקאָנט לאָזן פאַרפירן פון אַזעלכע איינזייטיגקייטן.

איר האָט (איך נעם דעם ערשטן פון די דריי פּונקטן) איר האָט אונטערגעכאַפּט דעם געשריי: „רוסלאַנד איבער אַלעס”. איז מעגלאַך, אַז איר זאָלט ניט וויסן, ניט פילן, אַז דער סאָוועטישער „אתה בחרתנו” איז פּונקט אַזוי פאַלש און פאַרפירעריש ווי דער געשריי „פּאַלעסטינע איבער אַלעס”?

וועט איר זאָגן, אַז איר פאַרלייקנט ניט אינגאַנצן די איבעריגע צוויי אידישע צענטערן — פּוילן און אמעריקע. איז עס אמת: איר

רעדט וועגן אונזערע אַלע „דריי צענטערן“. אָבער ווי, אין וואָס פאַר אַ טאָן רעדט איר וועגן זיי? לייענט איבער, איך בעט אייך, נאָכאַמאָל, וואָס איר (אינאיינעם מיט אייער מיטאַרבעטער אַלעקסאַנדער חאַשין) האָט געשריבן, וועט איר זען דעם מגושמ׳דיג־טענדענציעזן אונטערשייד וואָס איר מאַכט צווישן רוסלאַנד און די איבעריגע טיילן פון דער אידישער וועלט. אויף רוסלאַנד לאָזט איר קיין שפּרינקעלע ניט פאַלן. אין רוסלאַנד איז אַלץ גוט און שיין. נאָר ווען איר קוקט אויף פּוילן און אַמעריקע עפענען זיך ביי אייך די אויגן און איר הויבט אָן זען די שאָטנס. איז טאַקע אין דער אמת׳ן גאָרנישט אויפגעטאָן געוואָרן אין פּוילן און אין אַמעריקע פאַר די לעצטע עטלאַכע יאָר? זיינען דאָרט טאַקע אויסגעטריקנט געוואָרן אַלע קוואַלן? און נאָר אין סאָוועטן־פאַרבאַנד איז אַלץ פיין און וואונדערלאַך? דאָרט איז ניטאָ קיין זאַך וואָס זאָל זיך נויטיגן אין אויסבעסערונג? קיין זאַך וואָס זאָל אונז מאַכן פאַרביטערט?

איך וואָלט געווען אמת צופרידן, ווען איר זאָלט זיך שטעלן פאַר אַן אויפגאַבע צו באַלייכטן דאָס פּאָזיטיווע, וואָס עס דאָ אין דעם נייעם אידישן לעבן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, ווען איר זאָלט דערמאָנען דעם עולם, אַז ניט נאָר חורבן און צעשטערונג איז דאָרט, עס קומען פאָר אויך פּראָצעסן פון אויפבוי, פון אויפלעבונג. דאָס וואָלט געווען אַ גרויסער אויפטו. אָבער נאָר דאַן, ווען דאָס זאָל געטאָן ווערן מיט אָפענע, ניט מיט פאַרמאַכטע אָדער פאַרגלאָצטע אויגן.

מאַכן פון רוסלאַנד אַן אָפּגאָט, ברענגען פאַר אַ קרבן אויף זיין מזבח דעם אידישן לעבן און דעם אידישן שאַפן פון אַלע אַנדערע לענדער און שרייען „אלה אלהיך, ישראל!“ — דאָס איז אַן אַרבעט, וואָס אַנדערע קאָנען עס טאָן בעסער פון אייך, קאָלעגע בערגעלסאָן. דאָס איז אַן אַרבעט פאַר הורא־קאָמוניסטן, פאַר מעלאָדראַמאַטישע אַגיטאַטאָרס, פאַר די וואָס זיינען בלינד צו אַלע אַנדערע פאַרבן, א חוץ רויט און שוואַרץ, פאַר די, וואס זייער גאַנצער אינעווייניגסטער לעקסיקאָן באַשטייט פון „לעבן זאָל!“ און „נידער!“

איר דענקט דאָך ניט אין ערך פּילזייטיגער, איר האָט דאָך אַן אויג פאַר אַלע, אויך פאַר די שטילערע, קאָלירן, איר זעט די אוידעלע ניואַנסן בעסער נאָך ווי די רויע, גראָבע פאַרבן, — איז עס דען אייער מוסיע „פּיקלדיג צו פּיקלען“ אין די פאַרטייאישע קעסל־פּויקן?

עס איז שוין, דאכט זיך, דאָ גענוג טומל אויף דער אידישער גאַס. גענוג שרייט מען און מען ליאַרעמט און מען הערט ניט וואָס מען רעדט אין אַלע מחנות, פון רעכטס און פון לינקס. קומט איר, איינער פון אונזערע פיינסטע קינסטלער, און שפּאַנט זיך אויך איין אין דעם טומלדיגן וואָגן מיט די פּוסטע פעסער?

איך פיל אייער „חיים־ווויי“, מיר איז נאָענט אייער גלויבן אין

דער צוקונפט פון רוסלאַנד און פון דעם אידישן קיבוץ אין רוסלאַנד. איך האָב שטענדיג געהאַלטן פאַר אַ זינד און אַ פאַרברעך, וואָס מען האָט די דאָזיגע גרויסע מדינה מיט אירע גרויסע און טראַגישע וועלט־היסטאָרישע עקספּערימענטן, אָפּגעזונדערט, איזאָלירט פון דער וועלט. אָבער דאָס ערשטע און גרעסטע רעכט, וואָס מוז צוריקגעגעבן ווערן צו רוסלאַנד איז — דאָס רעכט באַטראַכט צו ווערן אָביעקטיוו. עס איז ניט קיין פּריווילעגיע, נאָר אַ דערנידערונג פאַר רוסלאַנד, ווען מען מוז וועגן איר ריידן ניט אַנדערש ווי וועגן אַ גן־עדן התחתון. עס מוז נעמען אַ סוף צו די ווילדע העצעס, פון איין זייט, און צו די — פּונקט אַזעלכע ווילדע — הוראַ־געשרייען, פון דער אַנדער זייט. די, וואָס העצן קעגן דער סאָוועטן־רעפּובליק, ווייזן, אַז זיי האָבן נאָך אַלץ מורא פאַר איר. די, וואָס האַלטן אין איין דערציילן וועגן איר נסים ונפלאות, ציינן, אַז זיי גלויבן נאָך אַלץ ניט אין איר כח. זיי ליידן, ווי אַלע באַרימערס, פון דעם וואָס מען רופט אָן אַ „קאָמפּלעקס פון אינפעריאָטעט“. אָבער אויב עס איז ריכטיג, וואָס איר טראַכט און זאָגט וועגן דעם אידישן לעבן אין רוסלאַנד, קאָן עס דאָך שוין באַשטיין זיין שטעטל אַליין און דאַרף ניט מורא האָבן פאַר קריטיק. היינט פאַר וואָס גייט איר אויף דעם אויסגעטראָטענעם וועג פון געוויסע „קאָמאינטערן“־לייט, וועלכע טיילן איין די וועלט, ווי אַ מעלאָדראַמע, אין צוויי מחנות: אין אַ מחנה פון ניט־סאָוועטישע רשעים, פון איין זייט, און אין אַ מחנה פון סאָוועטישע צדיקים, פון דער אַנדער זייט?

ווען איר רעכנט אויס די גרויסע מעלות, וואָס דאָס נייע רוסלאַנד האָט פאַר דעם אידישן וואָרט, זאָגט איר אַ סך אמת. אָבער איר זאָגט ניט דעם גאַנצן אמת, און דערמיט שוואַכט איר אָפּ אַייער אייגענע פּאָזיציע. דאָס ליכט, וואָס קומט פון רוסלאַנד, וואָלט געווען קענטיגער און ממשות׳דיגער, ווען מען זאָל זען אויך די שאָטנס אויפ׳ן בילד. איר באַהאַלט די שאָטנס, איר שרעקט זיך פאַר זיי. איר פאַרשווייגט, צום ביישפּיל, דעם זייער וויכטיגן און זייער טרויעריגן פאַקט, וואָס אין סאָוועטן־פאַרבאַנד קאָן נאָך אַלץ אַ אידישער שרייבער ניט זאָגן וואָס ער טראַכט, אויב ער וויל ניט באַזיקאָטירט ווערן פון זיינע אייגענע חברים. איר מאַכט זיך ניט־וויסנדיג פון די טיף־דעמאָראַליזירנדיגע מיטלאַלטערלאַכע און שיר ניט אינקוויזיטאָרישע פאָרמען פון „תשובה“ און „חרטה“, וואָס זיינען דאָרט איינגעפירט געוואָרן פאַר שרייבער, וועלכע האָבן געזינדיגט קעגן דער אָנגענומענער פּאַרטייאישער אידעאָלאָגיע. אָדער איר האַלט, אַז אויך דאָס איז גוט און גינסטיג פאַר דער פרייער אנטוויקלונג פון ליטעראַרישן שאַפן?

אייערער אַ נאָענטער מיטאַרבעטער שרייבט, אַז עס איז נויטיג די אידישע ליטעראַטור זאָל זיך אומקערן צוריק צו דער אידישער „געזעל־

שאַפטלאַכקייט". צי איז אָבער נויטיג אַז די אידישע ליטעראַטור זאָל קאָנטראָלירט ווערן פון דער „סאָוועטישער געזעלשאַפלאַכקייט", ווי דאָס קומט פאָר איצט אין רוסלאַנד?

די פראַגע, ווי אויך אַנדערע פראַגן, וואָס וואַרפן אַ שאָטן אויף דעם אידישן לעבן און אויף דער אידישער ליטעראַטור אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, רירט איר ניט אָן. איר ווילט שאַפן דעם איינדרוק אַז אומעטום איז שלעכט, נאָר אין רוסלאַנד איז גוט. איז דאָס, קאָלעגע בערגעלסאָן, די אויפגאַבע פון אַ ליטעראַרישן זשורנאַל? ניין, דאָס קאָן נאָר זיין די מיסיע פון אַ קאַזיאָנעם סאָוועטישן פאַרטיי־אָרגאַן. און עס וועט אייך דערפאַר ניט דאַרפן וואונדערן, וואָס קאָלעגן, וועלכע האָבן מיט'ן גאַנצן האַרצן געוואָלט אייך העלפן אין דער ארבייט, קאָנען אייך ניט העלפן. זיי קאָנען ניט און זיי טאָרן ניט העלפן בינדן די אידישע ליטעראַטור. זיי קאָנען ניט און טאָרן ניט העלפן מאַכן אונזער פאָלקס־ליטעראַטור, וועלכע שטרעבט צו ווערן אַ נאַציאָנאַלע ליטעראַטור, פאַר אַ גרופן־אָדער קלאַסן־ליטעראַטור. זיי דאַרפן זען, אַז זי זאָל אַריינגעמען אין זיך די רעוואָלוציע, ניט אַז זי זאָל איינגעשלונגען ווערן פון דער רעוואָלוציע.

און אָט דאָ גיי איך איבער צו דעם צווייטן טעזיס פון אייער פראָגראַם. איר זייט זייער פאָרזיכטיג, ווען איר חזר'ט איבער דעם אַלטן געדאַנק פון אידישע סאָציאַליסטן, אַז די ליטעראַטור אויף אידיש איז אַן ארבעטער־ליטעראַטור, אָבער דאָס מאַכט אייער פּאָזיציע אין דעם דאָזיגן ענין נאָך אומקלאָרער. וועט איר מיר דערלויבן צו שטעלן אייך א פּאָר פראַגן:

וואָס הייסט שטיצן זיך אויף די אידישע אַרבעטער? שטיצן זיך אויף זייער אידעאָלאָגיע? אָבער איז דען די ארבעטער־אידעאָלאָגיע אַזאַ באַשטימטע זאַך, ווי מען מאַכט געוויינלאַך דעם אָנשטעל, ווען מען רעדט וועגן איר? עס זיינען, ווי איר ווייסט, דאָ ביי אידן אַרבעטער, וואָס גייען דריי מאָל א טאָג אין שול דאַוונען און פאָרן צו אַ גוטן־אידן. עס זיינע דאָ אַרבעטער, וואָס האַלטן נאָר פון העברעאיש און פון פּאַלעסטינע; אפילו דער סאָציאַליזם איז ביי זיי פארבונדן מיט דער שפּראַך און דעם לאַנד פון די אָבות. ווידער זיינען דאָ אידישע אַרבעטער, וואָס גלויבן, אַז די „דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט" אין רוסלאַנד איז אַ דיקטאַטור ניט פון, נאָר איבער דעם פּראָלעטאַריאַט, און עס זיינען, פאַרקערט, דאָ פּראָלעטאַריער, וואָס האַלטן יעדן ניט־קאָמוניסט פאַר אַ פיינט און אַ פאַררעטער פון אַרבעטער־קלאַס. „אָריענטירן זיך" אויף די אַלע גרופּעס אידישע אַרבעטער מיט איינמאָל איז אוממעגלאַך. וואָס ביי איינער איז טאָג, איז ביי דער אַנדערער נאַכט. מוז מען — ניט אמת? — אויסקלייבן איינע פון אָט די אַלע גרופּעס. און דאָס הייסט, פשוט, אויסקלייבן זיך

א פּאַרטיי, צופּאַסן זיך צו אַ פּאַרטיי. און דאָס זאָל טאָן די גאַנצע אידישע ליטעראַטור! גלויבט איר, חבר בערגעלסאָן, אַז אָט אַזאַ מין זאַך וועט אריינברענגען אין איר לעבן און אויפלעבונג?

איך רעכן, אז איר ווייסט אַזוי גוט ווי איך, אַז אַ פּאַרטיי — דאָס זיינען אירע פירערס, אירע „פּאָליטישנס”, און אַז אונטערגעבן זיך א פּאַרטיי הייסט פּאַקטיש ווערן אַ שפּילכל אין די הענט פון אַ קליינער גרופּע „פּאָליטישנס”.

קאָן איך זיך דערפאַר ניט פאָרשטעלן, אַז איר זאָלט עס וועלן. איך קאָן זיך אויסמאָלן פּאַרטיי־פּאָליטיקער, וועלכע זאָלן וועלן אויסשפּריטן זייער מאַכט און זייער קאָנטראָל איבער דעם שאַפן פון קינסטלער און דיכטער. איך קאָן זיך ניט פאָרשטעלן אַ דיכטער, און בכלל אַן אמת׳ן שריפטשטעלער, וועלכער זאָל זיך פרייוויליג וועלן פאַרשקלאַפן אָדער זיך אַליין אָנטאָן אַ מיתה גייסטיג.

זייט איר אפשר אויסן, ווען איר רעדט פון אַרבעטער, אָנצואווייזן בלויז אויף דעם פאַקט, וואָס דער גרעסטער אָדער בעסטער טייל לעזער פון דער אידישער ליטעראַטור זיינען ביי היינטיגן טאָג אַרבעטער? ווילט איר מאַכן פון אָט דער נויט „איינע טוגענד”? פון דעם טרויעריגן פאַקט, וואָס מען דאַרף זוכן אָפּצואָשוואַכן זיין ווירקונג, ווילט איר מאַכן אַ פּרינציפּ? ווייסט איר דען ניט, אַז פאַר די אידישע אַרבעטער־לעזער, ניט נאָר פאַר דער עצם ליטעראַטור, איז ש ל ע כ ט, וואָס מיר האָבן אַ סאָציאַל־באַגרעניצטן און קולטורעל־ענגען לעזער־עולם? ווייסט איר דען ניט, אַז דוקא דערפאַר וואָס די אידישע אַרבעטער־מאַסע איז אומעטום כמעט אָנגעוויזן נ אָ ר אויף דער אידישער ליטעראַטור, פאָדערט א י ר גייסטיגער און ממילא אויך א י ר סאָציאַלער וואוקס, אַז דער ווירקונגס־קרייז און דאָס אַרבעטס־פעלד פון דעם אידישן וואָרט זאָל וואָס ברייטער ווערן און וואָס פאַרשיידנאַרטיגער? קאָנט איר דען ניט באַנעמען דעם אין פלוג פּאַראַדאָקסאַלן געדאַנק, אַז דוקא דער ברייט־פאַרשטאַנענער קלאַסנקאַמף פון אידישן פּראָלעטאַריאַט זאָל פאַרלאַנגען, אַז די אידישע ליטעראַטור, אָט דער וויכטיגסטער קוואַל פון זיין גייסטיגער נערונג זאָל נ י ט זיין קיין ענגע קלאַסן־ליטעראַטור? איר קאָנט עס געוויס באַנעמען. איר קלאָגט זיך אַליין אויף דער איינטאָניגקייט פון דער „קרעמעריש־איינהייטלאַכער מאַסע”. אָבער די פּראָלעטאַריש־איינהייטלאַכע מאַסע מוז זיין פּונקט אַזוי איינטאָניג, ווי די קרעמערישע.

די אידישע ליטעראַטור מוז גובר זיין איר איינטאָניגקייט און איר איינזייטיגקייט. דערצו זייט איר מסכים. אָבער אויב אַזוי, טאָרט איר ניט העלפן איזאָלירן די אידישע ליטעראַטור פון די ברייטע פאָלקס־מאַסן, דערווייטערן זי פון דער פאָלקס־אינטעליגענץ און מאַכן זי פאַר

דער ליטעראַטור פון בלויז איין אַרבעטער־גרופּע, און נאָך ערגער — פון בלויז איין אַרבעטער־פּ אַ ר ט י י.

איר זעט אַזוי, האָט קיין פּאַראַבל ניט, צעטומלט געוואָרן פון אייער „נייער" „מאַרקסיסטישער" ליטעראַטור־טעאָריע, אַז איר האָט זיך גע־אײַלט אָפּצופּסק'ענען, אַז „אַלס פּאַרמיטלערישער פּאַראורטיילטער עלע־מענט איז זי (די אידישע מאַסע) שוין במילא פּאַראורטיילט ווי אַ קולטור־שאַפנדיגער פאַקטאָר סיי אין אַלגעמיין־מענטשלאַכן, סיי אין איר אייגענעם לעבן". אָבער אויף וואָסער סמך האָט איר עס אַרויסגעטראָגן אַ גייסטיגן טויט־אורטייל דער אידישער פאָלקס־מאַסע? איר ווייסט זייער גוט, אַז זי איז שוין לאַנג געווען „פאַרמיטלעריש־פאַראורטיילט", פונדעסטוועגן האָט עס איר ניט געשטערט אַנטוויקלען זיך אין דער שאַפונג פון דער נייער אידישער ליטעראַטור. אירע שאַפער, איך אײַנגעשלאָסן, שטאַמען ווײַט ניט אַלע פון אַרבעטער־פאַמיליעס. הייבט פאַרוואָס רעכנט איר, אַז די אידישע מאַסן, וועלכע האָבן ביז אַהער אַרויסגעגעבן פון זיך וואונדער־לאַבע שאַפונגס־כחות, וועלן מיט אַמאָל ווערן אומפּרוכטבאַר? וואָס פאַר אַ רעכט האָט אייער זשורנאַל צו שרייבן, אַז אַ שטייגער „שלום אַש איז איצט פאַר דער אידישער ליטעראַטור אין פּוילן ניט מער ווי אַ טראַדיציע, פאַרגאַנגענהייט און אַז בכלל קאָן פּוילן „ניט ליווערן" קיין „רוי־שטאָף" פאַר „נייער אַקטועלער קונסט"? שטאַמען ניט צוויי פון די בעסטע פּראָזע דיכטער, וואָס זײַנען אויפגעקומען אין די לעצטע יאָרן, — שטאַמען ניט י. י. זינגער און אייער מיטאַרבעטער א. מ. פוקס, — פון פּוילן? אָדער זײַנען די ווערק זייערע פון אַ ק י נ ס ט ל ע ר י ש ן שטאַנדפּונקט ניט „ניי" און ניט „אַקטועל"?

מ. ל. האַלפּערן, ה. ליוויק, משה נאַדיר, ברוך גלאַזמאַן און אַנדערע האָבן ביז דאָ ניט לאַנג קיין שייכות ניט געהאַט צו דעם, וואָס איר רופט אָן פּראָלעטאַרישע געזעלשאַפטלאַכקייט; איר אַליין האָט דאָ גאָר ניט לאַנג אַ גאַנץ קנאַפּע שייכות געהאַט צו איר: זעט איר, זײַנען זיי דאַן געווען אומפּרוכטבאַר? איז באמת טאַקע „דער עמעס" אָדער „די פרייהייט" ביי אונז דער איינציגער באָדן, וואָס טראָגט פּרוכט?

ווען עס זאָל ריכטיג זיין, אַז נאָר אידישע אַרבעטער און נאָר רעוואָ־לוציאָנערע אידישע אַרבעטער קאָנען שאַפן און געניסן ליטעראַטור אויף אידיש, וואָלט אין רוסלאַנד די לאַגע געווען אַזוי שלעכט, ווי אין אַנדערע לענדער, וואָרים רער פּראָצענט פון אמת'ע אידישע אַרבעטער איז דאָרט, ווי איר ווייסט, ניט קיין סך גרעסער ווי אומעטום.

און וואָס איז שייך צו דער פאַרשיידנקייט פון דעם שטאָף, וואָס איר, קאָלעגע בערגעלסאָן, גלויבט צו געפינען אין רוסלאַנד, וואָלט איך אײַך לייכט געקאָנט ווייזן, אַז אַן ענלאַכע פאַרשיידענאַרטיגקייט, ווען מען זאָל נאָר וועלן, קאָן מען געפינען אומעטום. ס'איז אמת, אַז אין סאָוועטן־פאַרבאַנד זײַנען איצט דאָ לעבנס־פאָרמען, וועלכע זײַנען ניטאָ

אין אַנדערע לענדער, דערפאַר זיינען אין אַנדערע לענדער פאַראַן אַזעלכע „מאַטעריאַלן“, וועלכע פעלן אין דער היינטיגער רוסלאַנד. אָבער איך קאָן זיך מער אויף דעם איצט ניט אָפּשטעלן. מיין בריוו איז שוין אַזוי אויך צו לאַנג. איך וועל נאָר זאָגן כאָטש עטלאַכע ווערטער וועגן דעם דריטן טעזיס אייערן.

איך מיין אייער — פאַר מיר לחלוטין אומגעריכטע און קינסטלעריש אוממעגלאַכע — באַמערקונג, אַז „די תקופה, וואָס איז ליקווידירט עקאָנאָמיש און סאָציאַל, איז אויך ליקווידירט ווי בוי־מאַטעריאַל פאַר אונזער היינטיגער קונסט“. איך האָב שוין ענלאַכע געדאַנקען געלייענט היבשע עטלאַכע מאָל אין די לעצטע יאָרן, אָבער איך האָב, ווי מען זאָגט, ניט געגלויבט מיינע אויערן, ווען איך האָב עס געהערט פון אייך. איך האָב גערעכנט, אַז פאַר אייך, ווי פאַר אַ קינסטלער, איז ניטאָ און קאָן ניט זיין אַזאַ זאַך, ווי „אַן אָפּגעגאַנגענע עפּאָכע“. איר ווייסט, אַז אַ קינסטלער זוכט אין לעבן און אין דער געשיכטע ניט דאָס אייגענע, וואָס עס זוכט דאָרט אַ פּאָליטיקער, א פובליציסט, אַ פּראַקטישער טוער. פאַר זיי איז דער עיקר דאָס, וואָס איז גוט פאַר׳ן איצט, דאָס וואָס מאָרגן וועט אפשר קיין זכר ניט בלייבן דערפון. דער דיכטער אָבער דריקט אויס דאָס מענטשלאַכע, דאָס וואָס איז אייגנס אין אַלע זיינע פאַרשיידנסטע פאָרמען... די עפּאָכע פון נאַפּאָלעאָן דעם ערשטן און אַלעקסאַנדער דעם ערשטן איז פאַר טאָלסטאָי׳ען (אין „וואָיינאַ אי מיר“) געווען פונקט אַזוי לעבעדיג ווי זיין אייגענע צייט, די צייט פון „אַנאַ קאַרענינאַ“. פאַר אייך אַליין, חבר בערגלסאָן, איז אייער צייטגענאָסין מירל דען געווען אַ בעסערער שטאָף, ווי איר „אָפּגעגאַנגענער“ פאָטער, ר׳ גדליה? איר האָט אַליין אַמאָל, דוכט זיך מיר, געשריבן (און אַ סך אַנדערע דיכטער האָבן צוגעגעבן), אַז דאָס וואָס ווערט גענומען פון אַן איינגעשטעלטן און אַ קריסטאַליזירטן לעבנס־שטייגער איז פאַר׳ן קינסטלער, דערהויפּט פאַר׳ן פּראָזע־קינסטלער, אַ ניט אין ערד „פּלאַסטישערער“ שטאָף, ווי דאָס אומרואיגע און אומפעסטע פון דעם ניט־זיכערן היינט. קומט איר צוגיין און זאָגט, אַז וויבאַלד „אין שפּאַן“ „אָריענטירט זיך אויפ׳ן איבערבוי פונ׳ם אידישן לעבן אויף נייע יסודות“, טאָר זיינער אַ מיטאַרבעטער ניט נעמען קיין „בוי־מאַטעריאַל“ פון דעם אַלטן לעבנס־שטייגער. אויף אַזאַ אופן וואָלט איר ניט געטאָרט דרוקן אין אייער זשורנאַל „די גאָלדענע קייט“ פון י. ל. פּרץ, מחמת דער „בוי־מאַטעריאַל“ פאַר׳ ר׳ שלמה׳ן איז גענומען פון דער אַלטער שטייגער־וועלט? אפשר האָט איר שוין פאַרשפּעטיגט מיט אייער — פאַר מיר, אגב, זייער אינטערעסאַנטן — „מידת הדין“, מחמת איר האָט גענומען דעם „בוי־מאַטעריאַל“ פון די יאָרן 1924-1925 און איצט איז שוין... 1926?

איך לאַד ניט, חבר בערגעלסאָן. דאָס האָט איר אַזוי געשטעלט די פראַגע, אַז מען מוז קומען צו אַבסורדן. איך בין ניט שולדיג אין דעם.

איך בין נאָר טיף פאַרוואונדערט, וואָס אויף גרויסע פראַגן פון לעבן און קונסט האָט איר געבאָרגט ענטפערס ביי אַ געדאַנקען־גאַנג, וואָס איז ניט און קאָן ניט זיין דער געדאַנקען־גאַנג פון אַ גייסטיג־שאַפנדיגן און פריי־דענקענדיגן מענטשן. איך האָף און גלויב, אַז איר וועט לאַנג ניט בלייבן ביי דעם. איך ווינטש עס אייך פון גאַנצן האַרצן... מיר האָבן ניט קיין סך בערגעלסאָנס, און עס טוט וויי דאָס האַרץ און מען נעמט זיך שרעקן פאַר דער צוקונפט, ווען מען זעט זיי בלאָנדזשען.

אייער,

ש. ניגער".

אין איין טאָג מיט אָט דעם בריוו איז פאַרעפנטלאַכט געוואָרן מ. ליטוואַקאָוו'ס רעצענזיע אויף בערגעלסאָנ'ס „אין שפּאַן", און זי האָט קלאָר באַוויזן, אַז ניט די קינסטלער, נאָר די קאָמוניסטישע פּאַרטיי־פירערס דאַרפן באַשטימען, וואָס הייסט „אָריענטירן זיך אויף מאָסקווע". לויט אָט דער באַשטימונג זייערער טאָרן די „שרייבער און דיכטער" פון פוילן אָדער אַמעריקע נישט באַנוגענען זיך דערמיט, וואָס זיי פאָרן אָדער ווילן פאָרן קיין מאָסקווע; זיי דאַרפן זען, אַז וואַרשע און ניו יאָרק זאָלן, ליטעראַריש, ווינציגסטנס — ווערען מאָסקווע, און ווערן זאָלן זיי עס ניט ווען עס איז אין דער אומבאַשטימטער צוקונפט, ווען עס וועט מקוים ווערן די נבואה, אַז „עתידה סאָוועט־רוסלאַנד שתתפשט בכל הארצות", — ניין, איצט שוין, דעקרעטירט מ. ליטוואַקאָוו, „דאַרפן זיי איבערבויען זייער אינערלאַכן פּראַנט, זיי דאַרפן באַהערשן זייער צעשויבערטע (!) און ווילקירלאַכע (!) אינטואיציע לויט אַ באַשטימטן קלאַסן־פּלאַן, זיי דאַרפן פאַרבינדן זייער שאַפונג מיט'ן לעבעדיגן לעבן פון די אַרבעטערמאַסן אין זייער קאַמף פאַר באַפרייאונג: זיי דאַרפן זאָרגן דערפאַר, אַז די אָנקומענדיגע רעוואָלוציע זאָל אין דער ליטעראַטור ניט טרעפן קיין פּוסט אָרט, נאָר זי זאָל געפינען אַ רייכע וועלט פון דיכטערישע געשטאַלטן און פיגורן, וואָס זאָל קענען איר מיטהעלפן אין איר אַרבעט פון צושטערן און שאַפן, אַ רייכן וואָרטמאַטעריאַל, מיט וועלכן מען זאָל זיך קענען פּרוכטבאַר באַנוצן"...

איר פאַרשטייט? די ליטעראַטור דאַרף זיין רעוואָלוציאָנער נישט נאָר דאַן און דאָרט, וואו עס איז פאָרגעקומען אַ רעוואָלוציע; די ליטעראַטור דאַרף זיין פּראָלעטאַריש נישט נאָר אין דעם

לאַנד, וואו עס הערשט די „דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט”; אויך אין פּוילן און אין אַמעריקע, וואו עס איז נאָך ווייטלאַך פון אַ רעוואָלוציע און וואו דער פּראָלעטאַריאַט איז דערווייל נים קיין הערשנדיגער, נאָר, פאַרקערט, אַן אונטערדריקטער קלאַס, — דאַרף די אידישע ליטעראַטור זיין רעוואָלוציאָנער און פּראָלעטאַריש! זי דאַרף זיך, הייסט עס, נישט וויסנדיג מאַכן פון די עקאָנאָמישע, סאָציאַלע און פּאָליטישע אומשטענדן, וועלכע עקזיסטירן אַרום איר איצט. דער עיקר דאַרף זיין פאַר איר „לעתיד לבוא” — די צ ו ק ו נ פ ט י ג ע רעוואָלוציע.

איז עס אַביסל אַ צו „אידעאַליסטישער” סאָרט מאַרקסיזם, אַ מאַרקסיזם, וועלכער האָט זיך געשטעלט מיט׳ן קאָפּ אַראָפּ און זיך פלוצלונג אַרומגעזען, אַז ניט דאָס ז י י ן, נאָר דאָס זאָל ז י י ן באַשטימט דעם ב אַ וו אוּ ס ט ז י י ן פון דער ליטעראַטור, אַ מאַרקסיזם, וואָס גיט צו, אַז די ליטעראַטור איז ניט מחויב צו זיין דער אויסדרוק און די אָפּשפּיגלונג פון דער עקזיסטירנדיגער קלאַסן־סטרוקטור, נאָר אַז זי קאָן און דאַרף, לויט דער אינסטרוקציע פון אידעאָלאָגען, וועלכע לעבן גאָר אין אַן אַנדער וועלט, — נעמען זיך שאַפן „געשטאַלטן און פיגורן” און „וואָרט־מאַטעריאַלן”, וועלכע געהערן צו דער צוקונפט. איז עס, זאָג איך, אַביסל, און טאַקע מער ווי אַביסל, אַ צו . . . צוקונפטיגער, אַ צו ניט־מאַטעריאַליסטישער מאַרקסיזם. און עס שטימט זיכער ניט מיט דער הויך־אויטאָריטאָטיווער מיינונג פון דעם רעוואָלוציאָנערן מאַרקסיסט דוד בערגעלסאָן. קאָלעגע בערגעלסאָן, פאַרזעענדיג, ווי עס ווייזט, דעם נאָר וואָס ציטירטן טעקסט פון אונזער קאָמוניסטישן פּוסק אחרון, האָט געגעבן אונז גאָר אַן אַנדער אויסטייטשונג פון . . . בעלעטריסטישן מאַרקסיזם. אין זיין „ענטפער ש. ניגער׳ן” (פרייהייט”, 22טן אויגוסט, 1926), האָט ער אַליין געפרעגט און אַליין זיך געענטפערט, פאַר וואָס זיין ראָמאַן „אין פאַרטונקלטע צייטן” איז געבליבן נישט פאַרענדיגט. אין דעם דאָזיגן ראָמאַן האָט ער „זיך פאַרמאָסטן, דערקלערט ער אונז, צו געבן אויף אַ ברייטן לייוונט דעם אידישן מיטלשטאַנד אין רוסלאַנד צוזאַמען מיט דער אַזוי־גערופענער אידישער גרויס־בורזשואַזיע”. דערווייל איז אָנגעקומען די רעוואָלוציע, „איז דער

פלאץ, דערציילט בערגעלסאָן, אויף וועלכן איך האָב מיינע „העלדן" פריער געזען, שוין געווען הויל און פוסט, אָפּגעווישט אַזוי, אַז קיין שטויבעלע זייערס איז אויף אים ניט געבליבן, און איך האָב שוין ניט געהאַט וואָס וועגן זיי צו שרייבן". אַלזוי, לויט דער מיינונג פון דוד בערגעלסאָן, קאָן מען ניט שרייבן קיין ראָמאַן (און מען קאָן אים נישט ענדיגן, אויב מען האָט אים אָנגעהויבן שרייבן), סיידן די העלדן געהערן צו אַ קלאַס, וואָס גערוועלטיגט איבער'ן געזעלשאַפטלאַכן לעבן. היינט ווי אַזוי קאָנען די אידישע דיכטער אין פוילן אָדער אין אַמעריקע צוליב טאָן מ. ליטוואַקאָוו'ן און פאַבריצירן „געשטאַלטן און פיגורן" פאַר דער „אָנקומענדיגער" הערשאַפט פון פּראָלעטאַריאַט, ווען דער הערשנדיגער קלאַס איז דערוויל נאָך אַלץ די בורזשואַזיע? האָט דער פּראָלעטאַרישער דיכטער אַזאַ כשוף־שפּרוך, אַזאַ פּסוק, מיט וועלכן ער קאָן אָפּשאַפן די געזעצן פון קאַרל מאַרקס און זיין נייעם נביא בערגעלסאָן?

אָדער איז דער פּראָלעטאַריאַט דערפאַר מער יחסן, ווייל ער האָט אַ אידעע, בעת די בורזשואַזיע איז אָן אַן אידעע? אָבער אויב די בורזשואַזיע האָט ניט קיין „אידעע", איז זי דאָך געווען אָן אַ אידעע אויך דאַן, ווען בערגעלסאָן האָט געשריבן די ע ר ש ט ע קאַפּיטלאַך פון „אין פאַרטונקלטע צייטן". פונדעסטוועגן האָט ער זיי געשריבן. מסתמא איז דאָך דער עיקר ניט די אידעע, נאָר די סאָציאַל־הערשנדיגע ראָלע פון דער בורזשואַזיע. ווי נאָר זי האָט אויפגעהערט צו זיין די הערשערין, האָט בערגעלסאָן, זאָגט ער, מער ניט געהאַט וואָס צו שרייבן וועגן איר... איז דאָס, פאַרשטייט זיך, אונזין. וואָרים ווען אַ דיכטער דערציילט אונז אַפילו וועגן מענשן פון אַ געוויסן קלאַס, אינטערעסירט אים מער דאָס, וואָס זיי זיינען מענשן, ווי דאָס, וואָס זיי געהערן צו **דעם** אָדער יענעם קלאַס: ד ו ר ך זייער קלאַסן־אָנגעהעריגקייט ציינט ער אונז זייער שייכות צו דער מענשהייט, ד. ה. צו אונזער אַלעמענס מענטשלאַכקייט. און דאָס האָט בערגעלסאָן געקאָנט טאָן אויך נאָכדעם, ווי זיינע העלדן זיינען דעקלאַסירט געוואָרן. איז זיין דערקלערונג פאַרוואָס ער האָט ניט פאַרענדיגט זיין ראָמאַן „אין פאַרטונקלטע צייטן" אַ פאַרטונקלונג מער,

ווי א דערקלערונג. אָבער אויב עס איז ניטאָ אפילו קיין שאָטן פון אמת אין דעם געדאַנק, אַז מען קאָן ניט שרייבן וועגן פאַר־שטייער פון א סאָציאַלער גרופע, וועלכע איז אַראָפּ פון בענקל, איז יע דאָ א געוויסער טייל אמת אין דעם, אַז עס איז שווער און אָפּט אוממעגלאַך צו שאַפן פיגורן און געשטאַלטן, פאַר וועל־כע עס איז נאָך נישטאָ געווג רוי־שטאָף אין דעם אַרומיגן לעבן. דערפאַר וואָלט די ליטעראַטור, וועלכע מ. ליטוואַקאָוו פאַרלאַנגט, אַז מיר זאָלן שאַפן, כדי אַז די רעוואָלוציע זאָל שפּעטער „ניט געפינען קיין פּוסטן אָרט", געווען א ליטעראַטור, וואָס הענגט אין דער לופטן און האָט נישט קיין לופט אַרום זיך...

אָבער נישט געקוקט אויף דעם, פאַרלאַנגט מ. ליטוואַקאָוו און זיין נייער תּלמיד בערגעלסאָן, אַז די אידישע ליטעראַטור־אין פּוילן אָדער אין אַמעריקע זאָל לויט איר גייסט זיין ניט פּויליש אָדער אַמעריקאַניש, נאָר . . . מאָסקוויש!

ה. אין פּראָלעטאַרישן שפּאָן.

וואָלטן זיי עס פאַרלאַנגט נאָר אין נאָמען פון דער רעוואָ־לוציע, דער איצטיגער אָדער אפילו דער קומענדיגער, נישט אין נאָמען פון דער ליטעראַטור, וואָלט מען עס געקאָנט נאָך ווי עס איז פאַרשטיין. מען וואָלט געקאָנט זאָגן: אמת טאַקע, דער ליטעראַטור וועט קיין געזונט נישט צוקומען דערפון, וואָס זי וועט זיך לאָזן פאַרשלינגען דורך דער צו אַבסטראַקטער אידעע פון דער קומענדיגער רעוואָלוציע אָדער דער שוין אביסל צו קאָנ־קרעטער העגעמאָניע פון דער געקומענער רעוואָלוציע, אָבער — פאַרפאַלן, מען קאָן זיך נישט העלפן, דער גאָט פון דער צוקונפט וויל, ווי אַלע געטער, קרבנות, און אויך גייסטיגע קרבנות, — מוז מען זיי ברענגען. די ליטעראַטור עקזיסטירט דאָך, סוף כל סוף, פאַר'ן מענשן, ניט דער מענש פאַר דער ליטעראַטור. און אויב די „קומענדיגע האַרמאָניע" פון דער מענשהייט פאָדערט, א חוץ „קינדערשע טרערלאַך" און בלוט פון דערוואַקסענע, נאָך אויך די באַגרעניצונג פון קינסטלערישער פרייהייט און די פאַר־טייאישע השגחה איבער דער ליטעראַטור, — לאָמיר איינבויגן מיט הכנעה די קעפּ פאַר דעם באַפעל פון דער געשיכטע! וועט,

מילא, ניט זיין קיין אמת'ע, קיין פרייע, קיין אַלזייטיגע קינסט־לערישע ליטעראַטור אין משך פון אַ געוויסער צייט. אויב מען קאָן טרעטן מיט די פיס די איידעלע פרינציפּן פון פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלאַכקייט אין נאָמען פון זייער טריאומף אין דער צוקונפט, קאָן מען צוליב דעם צוקינפטיגן רעכט אויף פּאָעזיע, ווי ל. טראָצקי האָט עס אָנגערופן, אָפּזאָגן זיך דערווייל פון פּאָעזיע... מען דאַרף, אמת, זיין זיכער, אַז דאָס איז אַזוי, דאָס הייסט, אַז עס איז טאַקע אין די אינטערעסן פון דער רעוואָלוציע דער צוים אויפ'ן קינסטלערישן וואָרט און ניט קיין דעספּאָטישער קאַפּריז פון מאַכטהאָבער. מען דאַרף זיין זיכער, אַז דערפון, וואָס די פאַנטאַזיע און דער געדאַנק און די שאַפונגס־קראַפט פון דעם פאָלק'ס בעסטע קינדער וועט אויף אַ געוויסער צייט „נאַציאָנאַ־ליזירט" ווערן, וועט געווינען דאָס פאָלק און ניט די קליינע מינדערהייט, וועלכע רייט אין דעם מאָמענט אויף דער שטומער ק ל י אַ ט ש ע. איז מען אָבער זיכער אין דעם און מען האַלט, אַז נאָר אויף אָט דעם שווערן און געפערלאַכן וועג פון גייסטיגער זעלבסט־באַשרענקונג און גייסטיגער זעלבסט־אָפּערונג קאָן מען קומען צום ציל פון אַ שענערן און מער מענשלאַכן לעבן, מוז מען זיין גרייט צו פירן דעם איינציגן זון (און אַליין גיין) צו דער עקדה...

איז ווען מען זאָל וועלן איינקוועטשן די ליטעראַטור אין אַ „פּראָלעטאַרישן" קאָרסעט, פון מאָסקווער מאָדעל, צוליב דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, וואָלט אין דעם, ביי געוויסע אומשטענדן, געקאָנט זיין אַ גרויסער, ווען אַפילו אַ טראַגישער, זין. אָבער דער נייער רעוואָלוציאָנער דוד בערגעלסאָן וויל אונז איינריידן, אַז „דער קאָרעס וויל, מען זאָל אים אין בראָטן אין סמעטענע" און אַז די אידישע ליטעראַטור וועט צוליב אירע אייגענע אינ־טערעסן, צוליב איר אייגענער צוקונפט זיך לאָזן בראָטן אין דער פּאַרטייאיש־קאָמוניסטישער פאַן... דאָס, זעט איר, ליגט זיך שווערלאַך אויפ'ן שכל, און מען מוז באַטראַכטן דעם ענין מיט גרויס ישוב הדעת. מען מוז זיך צוהערן מיט קאָפּ צו די אַלע ראיה'ס און די אַלע טענות און זען, צי וועט עס טאַקע פאַר דער אידישער ליטעראַטור, פאַר איר וואוקס און איר צוקונפט

זיין אַ גליק אָט דאָס איינשפּאַנען זיך אין דעם וואָגן פון דער אַזוי־אָנגערופענער פּראָלעטאַרישקייט.

דאָס וועט זיין זיכער אַ גליק פאַר איר, זאָגט דוד בערגעלסאָן, ווארים דאָס וועט זי, פּשוט, ראַטעווען פון טויט. זי וועט מוזן, זאָגט ער, אומקומען, אויב זי וועט זיך ניט „אָריענטירן אויף מאָסקווע". זי וועט אויסגיין, ערשטנס, פון גלייכגילטיגקייט און אַסימילאַציע; צווייטנס, פון איינטאָניגקייט; דריטנס, פון געטאָ־פּסיכאָלאָגיע („דער שרעקלאַכסטער פון אַלע שרעקלאַכע אידישע געטאָס").

ווענגען דער געפאַר פון „געטאָ", ווענגען דעם, אז עס פעלט אין דער אידישער ליטעראַטור כלומר'שט אַן „אַלמענשלאַכע אי־דעע", האָט דוד בערגעלסאָן זיך דערמאָנט צו ריידן ערשט אין זיין „ענטפער". אין זיין פּראָגראַם־אַרטיקל אין דעם זשורנאַל „אין שפּאַן" האָט ער זיך נאָך געזאָרגט ניט אַזוי פאַר דער „אַלמענשלאַכקייט", ווי פאַר דער עצם עקזיסטענץ פון דער אידי־שער ליטעראַטור. יעדנפאַלס, איז די טראָפּ דאָרט געשטאַנען נאָך אויף דער אידיש־נאַציאָנאַלער, ניט אויף דער אַזוי־אָנגערו־פענער „אַלמענשלאַכער" זייט. ער האָט דאָרט געפּרובט ווייזן, אַז אַלע אַנדערע גרופּעס פון דעם אידישן פאָלק, אַ חוץ די אַר־בעטער, — זיינען — שפּראַכלאַך, ווינציגסטנס — אַסימילאַטאָ־ריש אָדער אינדיפערענט און אַז דאָס אידישע וואָרט קאָן זיך האַלטן דעריבער נאָר אויף די אידישע אַרבעטער. עס איז, הייסט עס, אין די אינטערעסן, האָט ער אונז געוואָלט זאָגן, פון דער אידישער ליטעראַטור גופא צוצופּאַסן זיך צו . . . אירע קליענטן און געבן זיי אַזאַ סחורה, וואָס זיי פאַרלאַנגען. דאָס איז בפירוש ניט געזאָגט געוואָרן, און אין זיין „ענטפער" וויל אונז בערגעלסאָן איינריידן, אַז ער איז בכלל ניט אויסן געווען צו זאָגן, אַז די אידישע ליטעראַטור דאַרף זיך שטיצן אויף דער אידישער אַרבעטערשאַפט „ווי אויף אַן אָפּזאַץ־מאַרק פאַר'ן אי־דישן בוך", אָבער ווען מען לייענט זיין אַרטיקל „דריי צענטרען" אין דעם ערשטן נומער „אין שפּאַן", פילט מען, אַז זיין וויכ־טיגסטער אַרגומענט פאַר דער „פּראָלעטאַרישער" אָריענטאַציע פון די אידישע שרייבער איז דאָך דאָס, וואָס „דער אידישער

באוואוסטזיניגער ארבעטער איז אונזער איינציגער פֿארבינדע־
טער". איז נויטיג דערפֿאר אָפּצושטעלן זיך אויף דעם ארגומענט.
מיר הערן אים אויך פֿון אנדערע אידישע שרייבער, ניט נאָר פֿון
בערגעלסאָנ'ען. מיר הערן אָפּט זאָגן, אז דער אידישער שרייבער
וועט ניט זיין מער איינזאם, וועט ניט זיין מער איזאָלירט, אויב ער
וועט „אוועק צו די ארבעטער". מען דערציילט אונז אָפּט מיט א
ביטערן וואונק און די אויגן וועגן די פֿייערלאכע קבלת־פּנים'ס,
וואָס די קאָמוניסטן מאכן פֿאר זייערע שרייבער און דעם
גרויסן כבוד, וואָס זיי גיבן זיי אָפּ... אזוי, צום ביישפּיל, האָבן
מיר געלייענט אין „פֿרייהייט" (דעם 27טן סעפּטעמבער, 1926)
אין א פֿייערלאכער דערקלערונג פֿון דער רעדאקציע: ...זיי קומען
צו אונז, די אידישע קינסטלער, ווייל בלויז די אידישע ארבעטער
ווייסן ווי זיי אָפּצושאצן, בלויז צווישן די אידישע ארבעטער
קאָנען זיי געפֿינען דעם אמת'ן קוואל פֿון באגייסטערונג פֿאר זייער
שאפֿן"... מען שעמט זיך, הייסט עס, ניט צו זאָגן אָפֿן, אז די
קינסטלער „קומען" ניט דערפֿאר ווייל זיי ווערן קאָמוניסטן,
נאָר, פּשוט, ווייל די אידישע ארבעטער ווייסן ווי זיי אָפּצו־
שאצן... וויל איך ניט ריידן וועגן דעם, וואָס עס איז דורכאויס
קליינבירגערלאך, פֿיליסטעריש, און לחלוטין ניט פּראָלעטאריש —
אָט דאָס גיין זוכן קאָמפּאניע צו די ארבעטער אָדער צו
די קאָמוניסטן. איך וויל אויך נישט מאריך זיין וועגן דעם,
וואָס עס איז נידעריגער פֿון א מענשנ'ס (און ממילא אויך פֿון
א שרייבער'ס) ווערדע צו באהעפֿטן זיך מיט א באשטימטער סאָ־
ציאלער גרופּע און א באשטימטער סאָציאלער פּראָגראם נאָר כדי
פּטור צו ווערן פֿון „איינזאמקייט", אזוי ווי א סאָציאלער קלאס
וואָלט געווען עפּעס א מין קלוב, וואוהין מען גייט פֿארברענגען.
איך פֿארשווייג אויך דעם פֿאקט, וואָס דער כבוד פֿון דער פּראָ־
לעטארישער אידעאָלאָגיע ווערט פֿארשוועכט, ווען מען ראט שריי־
בער אָנצונעמען זי דערפֿאר, וואָס ארבעטער לייענען זייערע
ווערק און מאכן זיי יובילעאומס... עס איז קלאָר, אז פֿאר א
שרייבער, ווי פֿאר יעדן מענשן, קאָן זיין נאָר איין מאָטיוו צו
„קעמפֿן אין די רייען פֿון ארבעטער קלאס" — דער מאָטיוו פֿון
סאָציאלן און פּאָליטישן קאמף. איז דער שרייבער מסכים מיט די

צילן און מיטלען פון דער אָדער יענער אַרבעטער פּאַרטיי, איז ער און מוז זיין נאָענט צו איר, אַלץ איינס צי די אַרבעטער לייענען זיינע ווערק אָדער ניט, אַלץ איינס, צי זיי זיינען פאַר אָדער געגן דער שפּראַך, אויף וועלכער ער שרייבט. איז אָט דער עצם מעטאָד פון אָנגעבן אין נדן די סימפּאַטיעס פון די אידישע אַרבעטער אָדער פון די קאָמוניסטן צו אידיש און פאַרלאַנגען דערפאַר פון אונז אַרבעטער־פריינדשאַפט אָדער סאָוועטן־קולט, — אָט דער עצם מעטאָד איז אַ ביליגער, אַ קליינלאַכער, אַ פּאַס־קודנער. ער באַליידיגט אי דעם פּראָלעטאַריער, אי דעם שריי־בער אין אונז. ער פּאַסט פּאַר קרעמער, פאַר פּאָליטישנס, פאַר ציניקער, ניט פאַר מענשן פון גייסט...

אָבער איך וויל זיך דאָ לאַנג ניט אָפּשטעלן אויף דעם. לאָ־מיר צולאָזן אויף אַ ווײַלע אָט דעם געדאַנק, מעג ער אונז זיין ווי דערווידער — אַז אויב די אידישע אַרבעטער העלפן „אונז", שרייבער, אויפהאַלטן די אידישע ליטעראַטור, דאַרפן מיר „זיי" ד ע ר פ אַ ר העלפן מאַכן די סאָציאַלע רעוואָלוציע (אַזוי ווי די ליטעראַטור וואָלט געווען נאָר א ו נ ז ע ר זאַך און די סאָציאַלע פּראַגע נאָר ז י י ע ר זאַך). — לאָמיר זיך אָנטאָן אַ כח און אָנ־נעמען אויף אַ ווײַלע אָט דעם פּריקרען און ווילדן געדאַנקען־גאַנג: שטיצט ער זיך אויף רעאַלע פאַקטן?

איז די אידישע אַרבעטערשאַפט טאַקע באמת דער איינ־ציגער סאָציאַלער אָנהאַלט און דער „איינציגער פאַרבינדעטער" פון דער אידישער שפּראַך, פון דער אידישער ליטעראַטור, פון דער נייער אידישער שול, פון דער גאַנצער אידישער קולטור־באַוועגונג? זיינען די אידישע אַרבעטער טאַקע אין דער אמת'ן די איינציגע, וואָס לייענען אידישע ביכער, אידישע צייטונגען? די איינציגע, וואָס שיקן זייערע קינדער אין די נייע אידישע שולן? די איינציגע, וואָס גיבן אַרויס פון זיך אידישע שריי־בער, אידישע לערער, אידישע קולטור־טוער? האָבן די „ברייטע" אידישע פאָלקסמאַסן — דאָס קליינבירגערטום — גאָר קיין שייכות ניט אָדער גאָר אַ קליינע, אַ נישטיגע שייכות צו אָט די אַלע זאַכן?

מיר האָבן ניט קיין סטאַטיסטיק און מיר מוזן זיך אין דער,

ווי אין אַ סך אַנדערע אַנגעלעגנהייטן, פאַרלאָזן אויף סברות און השערות. די נאָענטסטע סברה און זיכערסטע השערה איז, אַז די אידישע אַרבעטער שטעלן־צו ביי היינטיגן טאָג בערך אַ גרעסערן פּראָצענט אידישע לעזער, אידישע שול־קינדער, אידישע לערער, אידישע שרייבער און קולטור־טוער, ווי די קליינבירגערלאַכע מאַסע. אָבער איך בין, ערשטענס, ניט זיכער, אַז אָט דער גרע־סערער פּראָצענט מיינט פּאַקטיש אַ גרעסערע צאָל (דער צאָל־רייכסטער קלאַס פון דער אידישער באַפעלקערונג איז נאָך עד היום — אַפילו אין רוסלאַנד — די קליין־בורזשואַזיע), און, צווייטנס, גלויב איך, אַז דער אַקטיווערער און מער פּראָדוקטי־ווער אינטערעס פון די אַידישע אַרבעטער צום אידישן קולטור־לעבן נעמט זיך ניט אַזוי דערפון, וואָס זיי זיינען מער צוגע־בונדן צו דער אידישער פאָלקס־קולטור, ווי דערפון, וואָס דער אַרבעטער קלאַס פאַרמאָגט ביי היינטיגן טאָג (אויך ביי אַנדערע פעלקער, נישט נאָר ביי אונז אַליין) מער קולטורעלע עלעמענטן און איידעלערע גייסטיגע אינטערעסן, ווי די קליינבירגערלאַכע מאַסע. צווישן אַרבעטער זיינען דאָ מער מענשן, וואָס לייענען און מער מענשן, וואָס טראַכטן און פאַרטראַכטן זיך, ווי צווישן הענדלער און קרעמער. די אַרבעטער זיינען אויך בעסער אָרגאַ־ניזירט און מער געוואוינט צו געזעלשאַפטלאַכער טעטיגקייט און שותּפות'דיגקייט, ווי די לעצטע. די אַרבעטערשאַפט איז אומע־טום, נישט בלויז ביי אידן, אַ מער דאַנקבאַרע און מער פרוכט־באַרע סביבה פאַר קולטור־אַרבייט און גייסטיגען שאַפן, ווי די קליינבירגערלאַכע מאַסע. איז עס אַ פאַקט, וואָס מען דאַרף אים געוויס האָבן אין זינען. אָבער דאָס הייסט נאָך ניט, אַז די גאַנצע נייע אידישע קולטור איז אַ קולטור נאָר פון און פאַר אַרבעטער. ניין, זי איז אַ פאָלקס־קולטור. און די אידישע אַרבעטער אַליין זיינען, אגב, קולטורעל און סאָציאַל פאַראינטערעסירט, אַז איר ווירקונגס־קרייז זאָל זיין וואָס ברייטער, ניט וואָס שמעלער, ווי מען וויל עס מאַכן. די אידישע אַרבעטער וועלן האָבן בעסערע צייטונגען און ביכער, אויב די אידישע פּרעסע און ליטעראַטור וועט וואַקסן אויף אַ באָדן, וואָס איז סאָציאַל דיפערענצירט און ברייט, ניט קלייזלדיג. די אידישע אַרבעטער קינדער וועלן האָבן

בעסערע לערער, ליכטיגערע און גראַמערע שולן, אויב די שול־באַוועגונג וועט ארומכאַפּן די גאַנצע אידישע מאַסע און ניט זיין נאָר די זאַך פון אַ קליינער און מאַטעריעל אָרימער גרופּע. דאָס אידישע טעאַטער וועט זיין רייכער אין קינסטלערישע און אַנדערע מיטלען, ווען עס וועט זיין אַ פאָלקס־טעאַטער, נישט קיין טעאַטער נאָר פאַר און פון ארבעטער. דער ארבעטער קלאַס קאָן זיך בכלל נישט פארגינען אין דער היינטיגער געזעלשאַפט צו איזאָלירן זיך פון דער ארומיגער וועלט קולטורעל. די איזאָלאַציע וואָלט אים ניט אָפּגעשיידט פון דעם בורזשואַזן גייסט, זי וואָלט אים נאָר אָפּגעשניטן פון יענע בילדונגס־מיטלען, אָן וועלכע ער קאָן נישט פירן זיין גרויסן און שווערן קאַמף.

קאָן מען און מען דאַרף ריידן נאָר וועגן דער וויכטיגער ראָלע, וואָס די ארבעטער שפּילן און דאַרפן שפּילן אין דער אנטוויקלונג פון דעם היינטיגן אידישן קולטור־לעבן, אָבער נישט וועגן אַ קולטור נאָר פון און פאַר ארבעטער. די טובה, וואָס בערגעלסאָן טוט אונז, דערלויבנדיג אויך אַנדערע אידישע שיכטן צו גרופּירן זיך ארום דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור, איז אַ קנאַפּע טובה. ווען די ליטעראַטור וועט זיך אָריענטירן אויף מאָסקווע, וועט זי ניט האָבן קיין אינטערעס אפילו פאַר אַ גרויסן טייל אידישע ארבעטער, שוין ניט גערעדט וועגן קליינבירגערטום...

עס מוז אויך קלאָר ווערן, אַז ווען עס רעדט זיך וועגן אַ באַוואוסטזיניגער קולטיווירונג (און אין דער אַטמאָספערע פון אסימילאַציע, אין וועלכער מיר אַלע לעבן, מוז זיין אַ באַוואוסטזיניגע קולטיווירונג און אַ קולט) פון דער אידישער שפּראַך און ליטעראַטור, דערציאונג און קונסט, — איז די זיכערסטע שטיצע און דער שטאַרקסטער אָנהאַלט ניט די „פּראָלעטאַרישע" אינטעליגענץ, נאָר, פאַרקערט, יענע אינטעליגענץ, וועלכע איז, לויט איר צונעמעניש, „קליינבירגערלאַך". די פּראָלעטאַרישע אינטעליגענץ שרעקט זיך פאַר'ן קולט פון גייסטיגע נאַציאָנאַלע ווערטן. עס איז אַ זינד אין אירע אויגן צו „צאַצקען זיך" מיט ליטעראַטור און קונסט אָדער אפילו מיט דעם ענין פון דערציאונג, ווי מיט אַ ציל פאַר זיך אַליין. זי טוט עס אמאָל, אָבער זי טוט עס מיט אַן אומרואיגן געוויסן. זי זינדיגט — און האָט

חרטה. זינדיגט — און קוקט זיך אום אין אַלע זייטן, מען זאָל זי, חלילה, נישט באַריידן. זי העלפט בויען אידישע שולן און האָט מורא צו זאָגן, אַז זי טוט דאָס פון די שולן וועגן. ניין, דאָס איז ביי איר, זאָגט זי, אַ פאָרם פון קלאַסן־קאַמף. אידישע ליטעראַטור און אידיש טעאַטער איז ביי איר ניט אידישע ליטעראַטור און אידיש טעאַטער נאָר — אַ צו־להכעיס דער בורזשואַזיע. אויסלעבן זיך קולטורעל אין דער אייגענער שפּראַך און אויף אַן אייגענעם אופן, מחמת דאָס איז דאָס פּראָדוקטיווסטע און נאַטירלאַכסטע אויסלעבן זיך — איז די אידעע פון אידישיזם, און אידישיזם איז טריף.

אידישיזם, אָט דער באַוואוסטזיניגער אויסדרוק פון דעם וואוקס פון דער נייער אידישער קולטור, אָט דער פּרוב צו פאַרשטאַרקן און פאַרשנעלערן דעם וואוקס, — ווערט פון די, וואָס שטייען אויפ'ן „פּראָלעטאַרישן שטאַנדפּונקט", באַקעמפט. זיי אָנערקענען דעם פאַקט פון אידיש, אָבער זיי לאָזן ניט שאַפן קיין אידעאָלאָגיע אַרום אָט דעם פאַקט. זיי לאָזן נישט אויפוועקן צו אים קיין הייסערן, ווי אַ ריין־פּראַקטישן, אינטערעס. זיי זיינען ערגער אין דעם פּרט פון דער קאָנסערוואַטיווער אידישער מאַסע, וועגן וועלכער בערגעלסאָן דערציילט אונז אַ נייעס, אַז „מיט איר אידיש ריידן איז די דאָזיגע מאַסע ווייט ניט אויסן די צוועקן פון מאָדערנער אידישער קולטור". זי איז אודאי ניט אויסן די צוועקן פון דער מאָדערנער אידישער קולטור, אָבער זי האָט דאָך ניט קיין מורא פאַר איר נאַטירלאַכער ליבע צו אידיש. די טרעגער פון דער „פּראָלעטאַרישער" אידעאָלאָגיע האָבן מורא. זיי האַלטן אין איין שרעקן זיך, טאָמער וועט דער אידישער אַרבעטער האָבן עפּעס אַ ראָמאַנטישע באַציאונג צו זיין שפּראַך. עס מעג עקזיסטירן נאָר אַ רעוואָלוציאָנערע ראָמאַנטיק, אָבער ניט קיין קולטור־ראָמאַנטיק. און מען לאָזט ניט דורך קיין איין געלעגנהייט צו דערקלערן, אַז מיט'ן אידיש ריידן און אידיש שרייבן איז מען (פּונקט אַזוי ווי די „קאָנסערוואַטיווע אידישע מאַסע" אין פּוילן, קאָלעגע בערגעלסאָן!) „ניט אויסן די צוועקן פון מאָדערנער אידישער קולטור".

מען האָט מורא, מען שעמט זיך אויפֿצואוועקן אַ ליבע צו אידיש און דער אידישער קולטור אַפילו דאַן, ווען מען אַגיטירט פֿאַר אידיש. אָט לייענט, אדרבה, אַ שטיקל אַגיטאַציע פֿאַר אידיש אין „יונגוואַלד“, אַ זשורנאַל פֿון יונגע אַרבעטער, אויסגאַבע פֿון צענטראַלן קאָמיטעט פֿון אַלפֿאַרבאַנדישן לענינשען קאָמוניסטישן יוגנט פֿאַרבאַנד, מאָסקווע: „יעדער קאָמיוגיסט, שטייט דאָרט אין נומער 3, מערץ, 1926, — „יעדער קאָמיוגיסט דאַרף ווירקן אַף זיין סוויווע, אַף זיין מאַסע, מיט וועלכע ער איז פֿאַרבונדן. אין טאָגטעגלאַכן לעבן איז ער פֿאַרבונדן מיט כאַווירים יונגע אַרבעטער, קוסטאַרן, וועלכע ריידן אידיש. זיינע עלטערן, פֿריינד — ריידן אידיש; ער דאַרף זיין שטענדיג פֿאַרבונדן מיט דער מאַסע, טראָגן די קאָמוניסטישע געדאַנקען אין זיין סוויווע, אַף איר ווירקן. דאַרף דער שטאָטישער קאָמיוניסט ריידן אַף אידיש, לערנען זיך ריידן אידיש; ניט צוליב דער ליבע צו דער אידישער שפּראַך, ניין. מען דאַרף אָבער די שפּראַך אויסנוצן, ווי אַ מיטל פֿאַר אונזער קאָמוניסטישער אַרבעט צווישן דער אידישער אַרבעטנדיקער מאַסע“.

איר הערט? נאָר ווי אַ מיטל פֿאַר דער קאָמוניסטישער אַרבעט צווישן דער אידישער אַרבעטנדיגער מאַסע מעג מען אויסנוצן אידיש!

דער אַלטער קוק אויף אידיש, ווי אויף אַ מיטל פֿאַר פּראָפּאַגאַנדע!

אַמאָל איז עס געווען השכלה־פּראָפּאַגאַנדע, שפּעטער איז עס געוואָרן סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע, איצט איז עס פּראָפּאַגאַנדע פֿון קאָמוניזם, אָבער אַלץ נישט מער ווי פּראָפּאַגאַנדע!

אָט אַזוי האָט די אידעאָלאָגיע פֿון אידיש און דער אידישער קולטור געמאַכט אין רוסלאַנד אַ מורא׳דיגן שריט צוריק, און עס איז פֿאַרלאָרן געגאַנגען אַן אַרבעט און אַ דערגרייכונג פֿון צענדליגער יאָרן. עס איז דערגאַנגען דערצו, אַז מענשן, וואָס האָבן ליב אין הארצן די אידישע פֿאָלקס־קולטור, מענשן, וואָס זיינען אויסגעוויקט אין איר, שטיקן אין זיך זייערע געפֿילן און שעמען זיך צו ריידן וועגן זייער וואונש צו אַנטוויקלען

די אידישע ליטעראַטור און העלפן איר וואַקסן. זיי בויען אי־דישע שולן, שאַפן אידישע גערייכטן און דרוקן אידישע ביכער, אָבער עס איז ניטאָ אונטער דעם קיין באָדן פון אַ קולטור־אידעע, דערפאַר איז ניטאָ און עס קאָן ניט זיין אַרום דעם קיין אַטמאָספערע פון קולטור. די פּאַקטישע אַרבעט, וואָס ווערט געטאָן איז אודאי וויכטיג. עס וועט פיל בלייבן דערפון, און מען דאַרף עס ניט גרינג־שעצן, אָבער מאַכן אָט דעם „מעטאָד" פון אידישע קולטור־אַרבעט פאַר אַ מוסטער, זאָגן, אַז אומעטום איז דאָ גלייכגילטיגקייט צו דער אידישער קולטור און נאָר די קאָמוניסטן זיינען אירע פריינד און רעטער — דאָס איז לע־כערלאַך.

ו. די אידישע ליטעראַטור און דער אידישער לעזער אין ראַטנפאַרבאַנד.

אין ראַטנפאַרבאַנד איז באַשאַפן געוואָרן אַ פּ אָ ל י ט י ־ ש ע ר באָדן פאַר דעם אידישן קולטור־לעבן, עס פעלט דער ק ו ל ט ו ר ע ל ע ר באָדן, און אים ווילן נ י ט שאַפן די, וועלכע ווילן אים נ י ט שאַפן. אים ווילן ניט שאַפן די אידי־שע קאָמוניסטן, ווי ווייט זיי זיינען קאָמוניסטן. אים ווילן ניט שאַפן די, וואָס שלעפּן זיך נאָך נאָך דער „אידישער סעק־ציע", כל זמן זיי זיינען נישט מער ווי נאָכשלעפּערס. זיי ווילן נישט מאַכן און זיי ווילן נישט לאָזן אַנדערע מאַכן אַ קולט פון דער אידישער קולטור. דאָס איז געגן זייער שיטה. אפשר ווילן עס אייניגע פון זיי אין הארצן, אָבער — מאַלע וואָס פאַר אַ סענטימענטן עס נאָגן און קרעכצן אין זינדיגע אי־דיש־קאָמוניסטישע הערצער! זיי מוזן דערשטיקט ווערן! דיסציפּלין!!

דאָס קאָנען די אוקראַינער, די ווייס־רוסן זיך פאַרגינען צו זאָגן אָפן, אַז זיי ווילן קולטיווירן זייער נאַציאָנאַלע שפּראַך, אַנטוויקלען זייער נאַציאָנאַלע קולטור. אידן טאָרן עס ניט. דאָס קאָנען ווייס־רוסן זאָגן, אַז זיי ווילן זיך נישט באַנוגענען מיט די, וואָס ווייס־רוסיש איז זייער מוטער־שפּראַך און אַז זיי ווילן זוכן צו פאַרווייסרוסישן אויך דעם רוסיפיצירטן טייל

פון דער באַפעלקערונג: „וואָס איז שייך דעם רוסיפיצירטן טייל פון די אַרבעטער, שרייבט אַ. קריניצקי, וועלן מיר אין באַצוג צו אים פירן די ווייס־רוסיזאַציע דורך אַ לאַנג־דויערנדיגער דערציערישער אַרבעט" („אָקטיאַבער" פון 8טן סעפּטעמבער, 1926). דאָס מעגן ווייס־רוסן קוקן אויף זייער שפּראַך ווי אויף אַ נאַציאָנאַל־קולטורעלן ווערט, ניט נאָר ווי אויף אַ מיטל צו פאַרשפּרייטן דעם קאָמוניזם צווישן די, וואָס קאָנען נאָר ווייס־רוסיש. פאַר אידן מוז אידיש זיין נאָר „אַ מיטל פאַר אונזער קאָמוניסטישער אַרבעט צווישן דער אידישער אַרבע־טער מאַסע". אידישע קאָמוניסטן מעגן זיך באַרימען מיט אי־דיש־קולטורעלע אויפטואונגען פון ראַטן־פאַרבאַנד אין אַמעריקע, בכלל אין אויסלאַנד, וואו עס איז — ווידער אַ מאָל — אַ מ י ט ל פון סאָוועטישער פּראָפּאַגאַנדע, אָבער אין די גרעניצן פון די ראַטן־רעפּובליקען מוז מען זיין קאַלט, ווי אייז, ווען מען דערמאָנט אידיש. דאָרט מעג מען נאָר „אויסניצן" די אידישע שפּראַך, אָבער נישט אַרויסווייזן צו איר, חלילה, קיין וואַרעמען געפיל, ניט זאָגן, חלילה, אַז מען בויט אידישע שולן און מען גיט אַרויס אידישע ביכער צוליב „די צוועקן פון מאָדערנער אידישער קולטור".

איז דערפאַר דאָס „אָריענטירן זיך אויף מאָסקווע" אַ גאַנץ קנאַפּע סגולה צו דער גלייכגילטיגקייט, וואָס הערשט כלומר'שט אומעטום בנוגע צו אידיש און דער אידישער קולטור. פאַרקערט, וואָס נענטער צו „מאָסקווע", אַלץ מער גלייכגילטיגקייט צו דער אידישער קולטור, ו ו י צ ו אַ צ י ל, אַלץ מער מורא זי זאָל זיך, חלילה, נישט אַריבערכאַפּן איבער'ן גרעניץ פון דער קאָמוניס־טישער פּראָפּאַגאַנדע, אַלץ שטרענגער די וואַך, וועלכע לאָזט זי נישט אָפּ פון אויג, אַלץ ענגער די לופט אַרום איר...

וועט מען פרעגן: וואָס מאַכט עס אויס, וואָס די קאָמו־ניסטן טראַכטן און וואָס זיי ז אָ ג ן? אבי זיי טוען! זיי גיבן אַרויס אידישע ביכער, בויען אידישע שולן א. אז. וו., א. אז. וו. וואָס גייט אונז אָן זייער טעאָריע? איז דער ענטפער: אויפ'ן עקאָנאָמישן געביט איז די טעאָרעטישע מאָטיווירונג פון דער אַרבעט טאַקע ניט אַזוי וויכטיג, אָבער אַז עס קומט צו קולטור,

צו דערציאונג, צו ליטעראַרישן שאַפן — דאָרט איז די אידעאָ־לאָגישע באַגרינדונג אַ טייל פון דעם עצם ענין, אַ טייל, וועלכער באַשטימט דעם כאַראַקטער, דעם גייסט, דעם מאַסשטאַב און די גרעניצן פון דער אַרבעט.

וועגן דעם כאַראַקטער און דעם גייסט פון דער אידיש־קאָמו־ניסטישער קולטור־אַרבעט וועל איך דערוויייל ניט ריידן, איך וויל נאָר אָנרירן די פראַגע פון איר דרויסנדיגען פּאַרנעם און אירע רעזולטאַטן. עס איז קלאָר, אַז איר פאַרנעם און אירע רעזולטאַטן ווערן שטאַרק פאַרקלענערט דורך דעם, וואָס זי ווערט באַטראַכט ווי אַ מיטל און ניט ווי אַ ציל פאַר זיך אַליין. דער מעטאָד און דער גייסט פון פּראָפּאַגאַנדע עסט זי, ווי אַ וואָרעם, פון אינע־וויינינג. עס וואָלטן זיכער געווען מער קינדער אין די אידישע שולן פון ראַטן־פאַרבאַנד און די אידישע ליטעראַטור וואָלט געהאַט מער לעזער, ווען עס זאָל זיין מער ברען, מער פייער און מער זעלבסטשטענדיגקייט אין דער קול־טור און בילדונג־אַרבעט, ווען עס זאָלן ניט פאַר־שווינגן ווערן אירע ריין־קולטורעלע מאָטיוון. די קאָמוניסטן אַליין לייקענען ניט די שייכות, וואָס איז געווען צווישן דעם „לאַנג־זאַמען טעמפּ פון דער אידישער קולטורבויאונג אין די ערשטע יאָרן פון דער ראַטן־מאַכט" און דעם „אינעווייניגסטן קריזיס", „ווען ביי אַ גאַנץ היבשן טייל פון די אידישע סאָוועטישע קול־טור־טוער זיינען געווען אויפגעקומען ספקות, צי דאַרף מען גאָר פירן אַ קולטור־אַרבעט אויף דער אידישער שפּראַך, און אויב יאָ, צי קאָן מען זיך אפשר באַנוגענען בלויז מיט די סאַמע עלע־מענטאַרע פאָרמען. עס האָבן זיך געלאָזט הערן אַזוינע מיינונגען, אַז מיר דאַרפן זיך באַנוגענען אויף אידיש בלויז מיט שולן פונ'ם ערשטן קאָנצענטער, מיט די סאַמע עלעמענטאַרע טיפּן פון ביל־דונגס־אַנשטאַלטן פאַר דערוואַקסענע, וועלכע דאַרפן דינען הויפּט־זאַכלאַך אַלס בריק צו אַ נויטווענדיגן אַריבערפירן די אידישע מאַסן צו דער רוסישער שפּראַך". (מ. לעוויטאַן, אין „האַמער", נאָוועמבער, 1926.) איך וועל גיין ווייטער און זאָגן, אַז אינדי־רעקט העלפט מען אַליין רוסיפיצירן אָדער אוקראַאיניזירן די אידי־שע יוגנט, ווען מען זאָגט איר, אַז ניט, חלילה, אויס צוגעבונדנקייט

צו אידיש און צו דער אידישער קולטור און צו דעם אידישן פֿאָלקס־לעבן דאַרף זי האָבן אַן אינטערעס צום אידישן שאַפֿן, נאָר מחמת דאָס איז בעסער פֿאַר דער קאָמוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע. פֿון דעם שטאַנדפּונקט פֿון פּראָפּאַגאַנדע איז רוסיש אָדער אוקראַיניש אויך גאָר ניט אַזוי שלעכט, בפֿרט נאָך אַז די דאָזיגע שפּראַכן זיינען גוט פֿאַר דער גאַנצער באַפֿעלקערונג, ניט נאָר פֿאַר אידן אַליין. איז דער יונגער אידישער פּראָפּאַגאַנדיסט דען מחויב צו גיין מאַכן פֿאַר קאָמוניסטן דוקא די, וואָס ריידן ניט קיין רוסיש אָדער אוקראַיניש? עס איז דאָ פֿאַר אים גענוג אַרבעט צווישן די רוסן, די גרויסע און די קליינע און די ווייסע. און וואָס איז שייך צו די אידישע עלטערן, מוז באמת זיין שווער צו פֿאַראינטערעסירן זיי מיט דער אידישער שול, אויב זי זאָגט זיי גאָר־נישט ניט צו גייסטיג, אַ חוץ קאָמוניסטישער דערציאונג. פּרובט זיך, אדרבה, אַריינטראַכטן אין דער פּסיכאָלאָגיע פֿון אַ פּשוט׳ן אידן: צו־וואָס זאָל ער שיקן זיינע קינדער דוקא אין אַ אידישער שול? אויב עס גייט נאָר אום קאָמוניזם, טראַכט ער, וועלן זיי זיך „אויסלערנען די תורה" אויך אין אַ רוסישער אָדער אוקראַינישער שול, און טאָמער, טראַכט ער, וועלן זיי ניט זיין אַזעלכע הייסע „קאָמיוגן", איז אויך נישט קיין אומגליק... יע, עס איז ביי מיר קיין ספק ניטאָ, אַז אַ סך אידישע פֿאַמיליעס שיקן זייערע קינדער אין רוסישע אָדער אוקראַינישע שולן ניט אַזוי אויס ליבע צו רוסיש אָדער אוקראַיניש, ווי דערפֿאַר, וואָס די אידישע שול און אירע טוער האָבן מורא אויפֿצואוועקן זייער ליבע צו אידיש און צו אַלץ, וואָס איז פֿאַרבונדן דערמיט.

איז נאַריש צו זאָגן: וואָס גייט אונז אָן די אַנטי־אידישיסטישע אידעאָלאָגיע פֿון די קאָמוניסטן? אַבי זיי טוען אידישיסטישע אַרבעט. מען קאָן נישט פֿירן די אַרבעט מיט אַ גענוג גרויסער פּעולה, אויב מען רינגלט זי נישט אַרום מיט אַן אַטמאָספֿערע פֿון באַגייסטערונג פֿאַר דער אידישער קולטור. מען קאָן נישט היילן גלייכגילטיגקייט מיט גלייכגילטיגקייט. קעגן אינדיפֿערענטיזם איז פֿאַראַן נאָר איין מיטל — ענטוזיאַזם. קעגן רוסיפֿיקאַציע און אוקראַיניזאַציע קאָן מען ניט שטעלן אידיש, ווי אַ מיטל פֿאַר פּראָפּאַגאַנדע, נאָר די פּראָפּאַגאַנדע פֿון אידיש.

די אויסשפּרייטונג און די ראָלע פון אידיש און דער אידי־שער קולטור אין ראַטנפאַרבאַנד איז גרעסער געוואָרן און וועט נאָך גרעסער ווערן ניט אַ דאַנק דעם, וואָס דאָס אידישע פאָלקס־לעבן און די אידישע אינטעליגענץ „אָריענטירט זיך אויף מאָס־קווע", נאָר, פאַרקערט, אַ דאַנק דעם, וואָס מאָסקווע (אין אונזער פאַל — די אידישע מאָסקווע) האָט זיך אָנגעהויבן מער צו אָריענ־טירן אויפ'ן אידישן לעבן און אויף דער אידישער אינטעליגענץ.

אַז אָך און ווי וואָלט געווען צו דער אידישער קולטור־אַרבעט אין סאָוועט־רוסלאַנד, ווען די אידישע קאָמוניסטן זאָלן ניט געצוואונגען זיין צו שטעלן זיך, ווי זיי רופן דאָס אָן, מיט'ן פּנים צום שטעטל!

מיט דער קליינער צאָל אידישע אַרבעטער וואָלטן די אידי־שע קאָמוניסטן, אַפילו ביי די בעסטע כונה'ס, ווינציג־וואָס אויפגעטאָן. לויט דעם סטאַטיסטישן חשבון, וואָס איז געמאַכט געוואָרן אין 1926, זיינען צווישן די אַן ערך דריי מיליאָן אידן פון ראַטנפאַרבאַנד דאָ נישט מער ווי 10 פּראָצענט אַרבעטער און 9 פּראָצענט בעאַמטע און אָנגעשטעלטע. איז צווישן די בעאַמטע און אָנגעשטעלטע זיכער דאָ אַ גרויסער טייל רוסיפיצירטע, אוקראַיניזירטע א. ד. גל., אָבער אַפילו די 10 פּראָצענט אידי־שע אַרבעטער זיינען ווייט נישט אַלע פאַרבונדן מיט דער אידי־שער שפּראַך. דאָס איז באַוויזן געוואָרן אין דעם כאַרקאָ־ווער „שטערן". דאָרט זיינען געבראַכט געוואָרן די רעזול־טאַטן פון אַ סטאַטיסטישער אויספאָרשונג וואָס איז אין חודש מאַי, 1926, דורכגעפירט געוואָרן אין אוקראַינע. עס זיינען אויס־געפרעגט געוואָרן אַן ערך אַ מיליאָן אַרבעטער, באַאַמטע, אָנגע־שטעלטע, קאָאָפּעראַטיווע טוער א. ד. גל. צווישן זיי זיינען געווען 127,300 אָדער 12,8 פּראָצענט אידן, — און ווייט נישט אַלע האָבן אָנגעגעבן פאַר זייער אומגאַנגס־שפּראַך אידיש. פון די 73.4 פּראָצענט אידישע נאָדל־אַרבעטער, האָבן נאָר 56,8 פּראָ־צענט זיך דערקלערט פאַר אידיש־ריידנדיגע, פון די 48,6 פּראָצענט לעדער־אַרבעטער — נאָר 35,9 פּראָצענט, פון די 39.4 פּראָ־צענט דרוקער — נאָר 23,5 פון די 27,2 פּראָצענט מעדיצינישע אַרבעטער — נאָר 10,7 פּראָצענט, פון די 22,9 פּראָצענט סאָ־

וועטן־און־האַנדלס־אַנגעשטעלטע — נאָר 11,9 פּראָצענט, א. ז. וו., א. ז. וו.

ס'איז קלאָר, אַז די קאָמוניסטן וואָלטן ווינציג־וואָס גע־קאָנט אויפטאָן מיט זייער „אידישער אַרבעט", ווען זיי זאָלן זיך רעכענען נאָר מיט די אידישע אַרבעטער. אויב זיי קאָנען אין דער לעצטער צייט אָנווייזן אויף געוויסע רעזולטאַטן, איז עס אַ דאַנק דעם, וואָס זיי האָבן זיך געשטעלט „מיט'ן פּנים" צו די ברייטע אידישען מאַסן. די אידישע סאָוועטן, די אידישע גע־ריכטן, די אידישע שולן, די אידישע פּאַרלאַגן, די אידישע קאָ־לאָניעס און אַלע אַנדערע צווייגן פון דעם נייעם אידישן לעבן אין סאָוועט־רוסלאַנד קאָנען האָבן אַ קיום — און אַ צוקונפט — נאָר אַ דאַנק דעם, וואָס עס איז דאָ, אַ חוץ די אידישע אַרבעטער, אַ ברייטע אידישע פאָלקס־מאַסע און אַ אידישע פאָלקס־אינטעלי־גענץ. ווער זיינען די קינדער, וועלכע לערנען זיך אין דער אידישער סאָוועט־שול? פרעגט אַ קאָרעספּאָנדענט פון אַ קליין שטעטל אין דעם מינסקער „אָקטיאַבר" (פון 2טן אַפּריל, 1927) און ער ענטפערט: „קינדער פון אַרבעטער — 11, פּויערים — 4, קוס־טאַרן — 35, קליינהענדלער — 10, אָרעמקייט — 17, פאַר־שיידענע — 3". צווישן 80 שול־קינדער זיינען דאָ נאָר 11 קינדער פון אַרבעטער!... מוזן די, וואָס האָבן טאַקע באמת אין זינען די אינטערעסן פון דער אידישער קולטור־אַנטוויקלונג אין דעם געוועזענעם און קומענדיגן גרויסן אידישן צענטער — פאַרלאַנגען, אַז נישט די פּאָרשטייער פון דעם אידישן שאַפן זאָלן זיך אָריענטירן אויף דעם קאָמוניסטישן קלייזל, נאָר אַז, פאַרקערט, דאָס קלייזל, וואָס שטייט ביים רודער, זאָל, וואָס ווייטער, אַלץ מער זיך אָריענטירן אויפ'ן אידישן שאַפן און אי־דישן לעבן. נאָר דאַן וועט קלענער ווערן די געפאַר פון גלייכ־גילטיגקייט, נאָר דאַן וועט באַקעמפט ווערן די אַסימילאַציע!

ז. נאָך וועגן דער אידישער ליטעראַטור און דעם אידישן לעזער אין סאָוועט־רוסלאַנד.

אָבער ניט נאָר צו גלייכגילטיגקייט און אַסי־מילאַציע זאָל זיין אַ סגולה, לויט דוד בערגעלסאָן . . . די

אָריענטאַציע „אויף מאָסקווע". אויך פון איר איינטאָניגקייט וועט די אידישע ליטעראַטור, גלויבט ער, אויסגעלייזט ווערן, ווען זי וועט זיך, אַזוי ווי ער אַליין, לאָזן פירן אין חדר פון די קאָמוניסטישע באַהעלפערס.

ביז אַהער, דערציילט אונז דוד בערגעלסאָן, האָט „דאָס איינטאָניגע אידישע לעבן בכלל אונטערגעגרובט דער נייער אידי־שער ליטעראַטור אַן איינטאָניגן גרויען מאַטעריאַל, וואָס שליסט אויס די פאַרביגקייט פון קלאַסן, פאַרשמעלערט דעריבער ביז דערוואָרגן צו ווערן דעם אידישן פּראָזע־שרייבער׳ס דיאַפּאַזאָן און באַגרעניצט ביז גאָר זיין אינטואיטיוון אויסוואַל פון טיפּן"... „דאָס זעלבע, גיט ער צו, קאָן מען זאָגן וועגן דעם אידישן דיכ־טער, ווען די איינטאָניגע פאַרגליווערטקייט פון דעם אידישן לעבן האָט פון זיך פאַרטריבן, ווי זי האָט בכלל פון זיך פאַרטריבן דעם אידישן אינטעליגענט". אָבער ווי נאָר די אידישע ליטע־ראַטור וועט, אַזוי ווי דוד בערגעלסאָן, געבן איר הסכמה אויף דעם „חיבור" פון די אידישע קאָמוניסטן, ווי נאָר זי וועט אָנ־הויבן זיי אונטערצובאַמקען, וועלן זיך גלייך עפענען פאַר איר — ניט אמת? — די ברייטסטע האָריזאָנטן... דער אידישער דיכ־טער און דער אידישער אינטעליגענט בכלל וועט מער ניט אָפּ־געשטויסן ווערן פון דעם אידישן לעבן. ער וועט האָבן די פולע מעגלאַכקייט צו בלייבן און — אויספאָלגן די דירעקטיוון פון „עמעס". דער אידישער פּראָזע־שרייבער, וואָס איז ביז אַהער געווען באַגרעניצט אין דעם אויסוואַל פון טיפּן, וועט שוין מער ניט זיין באַגרעניצט. ער וועט קאָנען אויסקלייבן וואָס פאַר אַ טיפּן ער וועט וועלן, ער וועט נאָר דאַרפן זיך מישב זיין מיט מ. ליטוואַקאָוו׳ן. ווער ווייס עס נאָך אַזוי גוט, ווי בערגעל־סאָן. ער האָט עס דאָך אויסגעפּרובירט אויף זיין אייגענער הויט. דער איינציגער חסרון פון זיינע „נייע" טיפּן איז, וואָס ער האָט פאַרגעסן פריער אָנצופרעגן וועגן זיי, וואו מען דאַרף. ווען ער זאָל האָבן שכל און באַצייטנס אויסגעפינען די ריכטיגע אינפאָרמאַציע, וואָלט ער זיכער געהאַט דעם ברייטסטן און פרייסטן אויסוואַל פון מאַטעריאַל. איצט האָט ער געקראָגן אַ חלק פון מ. ליטוואַקאָוו׳ן פאַר זיין הערשל טאָקער. אָבער דאָס

איז זיין אייגענע שול. מיט דער „אָריענטאַציע" האָט דאָס ניט צוטאָן. ער האָט געמיינט, אַז ווײַבאַלד ער האָט גענומען פאַר דעם העלד פון זיין דערציילונג אַ קאָמוניסט, און דערציילט אַלע זיינע שבחים, מעג ער שוין טאָן מיט אים וואָס ער וויל. ער מעג אַפילו, האָט ער גערעכנט, לאָזן אַרויסקוקן פון זיינע אויגן דעם אייביגן אומעט. ער האָט פאַרגעסן, אַז ניט ער איז דער בעל־הבית אויף זיין קאָמוניסטישן העלד, נאָר די פאַרטיי, צו וועל־כער יענער געהערט און פאַר וועלכער ער אַליין מוז האָבן דרך־ארץ, אויב ער וויל מען זאָל אים גלויבן, אַז ער „אָריענטירט זיך" אויף איר. לויט דער פאַרטיי־דיסציפּלין טאָר אַ קאָמו־ניסט, וועלכער „גייט אַריבער דעם גרעניץ צום דריטן מאָל אויף פירן אונטעראַירדישע אַרבעט" ניט האָבן אין די אויגן אָט דעם בורזשואַזן „אומעט", ער מוז אים הייסן אַרויסקריכן פון זיינע קאָמוניסטישע אויגן און מאַכן אין זיי פּלאַץ פאַר „מוט, דרייסט, לעבנספרייד" א. ז. וו.*) בערגעלסאָן האָט עס נישט געוואוסט, איז ער מיאוס אַריינגעפאַלן. וועט ער אויף ווייטער קליגער זיין און זיך מער נישט רוקן מיט זיין „אייביגן אומעט". ער וועט שוין געדענקען, אַז אומעט איז פאַרבאָטן אין ראַטנפאַרבאַנד — און ער וועט האָבן די פולע פרייהייט אויסצוקלייבן פאַר די אויגן פון זיינען העלדן מוט, דרייסט, לעבנס־פרייד, כח, גבורה, עבודה משמחה און אַנדערע דערלויבטע סינאָנימען פון מוט און העל־דישקייט.

אַזוי וועט ער אויך פאַרשטיין מיט דער צייט, אַז ער האָט זיך גענומען אַביסל צופיל פרייהייט, ווען ער האָט דערלאָזן, אַז אין זיין נייעם ראָמאַן „מידת הדין" זאָל זיין „דער אַלטער, פאַר'מרה־שחורה'טער, לאַנגזאַמער" „סטיל און טאָן און טעמפּ און ריטם" פון בערגעלסאָנ'ס אַלטע ווערק. ער וועט עס באַ־נעמען, וועט ער זיך אָפּזאָגן פון זיין „סטיל און טאָן און טעמפּ און ריטם" און — זיין אַ פרייען קינסטלער...

יע, בערגעלסאָן ווייס שוין גוט דעם טעם פון דער פריי־

---

*) זע מ. ליטוואַקאָוו'ס רעצענזיע אויף „אין שפּאַן", „עמעס", פון דעם 20טן יוני, 1926.

קייט און דער ברייטקייט און דער פילטאָניגקייט און דער פיל־פאַרביגקייט, וועלכע עס זאָגט־צו דער אידישער ליטעראַטור די „מאָסקווער" אָריענטאַציע. ער קאָן שוין איצט מיט אַ ריינעם און אַ רואיגן געוויסן זאָגן צו די אידישע שרייבער, אַז אויב זיי ווילן פּטור ווערן פון דער איינטאָניגקייט, זאָלן זיי אריינ־קריכן אין דעם אידיש־קאָמוניסטישן שפּאַן...

זאָלן זיי, אַדרבה, קומען קיין מאָסקווע, און בעטן מחילה אויף זייערע זינד, וועט מען יעדן פון זיי מאַכן אַ קבלת־פּנים און יעדן פון זיי וועט מען אין די פאַרשיידנסטע טענער און מיט דעם פרייסטן אויסוואַל פון ווערטער זאָגן, ווי מען האָט געזאָגט בערגעלסאָנ'ען.*):

„אַז ער דאַרף איצט דערקלערן אָפן, אַז ער גייט מיט דער קאָמוניסטישער ליניע, ניט בלויז מיט דער סאָוועטישער".

אַז „פאַר אים שטייט איצט די דילעמע (ד. ה. אַז ער האָט קיין אַנדער ברירה ניט און מוז) אין זיין שאַפן זיך פאַרבינדן מיט די אַרבעטער־מאַסן און מיט דער קאָמוניסטישער ווירק־לאַכקייט".

„אַז ער זאָל איבערגיין אין אונזערע רייען און זיין אינ־גאַנצן מיט אונז". (מ. ליטוואַקאָוו).

„אַז ווי גרויס אַ שרייבער זאָל ניט זיין, מוז ער זיין אין אונזערע רייען און דאָס דאַרף מען זיך אויסלערנען". (צבי פרידלאַנד).

„אַז איך האָב גערעכנט, אַז ח' בערגעלסאָן (אָדער חבר איקס — ש. נ.) וועט היינט דערקענען זיין פּוסטקייט פון ביז איצט". (דאָס זאָגט אזא מהות, ווי כאַוועד גילדין!)

אַז „ביי אונז איז ניטאָ קיין סכעמעס פון אינדיווידועלע מענשען. מיר גייען צו יעדן שרייבער מיט די זעלבע גענג. וואָס קאָנסטו געבן אַלס געזעלשאַפטלאַכע אנטוויקלונג די מאַסן... ווען איר האָט זיך געשטעלט אויף אונזער זייט, מוזט איר אויפנעמען

*) זע „אַ גרויסער בערגעלסאָן־אָוונט אין מאָסקווע", „פריהייט" פון 8טן אָקטאָבער, 1926.

געוויסע סכעמען. מיר זאָגן עס ערנסט און אָפן. דאָס פּאָ־דערן מיר". (דאָס זאָגט איינער אַ חבר פּאַלאַטניק).

אַז „ער מוז . . . אנערקענען, אַז ער איז געבליבן הינטער־שטעליג, אָפּגעשטאַנען"... (דאָס זאָגט שוין ווידער מ. ליטוואַ־קאָוו.)

און נאָכדעם ווי יעדער אידישער שרייבער, וואָס וועט קו־מען זיך לייגן אויפ'ן בענקל, וועט קריגן אויף אַזאַ אופן די פּריוויהייט פון דער שטאָדט מאָסקווע, ד. ה. די פריויתיט צו דער־פילן אַלע איידעלע וואונשן פון דעם חבר גילדין, אָט דעם „אַלטן" קאָמוניסט און נאָך עלטערן גראַפאָמאַן, וועט ער, מיטביידע הענט צוגעבונדן ווערן צו דער קונע און מיט אַ פּאַרשפּייטן איינגע־בויגענעם רוקן — „מעלדן", אַזוי ווי בערגעלסאָן האָט, נעבאָך, געמאָלדן, „אַז די אָנווייזונגען, וואָס זיינען מיר אָנגעוויזן גע־וואָרן אויף דעם אָוונט, פון אָנהויב ביז'ן סוף, נעם איך אָן מיט ליבע און אכטונג" — און עס וועט נעמען אַ סוף, אויב ניט צו דער אינקוויזיטאָרישער פּייניגונג און העסלאַכסטער דערנידערונג פון אידישן שרייבער, איז... צו דער באַגרעניצטקייט פון דער אידישער ליטעראַטור!

ניט אמת?

ווען אַ אידישער שרייבער האָט געמעגט זיין, וואָס ער איז, ווען ער האָט געמעגט האָבן אַ סטיל, אַ ריטם און אַ טעמ־פּוס, וואָס פּאַסט פאַר אים; ווען ער האָט געמעגט זיין אַ שריי־בער פון די מאַסן אָדער אַ שרייבער פון יחיד, נאָך זיין כאַראַק־טער און זיינע פעאיגקייטן נאָך; ווען ער האָט געמעגט אויס־קלייבן פאַר זיינע דערציילונגען און ראָמאַנען וואָס פאַר אַ פּאַר־שוינען ער האָט געוואָלט און זען אין די אויגן פון זיין העלד, אויך ווען ער איז אַ קאָמוניסט, אָדער מוט און דרייסטקייט, אָדער אייביגן אומעט; ווען ער איז ניט מחויב געווען צו גיין דוקא מיט דער קאָמוניסטישער ליניע, ער האָט געמעגט זיך באַ־נוגענען מיט דער סאָוועטישער און געמעגט האָבן אפילו זיין אייגענע ליניע; ווען קיין קלאַס, קיין גרופּע, קיין פּאַרטיי און קיין יחיד איז ניט געווען קיין יחסן, וואָס דער שרייבער מוז זיך מיט אים צאַצקען, און ניט קיין מצורע, וואָס מוז זיין מחוץ

למחנת; ווען די ליטוואקאָווס האָבן ניט געהאַט אַזוי פיל תקיפות און די גילדינס — אַזוי פיל חוצפּה, — איז אין דער אידישער ליטעראַטור געווען אַ גרויקייט, אַ באַגרעניצטקייט, אַן איינטאָניגקייט, און עס האָט געפעלט אין איר „די פאַרביגקייט פון קלאַסן". ווי נאָר אָבער אונזערע בערגעלסאָנס וועלן זיך שלאָגן על חטא אין הארצן, וועלן אָפּשטיין זייער צייט אין קור־נע, און צום סוף „מיט ליבע און אכטונג", נעמענדיק באַך, אָננעמען די אַלע „אָנווייזונגען" פון די ליטוואַקאָווס און די גילדינס, צוזאָגן צו זיין גוט און פרום, צוזאָגן זיי צו זיין קאָמוניסטיש, ניט נאָר סאָוועטיש, צוזאָגן צו שרייבן „פאַר די מאַסן", ד. ה. פאַר די, וואָס קאָמאַנדעווען מיט די מאַסן, און ניט צולאָזן צו זיי קיין „אומעט", געבן אַ וואָרט ניט אָנ־צורירן אַזאַ מאַטעריאַל, וואָס איז „טויט" פאַר'ן קלייזל און ניט שרייבן אין אַזאַ סטיל, וואָס דערמאָנט די פירערס פון קלייזל זייער אייגענע פאַרגאַנגנהייט, — ווי נאָר זיי וועלן האָבן אָפּ־געזאָגט זייער „ראַד סטאַראַטסיאַ, וואַשע וויסאָקאָבלאַהאָראָדיע!" און האָבן אַריין אין שפּאַן, אַזוי וועט זיך גלייך ווייזן אַ פילטאָניגקייט און אַ ברייטקייט און אַ „פאַרביגקייט פון קלאָסן" אין דער אידישער ליטעראַטור!

„שוין אויס טריאַדע: בית מדרש, קראָם, קיך, פון וואַנען די שפּראַך האָט געשעפּט איר דערפאַרונג. דאָס אידישע וואָרט קומט פון ראָט, פון דער שול פון אַלע מדרגה'ס, פון דעם פּיאָנערן־אָטריאַד, פון דעם קאָמיוגישן קרייז, פון געריכט, פון טעאַטער, פון קלוב, פון מיליציע, פון פאַבריק־קעמערל, פון דעם פּראָפּ פאַראיין א. אַז. וו., א. ד. ג." — דעקלאַמירט מ. ליטוואַקאָוו; בערגעלסאָן זאָגט אים אין וואָרט נאָך, און ביידע מאַכן דעם אָנשטעל, אַז אונטערן שוץ פון די אידישע קאָמוניסטן איז באמת דאָ אַ גרעסערע רחבות פאַר דעם אידישן שרייבער, ווי אין די „בורזשואַזע לענדער". ביידע מאַכן זיי אָט דעם אָנשטעל, כאָטש זיי ווייסן, אַז מען קאָן אויך די קליינבירגערלאַכע „טריאַדע" אויסציען און מאַכן זי פונקט אַזוי לאַנג, אויב נישט נאָך לענגער, ווי דעם צעטל, וואָס נעמט אין זיך אַריין דעם „ראָט", דעם „קאָמיוגישן קרייז" א. אַז. וו. מען קאָן, אַנשטאָט

„בית־מדרש, קראָם קיך“, זאָגן: „בית־מדרש, שול, קלויז, ישיבה, מנין, חדר, תלמוד תורה, חדר מתוקן, פאָלקס שול, קראָם, גע־וועלב, קלייט א. אז. וו.“

און — אָן שפּאַס — פאַר יעדן בר־דעת איז קלאָר, אז אין אַ ליטעראַטור, וואָס שליסט קיין קלאַס ניט אויס (און אודאי נישט דעם ארבעט־קלאַס!), פאַר אַ ליטעראַטור, וואָס לייגט נישט אריין אין חרם קיין שום שטימונגען און קיין שום מאָטיוון און קיין שום אידעען און קיין שום סטיל און קיין שום אייגנאַר־טיגקייט — איז דאָ מער פּלאַץ פאַר פאַרשיידנאַרטיגע טענער און פאַרבן, ווי אין אַ ליטעראַטור, וואָס מוז זיך אָננעמען צו „גיין דוקא מיט דער ליניע“ פון אַ קלייזל!

דוד בערגעלסאָן האָט אין זיין „ענטפער“ געלייקנט, אז עס רעדט זיך וועגן מאַכן די ליטעראַטור פאַר אַ דינסט פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. מ. ליטוואַקאָוו לייקנט עס ניט. פאַר־קערט, ער קלייבט נחת דערפון, וואָס „פּיניבערג, למשל, שרייבט קאָנקרעטע לידער וועגן דעם טאָג פון דער קאָנסטיטוציע פון פּסס״ר, כאַשטשעוואַצקי פאַרנעמט זיך מיט לידער וועגן דער פּאָ־ליגראַפישער פּראָדוקציע, האַלקין באַזינגט פּיאָנערן און אַרב־פאַקאָוועס... און די ליטעראַטור מאַכט טאַקע דורך אויף איר שטייגער אַלע פּאַזיסן און עטאַפּן, וואָס די פּאַרטיי און די ראַטנ־מאַכט האָט דורכגעמאַכט אין דער אידישער סביבה. אין די יאָרן פון מיליטערישן קאָמוניזם — יאָרן פון אגיטאַציע און פּראָ־פּאַגאַנדע — האָט די ליטעראַטור אויסגעדריקט אָקטאָבער־פּאַטאָס, אין די ערשטע קריזיס־יאָרן פון „נעפּ“ איז זי געווען פאַרנומען מיט מרה־שחורה׳דיגן ישוב הדעת. ווען דאָס שטעדטל איז אַנט־דעקט געוואָרן אין אַלע זיינע שווארצע פאַרבן, האָט די ליטע־ראַטור געהאַלטן אין איין ברענגען צו קבורה דאָס שטעטל. ווען די פּאַרטיי און די מאַכט האָבן זיך געווענדט „מיט׳ן פּנים צום שטעדטל“, האָט אונזער ליטעראַטור גלייך דערזען „בליענדיגע מיסטן“ א. אז. וו. („אין אומרו“, ז. 16). דאָס איז, פאַרשטייט זיך, נישט מער ווי אַ קאַזיאָנער באַריכט פון דער נייער אידי־שער ליטעראַטור אין ראַטנפאַרבאַנד. זי איז אין דער אמת׳ן גאָרניט אַזוי טריי־אונטערטעניג צו דער פּאַרטיי און דער מאַכט,

ווי ליטוואַקאָוו וויל אונז איינריידן. די מער טאַלאַנטפולע פאַרשטייער אירע זיינען אַ סך אינטערעסאַנטער, אייגנאַרטיגער און אינדיווידועלער, ווי עס מאַלט זיי דער געשוואָרענער קריטיקער פון דער „אידישער סעקציע". אָבער וויכטיג איז פאַר אונז אין דעם פאַל ניט דאָס, וואָס די ליטעראַטור איז (ניט געקוקט אויף דער „אָריענטאַציע"), נאָר דאָס וואָס די „אָריענטאַציע אויף מאָסקווע" וויל פון איר מאַכן — און מאַכט צום טייל.

און זאָל בערגעלסאָן און זיינע נייע חברים נישט נעמען זיך קיין מאָנאָפּאָל אויף דער „אַלמענשלאַכער אידעע". פון וואַנען נעמט זיך עס צו זיי די בריטקייט, די העזה, צו דערקלערן, אַז די, וואָס שרעקן זיך ניט פאַר זייער בייטש און שפּאַנען זיך ניט איין אין זייער וועגעלע, זאָגן זיך אָפּ „פון יענעם פּראָדוקטיוון אידישן אַוואַנגאַרד, וועלכער איז דורך זיין גרויסער אינטערנאַציאָנאַלער אידעע באַהעפט מיט דער גאַנצער וועלט"? ווער זאָגט עס, אַז אַ אידישער שרייבער קאָן אַנדערש ניט באַהעפטן זיך מיט דעם פּראָדוקטיוון אידישן אַוואַנגאַרד, מיט דער גרויסער אינטערנאַציאָנאַלער אידעע און מיט דער גאַנצער וועלט, סיידן ער זאָל אָננעמען „מיט ליבע און אכטונג" די פּראַזעאָלאָגישע „אָנווייזונגען" פון עטלאַכע זעלבסטצופרידענע פּאַרטיי אַגענטן? פון ווען אָן זיינען עס פּאַרטיי-פּראַזן וועגן „רייען", „ליניע", „מאַסן" א. ד. גל. געוואָרן דער סימבאָל פון וועלט און מענשהייט?

וואָסערע גרויסע ווערק, וואָסערע גרויסע שרייבער האָט געגעבן דער וועלט-ליטעראַטור דאָס „אָריענטירן" זיך אויף דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אפילו אין רוסלאַנד? וועט דעמיאַן ביעדני אַריינפירן די רוסישע רעוואָלוציע אין דער ליטעראַטור פון דער וועלט אָדער — בלאָק'ס „דוויענאַדצאַט"? איז גאָרקי געוועזן נענטער צו דער מענשהייט, ווען עס האָבן געווירקט אויף אים די פּאַרטיי-אידעאָלאָגן? ער האָט געשאַפן דאַן זיינע שוואַכסטע ווערק. ער איז אַ גרויסער שרייבער, אַ וועלט-שרייבער, ווען ער האָט ניט קיין „קאָמוניסטישע" און קיין „פּראָלעטאַרישע", נאָר אַ . . . קינסטלערישע אידעאָלאָגיע.

„אָדער אפשר געפינט איר... — שרייבט דוד בערגעלסאָן אין

זיין „ענטפער" אויף מיין „אָפענעם בריוו" צו אים — אפשר געפינט איר . . . אז אַ ליטעראַטור, וואָס ווענט באַלויכטן דאָס אויסגעלאָשענע לעבן פון׳ם ספּעציפיש־אידישן עקאָנאָמישן און גייסטיג פאַרניכטעטן מיטלשטאַנד, — אַ פאַרמיטלערישער מיטלשטאַנד, וואָס בויט גאָר גיט און איז ניט אויסן צו בויען — אז אַזאַ ליטעראַטור וועט האָבן וואָס צו זאָגן אונזערע קומענדע דורות, און וועט אריין אין פאַנטעאָן פון דער וועלט־ליטעראַ־טור?" בערגעלסאָן מיינט שוין טאַקע אין דער אמת׳ן, אז דעם פּראָלעטאַריאַט און דעם גאַנצן „פּראָדוקטיוון אוואַנגאַרד" האָט ער ביי זיך אין קעשענע, און פּאָר אַנדערע אידישע שרייבער בלייבט נאָר דער „מיטלשטאַנד". ער פאַרגעסט, אז לויט דער מיינונג פון די „עכטע" קאָמוניסטן, איז זיין קעשענע פול מיט לעבער און מיט „אומעט", און דער „פריילאַכער" פּראָלעטאַריאַט קאָן זיך אין איר ניט איינהאַלטן. אָבער לאָמיר זאָגן, אז מיט דער הילף פון כּאַווער גילדין׳ס און כּאַווער ליטוואַקאָוו׳ס „אָנוויי־זונגען" וועט ער זיך ענדלאַך אויסלערנען צו „באַלייכטן" דעם מוט, דעם דרייסט, די גבורה א. אז. וו. פון די אידישע קאָמוניסטן, און אַנדערע אידישע שרייבער וועלן זיך אָפּגעבן דערהויפּט מיט׳ן אידישן מיטלשטאַנד. וועט דאָס טאַקע הייסן, אז זייערע ווערק וועלן ניט קאָנען האָבן קיין גרעסערע און קיין מער אַלגעמיין מענשלאַכע באַדייטונג, ווי עס האָט דער „פאַרמיטלערישער מיטלשטאַנד"? זיינען טאַקע ביי אונז די באַגריפן פון ליטעראַ־טור שוין אַזוי צומישט און פאַרווילדעוועט געוואָרן, אז ס׳איז רעכט ביי אונז דורכצופירן אַ גלייכהייטס־צייכן צווישן דעם מאַטעריאַל פון אַ קינסטלערישן ווערק און דעם ווערק אַליין? איז דער ווערט פון מיקעל אַנדזשעלאָ׳ס אַ סקולפּטור טאַקע דער ווערט פון דעם ביסל ליים אָדער דעם שטיקל מירמלשטיין, וואָס איז באַנוצט געוואָרן דערצו? האָט דער מאָדעל פון „דזשיאָ־קאָנדאַ" געמוזט פאַרמאָגן טאַקע יענע רייכע מענשלאַכקייט און יענע אוניווערסאַלע אידעע פון פרויענהאַפטיגקייט, וועלכע עס האָט אונז געגעבן אין זיין בילד דאַ ווינטשי? אָדער אַן אַנדער ביישפּיל — פון דער ליטעראַטור: אין „אַננאַ קאַרענינאַ" איז „באַלויכטן" דאָס לעבן פון דער רוסישער אַריסטאָקראַטיע. זי

איז געווען אן עקאָנאָמיש פּאַראַזיטישער קלאַס, ווען זי האָט גע־הערשט אין רוסלאַנד און איצט איז פון איהר שוין קיין זכר ניטאָ. דערפאַר איז „אננא קארענינא" ניט אריין אין דעם „פאַנטעאָן פון דער וועלט־ליטעראַטור"? און אז — כדי צו־צוגיין נאָך נעענטער צו דער פראַגע — אז מנחם מענדל מיעהופּעץ איז אין לעבן געווען א פשוט׳ער טויגעניכטס, וואָס „בויט גאָרניט און איז ניט אויסן צו בויען", איז דערפאַר שלום עליכם׳ס מנחם מענדל ניט קיין וואונדערלאַך־מענשלאַכע געשטאַלט? האָבן די „פיר טיפּן" שלום עליכם׳ס, וואָס בערגעלסאָן האָט דערמאָנט אין זיין ארטיקל „דריי צענטרען" — „דער מעקלער", „דער האָרעפּאַשניק", דער „אידישער יתום" און „די האָרעפּאַשנע אי־דישע פּרוי" — האָבן די דאָזיגע פיר טיפּן שלום עליכם׳ס ניט קיין רייכערן אינהאַלט, ווי דער, וואָס עס האָבן זייערע כלומר׳שטדיגע מאָדעלן? איז מנחם מענדל ניט מער ווי א „מעקלער"? זאָגט מען עפּעס וועגן טביה׳ן, ווען מען כאַראַקטעריזירט אים, ווי א אידישן האָרעפּאַשניק? איז דאָס דער גאַנצער טביה? עס איז דאָך, פּשוט, א פּאַרקריפּלונג פון די עלעמענטאַרסטע קינסטלע־רישע באַגריפן, ווען מען וויל אונז איינריידן, אז — צי די אי־דישע ליטעראַטור וועט האָבן אָדער ניט האָבן „וואָס צו זאָגן אונזערע קומענדיגע דורות" ווענדט זיך אָן דעם, וואָס פאַר א סאָרט סביבה זי וועט באַנוצן פאַר איר מאַטעריאַל.

עס איז א פּאַרקריפּלונג און עס מוז פאַרקריפּלט ווערן דער באַגריף פון ליטעראַטור, ווען טאַלאַנטפולע שרייבער ווערן אזוי דיזאָריענטירט, אז פון גרויס צוטומלעניש הויבן זיי אָן צו ריידן אויפ׳ן לשון פון די גילדין־כאַוויירים און דערקלערן, ווי דאָס האָט געטאָן דוד בערגעלסאָן, אז „נאָר דורך דעם דריטן אינטערנאַציאָנאַל קאָן מען ארויס צו דער מאַסע", און אז מען קאָן ניט זיין קיין קינסטלער, ווען מען איז אָפּגעריסן פון דער פּאָליטישער ליניע. א. אז. וו. (זע „די פרייהייט" פון 8טן אָק־טאָבער, 1926).

און עס איז נאָך ערגער ווי א פאַרקריפּלונג — עס איז פּשוט׳ער אונזין צו דערקלערן, אז „די תקופה, וואָס איז ליק־ווידירט עקאָנאָמיש און סאָציאַל, איז אויך ליקווידירט, ווי בוי־

מאַטעריאַל פאַר אונזער הייִנטיגער קונסט". פונדעסטוועגן האָט די רעדאַקציע פון „אין שפּאַן" געמאַכט אַזאַ פייערלאַכע דער־קלערונג.

אַזוי צעטומעלט זייִנען געוואָרן בערגעלסאָן'ס געדאַנקען אויפ'ן וועג פון „געטאָ" צום „פּאַנטעאָן פון דער וועלט־ליטעראַ־טור"!

ווען ער און זייִנע חברים וועלן זיך אומקערן — און זיי וועלן זיך איה"ש אומקערן צוריק, — וועלן זיי זען, אַז אין דעם ענגען „געטאָ" איז נאָך אַלץ דאָ מער פרייהייט און מער פאַר־ביגקייט און מער מעגלאַכקייט צו שאַפן, ווי אין דער גרויסער און אַלוועלטלאַכער „אידסעקציע". זיי וועלן פאַרשטיין, אַז די „באַ־פרייאונג פון געטאָ", וואָס זיי האָבן אונז געוואָלט געבן, וואָלט אין דער אמת'ן געווען אַ געטאָ אין אַ געטאָ, און די ענגע לופט וואָלט נאָך ענגער געוואָרן! זיי וועלן פאַרשטיין, אַז ס'איז די גרעסטע געפאַר פאַר אַ ליטעראַטור צו וועלן זיך צופּאַסן צו אַ פּאַרטיי־אידעאָלאָגיע און אַ ספּעציפישן פּאַרטיי־לעזער. זיי וועלן באַנעמען, אַז די אידישע ליטעראַטור וועט זיך פאַרהיטן פון אָט דער געפאַר נאָר דאַן, ווען זי וועט זיך אָריענטירן ניט אויף עפּעס דרויסנדיגס און פאַראיבערגייענדיגס, נאָר אויף יענע גרויסע און פאַרשיידנאַרטיגע קונסטצילן, וועלכע זי שטעלט זיך אַליין.

ח. די קונסט־טעאָריע — און די קונסט פון דוד בערגעלסאָן.

דוד בערגעלסאָן האָט זיך אומגעקערט צוריק צו זייִן קינסט־לערישער פאַרגאַנגנהייט. ער האָט זיך אומגעקערט פּאַקטיש, אויב נאָך ניט טעאָרעטיש. זייִן פּאַקטיש שאַפן איז שוין איצט דער בעסטער באַווייז — קעגן זייִן טעאָריע. עס איז אָבער בעסער ריכטיגע קונסט מיט אַ פאַלשער טעאָריע איידער פאַרקערט.

ווען בערגעלסאָן האָט גענומען אַרויסגעבן זייִן זשורנאַל „אין שפּאַן", האָט מען געקאָנט מורא האָבן, אַז אויך דער קינסטלער אין אים וועט פאַרפירט ווערן.

דער צוועק פון דעם זשורנאַל איז געווען א י י נ צ ו ש פּ אַ־נ ע ן די אידישע שרייבער אין דעם סאָוועטישן וואָגן. דער

ערשטער איז אין שפּאַן אַוועק בערגעלסאָן אַליין. ער האָט, שיר ניט ווי אַן אמת'ער קאָמוניסט, גענומען פאָדערן פון דער אידישער ליטעראַטור, אַז זי זאָל זיך „אָריענטירן אויף מאָסקווע". ער האָט געפּסק'נט, אַז „די אָפּגעגאַנגענע עפּאָכע", ד. ה., אַלץ, וואָס שטאַמט פון פאַר אָקטאָבער, 1917. קאָן ניט זיין קיין מאַטעריאַל פאַר'ן מאָדערנעם קינסטלער. ער האָט געשריבן כמעט דאָס אייגענע, וואָס מ. ליטוואַקאָוו, נאָר מיט בעסערער עברי. האָט עס די אמת'ע פריינט פון בערגעלסאָנ'ס אמת'ן טאַלאַנט פאַרדראָסן. זיי וואָלטן שוין פאַרגונען די ליטוואַקאָווס דעם נייעם זשורנאַליסטישן מיטהעלפער. דאָס איז ניט געווען אַזאַ גרויסער געווינס: בערגעלסאָן איז א צו־אָריגינעלער שרייבער צו קאָנען זיין אַ גוטער נאָכזאָגער. אָבער עס איז געווען אַ געפאַר, אַז זיין קונסט וועט פאַלן אַ קרבן פון זיינע „גייע" קונסט־טעאָריעס. מ'האָט געקאָנט מורא האָבן, אַז ער וועט זיך וועלן אָריענטירן אויף די פּאַרטיי־פירערס אין זיינע ראָמאַנען און דערציילונגען, נישט נאָר אין זיינע אַרטיקלען. צום גליק פון דער אידישער ליטעראַטור און צו זיין אייגענעם גליק, האָט ער זיך באַנוגנט מיט די אַרטיקלען.

ער האָט געגעבן דער אידסעקציע עטלאַכע פּראָ־סאָוועטישע מאַמרים — און דערמיט אַזוווי אויסגעקויפט זיין קונסט.

אין דער זאַמלונג דערציילונגען, וואָס ער האָט געשריבן אין די לעצטע יאָרן, אין דער זאַמלונג „שטורעם־טעג" (פאַרלאַג „קולטור ליגע", קיעוו, 1927), באַגעגענען מיר מיט טיפער פרייד דעם אַלטן, עכטן בערגעלסאָנ'ען.

עס האָט זיך געענדערט די טעמע, דער מאַטעריאַל פון זיין שרייבן, ניט זיין שרייבן אַליין.

עס זיינען דאָ שטעלן, וואו עס פילן זיך זיינע סאָוועטישפּאָליטישע סימפּאַטיעס. אָבער זיי ענדערן נישט דעם כאַראַקטער, דעם סטיל, דעם טעמפּ פון זיין שאַפן. זיי האָבן נישט פאַרלאַנגט פון אים קיין שום נייע קינסטלערישע אָריענטאַציע. דאָס ווייזט, אַז דער קינסטלערישער מעטאָד און די פּאָליטישע פּראָגראַם פון דעם שריפטשטעלער זיינען צוויי כמעט גאָר באַזונדערע זאַכן. אַ פּאָליטיק גייט אַוועק און אַ פּאָליטיק

קומט — און דער קינסטלער בלייבט, וואָס ער איז געווען. ער ענדערט זיך אין פּרטים, אָבער ניט אין עיקר.

דער ע י ק ר וואָלט געווען גאָר אַן אַנדערער אין בערגעל־סאָנ׳ס קונסט, ווען מיר זאָלן דערפילן, אַז איר ציל און איר הויפּט־סטימול איז פון איצט אָן שוין די ט א ט, ניט זי אליין. אָבער מיר פילן עס ניט. א י ן אָ נ ה ו י ב איז געווען און איז אויך איצט ביי בערגעלסאָנ׳ען ד אָ ס ו ו אָ ר ט, ניט די סאָציאַלע טאַט.

אויפבויען אַ זאַך איז אים נאָך אַלץ אַ נעבנטערע אויפגאַבע, ווי „בויען די נייע וועלט". זיין מייסטערשאַפט ווייזט ער נאָך אַלץ ארויס אין מ אָ ל ן דעם פּנים פון אַ מענטשן — און פון אַ גאַנצן קלאַס מענטשן — ניט אין ווען אים באַשיינען אָדער פאַרשווארצן. זיין הויפּט־טעמע איז נאָך אַלץ: דאָס לעבן ווי עס איז, ניט ווי עס זאָל זיין. די אַלטע, ניט די נייע וועלט ווערט פון אים אָריגינעל און מייסטערהאַפט געשילדערט. די אַלטע וועלט אַזוי ווי זי איז פאַרמירט געוואָרן אין דער עפּאָכע, וועלכע „א י ז ל י ק ו ו י ד י ר ט ס אָ צ י א ל א ו ן ע ק אָ נ אָ מ י ש".

יאָ, אָט די „אָפּגעגאַנגענע עפּאָכע", וועלכע איז אויסגעשלאָסן פון בערגעלסאָנ׳ס קונסט־טעאָריע, איז איינגעשלאָסן אין זיין קונסט.

וואָס טיפערע וואָרצלען אַ זאַך האָט אין דער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט, אַלץ מער און אַלץ לעבעדיגערע פאַרבן האָט פאַר איר בערגעלסאָן. פאַרקערט, וואָס נייער און וואָס היינטיגער אַ זאַך איז, אַלץ בלאַסער קומט זי ביי אים אַרויס. ער ווייס עס — און ער מיידט אויס דאָס רוב צו געבן אונז די קינסטלערישע פּרטים פון די נייע מענטשן און די נייע פאַרהעלטענישן. ער באַנוגנט זיך, ווען ער קומט צו זיי, מיט סתמ׳יגקייטן אָדער ער רעדט שטום־לשון.

אָט נעמט די לעצטע דערציילונג אין בוך—„הערשל טאָקער". הערשל טאָקער איז אַ ה ע ל ד פ ו ן ד ע ר נ י י ע ר צ י י ט אין רוסלאַנד. שוין דעם דריטן מאָל, אַז ער שוואַרצט די גרעניץ מיט סכנות נפשות צו טאָן אין אויסלאַנד אונטער־

ערדישע קאָמוניסטישע ארבעט. ביים דריטן מאָל אריבערגיין די גרעניץ, פאַלט ער אריין אין די הענט פון דער פוילישער גרעניץ־וואך. מען פאַרשפּאַרט אים אין אַ באַראַק פון טיפוס־קראַנקע. ער שטאַרבט דאָרט, אָבער ער שטאַרבט ניט אין עלנט. אפילו אין אָט דעם נעסט פון טויט, איז דאָ איינער, וואָס פאַרבינדט הערשל טאָקער מיט דער אָרטיגער באַהאַלטענער גרופּע רעוואָלוציאָנערן, און ווען טאָקער שטאַרבט, געפינט מען ביי אים צוקאָפּנס אַ רויטע פאָן. דאָס זאָל הייסן: אַ רעוואָלוציאָנער איז אומגעקומען — זאָל לעבן די רעוואָלוציע! דאָס איז אַלץ זייער שיין. אָבער ווער און וואָס איז הערשל טאָקער? וואָס ווייזט אונז אין אים בערגעלסאָן, ווי אַ קינסטלער, ניט ווי אַ חבר? ער ווייזט אונז זיינע „גרויסע, טונקעלע אויגן", און ער וויל מיר זאָלן אים גלויבן, אַז זיי זיינען „פול מיט ווייטקייטן, מיט ניט קיין היגער פאַרטראַכטקייט און זיינען דאָך פון עפּעס גליקליך צופרידן"*) (ז 276). איז דאָס בערגעלסאָנ'ס מעטאָד צו כאַראַקטעריזירן מענטשן? אָ, ניין. אין דערזעלביגער דערציילונג איז דאָ אַ פוילישער אָפיצער, איז זיין אויסזען און זיין כאַראַקטער געמאָלן ניט אין ערך אויספירלאַכער, קלערער, שאַרפער. דער אָפיצער איז אַ סאַטיריש־גראָטעסקע, שיר־ניט טענדענציעזע געשטאַלט, אָבער ער איז לעבעדיגער — און מיר געדענקען אים בעסער — ווי דעם שאַטנהאַפטיגן רעוואָלוציאָנער מיט זיינע אַבסטראַקטע „ווייטקייטן". פאַרוואָס איז עס אַזוי? ווייל דער אָפיצער איז איינגעוואַקסן אין דעם אַ ל ט ן לעבן, הינטער אים שטייט אַ גאַנצע וועלט, אַ גאַנצע קולטור, די וועלט און די קולטור פון דער פוילישער שליאַכטע — איז ער גוטער „מאַטעריאַל" פאַר קאָנקרעטער קינסטלערישער שילדערונג. אָבער הערשל טאָקער, ווי ווייט ער איז אַ רעוואָלוציאָנער, ווי ווייט ער איז אַ

---

*) ווען „הערשל טאָקער" איז צום ערשטן מאָל געדרוקט געוואָרן אין אַ ציימונג, האָט מ. ליטוואַקאָוו אויפגעוואָרפן בערגעלסאָנ'ען, פאַרוואָס ער האָט אין די אויגן פון אַ קאָמוניסט געלאָזט לייכטן אַן „אומעט". אָבער איצט, אין בוך, זיינען שוין הערשל'ס אויגן פריי פון דעם „אומעט"... זאָל עס בערגעלסאָן האָבן געטאָן „צוליב" דעם פּאַרטיי־קריטיקער?

מענטש פון דער נייער עפּאָכע, איז ער נאָך ניט איינגעוואָרצלט אין קיין שום סביבה, ער איז אַ שטיק עטישער פּאַטאָס, אַ שטיק פּייער אין דער לופטן, אַ שטיק „ניט היגע פאַרטראַכטקייט"... הערשל טאָקער איז נאָענט בערגעלסאָנ'ען פּאָליטיש, עטיש; ק י נ ס ט ל ע ר י ש לעבט פאַר אים — און ממילא אויך פאַר אונז, לעזער — דער פּוילישער אָפּיצער, הערשל'ס שונא, די פאַרקערפּערונג פון דער עפּאָכע, וועלכע איז אין סאָוועט רוסלאַנד „ליקווידירט סאָציאַל און עקאָנאָמיש"...

און „הערשל טאָקער" איז ניט קיין אויסנאַם. אויך אין אַלע איבעריגע דערציילונגען איז אַלץ, וואָס שטאַמט פון דער „אָפּגעגאַנגענער עפּאָכע", לעבעדיג און פריש געשילדערט, בעת אַלע נייע פאַרשוינען זיינען בלויז אָנגעוואָונקען. לייענט „בייוועס" („חובות") — אַ דערציילונג, וואָס איר ציל איז אַזוי ווי צו פאַר'מיאוס'ען אין אונזערע אויגן דעם „דעקלאַסירטן" אידישן מיטלשטאַנד און צו צייגן אונז די געזונטקייט פון די, וואָס ווערן ערד־אַרבעטער. עס ווערט אונז געוויזן אַ באַלעבאַטישע אידישע פאַמיליע, און „די פאַמיליע איז ווי אויף אייביג צע־שפּאָלטן אויף צוויי צדדים. איין צד: הערש, זיין ווייב און דאָס לאַנגע מיידל. דער צווייטער: עליק מיט מאָטי'ן" (ז. 255). דער ערשטער צד בענקט נאָך דעם טאָפּ פלייש פון דעם בורזשואזן מצרים, און ער פאַרברענגט די צייט אין ליידיג־גייעריי, אין קרעכצעניש און קלאָגעניש; דער צווייטער צד אַקערט און זייט. זיינען אונז יענע, די אַלטע, נישט געפעלן, און די נייע — אויף זיי לייגן מיר אונזערע אַלע האָפענונגען. דאָס איז, ווען מיר באַטראַכטן די דערציילונג פון אַ געזעלשאַפט־לאַך־פּובליציסטישן שטאַנדפּונקט. אָבער „חובות" איז אַ סך מער ווי אַ סאָציאַל־פּאָליטישע סאַטירע. דאָס איז אַ קונסטווערק. און אַ קונסטווערק איז עס אַ דאַנק די ליידיג־גייערס, אַ דאַנק די פאַרשטייערס פון דער „ליקווידירטער" עפּאָכע, ניט אַ דאַנק די ערד־אַרבעטער, די אָנזאָגער פון דער צוקונפט. די ליידיג־גייערס און די „פּאַראַזיטן" לעבן מיט יעדן טראָפּן בלוט זייערן, מיט יעדן ריר, וואָס זיי רירן זיך, מיט יעדן וואָרט, וואָס זיי זאָגן אַרויס, מיט יעדן חנ'דל און יעדן תנועה'לע. די יונגע האָרע־

פּאַשנע קאָלאָניסטן — פון זיי פּרואווט זיך גאָר אַפילו דער קינסטלער ניט צו געבן אונז אמת'ע פּאָרטרעטן, זיי זיינען שטומע נשמות.

אין דעם גאַנצן בוך זיינען די נייע מענטשן אָרים אין בלוט און אין פאַרב. מיר זעען זיי נאָר אויף אַזויפיל, אויף וויפיל זיי האָבן נאָך אַליין אין זיך עפּעס פון דער „אָפּגעגאַנגענער עפּאָכע". לייענט „צוועלף פונקטן". דאָס איז, אַזוי ווי „אַלטווארג" אָדער „צווישן עמיגראַנטן", כמעט דורכאויס פונ'ם אַלטן פאַר־רעוואָלוציאָנערן לעבן, צום סוף אָבער ווייזט זיך אַ נ י י ע ר — מאַטעס, דער לערער פון דער אידישער שול. ער איז בייז און אויפגעבראַכט, וואָס די אידן פון שטעדטל געפינען נישט קיין אַנדער וועג צו שיצן זיך קעגן פּאָגראָמען, ווי צו שיקן צום קאָמענדאַנט דעם אַפּטייקער'ס שיינע פרוי מאַניטשקע מיט אַ צוגאָב פון זיבעציג טויזנט מזומן. ער קלאַפּט אין טיש: „צו אַלדי שוואַרצע יאָר מיט'ן קאָמענדאַנט, מיט די זיבעציג טויזנט און מיט „מאַניטשקע'ן"... צו אַלדי שוואַרצע יאָר!" מיר הערן אים בייזערן זיך, ז ע ע ן זעען מיר אים ניט. בערגעלסאָן פּרואווט גאָר אפילו ניט ווייזן אים אונז. אָבער מ אַ נ י ט ש ק ע, אָבער א ל י ק ו ם ב ר אָ נ ש ט י י ן — וויפיל לעבן איז דאָ אין יעדן פון די צוויי טיפּישע פאָרשטייערס פון דער עפּאָכע, וועלכע קאָן שוין כלומר'שט ניט זיין קיין מאַטעריאַל פאַר אקטועלער קונסט. מ אַ נ י ט ש ק ע — „איר בילד אַרויסגעשטעלט ביי אַלע פיר אָרטיגע פאָטאָגראַפן אין די וויטרינעס" (ז. 134). דערמיט אַליין איז שוין פיל געזאָגט וועגן איר. אָבער בערגעלסאָן באַנוגנט זיך נישט דערמיט. ער מאָלט זי מיט יענער געשמאַקייט און מיט יענער קונסט, מיט וועלכער ער איז שוין פון לאַנג געוואוינט צו שילדערן די פּראָווינציעל־באַלעבאַטישע אידישע וועלט און דערהויפּט אירע יונגע שיינע פרויען... וועגן בראָנשטיינ'ען זאָגט ער, אַז ער איז „אַ וואוקסיגער, אַ מענישער, איין אויג איז ביי אים וויים, אָן אַ שוואַרצאַפּל, דאָס צווייטע — שאַרף, קלוג און פלינק" (ז. 138). דערצו איז ער נאָך מוסיף, אַז „ער קאָן אָפּשטעלן אין גאַס יונגע בחורימ'לאַך, וואָס טראָגן פרייל‏אַך די גימנאַזיסטן־

פּאַסיקלאַך אויף די לענדן און זיי הייסן, זיי זאָלן מוחל זיין זיך אומקערן אַהיים, אָדער נאָר אַ פרעג טאָן ביי איינעם פון זיי, צי טראָגט ער ניט אַ רעוואָלווערל ביי זיך אין קעשענע, אים דער־ביי געבן אַ פליאַסק אין באַק און אים זאָגן: גיי אַהיים און זאָג דיין טאַטן, אַז אליקום בראָנשטיין האָט דיר געגעבן אַ פּאַטש" (ז. 139) — און מיר ווייסן שוין, ווער און וואָס עס איז אליקום בראָנשטיין.

ווען אַלע די, וואָס געהערן צום פאַר־רעוואָלוציאָנערן אָדער קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן קלאַס מענטשן דערוויסן מיר זיך ביי בערגעלסאָנ׳ען ניט אין ערך מער, ווי וועגן די רעוואָלוציאָנערן.

„שוין איין מאָל אַ שטאָפּעלע!" קאָן בערגעלסאָן זאָגן אינאיינעם מיט דעם העלד פון דעם מאָנאָלאָג „אַ זעלטענער סוף", — ווען ער דערטאַפּט מענטשן פון דער „אָפּגעגאַנגענער עפּאָכע". די גאַנצע שאַרפקייט פון זיין אויג, די גאַנצע געווירצט־קייט פון זיין קלוגן, פאַרשטיקטן געלעכטערל, די גאַנצע כיטרע שטילקייט פון זיין הומאָר, אַלע טיפע קנייטשן פון זיין סטי־ליזירטן, פאַרטריקנט־זאַפטיגן אידיש — לעבן אויף אין אים, ווען ער באַגעגנט (אין „אַ זעלטענעם סוף") די גע׳שמד׳טע סאָני זאַבאַרסקי, איר טויבן פאָטער, אירע קוואַרטיראַנטן און די גאַנצע פאַרברעכערישע קאָמפּאַניע, וואָס פאַרזאַמלט זיך ביי איר אין הויז. ער דאַרף קיין סך נישט ריידן וועגן זיי, כדי מיר זאָלן זיי גוט קענען און נישט פאַרגעסן. ער גיט זיך אַ זאָג: „אַ מענטש, וואָס לויט זיינע אַלע באַוועגונגען זעט ער אויס, ווי אַ חתונה־געהאַטער, נאָר קיין ווייב האָט ער ניט" (ז. 194), אָדער: „אויגן מיט לאַנגע וויעס, וועגן וועלכע מ׳קאָן מיינען, אַז זיי זיינען שוואַרץ און זייער אומעטיג, און פּלוצים זאָל מען דערזען, אַז זיי זיינען טונקל־בלויע און שטאַרק־פריי־לאַכע" (ז. 197). ווען ער קומט צו אָט די מענטשן פון דער אַלטער וועלט, האָט ער וואונדערלאַכע אָריגינעלע איינפאַלן סיי ביי כאַראַקטעריזירן, סיי ביי דערציילן די פאַקטן פון זייער לעבן.

מענטשן פון דער נייער עפּאָכע פּאַראַינטערעסירן אים און גיבן אים אַ מעגלאַכקייט צו ווייזן זיין מייסטערשאַפט נאָר דאַן, ווען זיי זיינען, ווי ער אַליין, ניי געזעלשאַפטלאַך, אָבער

ניט פסיכאָלאָגיש־שטייגעריש. אַזעלכע זיינען, צום ביישפּיל, באַטשקאַ (אין די קאַפּיטלען פון „בירגערקריג") און אַבאַ (אין „איינעמס אַ וועג"). באַטשקאַ האָט ליב פּראַסין, און זיין לעבן איז זי. אייגנטלאַך, ניט די רעוואָלוציע, כאָטש ער איז אַריינגעצויגן אין איר מעכטיגן שטראָם. אַבאַ לאָזט זיך אין וועג צו זיין כלה, דער מויד פון דעם אַריינפאָר־הויז. ווען ניט זי, וואָלט ער אפשר גאָר קיינמאָל ניט געוואָרן קיין רויט־אַרמייער. אָבער ער איז, אַזוי ווי דער האַלב־ווילדער באַטשקאַ, טריי דער רעוואָלוציע. „דער עיקר", זאָגט באַטשקאַ, „וואָס קוילן דאַרף מען. . . אַלע האָבן זיך אָנגעזויגן"....(ז. 18), און אַבאַ — „ער האָט אַלע יאָרן אומזיסט געהאָרעוועט אויף יחיאל משה דעם בעל־עגלה און אויף זיינע פאַרשוינען — — האָט צוליב אים — אַ קרענק אויף זיי, אַ בראַנד!" (ז. 88). אַבאַ'ן, אַזוי ווי באַטשקאַ'ן, ציט עפּעס אַן אינסטינקט צו די רויטע, צו די נקמה־נעמער. די רעוואָלוציע איז פאַר זיי ניט קיין פּראָגראַם, ניט קיין אידעאָלאָגיע. זיי הערן איר שטים אינאיינעם מיט אַלע אַנדערע שטימען פון זייער בלוט. זיי טראָגן זיך נישט אַרום מיט „ווייטקייטן" און מיט „ניט היגע פאַרטראַכטקייטן" אין זייערע אויגן. זיי זיינען נאָענטע, היגע. קען זיי דער קינסטלער, און ער מאַכט, אַז אויך מיר זאָלן זיי קענען. ער מאַכט, אַז מיר זאָלן זיי קענען נישט ווי רעוואָלוציאָנערן, נאָר ווי מענטשן מיט זייער גאַנצער פולבלוטיגער מענטשלאַכקייט... דאָרטן, וואו ער וויל אונז געבן נאָר דאָס רעוואָלוציאָנערע, דאָס נייע, גיט ער אונז גאָרנישט...

ער ווייזט אונז דעם שטורעם אין די „שטורעם־טעג", אָבער בלייבן פון אָט דעם בוך וועט ניט דאָס, וואָס האָט דורכ־געשטורעמט, נאָר דאָס, וואָס איז געווען אי אין, אי פאַר, אי נאָך די שטורעמס. בלייבן וועלן די נשמה־טיפּן, די מענטשלאַכע כאַ־ראַקטאָרן, וואָס זיינען דאָ אין די דערציילונגען. בלייבן וועט די פאַרשיידנאַרטיגקייט פון די דערצייל־מעטאָדן (קיין איין זאַך איז ניט ענליך אויף דער אַנדערער לויט דעם אופן, ווי זי איז אויפגעבויט). בלייבן וועלן די ראַפינירטע, אויסגעזוכטע, ניט אַלע מאָל קלאָרע, אָבער תמיד אָריגינעלע ביייווערטער: „וואַ־

רימלאכער שוויינן", „פאר'קבצנ'טע געסלאך", „קרעציגע קולות", „רציחה'דיגע כוואליעס", „ביינאכטיגע אויגן", „קאלטלאכער ריח" א. ד. ג., בלייבן וועט די אלגעמיינע שפראך־מייסטערשאפט און יענע ק ו ל ט ו ר פ ו ן ס ט י ל, וועלכע מאכט בערגעל־סאָנ'ען פאר א מוסטערהאפטיגן פראָזע־שרייבער.

די קולטור (און דער קולט) פון סטיל, פון שטייפן, אָפט צו־שטייפן, צו־געדיכטן סטיל, פילט זיך דערהויפט אין דער ערש־טער נאך —אין די קאפיטלאך מיט'ן נאָמען „בירגער־קריג". דאָרט זיינען דאָ זאצן, וואָס פאסן מער פאר א ראָמאנטישער פאָעמע, ווי פאר א רעאליסטישער דערציילונג פון דעם רוסישן בירגער־קריג. שוין די קעפלאך אליין זיינען ריטמיש סטיליזירט: „אין פארפייסאכדיגן אקער שטייען מידלאך צו די פערד", „מען בענקט קיין דרום און מען גייט אויף צפון", „שטורעם אויס־באהאלטענער און פליסיגער"... דאָרט זיינען ניט קיין זעלטנהייט אזעלכע פאראגראפן, ווי „ביי דער שיין פון רויטע פלאקערס, וואָס רויכערן הויך איבער קעפ, האָבן קליינע שלעפערדיגע רייטער־מחנות געשוויגן ווי טויטע, גערוקט זיך אין געשטאָרבענע רייען מיט א טויטן סדר" (ז. 74). איר לייענט עס און זאָגט צו זיך אליין:

א קינסטלער, וואָס שלייפט און פיילט און פוצט אזוי דעם זאץ, א קינסטלער, וואָס נייט אוים זיין רויטע פאָן מיט אזעלכע פליטערלאך, אזויווי דאָס וואָלט געווען א כלה'ס תפילין־זעקל פאר א חתן, ניט קיין פלאטערנדיגע קריגס־פאָן, א קינסטלער, וואָס ציילט די אותיות און ציט זיי ארויף ווי פערל אויף א זיידענעם שנירל — איז פריער קינסטלער, דערנאָך ערשט רעוואָלוציאָנער. און ער מוז זיין פריער קינסטלער, אויב ער וויל בלייבן, וואָס ער איז. ער מוז האָבן אין זינען זיינע אייגענע צילן, זיינע אייגענע מיטלען, און ניט רעכענען זיך מיט די פאָדערונגען פון די פארטיי־לעזער, און די פארטיי־פירערס, ווען אפילו ער מוז זיך צופאסן צו זיי ביים אויסקלייבן דעם שטאָף און אין אנדערע, קלענערע פונקטן. ער קאָן זיי נאָכגעבן אין געוויסע פרטים, אָבער ניט אין דער עיקר זאך.

4. אַלט און ניי אין קונסט

4. אַלט און ניי אין קונסט.

א. אַלט און ניי, אַלטע און נייע.

אַלט און ניי אין קונסט איז ניט דאָס אייגענע, וואָס אַלטע און נייע.

צווישן אַלט און ניי איז גאָר ניטאָ אזא טיפע סתירה, ווי עס דוכט זיך דעם, וואָס געהערט אַליין צו די אַלטע אָדער צו די נייע.

דאָס אַלטע און אפילו פארעלטערטע איז אַליין געווען אמאָל פריש און יונג. עס האָט אַליין געמוזט אויסשטיין א שווערן קאמף. אין דער טראַדיציע פון יענער צייט איז געווען עפּעס, וואָס האָט ניט געלאָזן זיך אויסשפּרייטן דער פאָרם, וועלכע איז דאמאָלסט געווען ניי, און עס האָט לאַנג גענומען, ביז זי איז אָנערקענט געוואָרען. שפּעטער, אַז עס איז געקומען א נייער דור מיט נייע פאָדערונגען, איז זי פאַר אים געוואָרן א לאַסט, א שטער, אזוי ווי דער פריערדיגער דור איז עס געווען פאַר איר.

דער ראָמאַנטיזם איז געווען א פאַרגליווערטע און א פאַר־שימעלטע זאַך אין די אויגן פון די ערשטע נאַטוראַליסטן. אין זיין צייט אָבער איז ער אַליין געווען א פּראָטעסט, א מרידה, אן אָפּרישענדיגער שטורעם. די, וואָס זיינען געקומען אים ירש'ענען ביים לעבן, די נאַטוראַליסטן, האָבן באַנוצט קעגן אים טענה'ס, מיט וועלכע ער אַליין איז אמאָל ארויסגעטראָטן קעגן זיין פאָרגייער — דעם פּסעוודאָקלאַסיציסט...

יע, דאָס אַלטע איז גאָרניט אזוי אַלט, ווי עס דאַכט זיך, און דאָס נייע איז קיינמאָל ניט דורכאויס ניי. עס איז תמיד א

המשך פון דעם, וואָס איז געווען פריער. אין דער היינטיגער צוטומלטער צייט שאַדט עס ניט צו דערמאָנען אי דעם „אַלטן", אי דעם „יונגן, כאָטש עס איז אַזוי באַנאַל. זיי מעגן ביידע געדענקען, אַז דאָס מעסער, וואָס דער „יונגער" שאַרפט פאַר די, וועלכע ווילן אים ניט אָפּטרעטן זייער פּלאַץ, איז פון די אַלטע אַליין פאַר אים צוגעגרייט געוואָרן. אַזוי, צום ביישפּיל, איז די אידעע פון נאַטירליכקייט און פרייהייט אין קונסט־שאַפן, וועלכע איז פון די נאַטוראַליסטן און רעאַליסטן דערפירט געוואָרן ביז איר לאָגישען סוף, געווען שוין אַ שאַרף געווער אין די הענט פון זייערע פאָרגייער און געגנער — די ראָמאַנטיקער. דער ראָמאַנטיזם (אין פראַנקרייך דערהויפּט) האָט אַליין אויסגע־טראָטן דעם וועג, אויף וועלכן עס איז געגאַנגען דערנאָך אַזוי שטאָלץ און זיכער זיין ערגסטער שונא — דער נאַטוראַליזם.

„קינדער" וואָלטן קיינמאָל ניט געקאָנט בייקומען די אָפּ־געשטאַנענקייט פון די „טאַטעס", ווען די לעצטע זאָלן אין זייער צייט ניט האָבן געמאַכט קיין גרעסערן אָדער קלענערן שריט פאָראויס אין פאַרגלייך מיט די „זיידעס", און די טאַטעס וואָלטן ניט אָוועק ווייטער פון זייערע טאַטעס, ווען יענע וואָלטן אין זייער צייט נישט צוגעגרייט דעם וועג פאַר זיי און זיי — פאַר דעם וועג.

מיר שרייבן איצט קיינער ניט און דאַרפן ניט שרייבן אַזוי ווי מענדעלע מוכר ספרים.; אָבער אונזער היינטיגער, מער באַוועגלאַכער, מער בויגעוודיגער און ראַפינירטער אידישער סטיל וואָלט געווען אוממעגלאַך אָן דעם „זיידן". ער האָט געאַרבעט פאַר אונז, ניט נאָר פאַר זיך אַליין.

ווען איך האָב געזאָגט, אַז דאָס אַלטע, וואָס יעדער אינער־לאַך נייער דור האָט צו באַקעמפן, איז געווען אַמאָל ניי, האָב איך געמיינט צו זאָגן, אַז עס איז ניט נאָר געווען ניי צו יעגער צייט, נאָר אַז עס האָט שוין געהאַט אין זיך עפּעס פון דער היינטיגער, נייער, נייקייט, עס איז געווען אַ רינג אין איר קייט, נאָר ניט דער לעצטער רינג, אַזוי ווי דאָס היינ־טיגע, דאָס נייסטע וואָרט, איז ניט דאָס לעצטע וואָרט...

דער, וואָס איז ניט איינגע־כשופ'ט אין דעם אידעען־קרייז,

וואָס עס שאַפט זיך זיין דור; דער, וואָס האָט טיפערע וואָרצלען; דער, וואָס איז ניט צוגעוואַקסן צו זיין צייט, כאָטש ער לעבט איר לעבן; דער, וואָס האָט פרייקייט פון גייסטיגער באַוועגונג און ממילא אויך אַ היסטאָרישע פּערספּעקטיוו, — ווייס די רעלאַטיוויטעט און די פאַרענדערלאַכקייט פון אַזעלכע באַגריפן, ווי יונג און אַלט, מאָדערן און אָפּגעלעבט. אים זיינען באַקענט פאַלן, ווען „אַלטע", פאַרגעסענע, „געשטאָרבענע" ווערק זיינען אויפגעשטאַנען תחית המתים און, פאַרקערט, פאַלן, ווען שאַפונגען און פאָרמען, וואָס נאָר וואָס האָט געקאָכט מיט זיי די וועלט, זיינען באַלד פאַרגעסן געוואָרן און קיינער האָט זיך אויף זיי ניט אומגעקוקט. אויך ווייס ער פון מיטלען און מעטאָדן אין קונסט, וואָס נעכטן האָט מען זיי געהאַלטן פאַר ווילד און משוגע און היינט ווערן זיי באַנוצט פון אַלעמען. די דאָזיגע דערפאַרונג גיט דעם מענטשן, וואָס איז באַקאַנט מיט איר און דורכגעדרונגען פון איר, אַ היסטאָרישע מאָס אין האַנט. זי פאַרהיט אים פון איינזייטיגקייט און פאַרטייאישקייט.

זי לערנט אים צו פאַראייניגען אין זיך ליבע צו דאָס דויערהאַפטיגע, וואָס איז דאָ אין די אַלטע ווערק, מיט טיפן אינטערעס צו דאָס דינאַמישע און אָפּפרישנדיגע, וואָס עס ברענגען אָדער קענען ברענגען די נייע ריכטונגען. אים איז קלאָר, אַז אָביעקטיוו איז עס ניט קיין פראַגע פון אַלט אָדער ניי, נאָר פון אַלט און ניי...

קונסט איז אין דעם פּרט אַנדערש ווי וויסנשאַפט. אין דער וויסנשאַפט קאָן ניט געמאָלט זיין, אַז צוויי היפּאָטעזן וועגן איין און דערזעלביגער זאַך זאָלן זיין ביידע ריכטיג. אויב קאָפּערניקוס איז גערעכט, אַז די ערד דרייט זיך אַרום דער זון, איז פאַלש די שיטה, וואָס האַלט, אַז די ערד איז דער וועלט'ס מיטלפונקט. די וויסנשאַפט זוכט אונז צו געבן אַ בילד פון דעם עקזיסטירנדיגן לעבן, און אויב דאָס נייע בילד, וואָס זי גיט, איז „ריכטיגער" אָדער עס איז אַ בעסערע „אַרבעטס־היפּאָטעזע", מוזן מיר אַלע אירע פריערדיגע השערה'ס אַוועק־

ווארפן. אנדערש איז מיט קונסט. פאר איר איז די עמפּי־רישע וועלט נאר מאטעריאל. פון דעם מאטעריאל שאפט זי אליין לעבן. צי שאפט זי עס לויט אזא מעטאד אדער אן אנדערן, אין א קלאסישן סטיל אדער אין א ראמאנ־טישן, אין א נאטוראליסטישן אדער אן עקספּרעסיאניסטישן — איז, אין תוך גענומען, ניט וויכטיג. שעקספּיר האט ניט געשריבן און ניט געקאנט שרייבן אזוי ווי עסכיל און סאָ־פאקל; היינע איז ניט ישעיה הנביא; וואלט וויטמאן אדער עמול ווערהארן זיינען ניט גלייך צו פושקין אדער שעלי'ן; אבער דאס שטערט אונז ניט צו געניסן און צו באוואונדערן אי שעקספּיר'ן, אי סאפאקל'ן, אי היינע'ן, אי אונזערע נביאים, אי וויטמאנ'ען, אי שעלי'ן.

אין קונסט איז דער עיקר — דער כח, וואס ברענגט זי ארויס. אזוי ווי א פרומער לויבט גאט פאר אלץ, וואס ער האט געשאפן, פאר'ן טאג, ווי פאר דער נאכט, פאר די טיפע־נישן פון ים, ווי פאר דער יבשה, אזוי באוואונדערן מיר די געטלאכע קראפט פון קינסטלערישער שאפונג אין אלע אירע פארמען. מיר באלייטען זי ערפארכטיג אויף אלע אירע וועגן...

אזא באציאונג צו „אמאליגער" און צו „היינטיגער" קונסט האבן די, וואס געהערן ניט צו קיין שום פארטיי.

גאר אן אנדער קוק איז ביי יענע, וועלכע זיינען אליין „אלטע" אדער „נייע". זיי האבן ניט קיין פרייע פערספּעק־טיוו. זיי זיינען צדדים, און זיי קאנען זיך ניט פאר־שטעלן, אז עס איז דא פלאץ פארביידן אונטער דער זון.

זיי גלויבט זיך ניט, אז זיי זיינען ביידע נאר כוואליעס אויפ'ן אויבערפלאך פון שטראם... איין כוואליע האט זיך פריער אויפגעהויבן, וועט זי פריער פאלן; די אנדערע האט נאך איר אויפגעשטורעמט, אבער זי וועט זיך אויך איינ־שטילן. א דריטע וועט קומען, און אזוי כסדר, און זיי אלע וועלן פאלן, אבער קיין איינע וועט ניט פארפאלן ווערן. זיי

בלייבן אלע אין שטראָם, נאָכדעם ווי עס ווערט ניט דער שוים און עס שטילט זיך איין דער גערויש, וואָס יעדע פון זיי האָט אָנגעמאַכט — איינע מער און איינע ווינציגער...

די צדדים אין קונסט קאָנען זיך ניט פאָרשטעלן, אַז זיי זיינען נאָר כוואַליעס, איינע אַ שטאַרקערע, די אַנדערע אַ שוואַכערע, מיט מער אָדער מיט ווינציגער שוים. יעדער פון זיי מיינט (אַזוי וואָלט מסתמא געמיינט אויך די כוואַליע אין ים, ווען זי זאָל האָבן דעם באַוואוסטזיין פון אַ איך), אַז ער איז דער שטראָם אַליין, דער גאַנצער שטראָם, און אַז מיט אים הויבט זיך אַלץ אָן און אַלץ לאָזט זיך אויס מיט אים.

דערהויפּט זינדיגען די נייע. זייער איך און מער קיינער ניט־באַוואוסטזיין, זייער תאוה צו אַליינהערשאַפט, האָט גאָר ניט קיין גרעניצן. ביי זיי איז ניטאָ קיין ספק, אַז אַלץ, וואָס איז ביז זיי געווען, איז טויט אָדער עס האָט גאָר קיינמאָל ניט געלעבט. אויב עס ווייזט דאָך סמנים פון לעבען, איז עס אַ בייזער כשוף, אַ ווילדע אָפּנאַרעריי, אַ מיאוס'ע אילוזיע... די ביבל, די ווערדאַס, דאַנטע, טאָלסטאָי? אַמאָל זיינען זיי געווען גרויס, וואונדערליך; אָבער איצט — ווער דאַרף זיי? וואָס פאַר אַ שייכות האָבען זיי, צו אונז, היינטיגע? זאָלן זיך עסק'ן מיט זיי די אַרכעאָלאָגן, די היסטאָריקער. אויפ'ן „שיף פון דער נייער צייט" איז ניטאָ פאַר זיי קיין פּלאַץ.

הייסט מאַרינעטי אין איטאַליע אונטערצינדן (בדרך משל) די ביבליאָטעקן, אויפרייסן די מוזעען און דערקלערן די קונסט פון אַלע צייטן פאַר אַ בר מינן, וואָס דאַרף געשיקט ווערן אין זיין רו אַריין. קומט יעדע וואָך אין פראַנקרייך אַרויס אַ נייע גרופּע מיט אַ נייעם מאַניפעסט, מיט אַ נייעם „דינאַמיזם" אָדער „פּאַראַקסיזם" און ווי זיי הייסן דאָרט, און יעדע פון זיי האַלט אַ גראָבאייזן אין האַנט, גרייט צו באַגראָבן און פאַרשיטן אַלע פריערדיגע און אַלע איצטיגע ריכטונגען, וואָס גלויבן ניט אין איר אָדער גלויבן ניט גענוג.

„אין דער קונסט זיינען דאָ נאָר רעוואָלוציאָנערן אָדער פּלאַגיאַטאָרן", האָט געזאָגט דער פראַנצויזישער מאָלער גאָגען. און

אזוי ווי יעדער נייער האלט זיך אליין נאר און זיין גרופע פאר אמת רעוואלוציאנער, דערקלערט ער אלע איבעריגע פאר „פלאגיאטארן”. אזוי איז עס אין פראנקרייך — און אזוי איז עס אין דייטשלאנד, אין רוסלאנד, אומעטום.

און ניט נאר איצט איז עס אזוי. אלע מאל, ווען די קונסט איז געשטאנען אויפ׳ן גרעניץ פון א נייער תקופה, ווען עס האט געהאלטן ביי געבוירן ווערן א נייער נוסח, א נייער מעטאד, זיינען די, וואס האבן אנגעזאגט אט דאס נייע און עס געהאלפן שאפן, ארויסגעטרעטען מיט א טויט־אורטייל פאר אלע, וואס זיינען ביז זיי געווען און דערהויפט פאר זייערע נאענטסטע פאר־גייער, מחמת זיי זיינען די נאענטסטע פיינט... אזוי האט וויקטאר היוגא אין זיין בארימטער פאררעדע צו „קראמ־וועל”, אין אט דעם מאניפעסט פון ראמאנטיזם, געמאכט א תל פון די פראנצויזישע קלאסיקער, כאטש אין אים אליין, און דערהויפט אין זיין רעטאריק, אין זיינע צעגנארנדיגע מליצה׳ס און אנטיטעזן איז געווען א היבש ביסל פסעוודאקלאסיציזם. היוגא האט ניט געוואלט וויסן פון קיין שום אנדער מעטאד אין שאפן, א חוץ דעם, וואס ער און זיינע נאענטסטע חברים האבן גע־ברויכט. און — על דטפת אטפוך, ווי אין פרק שטייט, איז מיט א דריי־פיר צענדליג יאר שפעטער געקומען זאלא מיט זיין נא־טוראליזם, מיט דעם זעלביגן נאטוראליזם, וועלכער וואלט זיך ניט אזוי פאנאנדערגעבליט, ווען די ראמאנטיקער וואלטן ניט געהאט צוגעגרייט פאר אים דעם באדן — און ער האט פאר דער קונסט פון היוגא און אנדערע ראמאנטיקער ניט געהאט קיין אנדער נאמען, ווי „לעבערלאכער פארם”. דער נאטוראליזם, האט ער גע־זאגט, איז דער שטיין, אונטער וועלכען עס איז אויף אייביג איינ־געשלאפן דער ראמאנטיזם. ער האט ניט געוואוסט, ניט גע־אנט אפילו, אז עס וועט קומען א צייט, ווען מען וועט אין זיינע אייגענע „עקספירעמענטאלע ראמאנען” זען די אויפוואכונג פון דעם „אויף אייביג איינגעשלאפענעם ראמאנטיזם”. ער איז גע־ווען אזוי פאר׳שכור׳ט פון דעם נייעם אמת, וואס ער האט אנט־דעקט אדער וואס אים האט זיך געדוכט, אז ער האט אנטדעקט... מיט וואס פאר א באגייסטערטן גלויבן האט ער גערעדט וועגן זיין

אייגענעם וועג און מיט וואָס פאַר אַ קאַלטן בטול — וועגן זיינע גענגנער! „פאַרגראָבנדיג זיך", האָט ער געשריבן, „אין דער פאַרגאַנגנהייט, בלעטערן זיי מיט פאַראַכטונג די ווערק פון אונזער צייט, וואו דאָס לעבן פּיבערט און שלאָגט, ווי אַ קוואַל, און זיי ערקלערן, אַז די דאָזיגע ווערק זיינען קליינע און נישטיגע. איך האָב אַן אַנדער קוק. איך זאָרג זיך ניט פאַר שיינקייט און פולקאָמענהייט. וואָס אַרט מיך פאַר די גרויסע תקופה'ס? איך דאַרף האָבן לעבן, קאָכעניש, קאַמף"... (כמעט דאָס אייגענע, וואָס עס זאָגן די היינטיגע פוטוריסטן!)... „ווי קלאָר איז אונזער געפיל, אַז מיר טראָגן אין זיך זריעה פון דער צוקונפט'ס אמת'ן"... „מיר לעבן איבער אַ מאָמענט, ווען דאָס אַלטע ווערט צובראָכן, ווען די חורבה'ס פאַלן איין מיט אַ קנאַק און דער וואַפּנע־שטויב טראָגט זיך אין דער לופט. מאָרגן וועט דער בנין פון דאָס ניי זיין אויפגעבויט!"

אזוי האָט גערעדט דער יונגער זאַלאַ אין פראַנקרייך — און אָט ווי אַ ליטעראַטור־היסטאָריקער כאַראַקטעריזירט די יונגע, וועלכע האָבן זיך אַרום די 80־ער יאָרן פון פאַריגן יאָרהונדערט באַוויזן אין דייטשלאַנד: „ענטוזיאַסטן, וועלכע שרייבן אין די שרייענדיגסטע סופּערלאַטיוון איין פּראָגראַם נאָך דער אַנדערער, איין פּראָוואָרט נאָך דעם צווייטן, וועלכע האַלטן אין איין גרינדן פאַראיינען, וואָס ביי דער גאַנצער פאַרשיידנקייט פון זייערע קינסטלערישע ציל'ן זיינען זיי באַהערשט אַלע פון איין געפיל, פון איין קריטישן געפיל: אַ סוף צו דער טראַדיציע! צו דער טראַדיציע אין לעבן און אין קונסט: אפילו די בעסטע פון די לעבנדיגע קינסטלער שטעלן אונז ניט צופרידן! מיר דאַרפן אַן אַנדער טעכניק, אַן אַנדער סטיל, אַן אַנדער שטאָף־אויסוואַל, אַן אַנדער באַציאונג פון קינסטלער צו דער וועלט, וועלכע אים שטייט פאַר צו שילדערן. מיר מוזן האָבן אַ נייע וועלט אַנשויאונג, וואָס זאָל שטימען מיט דעם גייסט פון דער צייט, מיר מוזן האָבן אַ נייעם טיפּ שריפטשטעלער א. אַז. וו. מיר, מיר יונגע, מיר צוואַנציגיעריגע זיינען ניט נאָר די אָנזאָגער, מיר פאַרוויקלאָכן שוין די נייע קונסט!" אזוי ריידן די יונגע,

די צוואַנציגיעריגע און די נאָך אינגערע אין אַלע לענדער און אין אַלע אויפגעשטורעמטע און נייעס־זוכנדיגע צייטן!

זיי קאָנען געפינען אַמאָל עפּעס ביי די **אַלטע**, וואָס זיינען שוין געשטאָרבן, אָבער ניט ביי די אַלטע, וואָס פאַרנעמען נאָך אַן אָרט אין לעבן, וואָס קומען אין נאָענטער באַרירונג מיט זיי און לאָזן זיי זיך ניט אויסשפּרייטן. אָבער אויך פאַר יענע, די **אַמאָליגע** אַלטע, קאָנען זיי דאַן נאָר זאָגן אַ גוט וואָרט, ווען זיי געפינען ביי זיי עפּעס אַן אָנזאָג, אַן אָנצוהערעניש אויף דער נייער צייט, ד. ה., אויף זיך אַליין... די גאַנצע פאַרגאַנגענהייט, די גאַנצע געשיכטע פון דער קונסט האָט אין זייערע אויגן אַ זינען נאָר אויף אַזוי פיל, אויף וויפיל זי איז געווען אַ פאָרוואָרט צו דעם בוך, וואָס זיי קליבן זיך צו שרייבן... ניט נאָר די צוקונפט, אויך די פאַרגאַנגנהייט לעבט נאָר אין **זייער** זכות!

אַזאַ גלויבן, אַזאַ איינגעגלויבטקייט האָבן אַלע **יונגע**.

און ווער ווייס — אפשר איז עס גוט, וואָס זיי זיינען אַזוי איינגעגלויבט און פאַרליבט אַזוי אין זיך. זיי וואָלטן זיך ניט געקאָנט באַגיין אפשר אָן דעם. עס איז ניט קיין לייכטע זאַך אויסצוזוכן נייע, ניט קיין אויסגעטראָטענע וועגן. אויף טריט און שריט טרעפט מען שטרויכלונגען. אין אַלע ווינקלען לויערן געפאַרן. די וואָס גייען ניט מיט, די שרעקנדיגע, שרייען: „איר וועט אומקומען! גייט ניט! קערט זיך אום!" די קלוגע, די קאַלטע, שמייכלען בטול'דיג און קילן זיי אָפּ. מוז מען זיך דערוואַרעמען, דערהיצן, אָננעמען זיך מיט מוט, מען מוז פאַר'שכור'ט ווערן פון זעלבסט־באַגייסטערונג. מען מוז זיך איינריידן, אַז מען גייט טאָן די גרעסטע זאַך, וואָס קען נאָר זיין, מען מוז האָבן די אילוזיע, אַז מען איז אַנטדעקער פון וועלטן, אַז מען גיט אַ תיקון דער פאַרבלאָנדזשעטער נשמה פון אַלע צייטן און דורות, אַז מען גיט אַ זין דער פאַרגאַנגנהייט און אַ ציל דער צוקונפט!

יע, אַ נייע באַוועגונג — אין דער קונסט, ווי אין לעבן — איז פּסיכאָלאָגיש געצוואונגען מבטל צו זיין אירע געגנער און מגזם זיין די גרויס פון אירע אייגענע כחות. אַניט וואָלט זי ניט געקאָנט גיין באַרג־אַרויף אויף נייע, ניט באַקענטע וועגן.

דערצו דאַרף מען געדענקען, אַז די הויפּט ראָלע אין יעדער נייער ריכטונג שפּילט די יונגנט, און זי לעבט בטבע מיט'ן געפיל מער, ווי מיט'ן פאַרשטאַנד, און מיט'ן וואונטש פון האַרצן מער ווי מיט לעבנסדערפאַרונג. עס קאָכט אין איר דאָס בלוט, עס שפּילט די פאַנטאַזיע, און איר געווער איז מוט, ניט אויסרעכענונג, זעלבסטצוטרוי, ניט זעלבסט־קאָנטראָל.

אויך טאָר מען ניט פאַרגעסן, אַז די יוגנט ווערט, אין אָנהויב, אָפט געשטערט פון די אַלטע, וועלכע זיינען די בעלי־בתים פון לעבן און פאַרנעמען אַלע „באַפעסטיגטע פּאָזיציעס". דאָס פאַרשטאַרקט דעם קאַמפגעפיל ביי די יונגע, פאַרגרעסערט זייער עקשנות, פאַרשאַרפט זייער זעלבסט־באַוואוסטזיין און מאַכט זיי נאָך איינזייטיגער, נאָך פאַרטייאישער און — אַגרעסיווער.

דערמיט קאָן מען דערקלערן און אפשר אויך פאַרענטפערן די פיינדלאַכע און אַבסאָלוט נעגירנדיגע באַציאונג פון די יונגע צו די אַלטע.

שווער איז צו באַרעכטיגן, וואָס אויך די אַלטע מיינען, אַז מיט זיי הויבט זיך אָן און מיט זיי לאָזט זיך אויס די וועלט.

די אַלטע האָבן ליב זיך איינצושטעלן פאַר עוואָלוציע, פאַר געשיכטע, אָבער אַז עס קומט צו אָפּשאַצן אַ נייעם עקספּערימענט, אַ נייע ריכטונג, אַ נייע באַוועגונג, זיינען זיי פונקט אַזוי דאָגמאַטיש און ניט־היסטאָריש, ווי די יונגע, ווען זיי ריידן וועגן זייערע חברים פון עלטערן דור.

די אַלטע זיינען געוועזן אַליין יונג. איינציגע פון זיי זיינען אין די יונגע יאָרן געוועזן מורדים, פּראָטעסטאַנטן, טרעגער פון נייע אידעען, שאַפער פון נייע פאָרמען. זיי האָבן געדאַרפט וויסן, וואָס הייסט ליידן דערפון, וואָס די אַרומיגע שרעקן זיך פאַר נייעסן. זיי האָבן געדאַרפט מיטפילן מיט די יונגע, ווען אפילו זיי זיינען ניט איינשטימיג מיט זיי. זיי האָבן ניט געטאָרט פאַרגעסן, אַז אויך אויף זיי האָט מען געזאָגט, אַז זיי זיינען פראַזיאָרן, באַרימערס, א. אַז. וו. פאַרוואָס פירן זיי זיך איצט אויף אַזוי ווי די, פון וועלכע זיי האָבן אַליין געליטן, אַזוי ווי די, מיט וועלכע זיי האָבן אַליין געקעמפט?

זיי אָדער איינציגע פון זיי האָבן דורכגעמאַכט די דערפאַרונג,

פון די איצט יונגע, בעת די יונגע האָבן זייער דערפאַרונג ניט געהאַט. זיי האָבן געזען אַ סך ענדערונגען אין משך פון זייער לעבן, זיי האָבן זיך אַליין געענדערט, זייער אייגן שאַפן איז איצט אפשר גאָר אַנדערש, ווי עס איז געווען אַמאָל: פאַר־וואָס איז זיי אַזוי שווער צו גלויבן, אַז דער נייער דור האָט געבראַכט מיט זיך נייע באַדערפעונישן, נייע באַגריפן, נייע פאָר־מען, פונקט אַזוי ווי אייניגע פון זיי אַליין האָבן עס אין זייער צייט געבראַכט?

זיי זיינען אָפטמאָל אַליין שוין אונטער דער ווירקונג פון דער נייער צייט; פאַרוואָס ווילן זיי זי פאַרלייקענען?

אַ סך פון זיי (איך רייד ניט דוקא וועגן אונזערע היינטיגע „אַלטע“, נאָר וועגן די „אַלטע“ פון אַלע צייטן און אַלע ליטע־ראַטורן) — אַ סך פון זיי זיינען שוין אין די עלטערע יאָרן. זיי האָבן שוין זייער וועג דורכגעמאַכט, זייער שטורעם אויס־געשטורעמט. ניטאָ שוין מער קיין געפאַרן פאַר זיי און קיין צילן, וואָס פאַרפירן און פאַר׳שכור׳ן. האָבן זיי זיך ניט גע־דאַרפט האַלטן אַזוי איינגעשפּאַרט ביי דער „פאָן“ פון זייער מחנה. זיי האָבן שוין געמעגט זיין פרידליכער, רואיגער, הומאַר־פולער...

אָבער די אַלטע זיינען פונקט אַזוי „מענטשלאַך“, סוביעק־טיוו, ווי די יונגע. עס טרעפט, אַז זיי קאָנען זיך ניט אַזוי, ווי יענע. זיי האַלטן, ווייניגסטנס, פון די, וואָס זיינען געווען פאַר זיי, בעת יענע, די יונגע, האַלטן פון קיינעם ניט, אַ חוץ נאָר פון זיך אַליין. אָבער זייער באַציאונג צו די יונגע איז, אין עצם, ניט בעסער, ווי די באַציאונג פון די יונגע צו זיי.

די יונגע ווילן ערשט איינגעמען די וועלט. די אַלטע ווילן איינהאַלטן די פּאָזיציעס, וואָס זיי האָבן שוין פאַרנומען. די יונגע האָט פאַרכאַפּט און אָוועקגעטראָגן אויף זיינע פליגלען דער שטורעם פון נייקייט, דער פּאַטאָס פון עקספּערימענט. די אַלטע ליגן אין די ווייכע אָרעמס פון דער באַקוועמער געוואוינהייט...

אָבער הייסט דאָס דען, אַז מיר אַלע דאַרפן אויסקלייבן פון זייביידן און שווערן אַ שבועה פון טרייהייט איין צד אָדער דעם אַנדערן?

ניין, דער אָדער יענער פון אונז קאָן זיך פארגינען נ י ט צו געהערן צו קיינעם פון די צדדים אָדער — צו זיין א דריטער צד און צו זאָגן, ווי איך האָב געזאָגט גאָר אין אָנהויב, אַז צווישן אַלט און ניי אין קונסט איז ניטאָ גאָר אזא סתירה, כאָטש עס איז דאָ אַ גרויסער אונטערשייד.

און זאָגן דאָס הייסט ניט יאָגן זיך נאָך פשרה׳ס אָדער זיין סתם אזוי „אַ פאַרמיטלער צווישן אַנטיטעזן", ווי עס שרייבט ה׳ משה גראָס.*) זאָגן דאָס, הייסט אָפּרוקן זיך אָן אַ זייט און באַטראַכטן די זאַך מיט מער פרייקייט און מיט אביסל הומאָר.

ה׳ גראָס, וועלכער האָט אָנגערירט די פראַגע, איז ניט קיין שלעכטער דיאַלעקטיקער אין שרייבן, אָבער ד ע נ ק ע ן דיאַ־לעקטיש (אינ׳ם העגעלשן זינען) דאָס איז אים פרעמד. ער און פיל אַנדערע זעען איין אַ סתירה און געפינען אויס די פסיכאָלאָ־גיע פון „אי אַהער, אי אַהין" דאָרט, וואו עס איז אין דער אמת׳ן דאָ אַ טיפער פאַרלאַנג צו שאַפן קלאָרקייט, צו אָרינטירן זיך אין דער לאַגע און פטור צו ווערן פון דער ביליגער מ ע ל אָ ד ר אַ־מ אַ ט י ז י ר ו נ ג פון דער קונסטגעשיכטע, — פון דער טעאָריע, וועלכע מאַכט, אַז אין קונסט, ווי אין שונד־ראָמאַנען, איז פאַראַן נאָר שוואַרץ אָדער ווייס, יע אָדער ניין, צדיק אָדער רשע. די פּאָפּולאַריזירערס פון דער דאָזיגער — שוין אַזוי אויך גענוג פּאָ־פּולערער — „אַהער־אָדער־אַהין"־טוגנד מאַכן אַ פרומע מינע און זאָגן אויף דעם סינטעטיקער, אַז ער וויל כלומר׳שט „מיט קיינעם ניט איינרייסן", אַז ער וויל כלומר׳שט „אַלעמען געפעלן". אין דער אמת׳ן איז קיינער ניט פאַר׳משפט אַזוי צו זיין איינ־זאַם און זעלבסטשטענדיג און קיינער הערט זיך ניט צו אַזוי צו זיין אייגענער שטים, ווי דער, וואָס געהערט ניט צו קיינעם פון די קעמפנדיגע צדדים און איז דאָך אַליין טיף פאַראינטערע־סירט אין דעם קאַמף, וואָס קומט פאָר. ער ווייס, אַז ער איז קיינעם ניט „געפעלען", און, אויב ער האָט אין זיך גענוג הומאָר, געפעלט ער זיך אַליין אויך ניט. אים איז באַשערט צו טראָגן

*) „די צוקונפט", סעפטעמבער, 1923.

אויף זיך די שווערע לאַסט פון „אָביעקטיוויטעט" און פון קיינ־מאָל זיך ניט זעטנדיגער נייגיריגקייט. עס וואָלט אים געווען לייכטער און באַקוועמער צוצושטיין צו דער אָדער יענער כתה און שרייען גלייך מיט אַלעמען אָדער: „אין כאלהינו!" אָדער: „וואַרפט אים אַרויס, ער איז ניט מאנשי שלומנו!" מען דאַרף ניט האָבן קיין גרויסע חכמה אויסצולאָכן, פאַראָדירן די „אַלטע", אויב מען איז אַ „יונגער", אָדער די „יונגע", ווען מען איז פאַר־שריבן אין דער חברה „אַלטע". ווער פון אונז איז ניט פאַר־פירט געוואָרן פון דער לייכטקייט צו געפינען קאָמישע שטריכן אין דער קונסט פון אַ פאַרגאַנגענער תקופה אָדער — אומגע־לומפּערטקייט אין אַ נייעם קונסט־מעטאָד, וועלכער האָט זיך נאָך ניט איינגעשטעלט און איז פול מיט איבערטרייבונגען? מען האָט ניט געדאַרפט זיין קיין היינע צו קענען חוזק מאַכן פון טיק'ן אָדער ווילהעלם שלעגעל, פונקט אַזוי ווי מיר היינט קאָנען זייער גרינג אויסרעכענען אַ צעטל פון היינע'ס אייגענע שוואַכ־קייטן.

אָבער איז דאָס דען דער ריכטיגסטער וועג צו משפּט'ן אַ קינסטלער אָדער אַ קונסט־ריכטונג?

געוויס איז איראָניע און פאַראָדיע אַ שאַרף און אַ געזעצ־לאַך געווער אין קאַמף. אָבער פריער דאַרף מען וויסן, אַז מען איז גערעכט. די איראָניע, די פאַראָדיע דאַרף אויפדעקן עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל זי באַרעכטיגן, אויב ניט, איז עס שפּילעריי און לצנות.

וואָס טוט ה' גראָס און וואָס טוען אַנדערע, צו אים ענליכע, ליבהאָבער פון לייכטער פּאָלעמיק און פאַראָדיסטישער איבער־קרימעניש? זיי שלעפּן אַרויס אַן אומגעלומפּערטן אויסדרוק, אַ היסטערישע גוזמא אָדער אַזוי עפּעס אַ „פּריילאַכע זאַך" פון אַ נאַאיוון „מאַניפעסט" און לאָזן זיך וואוילגיין מיט אַ חכמה'לע — דאָס פאַרגעניגן קאָסט ניט טייער. דאָס חכמה'לע קאָן זיך זיין ניט שלעכט. (ספּעציעל ה' גראָס ווייזט אַרויס אַ געוויסע פייאיגקייט צו חכמה'נען זיך, צו שפּילן זיך מיט

ווערטער, ווי אויך ערטערווייז צו ניואַנסירן זיין געדאַנק, — און עס קומט אים דערפאַר אַנערקענונג.) אָבער צי מאַכט עס אונז עפּעס קלערער?

לאָמיר זאָגן, אַז אַ שטייגער די „שפּראַכלאַכע היפּערטראָפיע" איז אַ שטריך — און זי איז באמת אַ געפערלאַכער און פּאַטאַלאָגישער שטריך אין דער מאָדערנער דיכטונג (דער שרייבער פון די שורות האָט ניט איינמאָל אויף דעם אָנגעוויזן) — הייסט עס, אַז מען קאָן מאַכן אַ פּאָר פּאַראָדיעס פון די סטילים־טישע גוזמא׳ס און יוצא זיין דערמיט נעגן דער נייער פּאָעזיע? ווען דאָס זאָל זיין קריטיק, וואָלט קריטיק באמת געווען זייער אַ לייכטע שפּיל, און מען וואָלט זי געקאָנט אָנטרויען יעדן חוזק־מאַכער...

ה׳ גראָס פאָדערט פון דער אידישער קריטיק מער פּראָזאאישקייט, מער ניכטערקייט (אַנדערע, פאַרקערט, פאַרלאַנגען פון איר מער פאַר׳שכור׳טקייט, מער ענטוזיאַזם). זייער שיין. אָבער ניכטער זיין הייסט דאָך ניט זיין אין דעם צושטאַנד פון „קאַצנ־יאָמער", ווען מען קאָן ניט הערן אַפילו דעם ריח פון אַלקאָהאָל. ניכטער זיין הייסט דאָך ניט דערקלערן, ווי דאָס טוט ה׳ גראָס, אַז דער גאַנצער „שטורעם און דראַנג", די גאַנצע מאָדערנע שאַפונג אין אַלע ליטעראַטורן פון דער וועלט איז ניט מער ווי פראַזע און גראַפאָמאַניע! זיין ניכטער הייסט פאַנאַנדערקלייבן זיך אין די דערשיינונגען און פערזאָנען פון דער נייער ליטעראַטור, אָפּטיילן זיי איינע פון די אַנדערע און באַטראַכטן יעדע באַזונדער לויט דער מאָס פון אירע אויפטועו אָדער דורכפאַלן, ניט מאַכן פון זיי אַלעמען איין „מחיה" און אָפּ׳פּטר׳ן זיי אַלע מיט איין „עט!"

עס איז אמת, אַז די מאָדערנע ליטעראַטור, דערהויפּט די עקספּרעסיאָניסטישע, האָט אָפּגעשאַפט אַ סך נויטיגע גרעניצן, און עס איז צו ווינציג שוין געבליבן קעגן דער „מליצה׳דיגער צולאָזנקייט"; עס איז אמת, אַז די מיטלמעסיגקייט און די גראַפאָמאַניע איז איצט חוצפּה׳דיגער, ווי אַלע מאָל; אָבער אַז מען ווערט פאַר׳שכור׳ט פון דער אייגענער „ניכטערקייט", פון דעם אייגענעם „קאַצניאָמער", און מען זעט שוין אַרום זיך גאָר־

ניט, א חוץ „ליטעראַרישע פּליאַסקעדריגעס", אַז מען ווערט־אָן די פּייאיגקייט אָפּצושיידן אמת'ע אויפטואונגען פון נאָכקריי־מענישן, אַז מען וואַרפט צונויף אַלעמען אין איין קופּע און מען דערקלערט, אַז דאָס איז אַלץ ניט מער, ווי אַ נייע „פּראַזן־ראַקעטע", איז די דערקלערונג אַליין — ניט מער ווי אַ פּראַזע, און זי איז מער ניט ווערט, ווי די ביליגע אַפּלאָדיסמענטן פון יענע לייט, וועלכע האָבן שטענדיג הנאה, אַז מען „רייסט" עפּעס „אַרונטער"...

מיר ווייסן אַלע, אַז מען דאַרף זיין קריטיש און אַז מען מעג זיין סקעפּטיש אַפילו צו נייע עקספּערימענטן אין קונסט. עס פאָדערט זיך ניט קיין באַזונדער שאַרפקייט פון קריטישן חוש צו פאַרשטיין, אַז מען מוז זיין פאָרזיכטיג מיט אָנזאָגער פון נייע פאָרמען, — פאָרזיכטיגער ווי מיט די היטער פון די אַלטע וועגן, וואָרים יענע האָבן שוין געוויזן, אַז זיי קאָנען עפּעס אויפטאָן, די דאַרפן עס ערשט ווייזן. אָבער זיין פאָרזיכטיג, זיין קריטיש, סקעפּטיש צו נייע ריכטונגען אין קונסט הייסט נאָך ניט מאַכן אַזעלכע עבט־מליצה'דיגע פאַראַלגעמיינערונגען, ווי די, וועלכע עס דערלויבט זיך ה' גראָס און נאָך וועלכער עס בלייבט איבערהויפּט ניט קיין פּלאַץ פאַר עקספּערימענטירן און נייעסן.

אַזאַ פאַראַלגעמיינערונג, אַזאַ מוסטער פון „שפּראַכלאַכער היפּערטראָפּיע" איז די „צייטלאָזע קונסט", וועלכע ה' גראָס שטעלט אַנטקעגן דער „צייט־קונסט"... דאָס איז די באַרימטע „אייביגקייט", וועלכע איז פּונקט אַזאַ „ביליגער שפּראַכלאַכער אָרנאַמענט", ווי די „מאָדערניטעט"־מליצה.

מען קאָן אין דער אמת'ן גאָר ניט א נ ט ק ע ג נ ש ט ע ל ן איינעם דעם אַנדערן דעם באַגריף פון „אייביגקייט" און דעם באַגריף פון „צייט" אין קונסט. אויב מיט „צייט־קונסט" מיינט מען אַזעלכע ווערק, וועלכע האָבן אַ ווערדע נאָר פאַר און אין זייער צייט, דאַן רעדט מען איינפאַך וועגן ניט־קינסטלערישע ווערק. בלייבט מען אָבער אין דער ספערע פון קונסט, קאָן מען ניט ריידן וועגן אייביגקייט און צייט, ווי וועגן צוויי היפּוכים. אייביגקייט און צייט זיינען דאָס אייגענע, וואָס דער

שטראָם און זיין באַוועגונג, דאָס הייסט: איין זאַך. די צייט איז אין קונסט ניט די אָפּלייקענונג, נאָר די לעבעדיגע פאַרקער־פערונג פון דער „אייביגקייט".

עס איז ניטאָ קיין קונסטווערק, וואָס זאָל ניט האָבן קיין קלענערע אָדער גרעסערע פאַרבינדונג מיט'ן „אייביגן שטראָם" פון דער וועלט, אָבער דער „אייביגער שטראָם" איז אייביגע פאַרענדערלאַכקייט, אַן אייביג פליסן, און דערפאַר איז אין יע־דער קונסט פאַראַן עפּעס אי פון דער „אייביגקייט", אין פון דער פאַרענדערליכקייט און פליסיגקייט פון „שטראָם"... אַט זיינען שטיל די וואַסערן און אַט שטורעמען זיי; אַט איז זייער אויבערפלאַך גלאַט, גאַנץ, און אַט איז זי צורודערט, צעריסן, צע־כוואַליעט, באַרג־אַרויף און תהום־אַרונטער; אַט לייכטן זיי און שפּילן און שפּיגלען זיך אויף דער זון און אַט זיינען זיי איינ־געוויקלט אין נאַכט און פינסטערניש... עס בייטן זיך די פאַרבן, עס ענדערן זיך די פאָרמען, עס רוען ניט די ריטמען פון שטראָם; ע ר איז פאַראַן אין זיי אַלע. די אייביגקייט פון דער קונסט איז — אייביגע באַוועגונג, ניט אייביגע נירוואַנע...

דאָס זיינען אַלץ באַקאַנטע זאַכן, אָבער אַז עס איז נויטיג פאַר די צילן פון פּאָלעמיק, פאַרגעסט מען, ווי עס ווייזט, די איינפאַכסטע אמת'ן, מוז מען מאַכן, אַז זיי זאָלן זיך וואַרפן אין די אויגן.

מען מוז דערמאָנען, אַז אפילו איין און דאָסזעלביגע ווערק קאָן היינט זיין אַנדערש, ווי עס איז געווען אַמאָל, און מאָרגן קאָן עס ווערן אַנדערש, ווי עס איז היינט. און ניט עס ק אָ ן, עס א י ז און עס מ וּ ז זיין אַזוי. מיר איז שווין ניט איינ־מאָל אויסגעקומען אָנצואווייזן, אַז אַ קונסטווערק איז אַ מ ע ג ־ ל י כ ק י י ט , און יעדער דור, ווי יעדער איינציגער לעזער, פאַרווירקלאַכט זי אויף זיין שטייגער, לויט זיינע כחות, לויט זיין מדרגה. יעדער דור שאַפט ניט נאָר זיין קונסט און זיינע קינסטלער, ער שאַפט אויך איבער פון ס'ניי די קונסט און קינסט־לער פון די פריערדיגע דורות. די העלדן, געטער און האַלבגעטער פון האָמער זיינען פאַר דער רענעסאַנס־עפּאָכע געווען גאָר עפּעס אַנדערש ווי דאָס, וואָס זיי זיינען געווען פאַר די אַלטע העלענער.

און אין אונזער היינטיגער פאַנטאַזיע קריגט, ווידער אַמאָל, די אַלט־גריכישע פּאָעזיע אַ נייע געשטאַלט, זי וועקט אין אונז נייע אַסאָציאַציעס, און זיי זיינען זיכער ניט ענליך אויף די, וועלכע זי האָט אַרויסגערופן ביי אַ דאַנטע און אַ פּעטראַרקאַ. אָדער — אונזער ביבל. איז „חומש מיט רש״י ניט גאָר עפּעס אַן אַנדער חומש, ווי דער, וואָס איז געווען פאַרצייטן, ווען עס איז געווען נאָך פריש ביי אידן די אַלטע געצנדינערישע טראַדיציע? איז „תנ״ך מיט ביאור״ אין דער צייט פון השכלה ניט געווען ווידער אַ באַנייאונג פון דער ביבל? האָט אָדם הקדמון פון קבלה עפּעס צו טאָן מיט דעם אָדם פון מיקעל אַנדזשעלאָ? האָט איר געזען די מעכטיגע געשטאַלט פון זיין דור? נון, האָט עס אייך ניט גע׳חדוש׳ט, וואָס זי האָט אין זיך ניט קיין שפּור פון יענעם דוד המלך, וואָס איר געדענקט פון חדר? אָבער עס איז ניטאָ זיך וואָס צו וואונדערן. דאָס איז געשען מיט אַלע גרויסע שאַפונגען פון דער מענטשלאַכער פאַנטאַזיע. דאָס איז געשען מיט האַמלעט, אַזוי ווי מיט פאַוסט, מיט דאָן קיכאָט, ווי מיט מעפיסטאָפעל. אַלע אומשטערבלאַכע ווערק, האָב איך פריער געזאָגט, זיינען אומשטערבלאַך ניט דערפאַר, וואָס זיי שטאַרבן ניט, נאָר דערפאַר, וואָס זיי שטייען אויף יעדעס מאָל תחית המתים. יעדע עפּאָכע זוכט אַריינצוגיסן איר לעבן אויך אין אַלע פריערדיגע עפּאָכעס. יעדער גרויסער דור מאַכט ניט נאָר אַליין געשיכטע, ער זוכט איבערצומאַכן אויף זיין שטייגער די גאַנצע געשיכטע פון דער מענטשהייט.

און אַ פּשיטא שוין, אַז ער לייגט אַרויף זיין שטעמפּל אויף דעם, וואָס ער אַליין שאַפט, אויף די געביידן, וואָס ער בויט, און די בילדער, וואָס ער מאָלט, און די ביכער, וואָס ער שרייבט — אומעטום לאָזט ער איבער שפּורן, סמנים פון זיין צייט — און אָט די שפּורן, אָט די סמנים פון יעדער צייט צייכענען אָן דעם וועג פון דער אייביגקייט.

ס׳איז ניט קיין פּאַראַדאָקס, ס׳איז פּשוט אויסן וועג דאָס, וואָס עס שרייבט ה׳ גראָס, אַז „דאָס כאַראַקטעריסטישע פון אַן עפּאָכע, ד. ה. דאָס, וואָס רייסט פּלוצים איבער דעם אייביגקייטס־

שטראָם פון אַנטוויקלונג און פאַרוואַנדלט די צייטלאָזיגקייט פון שאַפן אין אַ „צייט", איז נישט דער אַבסאָלוטער ווערט, נאָר דער אומווערט, נישט דאָס ווערק, נאָר די פּראָזע, דער ביליגער שפּראַכלאַכער אָרנאַמענט, וואָס באַנייט זיך פון מאָדע צו מאָדע". דאָס „כאַראַקטעריסטישע פון אַן עפּאָכע" אין דער קונסט איז ניט דאָס, וואָס „רייסט פלוצלונג איבער דעם אייביגקייטס־שטראָם פון אַנטוויקלונג", נאָר דאָס, וואָס באַפאַרבט דעם „שטראָם" מיט דער אָדער יענער פאַרב און גיט אים דעם אָדער יענעם טעמפּוס, דעם אָדער יענעם ריטם, די אָדער יענע פאָרם. דאָס „כאַראַקטעריסטישע פון אַן עפּאָכע" איז ניט דאָס, וואָס „פאַרוואַנדלט די צייטלאָזיגקייט פון שאַפן אין אַ צייט", נאָר דאָס איז דער צייט־אָפּשניט פון דעם „אייביגקייטס־שטראָם". ממילא קאָן עס נישט זיין דער „אומווערט", די „פּראָזע", דער „אָרנאַמענט", די „מאָדע".

לייקענען אין דער דינאַמישקייט און אין דער אַנטוויקלונגס־פייאיגקייט פון דעם „אַבסאָלוטן ווערט", וואָס עס האָט יעדע אמת'ע קונסט, הייסט פאַרלייקענען די גאַנצע קונסט־געשיכטע און זיין פונקט אַזוי אַנטי־היסטאָריש, ווי אייניגע פון די „נייע", אָדער נאָך מער אַנטי־היסטאָריש ווי זיי, וואָרים זיי האַלטן, לכל הפחות, פון זייער אייגענער „עפּאָכע", בעת דאָ וויל מען אין יעטווידער עפּאָכע זען די „איבעררייסונג" פון דעם „אייביגקייטס־שטראָם"...

דער „אייביגקייטס־שטראָם" פון קונסט־שאַפונג האָט זיך נישט „איבערגעריסן", פאַרקערט, ער האָט זיך ווייטער געצויגן, ווען די עפּאָכע פון דעם אַזוי אָנגערופענעם מיטלאַלטער האָט געשאַפן אַן אייגענעם גאָטישן סטיל, ווען די אַזוי אָנגערופענע רענעסאַנס־עפּאָכע האָט „אומקערנדיג זיך" צום אַלטערטום און צו גלייכער צייט אויסנוצנדיג די ערפאַרונג פון מיטלאַלטער, געשאַפן איר קלאַסישן סטיל, ווען שפּעטער איז אויפגעקומען דער באַראָק־סטיל א. אז. וו.

די איינטיילונג אין סטילן און עפּאָכן דאַרף מען ניט נעמען צו שטרענג, צו סכעמאַטיש: עס זיינען דאָ איבערגאַנגס־פאָרמען, געמיש־פאָרמען; אָבער זי האָט דאָך אַ רעאַלן גרונט, און

זי איז ניט קיין סתירה צו דער עקזיסטענץ פון דויערנדיגע און איבערצייטלאכע קונסטווערק. א דור גייט אוועק און א דור קומט — און די קונסט, אין וועלכער יעדע פון זיי האט גע־לאזט אויסלעבן זיך זיין פאנטאזיע, בלייבט. מיר בויען שוין איצט ניט אזעלכע געביידן, ווי די, וואס מען האט געבויט אין מיטלאלטער; אבער דאס שטערט אונז ניט צו געניסן זייער מאכט און פראכט. א היינטיגער דיכטער וואלט די מעשה פון אמנון און תמר געשריבן אנדערש, ווי עס איז אין שמואל ב׳; פילן מיר דערפאר נישט דעם חן און די שיינקייט, וואס זי האט אין תנ"ך?...

מיקעל אנדזשעלא׳ן און לעאנארדא דא ווינטשי׳ן האט ניט געשטערט צו שאפן דויערנדיגע אדער, אויב איר ווילט, „אייביגע" קונסטווערק דאס, וואס זיי זיינען געווען רעפרעזענטאנטן פון זייער צייט. פארוואס זאל דאס שטערן דעם היינטיגן קינסטלער, ווען ער איז געבענטשט מיט טאלאנט? פארוואס זאל אויך ער נישט קאנען פאראייביגן די צייט, וואס אין איר לעבט ער און וואס פון איר קאן ער נישט אנטלויפן. אלץ איינס, צי ער קעמפט פאר איר, צי ער באקעמפט זי? פארוואס מוז ער דינען דער אבסטראקטער טויטער „צייטלאזיגקייט" און ניט זיין געטריי צו דער קאנקרעטער, לעבעדיגער „אייביגקייט", וואס איר נאמען איז: צ י י ט? און ווי אזוי קאן מען אן א „ניכ־טערן", „פראזאאישן" אנאליז און אן באוווייזן אוועקמאכן אונ־טער׳ן האנט אלע מאדערנע שטרעמונגען אין דער וועלט־קונסט נאר דערפאר, וואס זיי זוכן אן אויסגאנג פון דעם איצטיגן כאאס און א קינסטלערישן אויסדרוק פאר די נייע לעבנס־פארמען?

ס׳איז אמת, אז אמאליגע קינסטלער האבן אויסגעדריקט — יעדער אויף זיין שטייגער — דעם גייסט פון זייער צייט, נישט ריידנדיג וועגן דעם, נישט מאכנדיג קיין וועזן פון טעא־ריעס. היינט רעדט מען צופיל וועגן דער „היינטיגער צייט", מען טעארעטיזירט צופיל. ס׳איז אן עפאכע פון זעלבסט־אנאליז, פון באוואוסטזיניגקייט. אבער אינגאנצן אן חקירות און טעא־ריעס איז זיך קיינמאל די געשיכטע נישט באגאנגען, ווען זי

האָט געדאַרפט ברענגען אויף דער וועלט אַ נייעם סטיל. אויך אין דער רענעסאַנס־צייט האָט מען נישט אָפּגעהיט דעם כּלל: „מאָל — און שווייג!" און אויפ׳ן גרעניץ פון אכצעטן און ניינצעטן יאָרהונדערט, ווען עס איז געבוירן געוואָרן דער ראָ־מאַנטיזם, האָט מען (אין דייטשלאַנד, ווייניגסטנס) גע׳חקירה׳ט זיך וועגן דער נייער קונסט נאָך קיין סך ווייניגער, ווי איצטער.

ווען עס קומט די צייט פון אַ נייער שולע, פון אַ נייעם קאָלעקטיוון סטיל, נישט נאָר פון אַן איינציגער אָריגינעלער פּער־זענלאַכקייט, זיינען דאָ געבורטס־ווייען, און זיי דריקן זיך אויס אין זוכענישן, גריבלענישן, עקספּערימענטן און איבערטרייבונגען. אין דער היינטיגער גרויסער און שטורמדיגער צייט (און ווען איך זאָג עס, מאַך איך נישט קיין מליצה, נאָר, פּאַרקערט, איך געברויך אַ בלאַסן און אָרימען אויסדרוק) — אין דער היינטיגער גרויסער און אימפּעטיגער צייט זיינען דאָ באַזונדערע אומשטענדן, וואָס מאַכן שווערער און שאַרפּער דעם קריזיס פון דער קונסט. אין אַ ווייטערדיגן קאַפּיטל רייד איך אויספירלאַכער וועגן אַ טייל פון די דאָזיגע אומשטענדן און איך קום צום אויספיר, אַז דער סטיל פון דער נייער צייט האַלט ערשט איצט אין געבוירן ווערן און אַז דער מאָדערנער שאַפונגס־גייסט שוועבט נאָך דער־וויל איבער אַ תהו ובהו. איז דערפון געדרונגען, אַז די אַלע נייעסן און עקספּערימענטן זיינען גאָרנישט נישט ווערט? עס איז נאָר געדרונגען, אַז יעדן נייעם אויפטו, יעדן נייעם עקס־פּערימענט דאַרף מען ספּעציעל באַטראַכטן, שטודירן, און זען, צי האָבן מיר מיט אים עפּעס דערגרייכט אָדער מיר האָבן זיך געלאָזט פאַרפירן פון אַן אילוזיע. עס איז אין אַזאַ טומלדיגער און צוטומלטער צייט, ווי די איצטיגע, דאָ אַ באַזונדער גע־פאַר פון אילוזיעס און זעלבסטנאַרעריי. עס זיינען דאָ איצט אויך אַ סך, וואָס ווילן באַהאַלטן זייער אָנמאַכט הינטער דער אַל־געמיינער באַוועגונג און זייער ניט־האָבן־קיין־פּנים — אונטער דער מאַסקע פון מאָדע. די דאַרפן ביטער באַקעמפט ווערן, זייער אָרט איז מחוץ למחנה. און עס איז איצט מער ווי אַלעמאָל דאָ פּלאַץ פאַר מענטשן, וואָס האָבן טאַלאַנט צו „נעגאַטיווער" און „אַגרעסיווער" קריטיק, אָבער אירע שאַרפע פיילן דאַרף זי

שיקן ניט אין דער מחנה פון די נייע סתם אין דער וועלט אריין, נאָר אין יענע, וואָס זיינען באמת פעלשער און פאררעטער פון דער קונסט אָדער אין די, וואָס האָבן נישט קיין טאַלאַנט. טאַלאַנטלאָזיגקייט איז דער שווערסטער פארברעך אין דער רעפּובליק פון קונסט. אָבער „נייקייט" איז, פונקט אזוי ווי „אַלטקייט", ניט קיין זינד, נאָר אַן איינגנשאַפט.

ב. דער וועג פון פרט און דער וועג פון כלל.

עס זיינען דאָ צוויי־ערליי וועגן פאר באנייאונג און רעוואָלוציאָניזירונג אין קונסט: דער וועג פון פרט און דער וועג פון כלל.

דער וועג פון פרט: עס ווערט געבוירן א גאון, א גרויסע פערזענלאכקייט.

שפּעטער, אין צענדליגער, אין הונדערטער יאָרן ארום, ווען מען וועט שטודירן זיינע ווערק, און מען וועט זיך גריבלען אין יעדן וואָרט זיינעם און ציילן די אותיות אין די אוניווערזיטעטן, — וועט מען אויסגעפינען, אָדער מען וועט מיינען, אז מען האָט אויסגעפונען די וואָרצלען פון זיינע גרויסע אויפטועו: וועט מען דאַן זיך ניט באנוגענען מיט זיין געניאַלער פערזענלאכקייט. מען וועט פאָרשן די צייט, ווען ער האָט געלעבט, די סביבה, וואו ער איז אויפגעצויגן געוואָרן. מען וועט זיך מיען צו ווייזן, אז שוין פאר אים זיינען געווען מענטשן, וואָס האָבן אָנגעהויבן זיין באנייאונגס־ארבעט, אָנגעזאָגט זיין קומען. די פאָרגייער, וועט מען זאָגן, האָבן געטאָן דאָס אייגענע, וואָס ער, נאָר אין א קלענערן מאַסשטאַב, אויף א נידעריגערער מדרגה, מיט אָרימערע מיטלען, אָן קלאָרקייט פון ציל. ער האָט דער „באוועגונג", וואָס האָט זיך אָנגעהויבן פאר אים, געגעבן א קלאָרע ריכטונג און, וואָס עס איז וויכטיגער, — א שנעלקייט מיט אן אימפּעט. ער איז פאר דער נייער עפּאָכע געווען ווי א שטאַרקער ווינט פאר א זעגל־שיף: זי איז געגאנגען אויך אָן אים, נאָר פּאַמעלאַך; האָט ער איר גאַנג געמאַכט גיכער, זיכער.

ער זעט אויס צו זיין אַן ע ר ש ט ע ר פאַר די, וואָס זיינען אוועק אין זיין וועג; צו גלייכער צייט איז ער אַ ל ע צ ט ע ר, אַ סך־הכל־מאַכער, אַ יורש פון די פריערדיגע דורות... עס ווערט זיך, קורץ, ארויסוויייזן, אַז ער איז געווען אַ מעכטיגער רינג אין אַ לאַנגער קייט פון אנטוויקלונגען, אַ רעפּרעזענטאַנט פון אַ גאַנצער עפּאָכע, א. אַז. וו. אָבער דאָס וועט זיין אַלץ שפּעטער, ווען די רייכע קערנדלאַך פון דער פלאַנצונג, וואָס ער האָט געבראַכט מיט זיך, וועלן זיך שוין האָבן צוגענומען, ווען דאָס נייע פעלד, די „רויערד", וואָס ער האָט געאַקערט און געזייט, וועט האָבן שוין פיל מאָל געגרינט, געבליט און געגעבן פרוכט, צייטיגע און פולע. דאַן וועט מען זען, אַז ער איז געווען איינער ניט אין זיין מין, נאָר — לויט זיין גרויס. אָבער לכתחילה, ווען ער קומט, איז ער איינער: לעבן אים, ארום אים איז ניטאָ קיינער. מען ווייס ניט, אַז אימיצער האָט פריער שוין געהערט זיינע געהיימע טריט; מען גלויבט ניט, אַז נאָך אים וועלן קומען אַנדערע, ענלאַכע צו אים: ער איז איינזאַם. די דערפאַרונגען און איינ־דרוקן, וואָס ער האָט פון לעבן זיינען דערווייל נאָר ז י י נ ע דער־פאַרונגען און איינדרוקן; ניי איז אויך דער אופן, ווי ער דריקט זיי אויס: קיינער, אַ חוץ אים, געברויכט ניט אַזאַ שפּראַך, אַזוינע פאַרבינדונגען פון ווערטער, אַזוינע פאַרבן, טענער, ריטמען, ווי זיינע; קיינער האָט ניט אַזאַ שטים... און עס דוכט זיך, אַז ער וועט זיין אייביג איינזאַם... אַ זון האָט זיך אָנגעצונדן, און עס איז ניטאָ, ווער עס זאָל געניסן איר ליכט. אָבער ער איז אַ ש אַ פ ע ר: די קראַפט, וואָס לעבט אין אים, איז אַ באַנייענדיגע, ניט נאָר אַ נייע. עס איז דאָ אין איר לעבן: מוז זי אָנהייבן וועקן אַ לעבן, וואָס איז ענלאַך צו אירן, אין אַנדערע... דאָס געזעץ פון פאַרמערונג ווירקט אויך אין דער ספערע פון גייסט... ארום אַ זון מוז זיך אָנהייבן דרייען אַן ערד, וואָס ווערט פון איר באַלויכטן, באַפרוכפּערט. אַן אמת'ער גאון קאָן ניט בלייבן אַ נסתר: עס מוז קומען די צייט פון התגלות. פריער דערזעט איינער, וואָס איז זוכה דערצו, דאַן נאָך איינער, — אַז זיינע אויגן שטראַלן אין דער שטיל, אַז די שכינה רוט אויף אים. אַ היבשע צייט בלייבט ער אַ סוד, אַ ניט־פאַרשטענדלאַ־

כער, אָבער מען אַנט שוין דעם כשוף, וואָס שטעקט אין אים, מען שפּירט דאָס ליכט פון דער פאַרבאָרגענער זון. מען נעמט זיך קלייבן אַרום אים, צוהערן זיך צו אים. די, וואָס זיינען ניט ראוי צו זיין ז י י נ ע תּלמידים, ווערן זיינעם אַ ת ל מ י ד ׳ ס תּלמידים. די, וואָס זיינען ניט געווען דרייסט גענוג צו גיין נאָך משה׳ן, גייען נאָך יהושע׳ן, און די תּורה, וואָס נעכטן נאָך האָט זיך אַ גאָט מיט איר אומגעטראָגן און קיינער האָט זי ניט געוואָלט נעמען, איז היינט די תּורה פון אַ פאָלק... ע ס א י ז פ אָ ר־ ג ע ק ו מ ע ן א ש ט י ל ע ר ע וו אָ ל ו צ י ע. ווער האָט זי ארויסגערופן? איין מענטש: אַ גאון.

און עס קאָן זיך מאַכן, אַז ער אַליין זאָל ניט האָבן געוואוסט, אַז ער האָט „איבערגעקערט אַ וועלט". אים האָט זיך געקאָנט דוכטן, אַז ער גייט אויפ׳ן אַלטן וועג, נאָר מיט גרעסערע, דרייס־טערע טריט, ווי די פריערדיגע. די שטילע רעוואָלוציעס אין דער קונסט זיינען אָפט „אומבאוואוסטזיניגע" רעוואָלוציעס. (האָט שעקספּיר דען געהאַט אַ נייע טעאָריע פון דראַמע?)

אָבער אפילו דאַן, ווען זיי זיינען באוואוסטזיניג, איז דער עיקר אין זיי דאָס נייע ו ו ע ר ק, די פ א ר ו ו י ר ק ל א כ ו נ ג, ניט די נייע פּ ר אָ ג ר אַ ם.

אַנדערש איז יענער וועג פון באנייאונג אין קונסט, וואָס איך רוף אָן ד ע ר ו ו ע ג פ ו ן כ ל ל. ער איז פון אָנהויב אָן אַ ש ל י אַ ך. אויף אים גייען גרופּעס, שולן, קאַראַוואַנען, ניט יחידים.

און זיי מאַכן אַ טומל נאָך איידער זיי מאַכן אַן איבערקע־רעניש. דאָס איז „אַ וועג — אַ טומלער", לויט אַן אויסדרוק פון י. ראַלניק.

דאָס איז ניט אַ ניי קינד, וואָס איז שוין געבאָרן געוואָרן און באַלד ווערט עס אָנהויבן שמייכלען, ווי עס איז דער פאַל מיט דער באנייאונג אין דער קונסט, וואָס עס ברענגט דער גאון; דאָס זיינען ערשט חבלי־לידה, חבלי משיח. עס ד אַ ר ף קומען אויף דער וועלט אַ נייע קונסט־פאָרם, אַ נייע דערלייזונגס־קראַפט, זי גרייט זיך צו קומען, זי איז נאָך נישטאָ.

עס זיינען געוואָרן ענדערונגען אין דער נשמה פון יחיד, נאָך

מער — אין לעבן פון כלל; עס האָבן זיך אָנגעקליבן נייע דער־פארונגען; נייע באַדערפֿנישן זיינען אויסגעוואַקסן: עס איז דאָ מ אַ ט ע ר י אַ ל פאַר אַ נייער פֿאָרם אין דער ק ו נ ס ט; עס איז ניטאָ נאָך דער מ י י ס ט ע ר. עס איז כאַאָס, יענער תהו ובהו, וואָס פאַר יעדן מעשה בראשית. עס קנוילן און וויקלען זיך נעפּל־מאַסן, זיי רייסן זיך צו ליכט, עס שוועבט איבער זיי דער רוח אלהים, דער גייסט פון שאַפן, אָבער ער האָט זיי נאָך נישט באַלעבט.

עס איז פונקט דער היפּוך, ווי אין דעם פאַל, ווען אַ נייע קונסט־וועלט ווערט באַשאַפן פון אַ גרויסן יחיד: דאָרט ווערט געגעבן אַ תורה נאָך איידער דאָס פאָלק און דער דור האָט זוכה געווען, איז מסוגל געוואָרן זי אָנצונעמען; דאָ שטייט אַ פאָלק, אַ דור, — און דאַרשט און לעכצט נאָך אַ נייער תורה, נאָר מ ש ה, וואָס האַלט אין זיינע מעכטיגע הענט אירע לוחות, זאַמט זיך צו קומען.

אין אַזאַ צושטאַנד געפינט זיך די וועלט פון קונסט ביי היינטיגן טאָג.*) עס כאַפּן איר אָפּט אָן די ווייטאָגן פון געבורט, אָבער די מזל׳דיגע שעה פון דעם נייעם לעבן, וואָס דאַרף אַרויס אויף דער ליכטיגער שיין, איז נאָך ניט געקומען. עס איז אַ צייט פון „שטורעם און דראַנג". עס ציטערן די גרונט־פעסטן פון די אַלטע געביידעס. עס בלאָזן די האָרנס פון דער צוקונפטס־מחנה. אָבער זי איז נאָך אַלץ אַ צ ו ק ו נ פ ט י ג ע. דער דאָרשט, די גלוסטונג צו עפּעס נייס אין דער קונסט, וואָס זאָל שטימען מיט די גרויסע נייסן, וואָס זיינען דאָ אין לעבן, איז גרויס, אָבער דאָס, וואָס ווערט גערעדט און געשריבן אין דער לעצטער צייט וועגן נייע פאָרמען, נייע וועגן, איז מער אַ רייצונג, ווי אַ שטילונג פון דעם דאָרשט נאָך נייער קונסט. עס איז אַ רויטע טעאָריע מיט אַ בלאַסער פּראַקטיק. עס ווערט ניט אָנגע־ווענדט דער אין קונסט־טעאָריעס איינציג ריכטיגער אינדוקטיווער מעטאָד, — דער מעטאָד, וועלכער שאַפט נייע פּרינציפּן אויף׳ן

*) געשריבן אין יאָר 1922.

סמך פון נייע דערפארונגען. מען הויבט אָן פון אבסטראקציעס, פון פּראָגראַמעס, מען שרייבט מאַניפעסטן, מען קאָנסטרו־אירט אידעאַלן און מען זוכט זיי צו פאַרווירקלאכן.

ביז איצט האָט מען נאָך זייער ווינציג זיך דערנענטערט צו דער פאַרווירקלאַכונג פון די נייע אידעאַלן אין דער קונסט. צווישן די אַלע ווערק אין נייעם און נייסטן סטיל, וואָס זיינען באַשאַפן געוואָרן פאַר דער לעצטער צייט, זיינען ניטאָ אַזוינע, וואָס זאָלן האָבן אין זיך כאָטש אַ טייל פון דער איבערצייגונגס־קראַפט און דער לעבנספולקייט, וואָס עס האָבן פיל פון די נייע און נייסטע טעאָריעס. דער קינסטלערישער באַוואוסטזיין פון אונזער צייט האָט איבערגעיאָגט איר קינסטלערישן קאָנען... עס זיינען דאָ טאַלאַנטן, אָבער מען זעט ניט די, וואָס זאָלן האָבן אין זיך די ווירקונגס־קראַפט פון געניאַליטעט. מארינעטי, איי־נער פון די ערשטע פוטוריסטן אין איטאַליע, וועלכער האָט גע־האַט אַ ווירקונג אויך אויף אַנדערע לענדער, האָט אַרויסגעזאָגט אין זיין „מאַניפעסט" און זיינע אַנדערע אַרבעטן וועגן קונסט דרייסטע רעוואָלוציאָנערע געדאַנקען, אַרויסגעשטעלט אַ נייע פּראָ־גראַם. אָבער לייענט זיין אייגענע פּאָעזיע: איז עס ניט הוילע רעטאָריק? פיל באַדייטנדיגער איז געווען דער פראַנצויז אַפּאָ־לינער; אָבער — אויך מער טעאָרעטיש. אין רוסלאַנד איז דער פוטוריסט מאיאַקאָווסקי זיכער אַ טאַלאַנט; אָבער די ווערק זיינע, וואָס מיר איז אויסגעקומען צו לייענען, מאַכן מער אַ איבערראַשנדיגן, ווי אַ טיפן איינדרוק. דאָס אייגענע איז מיט די ווערק פון אַלע אַנדערע קונסט־רעוואָלוציאָנערען אין דער לעצ־טער צייט. זיי האָבן אַלע שאַרפע, פיינע און פרוכטבאַרע גע־דאַנקען, ווען זייריידן אַבסטראַקט וועגן דעם נייעם לעבנס־ריטם, וואָס וועקט זיך און וועבט זיך אין יחידים, אין גרופּעס, ווען זיי ריידן וועגן די באַדערפענישן, וואָס זיינען אויס־געוואַקסן, וועגן די נייע מעגלאַכקייטן, וואָס זיינען באַ־שאַפן געוואָרן, אַ דאַנק דער אַנטוויקלונג פון דעם גרויס־שטעטישן לעבן, דעם אינדוסטריאַליזם, דער ראָלע פון דער מאַשינען־טעכניק, דער צעטרייסלונג פון דער ווירטשאַפט, דער אויפציטערונג פון דער מאָראַל, פון דער גאַנצער פסיכיק, וואָס עס האָבן געבראַכט

מיט זיך די מלחמות, די רעוואָלוציעס... אָבער אַז עס קומט צו באַפרידיגן די נייע באַדערפנישן, צו פאַרווירקלאַכן די נייע מעג־לאַכקייטן, זיינען אַלע אומבאַהאָלפן.

אַבסטראַקט־טעאָרעטיש האָבן אונז אפילו די עקסטרעמסטע דאַדאַאיסטן וואָס צו זאָגן, אָבער פּרובט לייענען, אַן פאָראור־טיילן, אַ פּאָעמע, לאָמיר זאָגן, פון טריסטאַן זאַראַ, דעם „גרינדער" פון דאַדאַאיזם, וועט איר זען, אַז ער איז זייער ווייט פון דער־גרייכן זיין ציל... די מייסטערס פון דער „אַלטער" קונסט האָבן זייערע צילן דערגרייכט.

צייגט עס, אַז די נביאים פון דער נייער פּאָעזיע, פון דער נייער מאַלעריי און אַרכיטעקטור זיינען פאַלשע נביאים? ניין. זייער נביאות איז נויטיג און אומפאַרמיידלאַך, אָבער — לאָמיר נישט נאַרן זיך אַליין — זי איז נאָך נישט מקוים געוואָרן. דער אמת'ער אויסלייזער פון דעם מאָדערנעם מענטשן, משיח בן דוד, דאַרף ערשט קומען. דערווייל איז די צייט פון משיח בן יוסף, פון מלחמת גוג ומגוג אין דער קונסט. איר באַנייאונג גייט אויפ'ן וועג פון כלל, ד. ה. עס עקספּלאָדירט אין איר אַן אויפרייס־שטאָף, וואָס האָט זיך אָנגעקליבן אין לעבן פון קאָלעקטיוו, — און דאָס איז נאָר אַ צוגרייטונג פאַר'ן גרויסן בויער, וואָס דאַרף קומען.

די אויפריכטיגערע צווישן די אַפּאָסטאָלן פון נייעם קונסט־סטיל ווייסן עס. זיי שעצן הויך דעם ווערט פון די דרייסטע עקספּערימענטן, זיי ווייסן אָבער, אַז דאָס זיינען דערווייל נאָר עקספּערימענטן. שפּעטער (ווער ווייס, אפשר מאָרגן?), ווען עס וועט קומען דער גאון, דער גרויסער אויספירער פון דער נייער קונסט, וועט מען זען, אַז די פילע עקספּערימענטאַטאָרס האָבן געאַקערט דעם באָדן פאַר אים, אָפּגעראַמט די דערנער, צו־געגרייט דעם באַוואוסטזיין פון זיינע געניסער. מען וועט ווייסן ווי צו שעצן דעם דערציאונגס־ווערט פון זייער קינסטלערישער פּראָפּאַגאַנדע; אָבער ערשט דאַן וועט קלאָר ווערן פאַר אַלעמען דער קליינער ווערט פון זייער שאַפן...

די אויפריכטיגערע פון זיי, האָב איך געזאָגט, פאַרלייקענען עס נית. אין דער פאָררעדע צו אַן אַנטאָלאָגיע פון מאָדערנער

דייטשער פּאָעזיע לייענען מיר: „...פון די פיל, פיל דיכטונגען פון היינטיגן דור וועלן כמעט אַלע גיין פאַרלאָרן, ווען עס וועלן האָבן אָפּגעשטורמט די שטורמס פון זייער עפּאָכע. אָנשטאָט עטלאַכע גרויסע לייכטנדיגע וואָרעמענדיגע שטערן, וועלן די קו־מענדיגע דורות אין זייער מאַסע זען נאָר אַ מילכוועג, וואָס שי־מערירט אַרויס פון אָן אַ שיעור קליינע שטערנדלאַך און גיסט זיין בלאַסן גלאַנץ אין די נאַכט־פּאַליעס אַריין". אַזוי זאָגט אָן אָנהענגער פון די פוטוריסטישע ריכטונגען אין דער דייטשער פּאָעזיע. דאָס אייגענע לייענען מיר ביי אַן אונזעריגן: „יעדעס איצטיג געדיכט, יעדעס היינטיג געזאַנג איז אַ שמעטערלינג, וואָס פאַרברענט זיך אַרום פייער און לעבט זיך אויס זיין אומשטערב־לאַכקייט אין איין אויגנבליק". (פּרץ מאַרקיש: „די עסטעטיק פון קאַמף אין דער מאָדערנער דיכטונג" — „רינגען", 10, 1922, וואַרשע.)

מאַרקיש גלויבט, אַז דאָס נעמט זיך דערפון, וואָס „אינ'ם ווילד צעבושעוועטן ים פונ'ם מעכטיגן רעוואָלוציאָנערן שקוואַל (אין ים פון . . . שקוואַל? איז דאָס אַ „אימאַזשיניסטיש" בילד?) מוז יעדע באַזונדערע קינסטלערישע ערשיינונג צעטראָגן ווערן, ווי אַ קליין הילצערן שליופּקעלע (שיפעלע), וואָס מ'וואַרפט אַראָפּ די צעעפנטע כוואַלישע שלונגען. יעדע קינסטלערישע דער־שיינונג גיט איינמאָל אַ בליץ — ווי אַ ראַקעטע, מאַכט איר פיל־פאַרביגע ברכה איבער דער וועלט, דרייט זיך אויס איבער די הויכן און פאַלט אַראָפּ. און ווערט איינגעשלונגען. אָבער פון איר פאַלן שלאָגן זיך אויס נייע ראַקעטן, וואָס הייבן זיך נאָך אַמאָל אויף און פאַלן ווידער, און מערן זיך, און אָנצאָליגן זיך, און גייען דורך די ערד און די הימלען מיט פייערדיגע שנורן, וואָס מ'זעט נאָר אין זייער ברענענדיג באַוועגלאַכקייט. אַזוי אַרום רעגענען מיר זיך איצט פילפאַרביג אַרויף און אַראָפּ, און יעדער פון אונז איז ניט מער, ווי אַ פאַלנדיגער טראָפּן פון אַ גרויסן שלאַקס־האָגל, קוים מערקזאַם אין אָפּגעזונדערטקייט און אומענדלאַך און אינאיינעמדיגן צונויפגאַס". דאָ ווערט אויף אַן עקספּרעסיאָניסטישן אופן אויסגעדריקט דער צייטמאָסיגער כאַ־ראַקטער, אָבער — אויך דער צייטווייליגער ווערט פון דאָס, וואָס

פּרעטענדירט אויף דער ראָלע פון מאָדערנער קונסט. אירע טרייסטע תּלמידים זיינען זיך מודה (אָדער זיי באַרימען זיך), אַז זי „לעבט אויס איר אומשטערבלאַכקייט אין איין אויגנבליק"... וואָלט אימיצער זאָגן עפּעס ענלאַכעס וועגן דער קונסט פון אַ נייער עפּאָכע, וואָס אירע רעוואָלוציעס זיינען סטימולירט געוואָרן פון געניאַלע פּערזענלאַכקייטן, ניט פון גרופּעס און מאַסן, ווי איצט? האָט די עפּאָכע פון דער גרויסער גריכישער קונסט אויסגעלעבט איר אומשטערבלאַכקייט „אין אַן אויגנבליק" אָדער אפילו אין הונ־דערט, אין טויזנט יאָר? זיינען די גרויסע מייסטערס פון דער רענעסאַנס אויס מייסטערס איצט? זיינען זיי שוין נאָר אַ „מילכוועג, וואָס שימערט אַרויס פון אָן אַ שיעור קליינע שטערנדלאַך"? שיינען זיי ניט, ווי גרויסע העלע שטערן, אויף אונזערע הימלען? געוויס, ס'טרעפן צייטן, ווען וואָלקנס פאַר־שטעלן זיי פון אונז. אָבער די וואָלקנס פאַרשווינדן, ווי רויך. זיי בלייבן. זיי זיינען אייביג (לויט אונזער מענטשלאַכן באַגריף פון אייביגקייט), סיידן ס'איז גערעכט שפּענגלער, וועל־כער זאָגט, אַז „די גאַנצע קונסט איז שטערבלאַך, נישט נאָר איינצלנע ווערק, נאָר די קונסט אין גאַנצן. ס'וועט קומען אַ טאָג, זאָגט ער, ווען ס'וועט אָפּשטאַרבן רעמבראַנדט'ס פּאָרטרעט — דאָס אָנגעמאָלטע לייוונט וועט בלייבן גאַנץ, אָבער ס'וועט ניט זיין דאָס אויג, וואָס נעמט אויף די שפּראַך פון פאָרמען". ווען דער פאַרפלוכטער טאָג זאָל קומען, וועלן ניט זיין מער ניט קיין קליינע, ניט גרויסע קונסט ווערק. עס וועט ניט זיין קיין קונסט איבערהויפּט. כּל זמן זי איז פאַראַן, לעבן די ווערק, אין וועלכע זי האָט געפונען איר העכסטן אויסדרוק.

אין פיבער פון פאָלעמיק קאָן זיך ביי דעם אָדער יענעם אַרויסכאַפּן, אַז מיר, היינטיגע, האָבן מער נישט וואָס צו זוכן ביי עסביל און סאָפאָקל, לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי און מיקעל אַנ־דזשעלאָ, שעקספּיר אָדער געטע, אַז מען דאַרף „אַראָפּשליידערן פון דער שיף פון דער נייצייט די פּושקינס", אַז מען דאַרף אויפ־רייסן מיט דינאַמיט אַלע מוזייען, פאַרברענען אַלע ביבליאָטעקן. אָבער קיינער נעמט עס דאָך ניט און קיינער מיינט עס ניט ערנסט. אפילו די, וואָס זאָגן עס, מיינען עס ניט ערנסט.

ווייניגער פון אַלעמען זיינען פאַראינטערעסירט אין דעם אונטער־גאַנג פון די „אַלטע" ווערק פון קונסט די טרעגער פון איר צו־קונפט, אויב פוטוריסטן זיינען באמת די אָנזאָגער פון דער צו־קונפט. ווען עס זאָל מקוים ווערן דער אידעאַל פון אַנדרעיעוו'ס סאַווא, — די ערד זאָל נאַקעט ווערן און איבער איר זאָל שפּאַצירן אַ נאַקעטער מענטש, אָן אַ טראַדיציע, אָן אַ זכרון און אָן זכרונות, — וועט אויפבליען (אויב עס וועט אויפבליען) צוריק — אַ פּרימיטיווע, ניט קיין ראַפינירט־מאָדערנע קונסט. די צו־קונפט איז אַ צוקונפט דערפאַר, וואָס עס איז פּאַראַן (ניט נאָר עס איז געווען) אַ פאַרגאַנגענהייט. אין די אמת גרויסע ווערק פון די אַלטע צייטן זיינען אונז פרעמד אָדער קאָנען אונז פרעמד ווערן געוויסע פּרטים, אויסערלאַכקייטן, ניט זיי אַליין. זיי בלייבן אונז נאָענט, כאָטש די צייט־און אָרט־אומשטאַנדן, וועלכע האָבן געלאָזן אין זיי די טיפסטע שפּורן, זיינען שוין לאַנג פאַר־שוואונדן. מיר קאָנען ווערן טויט אויף אַ געוויסער צייט פאַר זיי. דאַן דוכט זיך אונז, אַז זיי זיינען נישטאָ מער. אָבער זיי לעבן. דערפון נעמט זיך, וואָס עס קומט אַ צייט, ווען מיר זאָגן, אַז זיי האָבן אויפגעלעבט. זיי זיינען אין דער אמת'ן גאָר קיינמאָל ניט טויט געווען...

עס הערט ניט אויף צו זיין אמת, מעג עס זיין ווי טריוויאַל, אַז דער וויכטיגסטער סימן פון יעדן גרויסן ווערק אין אַלע צייטן איז זיין דויערהאַפטיגקייט, זיין איבערצייטלאַכקייט. און אויב מיר זעען, אַז פילע פאָרשטייער פון דער נייער קונסט פילן אַליין, אַז זיי האָבן ניט באַוויזן נאָך צו שאַפן קיין דויערנ־דיגע ווערטן, איז עס אַ באַווייז, אַז זיי פאַרמאָגן דערווייל נאָר דעם באַוואוסטזיין, די אַנונג פון אַ נייער קונסטפאָרם, ניט דעם כח, וואָס איז נויטיג זי צו שאַפן... זאָגן, אַז עס זיינען דאָ צייטן, — און דאָס זיינען די צייטן פון רעוואָלוציעס, די היינטיגע צייטן — ווען מען קאָן ניט שאַפן קיין „אייביגע" קונסטווערטן, הייסט נאָר זאָגן, אַז עס זיינען דאָ צייטן, וואָס זיינען בכלל ניט מסוגל פאַר קונסט... אָבער וועגן דעם, שפּעטער.

דערווייל וויל איך אויסטייטשן, אַז עס איז ניט קיין צופאַל,

וואָס אַלע נייע טעאָרעטיזירן און פֿאַלעמיזירן אַזוי פֿיל. זיי פֿילן, אַז דאָס איז דאָס געביט, וואו זיי קאָנען עפּעס אויפֿטאָן. דער רעוואָלוציאָנערער גאון דאַרף נישט קיין טעאָריע פֿון נייער קונסט: ער שאַפֿט נייע קונסט. ער דאַרף נישט קעמפֿן פֿאַר דער נייער ריכטונג אין זיינע ווערק: זי קעמפֿט אַליין פֿאַר זיך; ער קאָן זיך אויף איר פֿאַרלאָזען. ער איז, אגב, אַליין דער פֿאָטער פֿון אַ רעוואָלוציע, קאָן ער רואיג געוועלטיגן איבער איר. די, וואָס זיינען קינדער (אָדער אָנזאָגער) פֿון אַ רעוואָלוציע — די זיינען באַהערשט פֿון עפּעס אַן אומרו, — און אויך דאָס איז אַ סיבה, פֿאַרוואָס זיי האַלטן אין איין פֿאָלעמיזירן און חקירה'ן זיך.

זיי שפּרינגען אַריבער פֿון איין נייער שול צו אַן אַנדערער, פֿון איין טעאָריע צו אַ 'צווייטער. דאָס איז דערפֿאַר, וואָס זיי זיינען ניט קיין אמת'ע קינסטלער, זיי האָבן נאָר געדאַנקען וועגן קונסט. קונסט איז סטאַביל, נישט געקוקט אויף איר עלאַסטישקייט; זי האָט אין זיך אָן אַ שיעור מעגלאַכקייטן, זי איז אָבער שטענדיג איינע; געדאַנקען (און אויך געדאַנקען וועגן קונסט) זיינען פֿליסיג. איין געדאַנק גייט אַוועק, אַן אַנדערער קומט. איז טאַקע קיינמאָל ניט געווען ניט אין דער פּאָעזיע, ניט אין דער מאַלעריי, ניט אין טעאַטער און ניט אין אַנדערע קונסטן אַזויפֿיל „איזמען" און אַזוינע אָפֿטע בייטענישן פֿון די „איזמען", ווי איצט. יעדער גרופּע קומט מיט אַ נייעם מאַניפֿעסט, מיט אַ נייער פּראָגראַם. יעדן טאָג ווערן געבוירן נייע גרופּעס. ניט די נעמען פֿון איינציגע גרויסע קינסטלער אָדער גרויסע קונסט־ווערק הערט מען, ווי אין דער עפּאָכע פֿון רעוואָלוציאָנערע גאונים, נאָר די נעמען פֿון ריכטונגען, פֿון „שולן", פֿון פֿראַקציעס, ווי אין אַ צייט פֿון מאַסן־רעוואָלוציעס...

גייען ליבן אום סטאַדעסווייז? ניין. אויך אמת'ע קינסטלער טוען עס ניט. „דו ביזט אַ קייסער; זיי אַליין" — זאָגט פּושקין צום דיכטער. די פּאַרשטייער פֿון דער היינטיגער קונסט זעט מען זעלטן ווען אַליין; זיי טרעטן שטענדיג און אומעטום אַרוים גרופּעסווייז. זיי טוליען זיך איינער צום אַנדערן, ווי זיי

וואָלטן זיך שרעקן פאַר איינזאַמקייט... זיי בייטן אויס די מאַסן אויף קלייזלאַך... זיי האָבן מורא אַליין צו זיין, נישט נאָר דערפאַר, וואָס זיי פילן זיך נישט גענוג שטאַרק; נישט נאָר דערפאַר, וואָס זיי זיינען ניט זעלבסטשטענדיג. עס איז דאָ נאָך אַ סיבה, און זי איז זייער אַ וויכטיגע, פאַרוואָס זייער אַרויסטרעטן האָט אומעטום מער אַ קאָלעקטיוון, ווי אַן אינדיווידועלן כאַראַקטער: זייער עצם ניט צופרידן־זיין מיט דער ביזאַהעריגער קונסט, זייער גאַנצער רעוואָלט קעגן איר ווערט אַלץ מער און מער אַ געזעלשאַפטלאַך־פסיכאָלאָגישע דערשיינונג. עס ווערט אַלץ קלערער, אַז ניט אין אַ געניאַל־שעפערישן יחיד האָט זיך געעפנט אַ ניי אויג, אַ ניי אויער, אַ נייער קוואַל פון דערפאַרונג און עס איז (פאַר אים אַליין) געוואָרן נויטיג און מעגלאַך אַ נייער אויסדרוקס־אופן, אַ נייער געשטאַלטונגס־מעטאָד, אַ נייע קונסט. ניין, אין דער פסיכיק פון אַ סך סענזיטיווע פאַרשטייער פון דער גאַנצער היינטיגער געזעלשאַפט זיינען פאָרגעקומען ענדערונגען, גרויסע צערודערטקייטן, אַ דאַנק דער ווירקונג פון געוויסע לעבנס־געשעענישן, פון געוויסע סאָציאַלע פּראָצעסן, — און אָט דאָס האָט פאַרטונקלט פאַר דעם „נייעם מענטשן" דאָס ליכט פון דער עקזיסטירנדיגער קונסט, אָפּגעקילט זיין אינטערעס צו איר און אויפגעוועקט אין אים אַ בענקשאַפט נאָך עפּעס נייס, ניט געוועזענעס.

עס זיינען געווים דאָ איינציגע, וואָס דער אימפּולס צו זוכן נייע וועגן אין דער קונסט איז ביי זיי אַ ריין־קינסטלערישער. אָבער ניט זיי רעפּרעזענטירן די מאָדערנע באַוועגונג (און דאָס איז אַ באַוועגונג) אין דער קונסט. אַ סך מער כאַראַקטעריסטיש פאַר איר זיינען יענע דיכטער, טעאָרעטיקער און היסטאָריקער אירע (זי האָט שוין אויך היסטאָריקער), וואָס אין זייערע באַטראַכטונגען און דערקלערונגען נעמען זיי פאַר אַן אויסגאַנגס־פונקט ניט עסטעטיש־קינסטלערישע, נאָר סאָציאַל־קולטורעלע פּראָבלעמען.

און אָט דאָס איז דער עיקר אונטערשייד צווישן די ראָמאַנטיש־סימבאָליסטישע „פּאַסעאיסטישע" קונסט־טעאָריעם (פון

דעם פריערדיגן דור „באַנייער") און די „פוטוריסטישע" ריכ־טונגען פון דעם איצטיגן דור. יענע האָבן באַטראַכט די פראַגן פון קונסט אָפּגעזונדערט פון די צייט־פּראָבלעמען; קונסט איז פאַר יענע געווען אַ וועלט פאַר זיך, אַן אויטאָנאָמע רעפּובליק, וואָס האָט אירע אייגענע געזעצן, אירע אייגענע געזעצגעבער. אויף דער שייכות, וואָס איז פאַראַן צווישן זייער קונסט און דעם פילן און דענקען פון געוויסע געזעלשאַפטלאַכע קלאַסן האָבן אַנגעוויזן זייערע געגנער, ניט זיי אַליין; זיי האָבן עס גע־לייקנט. די פאָרשטייער פון די היינטיגע נייע שטרעמונגען ריידן אָפּט וועגן דעם סאָציאַלן באָדן, וואָס אויף אים זיינען זיי אויסגעוואַקסן. זיי אַליין האַלטן אין איין טענה'ן אַז עס איז געקומען אַ נייע צייט; מיר זיינען אַרומגערינגלט פון אַ נייער סאָציאַלער אַטמאָספערע; די גרויסע שטאָט, די מאָדערנע טעכ־ניק, די הויכאַנטוויקלטע אינדוסטריע (און דערהויפּט די מלחמות און רעוואָלוציעס פון די לעצטע יאָרן) האָבן געענדערט דעם טעמפּוס פון אונזער לעבן, געמאַכט אַן איבערקערעניש אין אונזער פסיכיק, און דערפאַר זיינען אונז פרעמד געוואָרן די אַלטע קונסט־פאָרמען, די ביזאַהעריגע שאַפונגס־מעטאָדן. עס איז אַריינ־געגאַנגען געוואָרן אין די מאָדערנע קונסטריכטונגען (דערהויפּט אין דייטשלאַנד און רוסלאַנד) אַ סאָציאַלער (שיעור ניט אַ „מאַרקסיסטישער") שטראָם. עס איז אָפּגעפרישט געוואָרן די אַלטע טעמע: ליטעראַטור — און לעבן, די קונסט — און דאָס פאָלק...

פאַר מיר ליגט אַ כאַראַקטעריסטיש בוך פון אַ באַגאַבטן און געבילדעטן רוסישן מאָדערניסט, אַ געוועזענעם „עסטעט", איליא ערנבורג, — און דאָס גאַנצע בוך איז פול מיט אָט דער סאָציאַלער טעמע, מיט אָט דעם „סאָציאָלאָגישן מעטאָד". „איך בעט אייך", שרייבט דער אויטאָר וועגן די פאָרשטייער פון דער נייער קונסט אין פאַרשיידענע לענדער, — „ניט מיינט, אַז דאָס זיינען נביאים אָדער זעער. איינפאַך, ניכטערע אויספירן פון רעאַלע דאַטן. די קינסטלער האָבן, אַרויסגייענדיג פון די טור־מעס, אַ קוק געגעבן אויפ'ן לעבן און פאַרוואונדערט געוואָרן. אַ נייער לעבנס־שטייגער, אַ נייער מענטש — דאַרף זיין אַ נייע

קונסט. כדי צו פֿאַרשטיין די איבערקערעניש, דאַרף מען ניט שטודירן קיין עסטעטישע מאַניפֿעסטן, נאָר א קוק טאָן, וואָס עס טוט זיך אַרום". און די גאַנצע אַפּאָלאָגיע פֿון דעם נייעם סטיל איז געבויט אויף דעם *אַרום*. ניט א נייער קינסטלער האָט אים געבראַכט אויף דער וועלט, נאָר די נייע צייט, דאָס נייע מיליע. דער אינדיווידואַליזם און דער אינטראָספּעקטיוויזם איז פֿאַר די כאַראַקטעריסטישע פֿאָרשטייער פֿון דער מאָדערנער קונסט אין אייראָפּע (דערהויפּט אין דער רעוואָלוציאָניזירטער רוסיש־דייטשער אייראָפּע) — פּונקט אַזאַ אַנאַכראָניזם, ווי די לעבנספּרעמדקייט און שטאָלצע נזירות פֿון דעם „עסטעט". זייער וועג דאָרט פֿירט צום קאָלעקטיוו פֿון איך, צום איך פֿון קאָלעקטיוו, ניט צום איך פֿון איך. אין זייערע ווערק קאָכט און זידט דאָס אויפגעשטורעמטע בלוט פֿון די מאַסען, דער אויפגערודערטער פֿעלקער־געוויסן. זייערע ריטמען מיט אַלע זייערע דיסאָנאַנסן זיינען די ריטמען און די דיסהאַרמאָניעס, וואָס שרייען אַרויס פֿון די סאָציאַלע איבערקערענישן, פֿון סאָציאַלן כאַאָס.

כאַאָס: צעשטערטע און איבערגעקערטע וועלטן, האָפענונגען, איינגעטונקט אין בלוט פֿון פֿאַרצווייפֿלונג, פֿלאַמען פֿון שׂרפֿות, פֿון זונען, וואָס גייען אונטער כדי נאָך אַמאָל אויפצוגיין, הימלען, וואָס שפּיגלען זיך אין אָפּגרונטן, — דאָס איז דער צושטאַנד פֿון לעבן. *און די קונסט איז צו נאָענט צו אים, אַז זי זאָל אים קאָנען באַהערשן.*

די נאָענטקייט פֿון דער מאָדערנער קונסט צום מאָדערנעם לעבן — דאָס איז איר מאַכט, דאָס איז אויך איר מאַכטלאָזיגקייט. זי האָט נאָך נישט אָנגעקליבן גענוג קאָלעקטיווע כחות, און עס פֿעלן איר די אינדיווידועלע געניעס, וואָס זאָלן קאָנען אויסשמידן א פֿורעם, שאַפֿן א פֿאָרם פֿאַר די גרויסע, ניט־געצוימטע כאַאָטישע ענערגיעס פֿון דער מאָדערנער צייט. קלינגען אין איר נאָר עכאָס פֿון די צעשטערונג־קולות; נאָר זיי רייסן אויף און מאַכן ציטערן אַרום אונז די לופֿט.

ג. „די קונסט איז טויט".

אז מען הערט זיך צו גוט צו די שטימען פון דער צייט, שפירט מען, אז אין דעם ניט־אויפהערנדיגן געשריי: „די (אַלטע) קונסט איז געשטאָרבן — לעבן זאָל די (נייע) קונסט!" — שטייט די טראַפּ אויף דער ערשטער העלפט... נאָך איידער דער מאָדערנער מענטש האָט באַוויזן צו שאַפן אַ נייע קונסט־וועלט, האָט ער שוין אָפּגעקערט זיך פון דער אַלטער.

אפשר האָט ער אויף אַ צייט זיך אָפּגעקערט בכלל פון דעם, וואָס מיר זיינען געוואוינט צו פאַרבינדן מיט דעם וואָרט קונסט. אפשר איז ער איצט צופיל פאַרכאַפּט פון די לעבנס־שטורמס. „אין זיינע צאָלרייכע אַנטדעקונגען", — שרייבט לואיס אונטערמייער אין זיין בוך „די נייע ערא אין דער אמעריקאַנער פּאָעזיע" (ענגליש) — „אַפּעלירט צו אונז דער נייער פּאָעט ווייניגער אַלס אַ ליבהאָבער פון קונסט, ווי אַלס אַ ליבהאָבער פון לעבן". און דאָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר די דיכטער פון דער „נייער ערא" אין אַלע לענדער, ניט נאָר אין אַמעריקע.

אונטער דער פאָנע פון „ליבע און טרייהייט צום לעבן", צום מאָדערנעם לעבן, ווערט אומעטום געפירט אַ קאַמף קעגן „עס־טעטיזם" און „קונסט פון קונסט וועגן". אָבער דאָס איז נישט נאָר אַ רעאַקציע קעגן אַ געוויסער ריכטונג. פון דעם קאַמף קעגן עסטעטיזם ווערט אַ קאַמף קעגן עסטעטישע ווערטן; מען פאַרוואַרפט בּיסלאַכוויים די קונסט, ניט נאָר די „קונסט צוליב קונסט". „זיין קלענסטע לעבעדיגע מענ־טשישע באַוועגונג", — שרייבט מאַרקיש וועגן דעם מאָדערנעם דיכטער, — „פאַר'שכור'ט מער, ווי זיין גרעסטע פּאָעמע. זיין יעדער פינגער איז אַלעמאָל אַ נייער פּערז פון פאַרשיידענע פאָרמען און וואַריאַנטן. די אויגן זיינען אַלע מאָל אַנדערע סימפאָניעס פון שטילקייט און כאָראַלן". דאָס קלינגט שטאָלץ. אָבער וואָס באַטייט אָט דאָס שטעלן אַנטקעגן דער „גרעסטער פּאָעמע" „די קלענסטע לעבעדיגע מענטשישע באַוועגונג"? דאָס

באַטייט: שטעלן דעם אוממיטעלבאַרן לעבנס־איינדרוק העכער פון דעם קולטיווירטן קונסט־אויסדרוק. דאָס באַטייט (הגם דאָס ווערט אָפן ניט געזאָגט), אַז מיר דאַרפן דעם לעבן, ניט די קונסט. אין בעסטן פאַל הייסט עס, אַז דאָס איינציג ווערט־פולע אין קונסט איז דער לעבנס־ווערט, וואָס איז דאָ (אויב עס איז דאָ) אין איר. פון דאַנען איז איין שריט צום אוטיליטאַריזם אין קונסט, ד. ה., צו דער פאַרלייקענונג פון איר אויטאָנאָמען ווערט. איליא ערנבורג, אין דעם פריער־דערמאָנטן בוך, מאַכט דעם שריט, הגם ער איז זיך נישט מודה אין דעם. דער הויפּט־געדאַנק פון זיין בוך איז, אַז „די נייע קונסט הערט אויף צו זיין קונסט": זי ווערט לעבן. „די נייע קונסט שטעלט זיך פאַר אַ ציל צונויפצוגיסן זיך מיט'ן לעבן, דערפאַר איז זי פאַרבונדן, ניט אָפּצורייסן, מיט דער גאַנצער עוואָלוציע פון דער מאָדערנער געזעלשאַפט"... דער־פאַר דאַרף, לויט ערנבורג און זיינע חברים, זיין דער אידעאַל פון מאָדערנעם טעאַטער — דער קינעמאַטאָגראַף. דערפאַר דאַרף פון פּאָעזיע אַרויסגעיאָגט ווערן — און עס ווערט אַרויסגעיאָגט — דער לעצטער שאָטן פון ליריזם. דערפאַר דאַרפן אַלע שפּראַכן פאַרביטן ווערן מיט איין טעכניש־באַקוועמער שפּראַך — עספּע־ראַנטאָ. דערפאַר דאַרף די מאַשין ווערן אַ מוסטער פאַר דער קאָנסטרוקציע פון יעדן קונסטווערק — אַ מוסטער פון קלאָרקייט און צוועקמעסיגקייט. דערפאַר דאַרף מען ניט שאַפן מער קיין ווערק, נאָר געגנשטאַנדן, (ערנ־בורג'ס אינטערנאַציאָנאַלער זשורנאַל פאַר מאָדערנער קונסט — וויבאַלד אַז די קונסט ווערט מעכאַניזירט, ווערט זי אויך ממילא דענאַציאָנאַליזירט — האָט געהייסן: „וועשטש — געגנשטאַנד — אָבזשע"). דערפאַר דאַרף איבער אַלע קונסטן געוועלטיגן די — אויסגעמאָסטענע און אויסגערעכנטע — אַרכיטעקטור, און דער מוסטער פאַר דער אַרכיטעקטור דאַרף זיין דער אַמעריקאַנער וואָלקנקראַצער. קונסט דאַרף מען זיך פאָרן לערנען קיין ניו יאָרק און שיקאַגאָ. אוים רוים, ניטאָ פּאַריז. אַמעריקאַ — אַמעריקאַניזם — איבער אַלעם.

אַמעריקאַניזם, מאַשיניזם — דאָס איז דאָס „לעצטע

וואָרט", וועלכע עס פאַרטיידיגט מיט טאַלאַנט און טעמפּע־ראַמענט דער רוסישער פוטוריסט. ער דערערדט זיך שיר ניט צום אַלטן פּיסאַרעוו'שן אַפאָריזם: „וויכטיגער ווי שעקספּיר איז — אַ פּאָר שטיוול"... און ער איז איינער פון אַ סך.

איז עס ניט דער טויט פון דעם, וואָס מיר זיינען געוואוינט צו רופן מיט'ן נאָמען קונסט?

ניט אַלע גייען אַזוי ווייט ווי די קונסט־באָלשעוויקעס פון ערנבורג'ס שניט, אָבער אויך אַנדערע, וויינינגער עקסטרעמע, פאַרשטייער פון ראַדיקאַליזם, דערווייטערן זיך פון דער קונסט און לויפן פון איר. הייסן הייסט עס, אַז די אַלטע וועגן אירע געפעלן זיי נישט; אין דער אמת'ן געפעלט זי זיי אַליין נישט. זיי האָבן אָנגעוואָרן דעם גוסט צו איר. זי איז, לויט א י ד ע צ ם ט ב ע, צו סטאַטיש, צו ווייניג עקסטאַטיש פאַר זייער אויפגערודערטן געמיט. זי איז צו „עסטעטיש" פאַר דער איצ־טיגער צייט. („פּפוי אויף דער עסטעטיק!" שרייט דער טאַלאַנט־פולער „נאַקעטער" דיכטער מלך ראַוויטש.) עס איז אַ צייט פון דינאַמיזם, פון אומרו, פון אומזיכערקייט, פון צעשטערונג, פון קריג. און זי, די קונסט, וויל רו, פרידן. עס איז אַ צייט פון פלאַמען, רויך און טונקלקייט, און זי וויל ליכט. עס איז כאָאָס, און איר וועלט איז האַרמאָניע. ס'הערשט אַ ריטם, וואָס רייסט זיך איבער יעדע ווייַלע, און זי דאַרף פעסטקייט. ס'איז טאַקע אפשר ניטאָ פאַר איר קיין באָדן אין דעם איצטיגן מאָמענט, דעם מאָמענט פון וועלט־ציטערניש... אפשר זיינען גערעכט יענע מאָדערנע דיכטער, וואָס שרייבן (אמת, אין פערזן!), אַז עס איז נאַריש צו שרייבן פערזן...

אַ קינסטלער, ווען ער מאַכט אַ רעוואָלוציע, שאַפט ער אַ נייע קונסט; אַ רעוואָלוציע, ווען זי ברענגט אַרויס קינסטלער, צע־שטערט זי, פריער ווי אַלץ, די אַלטע קונסט.

אַ סמן פון צעשטערונג איז דער עטישער פּאַ־טאָס, וואָס פילט אָן די מאָדערנע קונסט־לופט. עטישע, אַזוי ווי פּסיכאָלאָגישע אָדער פילאָזאָפישע, פּראָבלעמען זיינען שטענדיג

פאראַן אין קונסט; אָבער געוויינטלאַך זיינען זיי איר מאַ־טעריאַל, ניט איר סטימול און ניט איר ציל. די מאָדערנע „אַקטיוויסטישע“ און „דינאַמישע“ ריכטונגען אין דער קונסט זיי־נען אינגאַנצן פאַרכאַפּט, פאַרשלונגען פון די שווערע און פּיינ־לאַכע געוויסנס־פראַגן, וועלכע די היינטיגע צייט, דערהויפּט די מלחמה און די רעוואָלוציע, האָט געשטעלט פאַר אונז. דאָס מאָדערנע קונסט־לעבן איז גרייט צו לאָזן זיין אָרט פאַר דער לעבנס־קונסט. מיר, אידן, וואָלטן זיך געקאָנט אפשר פרייען דערמיט. די קונסט ווערט „פאַראידישט“: דאָס, וואָס ביז איצט האָט זיך עם גערעכנט פאַר אַ סמן פון „אידישקייט“, — די הערשאַפט פון דעם עטישן יסוד איבער דעם עסטעטישן — איז (אויף אַ ווייִלע, ווייניגסטנס) געוואָרן די שטרעבונג פון דער וועלט־קונסט. אָבער דער נצחון פון „אידישקייט“ איז אין דער „גוי׳אישער“ וועלט אַ מפּלה פאַר דער קונסט. מיר, וואָס ביי אונז איז אַלץ געווען עטיק, אפילו רעליגיע, אפילו פילאָזאָ־פיע, וואָלטן געקאָנט אויך שאַפן אפשר קונסט אויף אַן עטישן יסוד. אָבער „זיי“? „זיי“ האָבן זיך איינגעלעבט פון קדמונים אין אַ קונסט, וואָס האָט איר אייגענעם באַזים, איר אייגענע לופט, אירע אייגענע צילן. אויב „זיי“ לאָזן זי אָפן פאַר די ווינטן און שטורמס פון עטאָס, אויב „זיי“ שלעפן זי אַראָפּ פון שטאָלצן פאַרנאַס און לאָזן איר וואַנדלען און וואָגלען, אָן אַ קרוין אויפ׳ן קאָפּ, אָן קיניגלאַכן סצעפּטער אין האַנט, אַ צעשויבערטע, אַ צעשפּילעטע, אַ פאַרשטויבטע, איבער די וועגן און שטיינער און זומפּן פון לעבן, הייסט עס, אַז „זיי“ לאָזן זי אויף הפקר.

פיל דיכטער פילן עס. זיי זעען, אַז עס איז געקומען די צייט צו שיידן זיך — אויף אַ געוויסן פעריאָד, ווייניגסטנס, — מיט דער קונסט פון די פריערדיגע צייטן. „דער דיכטער טרוימט ניט מער אין בלויע בוכטן“, ווי עס זאָגט אַ רעוואָלוציאָנערער דייטשער לעריקער, וואָלטער האַזענקלעווער. ער נעמט זיך עס גראָד נישט צום האַרצן; ער גלויבט, אַז אָנשטאָט דעם מין דיכטער, וואָס האָט געטרוימט אין די בלויע בוכטן, קומט אַ נייער דיכטער. ער „באַלייט די פעלקער“ אויף זייער וועג צו גליק, צו אַ נייעם לעבן.

ער ווירד איר פירער זיין. ער ווירד פערקינדען,
די פלאממע זיינעס ווארטעס ווירד מוזיק.
ער ווירד דען גראססען בונד דער שטאאטען גריגדען
דאס רעכט דעם מענשענטומס. די רעפובליק.

פאר אים איז עס א פארבייטונג פון איין קונסט־פאטאס, א שטילן, א בלויען, אן אומפרוכטבארן, אויף א נייעם, א מער שטורמדיגן, א רויטן, א רופנדיגן. אין דער אמת'ן איז עס פאר דער אייראפעאישער קונסט אן אפזאגן זיך פון אירע אויטאנאמע רעכט. זי ווערט, פשוט, איבעריג אויף א געוויסער צייט...

אין וואלקענפערנען טראממעלן די פראפעללער.
פעלקער וצערפליסען. ביכער ווערדען העקסען.
די זעעלע שרומפפט צו ווינציגען קאמפלעקסען.
טאדט איז די קונסט. די שטונדען קרייזען שנעללער.
(ווילהעלם קלעמם).

„טויט איז די קונסט".

אבער — ניט אויף שטענדיג. די שטורמס וועלן אויס־שטורעמען זייער אומרו, דאס פיבערן פון דער וועלט וועט אויפ־הערן, דער מענטש וועט ווערן ווידער קונסטפייאיג.

און אפשר וועט די קונסט, נאך לאנגע זוכענישן, געפינען אויך א וועג צום הייגטיגן, אויפגעשטורעמטן, מענטשן. אפשר וועלן די אלע שטומע, שטאמלדיגע שפראכן, וואס זי מאטערט זיך ריידן, ווערן מאטעריאל פאר א נייער שפראך.

די אלע עקספערימענטן, וואס ווערן אין איר, מיט איר גע־מאכט, וועלן יעדנפאלס נישט גיין פארלארן. דאס זיינען אלץ ווערטפולע דערפארונגען. זאל נאר קומען דער מייסטער, וועט ער וויסן, ווי זיי אויסצונוצן.

די קונסט זעט אויס אונז צו זיין איצט אומבאהאלפן דער־פאר, וואס די אויפגאבן, וועלכע אונזער צייט האט געשטעלט פאר איר, זיינען צו־ניי, צו־גראנדיעז. אין די נייע מיטלען,

וואָס די נייע קינסטלער האָבן אויסגעאַרבעט, איז ניטאָ נאָך יענע קראַפט, יענע געוואַלדיגע אינטענסיטעט, יענער ריזיגער מאַס־שטאַב, וואָס עס איז דאָ אין דעם מאַטעריאַל, וועלכן זיי ווילן באַהערשן. די קונסט איז צוגעוואוינט געוואָרן צו „בלויע בוכטן" — און דאָ זיינען אַרויס ים'ען פון די ברעגן, און עס האָבן געגומען ציטערן די גרונטפעסטן פון דער ערד. וואָלט קומען אַ גאון, וואָלט ער זיך אַן עצה געגעבן. דערווייל מוזן געקרעפטיגט ווערן די אַלטע און געשמידט ווערן נייע מיטלען צו פּרוּוון באַהערשן דעם מעכטיגן כאָאָס פון די צייטן.

ד. מאָדערנער מיטאָס.

„...און אַלע האָבן געזען איבער פּעטערבורג אַ וואונדערלאַכן צייכן. פיר נייע רויטע זונען האָבן זיך געוויזן אויפ'ן הימל, אַ זילבערנער גאַרטל האָט אַרומגעגאַרטלט דעם הימל און איבער'ן גאַרטל אַנטקעגן די זונען פינף זונען ווייסע, און פון זון צו זון אַ רעגנבויגן איבער גאָט'ס זון, איינער איבער'ן אַנדערן, און איבער'ן רעגנבויגן — אַ קרוין". — אַזוי דערציילט אַלעקסיי רעמיזאָוו אין זיין ווערק וועגן די ערשטע טעג פון דער גרויסער רוסישער רעוואָלוציע.

צי ער האָט אַליין געשאַפן די וואונדערלאַכע זעאונג, אין גייסט פון רוסישן פאָלק, צי ער האָט עס איבערגעגעבן טריי פון פאָלקס־מויל — אַלץ איינס איז דאָ אין דעם פאַנטאַסטישן בילד אַ רעאַלער זין. עס איז אַ פּרוּוו אַנצואווינקען אויף די גרויסע, אומגעריכטע, אויסערגעוויינטלאַכע ענדערונגען, וואָס זיינען פאָר־געקומען. דאָס איז דאָך ניט סתם אַזוי געווען אַ נייע זאַך, ווי עס טרעפט אָפט; אַ נייער הימל איז אויפגעגאַנגען איבער דער פאַרציטערטער ערד, מיט נייע זונען — רויטע זונען, ווייסע זונען... ווי זאָל מען דאָס אויסמאָלן? ניט די פּרטים קאָנען אויסגעמאָלט ווערן (וזעמען אַרט עס אגב פאַר פּרטים, ווען מען שטייט איבעררא‌שטע, דורכגעלויכטענע, אויפגעציטערטע פאַר'ן געזיכט פון אַ נייער וועלט?) דער עצם פאַקט פון דער קאַטאַ־סטראָפאַלער ענדערונג, די עצם אומגעריכטקייט און וואונדערלאַכקייט

פון דער נייער ערא, וואָס איז אָנגעשטאַנען, זוכט אַן אויסדרוק פאַר זיך... אין דעם זעלביגן ווערק פון רעמיזאָוו זיינען דאָ „רעאַליסטישע" עפּיזאָדן, פאַקטן, געשעענישן פון דער צייט, ווען די רעוואָלוציע האָט אויסגעבראָכן; אָבער זיי זאָגן אונז ווייניג. דאָס פאַנטאַסטישע, אַפּאָקאַליפּטישע בילד פון די פיר־רויטע זונען, פון די פינף זונען ווייסע, וואָס האָבן זיך געוויזן פּלוצלונג אויפ'ן הימל, איינע אַנטקעגן די אַנדערע, מיט רעגנ־בויגנס צווישן זיי, מיט אַ קרוין איבער די רעגנבויגנס, — איז אַ קלערערער, שאַרפערער, גאַנצערער צייכן פון דער געהיימ־ניספולער צייט, פון דער גרויסער מורא און גרויסער האָפנונג, פון דער פינסטערסטער און הייליגער מלחמה צווישן כוחות, תקופות און וועלטן, ווי די אַלע אויספּירלאַכע „רעאַליסטישע" פּרטים.

וואָס זיינען די שאַלאַכצן, ווען דאָס לעבן עפנט זיך פאַר אונז און צייגט אונז זיין אינעווייניגסטן קערן? די אַזוי־אָנ־גערופענע לעבנס־בילדער זיינען ניט קיין שאַלאַכץ אַפילו פון דעם אמת'ן לעבן, וואָס ווערט אַנטבלויזט אין אויפגעשטורמטע צייטן. זיי גיבן אונז פאַלשע צייכנס, די כלומר'שט רעאַליסטי־שע בילדער. זיי פאַרפירן אונז. זיי צעברעקלען, צעשטויבן אונ־זער אויפמערקזאַמקייט, בעת עס איז נויטיג איר טיפסטע קאָנ־צענטרירונג, כדי צו כאַפּן דעם עיקר אין דעם תוהו ובוהו פון די צעווילדעוועטע שטורעמס. זיי גיבן אונז, אָט די „געטרייע" מעס־טונגען פון דער ווירקלאַכקייט, וואָס האָט פאַרוואָרפן אַלע מאָסן, נאָר רגע'ס. זיי גייען פאַרביי און רירן ניט אָן דאָס דויערנדיגע, וואָס איז דאָ אין דעם אימפּעט פון די זיך־יאָגנדיגע, אַנטלויפנ־דיגע פּאַסירונגען.

עס מוז זיין אַ זעאונג; מיט זען קאָן מען ניט אויס־קומען. עס מוזן געברויכט ווערן מיטלען, וואָס גיבען אַ פורעם און אַ געשטאַלט דער צערודערטער, צערייצטער פאַנטאַזיע און דאַך לאָזן זיי זי פריי, זי זאָל פליען, שוועבן לייכט און שנעל,—מיטלען, וואָס צוימען דעם פעגאַס און מאַכן אים צוגלייך זיך יאָגן משוגע־נערווייז.

עס איז נויטיג די פֿאַראייניגונג פֿון דער העכסטער מאָנו־מענטאַליטעט מיט דער גרעסטער באַוועגלאַכקייט.*)

ווי זאָל מען עס דערגרייכן? מיט די כּוחות פֿון דעם ביז־איצטיגן רעאַליזם? אָבער רעאַליזם איז אויס רעאַליזם, ער האָט אין זיך נישט מער קיין רעאַליטעט, קיין ממשות, ווען עפּעס אַ שמשון הגבור כאַפּט אַן און טראָגט אַוועק די סלופּעס פֿון דער ווירקלאַכקייט, ווען עפּעס אַן עוג מלך הבשן שפּרייזט אומגעלומ־פּערט איבער די אויפֿגעברויזטע וואַסערן, און אונזערע צעשראָקענע אויגן זעען קוים די ריזיגע קנעכלאַך. אַ פֿאַנטאַסטישע וועלט קאָן איינגענומען ווערן נאָר מיט פֿאַנטאַסטישן געווער. אין אַפּאָ־קאַליפּטישע צייטן קאָן מען שאַפֿן נאָר — אַפּאָקאַליפּסן, אויב מען וויל שאַפֿן, ניט נאָכהינקען נאָכ׳ן אימפּעטיגן לעבן, אויב מען וויל זיך טראָגן זעעריש איבער זיינע כוואַליעס, ניט פֿאַר־פּלייצט ווערן פֿון זיי, ווי אַן אומבאַהאָלפֿן בלינד שפּענדל.

אין אויסערגעוויינטלאַכע צייטן האָט דער קאָלעקטיווער דיכ־טער, דאָס פֿאָלק, אַזוי ווי דער איינציגער דיכטער, תּמיד געזען וואונדערלאַכע צייכנס אויפֿ׳ן הימל אויבן און אונטן אויף דער ערד. ער האָט אין אַזעלכע מאָמענטן פֿון דער געשיכטע געשאַפֿן תּמיד מיטן, לעגענדעס.

אַפֿילו אין געוויינטלאַכע צייטן טרעפֿט, אַז עס ווערט פֿאַר־ווירקלאַכט דער וואונדערלאַכער אַקט פֿון מיטאָס־שאַפֿונג, פֿון גע־טער־געבורט, פֿון העלדן־התגלות. דאָס איז ווען דער זוכנדיגער, וואַגנדיגער באַוואוסטזיין פֿון מענטשן, פֿון פֿעלקער, וויל אָנטאַפּן

*) דאָס איז געשריבן געוואָרן אין יאָר 1922. מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער האָט דער רוסישער שריפֿטשטעלער אלקסעי טאָלסטאָי, אין זיין ענטפֿער אויף אַן אַנקעטע, דערקלערט: „דאָס באַוואוסטזיין פֿון גראַנדיאָזיטעט — אָט וואָס עס דאַרף זיין אין יעדן שעפֿע־רישן מענטשן“. און ווייטער: „איך שטעל אנטקעגן דעם עסטעטיזם די ליטעראַטור פֿון דעם מאָנומענטאַלן רעאַליזם“. אַן אַנדער רוסישער שרייבער, זאַמיאַטין, האָט געשריבן: „איצט זיינען נויטיג אין דער ליטעראַטור קאָלאָסאַלע, זעגלבוים־הויכע, עראָפּלאַנעדיגע פֿילאָזאָפֿישע האָריזאָנטן — — אין יעדער רגע דאַרף מען אַריינקוקן וויפֿיל אַמאָל אין אַ זעכציג־רגע׳דיגער מינוט א. ז. וו.“

דאָס האַרץ פון דער וועלט, טרעפן די טיפסטע רעטעניש פון דער נאַטור, אַנטפּלעקן דעם סוד פון לעבן. ווען מענטשן ווילן מער ניט שפּייזן זיך מיט שטיקלאַך און ברעקלאַך, וואָס וואַלגערן זיך אונטערן טיש פון די געטער, ווען עס וואַכט אין זיי אויף דער דרייסטער פאַרלאַנג און דער מעכטיגער ווילן צו זיצן ביי איין טיש מיט די האַרן פון דער וועלט און ווערן גלייך מיט זיי, כדי זיי צו קענען, וואָרים „נאָר גלייכעס קאָן גלייכעס פאַרשטיין", — ווען אין מענטשן צינדט זיך אָן אָט די גרויסע, הייליגע, זינדיגע גלוסטונג, פאַרלאָזן זיי דעם טאָל פון טאָג־טעגלאַכקייטן, קלעטערן אויף די געפערלאַכסטע שפּיצן פון בערג, בויען טורעמס ביז צום הימל, און פון דאָרט, פון דער הויך, דונערט זייער שטים און טראָגט זיך צו די וועלטן פון דער צו־קונפט, ווי גאָט'ס וואָרט און גאָט'ס שליחות. נביא'יש ווערט דאַן די זעאונג פון די דיכטער. איבערמענטשלאַכע, געטלאַכע מאָסן ווערן דאַן געברויכט.

האָבן מענטשן געקאָנט איבערגעבן זייער שוימיגע התפּעלות פון ים, זייער ברענענדיגע אַנטציקונג פון ליכט, זייער וואונדערן זיך און נישט קאָנען זיך אָפּוואונדערן איבער דעם כח פון מענטש־לאַכן שאַפן, זייער ציטערן און פלאַטערן פאַר דער געהיימניש פון בלינדע און מעכטיגע ליידנשאַפטן, — מיט די אָרימע אויסדרוקס־מיטלען, וועלכע זיי האָבן געוויינטלאַך געברויכט? נאָר די גע־שטאַלטן פון העלדן, האַלב־געטער, געטער, האָבן געקאָנט געבן אַ פאָרם די אַלע מעכטיגע און ריזיגע ערשיינונגען. ווען די „רעאַ־ליסטישע" קונסט־פאַנטאַזיע פון די גריכן האָט געוואָלט פאַר־מענטשלאַכן די גרויסע אומפאַרשטענדלאַכע כוחות, האָט זי אָנגעפילט די ערד מיט איבערמענטשלאַכע באַ־שעפענישן. זי האָט געוואָלט שאַפן געטער־מענטשן, געשאַפן האָט זי מענטשן־געטער.

דער העראָאישער און געטלאַכער רעאַליזם פון דער גריכישער מיטאָלאָגיע האָט גאָרנישט צו טאָן מיט דעם היינטיגן רעאַליזם — דעם רעאַליזם פון קאַרליקעס. יענע ווירקלאַכקייטס־געשטאַלטונג איז געווען צו גלייכער צייט אַ מעכטיגע פּאָטענצירונג פון דער

ווירקלאַכקייט, אַן איבערגעשטאַלטונג. די מיטלען, וואָס זיינען געברויכט געוואָרן פון איר, זיינען געווען פונקט אַזוי ריזיג מאָנומענטאַל, ווי דער ציל, וואָס זי האָט זיך געשטעלט.

אַזוי איז געווען, ווען די פאַנטאַזיע פון מענטשן און פעלקער האָט געזוכט אַן אויסדרוק פאַר די גרויסע אַנטפּלעקונגען און אייביגע געזעצן פון דער נ א ט ו ר. אַזוי איז עס אויך, ווען זי וויל פאַראייביגן אין זכרון פון דער מענטשהייט די ריזיגע פּאַסירונגען פון דער ג ע ש י כ ט ע. וואָס זיינען דען אונזערע מ י ט ן פון מבול, פון דור הפלגה, פון יציאת מצרים, פון מתן תורה, פון די משיחים, — און וואָס זיינען דען די אַלע טונקעלע וויזיעס פון אַפּאָקאַליפּסים, אויב ניט די דיכטונג פון עפּאָכעס, ווען עס האָבן אויסגעבראָכן גרויסע איבערקערענישן, און עס זיינען פאָרגעקומען קאַטאַסטראָפעס, אַנטפּלעקונגען?

„רעאַליסטיש" קאָן זיין די קונסט פון אַ צייט, ווען דער מענטש גייט אויף זיכערע וועגן, און אַלץ איז קלאָר. ווען אַלץ אָבער צערינט און צעפאַלט אַרום, ווען עס ציטערן די פונדאַמענטן פון דער וועלט, דאַן קאָן זיך דער קינסטלער שטיצן נאָר אויפ'ן אור־שטאָף, וואָס דאַרף ווידער פון כאַאָס אַרויסשיינען און אויפבליען, און נאָר די אור־עלעמענטן פון לעבן, זיינע אייביגע אַלגעבראַאישע פאָרמולעס, ניט די זיך ענדערנדיגע קאָנקרעטע דערשיינונגען, קאָנען געפינען אַ תיקון אין דער קונסט פון אַזאַ צייט. אַזאַ עפּאָכע איז די, ווען מיר לעבן, און אויך איר קונסט, איר דיכטונג מוז זיך ווענדן צו דער גרויסער, אייביגער א ו ר ־ ש ט אָ פ ל אַ כ ע ר רעאַליטעט. די אַלע אומזיכער־געוואָרענע, אומרעאַל־געוואָרענע „בילדער פון לעבן" מוז זי לאָזן אויפגיין צעשמאָלצענערהייט אין דערשיינונגען פון העכערע דימענסיעס. זי מוז שטרעבן צו דערנענטערן זיך צו יענע דרייסטע, אומענדלאַך־פאַראַלגעמיינערנדיגע און פונדאַמענטאַלע אויסדרוקס־מיטלען, וועלכע עס געברויכט דער געטער־און וועלטן־שאַפנדיגער מיטאָס. זי מוז זוכה זיין צו יענער וויזיאָנערישקייט, צוקונפטיגקייט, נביאות, וועלכע לייכט און ברענט אין די פאַנטאַסטישע טונקלקייטן פון אַפּאָקאַליפּסים. עס איז פאַר איר די גרעסטע געפאַר

צו גיין אויפ'ן וועג פון צעברעקלונג, צעמישונג און צעפּאַלונג, אויפ'ן וועג פון כאַאָס, וואָס אויף אים גייט די איצטיגע ווירקלאַכקייט. זי מוז זיך אַרויסראַטעווען און העלפן דער ווירקלאַכקייט אַרויסקריכען פון דעם אַלץ צעשמעלצנדיגען קאַלדאויוון. ניט אַנטלויפן פון דעם תוהו ובוהו איז איר חוב (עס איז ניטאָ וואוהין צו אַנטלויפן), נאָר אויפהייבן זיך און שוועבן איבער דעם, ווי אַ גייסט פון פרייער שאַפונג.

די אמת־מאָדערנע שטרעמונגען אין דער קונסט זיינען די, וואָס זאָגן עדות אויף אַט־דעם ווילן אירן אויפצוהייבן זיך. אמת'ע צייט־דיכטונג זוכט צו באַהערשען די צייט, ניט צו בלייבן פון איר באַהערשט. באַהערשן, פאָרמירן דעם כאַאָס פון גרויסע צייטן קאָן מען אָבער בעסער, ווי מיט אַלע אַנדערע מיטלען, מיט די מיטלען פון מיטאָס. און די אַלע בלאָנדזשענישן פון דער מאָדערנער קונסט זיינען בלאָנדזשענישן אויפ'ן וועג צו דער ווידערגעבורט פון מיטאָס. דאָס שטרעבן צום פרימיטיוו, וואָס פילט אָן די ראַפינירטסטע ווערק פון דער היינטיגער קונסט, דאָס זוכן די אור־פאָרם, וואָס כאַראַקטעריזירט דעם קוביזם, די קינדישע שטאַמלונגען פון דאַדאַאיזם, די נאַקעטע דיכטונג (אַ וואָרט פון מלך ראַוויטש) און די גוואַלד־געשרייען פון עקספּרעסיאָניזם — דאָס איז דער מדבר, וואָס פירט צום הייליגן לאַנד פון אַ נייער מיטאָלאָגיע.

אויך די גראָטעסק־פאַנטאַסטישע („האָפמאַנשע") טענדענץ, וואָס מערקט זיך אַפילו אין די „רעאַליסטישע" ווערק פון דער מאָדערנער דיכטונג, איז אַן אומבאַוואוסטזיניגע צוגרייטונג צום מיטאָס־שאַפן. (אָן דער געפליגלטער דרייסטקייט פון דער פאַנטאַזיע קאָן ניט זיין מיטאָס).

אויך דאָס אָפטע אַרויסטרעטן פון דער מאַסע, פון דעם קאָלעקטיוו (פון אַזוינע מאַסנהאַפטע איבעראינדיווידועלע אָרגאַניזמען, ווי די שטאַט, דער קריג, די רעוואָלוציע, דער פּראָלעטאַריאַט) אין דער נייער דראַמע, אין דעם נייעם ראָמאַן, אין דער מאָדערנער ליריק — איז אַ וועג אָדער, ריכטיגער, אַן אומוועג צום מיטאָס. דאָס איז דער פאַרבאָרגענער וואונש פון דער היינטיגער קונסט איבערצוּוואַקסן די איינציגע דערשיי־

נונגען, אויפצוהייבן זיך ביז צו זייער אַלגעמיינעם געזעץ, דער־גראָבן זיך צום שורש. ניט דער אָדער יענער פּאָרטרעט און אפילו ניט דער אָדער יענער טיפּ פון א מענטשן, נאָר דער מ ע נ ט ש; ניט די אָדער יענע צייטלאַכע פּאַסירונג, נאָר די צ י י ט — איז די איינציגע רעאַליטעט, אויף וועלכער מיר קאָ־נען זיך אָנשפּאַרן אין שטורם פון די נישט־אויפהערנדיגע ענדע־רונגען. און דאָס איז שוין א וואונק אויף יענער וועלטען־און דורות־ארומנעמענדיגער ברייטקייט, אויף יענעם אוניווערסאַ־ליזם, וואָס איז איינע פון די הויפּט־איינגנשאַפטן פון מיטאָס־דיכטונג.

עס מאַכט ניט אויס, וואָס די געשטייגערטע מאָס פון דער היינטיגער דיכטונג איז דערווייל נאָר א מאָס פון ב ר י י ט: עס וועט קומען דער גאון, וועט זיין אויך א ה י י ך און א ט י ף. און דאַן וועט געשאַפן ווערן די גרויסע, איבערפּער־זענלאַכע, איבערמענטשלאַכע מיטאָס־געשטאַלט פון די היינטיגע צייטן.

דערווייל קומט פאָר א מיניאַטור־שאַפונג און אַן ערב־שאַפונג פון מיטאָס.

מיט פאָרשטודיעס, עקסקיזן, פראַגמענטן פון מיטאָלאָגישער געשטאַלטונג איז פול די גאַנצע דיכטונג פון דער היינטיגער צייט. מען מערקט זיי אויך אין דער אידישער ליטעראַטור.

אמאָל זיינען זיי אָפּגעפרישטע עכאָס פון דער אַלטער טראַ־דיציאָנעלער מיטאָלאָגיע. אָפטער פילן זיך אין זיי געבורטס־ווייען פון א נייער „פאַרזינליכונג פון געטלאַכע דערשיינונגען”, לויט פלאַטאָ׳ס דעפיניציע פון מיטאָס.

א ביישפּיל פון באַנייטן ט ר א ד י צ י אָ נ ע ל ן מיטאָס אין דער אידישער פּאָעזיע איז די פּאָעמע „מטטרון” פון אהרן צייטלין (פאַרלאַג „אַלט־יונג”, ווארשע, 1922). די פּאָעמע איז, לויט אירע קינסטלערישע מיטלען, עקלעקטיש: דער מאַטעריאַל פאַר א סטיל, וואָס איז דאָ אין דעם יונגן דיכטער, איז נאָך רוי, ניט קריסטאַליזירט. אָבער איין זאַך אין דער „אַפּאָקאַליפּטישער פּאָעמע” איז זיכער ווערטפול און סימפּטאָמאַטיש: דאָס איז

דאָס שטרעבן צו עפענען דעם פ ר ד ס פון אונזער געהיימניס־פולער צייט מיט דעם שליסל פון דער אַלטער אידישער מיטאָס־געשטאַלט: — מטטרון.

מטטרון, דער „שר פון ווערן און צעשטערן“, דער האַר פון דער געשיכטע, איז דער שר, דער האַר פון אונזער צייט; אירע שטורעמס, אירע פלאַמען, אירע תפלות און איר טייוולשער געלעכטער, אירע רויטע זונען און איר פינסטערניש, איר חורבן און איר שאַנד און איר געשריי נאָך הילף און איר וואַלגערן זיך אין שמוץ און טומאה — איז דער סוף, אָבער אויך דער אָנהויב פון אַ וועלט, — זאָגט אונז מיט זיין „מטטרון“ דער מאָדערנער אַפּאָ־קאַליפּטיקער. דער כאַאָטישער געמיש פון פיינדלאַכע סתירה־דיגע כוחות, וואָס שטורעמט איצט אין דער וועלט און אין אונז אינווייניג, — איז דער ל ע צ ט ע ר כאַאָס, די ל ע צ ט ע אויסשטורעמונג פון דער טאָפּלטקייט און צעריסנקייט, וואָס איז דאָ אין לעבן, און אַז דאָס וועט זיך ענדיגן, וועט די וועלט געפינען איר תיקון, זי וועט זיך אומקערן צוריק צו איר מקור, צו איר אורשפּרינגלאַכער איינהייט, און עס וועט קומען גאָט׳ס צייט, גאָט׳ס קיניגרייך (ניט אין דעם טריוויאַלן סאָציאַל־אַלעגאָרישן, נאָר אין דעם אמת׳ן, מיסטישן, רעליגיעזן זינען פון דעם וואָרט).

אים הערן שוין ערשטע דערוואַכער, אים קענען ותיקין!
רויב־פויגל איז ער געווען, נאָר צום סוף פון דער וועלט וועט קריגן
זיין תיקון
און נאָענט איז דער סוף פון דער וועלט שוין! און נאָענט
דער אָנהויב, דער גוואַלדיגער!
וואָס שוואַרצער דער וואַלד איז דער צייט׳ס, וואָס פאַרפּלאָנטעטער,
וואַלדיגער,
אַליין גיבער, אַליין באַלדיגער
קומט ער, דער העלער, דער פרייער, דער פעלדישער,
דאָס קינד פון באַשעפער,
דער קיניג, דער העלדישער!

פון חלום דער צייט׳ס, פון איר חלום אַליין קומט דער טרעפער.
זאָל ניכטערקייט לאַכן, זאָל צווייפל זיך קרימען, זאָל טויבקייט
נישט הערן —

ס'וועט ווערן, ס'וועט ווערן, ס'וועט קומען און ווערן!
ס'וועט ווערן און קומען! ס'וועט ווערן און קומען!
ס'וועט ווערן און קומען!

נישט לאַנג וועט די שלאַנג נאָר פאַר'זוהמא'ן די ערד און פאַר'טומאה'ן:
מיר וועלן איר ווייזן, וואָס גאָט הייסט, דער מומען!
אַרויסרופן וועט פון דער וועלט־לאַבירינט
דער שופר מטטרונ'ס אַ הימלישן אינד —
און דער אינד וועט מיט ריקוד־פיס שנעלע צעטרעטן די שלאַנג...
נישט לאַנג וועט די שלאַנג נאָך פאַר'זוהמא'ן די ערד,
אונזער מאַמע, נישט לאַנג!
נישט לאַנג, ווייל עס דונערט כסדר מטטרונ'ס מרכבה!
אַ. הערט! — אַלע טראָגען וועלן זיין איין טראָן.
אַלע לענדער — איין לאַנד!
דער הייליגער נאַפּאָלעאָן
וועט זיין אַזוי הייליג, אַז אַפּזאָגן וועט זיך פאַרשטאַנד
צו באַגרייפן די אומשולד פון זיינס אַ מחשבה,
און האָר וועט נישט זיין און ניט זיין וועט שוין מער סאַנקילאָט
אונטער זיין סצעפּטער!
זיין געזעצבוך איז ג אָ ט —
און דעם טייוול, דאָס אַנגעבלאָזט־פּוסטע געשטאָפּ, —
אַז זען זאָלן אַלע, אַז ס'האָט נישט דער טייוול קיין קאָפּ —
קעפּט ער!

דאָס איז די צווייטע העלפט פון דעם קאַפּיטל „דער הייליגער נאַפּאָלעאָן". איך וואָלט געקאָנט ברענגען נאָך פיל אַנדערע שטעלן, וואו מיט דער הילף פון מאָדערן־אַפּאָקאַליפּטישע זעאונגען, בילדער און לירישע אויסגוסן ווערט אויפגעדעקט דער זין, דער ליכטיגער זין פון דעם טונקעלן כאַאָס, פון די חבלי־משיח. אָבער איך וויל דאָ ניט געבן קיין אַנאַליז און קיין אָפּשאַצונג פון דער פּאָעמע. איך האָב זי ציטירט נאָר ווי אַביישפּיל פאַר דער אָפּ־פרישונג פון דער קאַבאַליסטיש־מיטאָלאָגישער מטטרון־געשטאַלט.

דער ביישפּיל צייגט אונז, אגב, אויך דעם גרויסן אונטער־שייד, וואָס איז דאָ צווישן דער אַלטער און דער מאָדערניזיר־טער מיטאָס־דיכטונג. דער פאַרצייטיגער מיטאָס־דיכטער איז עפּיש, דער היינטיגער — ליריש. יענער האָט אַליז, וואָס ער האָט געוואָלט, אויסגעדריקט דורך זיינע געשטאַלטן און זעאונגען,

אָן קיין שום פּירושים; דער מאַכט פּירושים. יענער האָט אונז נאָר געוויזן זיין וויזיע; ביי דעם איז זי אָן אויס־גאַנגס־פּונקט פאַר זיינע ליריש־מעטאַפיזישע רעיונות... דער ליריזם פאַרטונקלט, פאַרפלייצט די מיטישע געשטאַלט, אָבער זי איז דאָך פאַראַן!

און זי איז פאַראַן, די וויזיאָנערישע, פון אַלטן מיטאָס זיך נערנדיגע, פאַנטאַזיע, אויך אין אַנדערע אידישע שאַפונגען פון די לעצטע יאָרן. דערמאָנט זיך אָן דער דראַמאַטישער פּאָעמע „דער גולם" פון ה. לייוויק.

אין „דעם גולם" דאַרף מען לאַנג און שווער זוכן די אינע־וויינינגסטע, אידייאַישע גאַנצקייט; דער לעזער דאַרף זי אַליין מיט זיין פאַנטאַזיע, מיט זיין מיטשאַפנדיגן געדאַנק אַרויסברענגען אויף דער ליכטיגער שיין, מחמת זי איז טונקל נאָר אָנגעוואונקען. דער קאָמפּאָזיציע פון דער פּאָעמע פעלט איינהייטלאַכקייט. ערטערווייז דוכט זיך, אַז ס'איז ניט איין דראַמאַטישע פּאָעמע אַ גאַנצע, נאָר אַ זאַמלונג פון מער אָדער ווייניגער גוט צונויפגעבונדענע דראַמאַטישע פראַגמענטן. אָבער נישט געקוקט אויף דער אומקלאָרקייט און פראַגמענטישקייט פון דעם פּלאַן, לויט וועלכן די דראַמע איז געבויט, איז איין זאַך קלאָר אין איר: עס איז קלאָר, אַז איר מיטאַלטערלאַכע לופט אָטעמט מיט דעם אָטעם פון דער היינטיגער צייט. עס איז קלאָר, אַז „דער גולם" געהערט צו די מאָדערנסטע, ניט נאָר סתם אַזוי ווערטפולע, שאַפונגען פון דעם לעצטן פעריאָד אין דער אידישער ליטעראַטור. און אָט־די, לויט איר תוך, מאָדערנע פּאָעמע שטיצט זיך אויפ'ן מאַטעריאַל (און צום טייל אויך אויפ'ן גייסט) פון אַלטן מיטאָס. דאָס ליכט און די פינסטערניש, דעם גלויבן און דעם יאוש און דעם קאַמף, וואָס קומט פאַר צווישן זיי, אין היינטיגע צייטן, אין אָט־די „משיח'ס צייטן", פאַרקערפּערט לייוויק אין די מיטאָס־געשטאַלטן פון דעם מהר"ל, דעם גולם, דעם רואה ואינו נראה, דעם אַלטן און דעם יונגן בעטלער (אליהו און משיח), דעם מאַן מיט'ן קרייץ, די הייל־רוחות. דורך די וואונדערלאַכע גרויסמאָסיגע מיטאָלאָגישע פיגורן האָט דער דיכטער־

בעסער, ווי דורך טיפן פון „רעאלן" לעבן, געקאַנט אויפדעקן דאָס גרויסע, דאָס אוניווערסאַלע, דאָס ניט־אַלטעגלאַכע, וואָס ער האָט אונז געוואָלט ווייזן אין דער היינטיגער צייט. די באַדערפניש אויסצודריקן זיך מיט דער הילף פון מיטאָס איז אַזוי גרויס ביי אים אין דער דראַמע, אַז אַפילו איינע פון אירע געוויינטלאַכע, ניט־לעגענדאַרישע פּערזאָנען — תנחום — איז שיר ניט אויס־געוואַקסן ביי אים ביז צו אַ מיטאָלאָגישער געשטאַלט.

לייוויק׳ס פּאָעטיש שאַפן האָט, זינט דעם „גולם", זיך בכלל דערנענטערט צום טיפ פון מיטאָס־דיכטונג. כמעט אין אַלע גרע־סערע פּאָעמעס, וואו ער זוכט אַ שליסל צו די רויטע רעטעניש פון לעבן אין שוואַרצע אָפּגרונטן פון טויט, וואָס האָבן זיך גע־עפנט פאַר אונז אין די לעצטע יאָרן־יאָרהונדערטן, — כמעט אין די אַלע פּאָעמעס און דערהויפּט אין דער ביז איצט נאָך ניט אָפּ־געשאַצטער און אפשר אויך ניט פאַרשטאַנענער פּאָעמע „דער וואָלף" — איז דאָ אַן עלעמענט פון מאָדערנעם מיטאָס.

אין „גולם" טייטשט לייוויק אויס און באַנייט אַ לטע מיטאָס־געשטאַלטן. אין אַנדערע פּאָעמעס לאָזט ער פריי זיין פאַנ־טאַזיע, און זי שאַפט נייע לעגענדאַרישע געשטאַלטן אָדער עסקיזן און מאַטעריאַלן פאַר׳ן מיטאָס פון דער נייער צייט. די דאָזיגע פּאָעמעס וועל איך אויסטייטשן, ווי איך פאַרשטיי זיי, אויף אַן אַנדער פּלאַץ. דאָ האָב איך זיי דערמאָנט נאָר צו צייגן, אַז אין דער נייער אידישער דיכטונג ווערט נישט נאָר אויסגענוצט און איבערגעשאַפן דער אַלטער נוסח פון דעם אידישן מיטאָס, נאָר עס ווערן געמאַכט פּרובן צו שפּינען פעדים און אויסצוטרוימען געוועבן פון אַ נייער מיטאָלאָגיע.

לייוויק׳ס פּאָעמעס זיינען ניט דער איינציגער רעזולטאַט פון די דאָזיגע פּרובן. עס זיינען דאָ אַנדערע, ניט ווייניגער כאַ־ראַקטעריסטישע, ביישפּילן פון מאָדערנעם מיטאָלאָגישן שאַפן. עס איז דאָ ביי אונז אַ שרייבער, וואָס זיין גאַנצע דיכטונג קאָן אַנ־גערופן ווערן מאָדערנע מיטאָס־שאַפונג: דאָס איז ד ע ר נ ס ת ר. וואָס זיינען דען אַלע זיינע מ ע ש י ו ת, אויב ניט פּראַג־מענטן פון אַ מאָדערנעם מיטאָס? נעמט זיין נייערע פאַנטאַסטישע מעשה „אין אַ וויין־קעלער", וואָס איז אָנגעקליידט כלומר׳שט

אין אַ רעאַליסטישער פאָרם. איז ניטאָ אין איר די טיפע און ברייטע פאַראַלגעמיינערונג, איז ניטאָ אין איר דער געמיש פון „רעאַליזם" און פאַנטאַסטיק, בילדלאַכקייט און אַבסטראַקטקייט, וואָס איז דאָ אין יעדן מיטאָס? און פילן מיר דען ניט, אַז נאָר מיט דער הילף פון דער מיטאָס־שאַפנדיגער פאַנטאַזיע האָט ער אונז געקאָנט צייגן דאָס בילד, וואָס ער האָט פון דער איצטיגער וועלט?

וואָס האָט ער אונז דען געוואָלט צייגן? אויב איך האָב אים ריכטיג פאַרשטאַנען, האָט ער געוואָלט זאָגן, אַז אונזער ערדיש לעבן דאָ איז נאָר אַ פינטעלע, אַ קליין נאַריש פינטעלע אויפ'ן קאָסמישן בילד פון די שטערן און מזלות. דאָ אויף אונזער קליי־נעם עלנטן פּלאַנעט איז אַ גאַנצע מהומה: — „אויף דער ערד זיינען גרויסע היצן געוואָרן" — — — „און די ערד דאַרף טרינקען — טרינקט זי בלוט פאַר וואַסער, און מענטשן דאַרפן עסן, עסן זיי מענטשן פאַר ברויט און גייסט גייט אין די היי־זער און שפּייזט זיך פון אָפּפאַל און שטיקלאַך דאַרע, און מענטש־לאַבע זעערם זיינען מיט אויגן־קראַנקהייט געשלאָגן און געוויסע וועלט־פאַרזאָרגערס אין די שענקען שיכור'ן, א. אַז. וו." — עס איז אַן איבערקערעניש! אָבער אין דער אמת'ן נעמט זיך עס גאָר דערפון, וואָס מזל דלי איז דאָרט ערגעץ אויבן אין די קאָסמישע ספערן געוועזן צוטראָגן, וואָס מזל בתולה גייט צו דער חופּה מיט אַ שטערן, ניט מיט אים, האָט ער פאַרגעסן געבן דאָס ביסל שפע דער ערד... דאָ איז אַ בהלה, אַ קאַטאַסטראָפע, די וועלט עקט זיך, מאָרד און זעלבסטמאָרד פילט אָן די ערד, מענטשן זיינען אריינגעפאַלן אין עצבות, אין יאוש, אָבער דער אמת'ער „וועלט־טרעגער" — ער איז גאָר פאַרבעטן איצט אויף אַ גרויסע שמחה — „אויף דער חתונה פון שטערן מיט מזל בתולה": — „און איך בין אוועקגעגאַנגען, דערציילט דער טרע־גער פון דער וועלט, מיט דעם וועג און באַלד ארויף זיך גענומען, און באַלד האָב איך ווינטן פון הימל־גערודער דרייען זיך געהערט, ווייטע און פרעמדע, און וואָס איך האָב קיינמאָל ניט געהערט אַזוינע, און געזאַנגען פון פרעמד־זונען האָב פאַרנומען, וואָס זייערע פייער־רעדער האָבן מיר פאַר די אויגן געשווינדלט, און

אויך איך האָב זיך צעזונגען און אויפ'ן וועג מ י ט נ אָ ך אַ ז ו י נ ע, ו ו י א י ך, זיך באַגעגנט, און אַלע זיינען איינגעלאַדענע, און אַלע אַהין און אין דערהויבנקייט גייען, און פאַר אַלעמען דער הימל־העלפאַנט גייט און מיט'ן שווערן קאָפּ זיינעם שאָקלט, און מיט בערג און מיט גוטס און מיט חתן־כלה־מתנות חתן־כלה צו דערפרייען"... אַנטקעגן דעם אייביגן ק אָ ס־מ י ש ן ז י ו ו ג, אַנטקעגן דער אייביגער פרייד פון דער ספערן־מוזיק איז גאָר־נישט און נישט יענעם פינטעלע רוים און יענע רגע, וואָס מיר, מענטשן־מענטשעלאַך, מיינען, אַז דאָס איז אונזער לעבן.

אַזאַ מיסטיש־מעטאַפיזישן קוק אויף דער וועלט קאָן מען פאַרקערפּערן נאָר אין פאַנטאַסטישע וויזיעס, נאָר אין מיטאָס־בילדער. ד ע ר נ ס ת ר איז אַ מעטאַפיזיקער, אַ „מקובל"; אין אַלע זיינע ווערק, אַלע מאָל און אומעטום, זוכט ער דאָס, וואָס איז „העכער פון דער ערד", ער זוכט אַן ענטפער אויף די פראַגן פון „מה לפנים, מה לאחור, מה למעלה, מה למטה": דער־פאַר איז פאַר אים ווי אָנגעמאָסטן דער מעטאָד פון מיטאָס־סימבאָליק.

דער מיטאָס און די סימבאָלישע געשטאַלטן וואַקסן ביי אים אַרום מיט אָן אַ שיעור קאָנקרעטע רעאַליסטיש־פּסיכאָלאָגישע איינצלהייטן, ער פאַרמענטשלאַכט דאָס איבערמענטשלאַכע, ער פערסאָניפיצירט דאָס אוניווערסאַלע, ער קליידט אָן אין אַ שיר־ניט נאַטוראַליסטישן קלייד דאָס מעטאַפיזישע: דאָס פאַרשטעלט פון אונז אָפט דאָס גרויסע און גאַנצע פון זיין שאַפן, דאָס גיט זיין אירראַציאָנאַלן וועזן אַ ראַציאָנאַליסטישן ביי־טעם, דאָס מאַכט, אַז מיר זאָלן אים זען קריכן איבער דער ערד, בעת ער פליט גאָר אין די הימלען און פליגלען רוישן איבער אונזער קאָפּ. מיר זעען ניט די פליגלען, מיר הערן ניט זייער געהיימ־ניספולן רוישן. אָבער זיי זיינען פאַראַן.

נסתר וואָלט שטענדיג, נישט נאָר אין אַזאַ פאַנטאַסטישער צייט, ווי די איצטיגע, געוועזן נוטה צו וויזיאָנערישקייט און מי־טאָס: זיין נאַטור איז אַזאַ. אָבער אויך אַזוינע דיכטער, וואָס

בטבע זיינען זיי ניט קיין מעטאַפיזיקער און ניט קיין פאַנ־טאַסטן, זיינען געוואָרן וויזיאָנערן און מיטאָס־זוכער, ווען זיי האָבן געוואָלט באַצווינגען און אַזוי אָדער אַנדערש באַלייכטן דעם טונקעלן כאַאָס פון אונזער איצטיגער צייט. אַ ביישפּיל דערצו איז די פּאָעמע „אַ נאַכט”, פון מ. ל. האַלפּערן. די פּאָעמע, איינ־גאַנצן גענומען, איז אַ געמיש פון פאַרשיידענע עלעמענטן. דער הויפּט־יסוד אָבער איז — ד ע ר מ י ס ט י ש ע ר. וואָס איז דען ד אָ ס מ ע נ ט ש ע ל ע, וואָס פאַרנעמט דעם אויבנאָן אין דעם ווערק, אויב ניט קיין טראַגישער גראָ־טעסק, אָדער, אויב איר ווילט, טראַגישע פּאַראָדיע פון אַ מיטאָס? איראָניע און מיטאָס איז ניט קיין פּאָר. מ. ל. האַלפּערן איז אָבער אַ סאַטיריקער, נישט נאָר אַ ליריקער, און סאַריטיקער (זע היינע!) האָבן ליב צונויפצופּאָרן זאַכן, וואָס שטימען ניט צווישן זיך. האָט האַלפּערן געמאַכט אַ פּרוב אין דער פּאָעמע „אַ נאַכט” צו שאַפן אַזאַ מין אומגעריכטע זאַך, ווי איראָנישער אָדער גראָטעס־קער מיטאָס. אַזוי אומפאַרמיידלאַך איז פאַר דער מאָדערנער דיכטונג די מיטאָס־פאָרם, אַז אַפילו די בורלעסקע סאַטירע האָט זיך נישט געקאָנט באַגיין אָן איר, ווען זי האָט געוואָלט אָנכאַפּן עפּעס גאַנצעס און גרויסעס. אגב, אין „אַ נאַכט” זיינען דאָ איינ־ציגע מיטאָס־עלעמענטן, וואָס זיינען ניט איראָניש, נאָר ליריש־פּאַטעטיש; צום ביישפּיל:

און אַז איך האָב מיין לעצט געשריי
אַרויסגעקרעכצט דורך ציין־געקריץ —
האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ בליץ
און דורכגעהאַקט די ערד אויף צוויי.

און אויף אַ פערד, דורך פלאַם און רויך,
אויף הענט און פיס מיט שטיקער קייט,
איז איינער אין אַ ווייסן קלייד
אַרונטער פון דער העכסטער הויך.

און שרייענדיג, און ווי דער ווינט,
איז ער אַראָפּ אין טיפן תהום,
זיך טרינקנדיג אין בלוט אַ שטראָם,
מיט מענטש און מויז, און הינט, און קינד.

און ברענענדיג האָט ברעג נאָך ברעג
זיך אָפּגעריסן נאָכאַנאַנד.
און דאָרף און שטאָט און לאַנד נאָך לאַנד
איז מיט'ן רויטן שטראָם אַוועק.

מיטאָס־שאַפונג זיינען אויך די דראַמאַטישע פּאָעמעס „משיח בן יוסף" און „דאָס רויטע קינד" פון דעם אַזוי יונג אומגעקומענעם דיכטער בײנוש שטײנמאַן. אויסערלאַך זיינען די ביידע פּאָעמעס היסטאָריש־לעגענדאַריש; לויט זייער תוך אָבער, ווי אויך לויט דעם קאָלעקטיוון אומפּערזענלאַכן כאַראַקטער פון זייערע אַנטיילנעמער, זיינען זיי טיף מאָדערן, און זיי זיינען טיפּישע פּראָדוקטן פון אונזער מאָדערנעם מיטאָס, נישט געקוקט אויף די אַלטע טראַדיציאָנעלע נעמען (לילית, משיח, נביא) פון איינינע זייערע אַנטיילנעמער.

און וואָס איז דען „ד ע ר ט ו י ט ע ר מ ע נ ט ש" פון שלום אַש, אויב ניט קיין מיטאָס־רינג, אַריינגעפלאָכטן אין רעכטן מיטן קייט פון אונזער אַלטעגלאַכקייט?

איך קאָן זיך דאָ ניט אָפּשטעלן אויספירלאַך אויף די אַלע מיטאָלאָגישע אָדער האַלב־מיטאָלאָגישע דראַמעס. איך וויל אָבער דערמאָנען, אַז אויך דער מאָדערנער ראָמאַן, און אפילו דער רעאַליסטישער, איז ניט פריי פון מיטאָס־עלעמענטן.

ד ב ו ר ה, אין סוף פון אַש'ס „קדוש השם", הערט אויף צו זיין אַ געוויינטלאַכע פרוי און ווערט אַזוי ווי אַן איבערערדיש וועזן: „ריר מיך ניט אָן, זאָגט זי, איך בין פייער, וועסט דיך אָנצינדן אָן מיר. איך בין אַ ליכט, וועסט דיך אָפּבריען!"

מ י ר ל, אין בערגלאָסאָנ'ס „נאָך אַלעמען", וואָס איז דאָך אַזוי רעאַליסטיש, ווערט אויך — אויף אַ רגע — איינמאָל וויזיאָנעריש און זי זעט — „אַז פון דאָרט, פון רויטן עק הימל, קוקט צו איר אַרויס אַ צווייטע, פייערדיגע מירל און ווינקט צו איר פון דער ווייט: קיינער, ווינקט זי צו איר, וויים ניט, צוליב וואָס ס'בלאָנדזשעט אַרום מירל הורוויץ. און איך, מירל, וואָס איך ברען אין פייערדיגן עק הימל אויפ'ן האָריזאָנט — כ'האָב שוין אַמאָל אויך אַרומגעבלאָנדזשעט און האָב אויך ניט געוואוסט, צוליב וואָס"... די רעאַלע ערדישע מירל דערהייבט זיך מיט

אַמאָל ביז צו דער מדרגה פון עפּעס אַן אייביגער, אין פייערדיקן עק הימל ברענענדיגער, געשטאַלט. אָבער „נאָך אַלעמען" גע־הערט זי צו דעם פאַר־מלחמה־פּעריאָד. וועל איך דערמאָ־נען דעם נייעם ראָמאַן פון דוד בערגעלסאָן, — אַן „אָפּגאַנג". אין אים איז אויך דאָ אַ מיטאָס־פּאָדים, וואָס וועבט זיך אַריין אין דעם רעאַליסטישן געוועב: דאָס איז די געשטאַלט פון דעם געשטאָרבענעם מ ל ך. „מלך, זאָגט זיין חבר (זיין שאָטן, זיין צווייט איך?) חיים משה — מלך האָט דוקא איצט נאָכ'ן טויט באַקומען מער וואָג — מלך מיט זיין שעמעוודיגן, ווייך־שמייכלדיגן פּנים..." און ער פירט מיט אים געשפּרעכן, ווי מיט אַ לעבעדיגן. און אַז ער פרעגט ביי אים: „און ווער איז אייביג?" — ענטפערט ער: „אייביג בין איך, דער געשטאָרבענער מלך"... זיין ניט רעאַלע געשטאַלט שוועבט, ווי אַ שיינענדיגער שאָטן, איבער'ן גאַנצן ראָמאַן.

אפילו ביי אַזאַ ניט־ראָמאַנטישן, כמעט אַנטי־ראָמאַנטישן, הארט אויפ'ן באָדן פון פאַקטן שטייענדיגן, שרייבער, ווי י. אָפּאַטאָשו, ווערט דער העלד פון „אין פּוילישע וועלדער", מרדכי, צום סוף ענלאַך אויף אַ וויזיאָנער, אויף אַ וויזיע: „...דער מוח האָט זיך ביי מרדכי'ן געצונדן. ער האָט געזען ווי אַרום אים פלאַקערט אויף אַ פייער, ווערט גרעסער, כאַפּט אַרום איין געביידע נאָך דער צווייטער. נאַקעטע מענטשן באַווייזן זיך דאָ און דאָרט, ציטערן פון קעלט, קענען זיך ניט דערוואַרעמען אַן אייגענעם פייער, און דאָס פייער, ווי אַ שיטערע מאַסע, גיסט זיך פונאַנדער, ווי אַ טייך קאָכט. די מענטשן ראַנגלען זיך, קלעטערן איינער איבער'ן צווייטן, ווילן אַרויס און אינמיטן טייך שטייט אַן איינגעבויגענער צלם, ווי אַן אַלטע דאַמבע, מאַכט טי־פער ס'פייער, לאָזט קיינעם נישט אַרויס, שטייט, ווי גבריאל'ס שטאָק־רער אינמיטן ים. דאָרט איז בלויז רוים אויסגעבויט געוואָרן, און דאָ — אַ וועלט, אַ גאַנצע וועלט, וואָס דאַרף חרוב ווערן. דער מוח ביי מרדכי'ן האָט געבליצט, געזען, ווי אַ בנין נאָך אַ בנין פאַלט איין, אַ געביידע נאָך אַ געביידע קראַכט, און איבער די חורבות שטייט אַ א י ד, שטייט ע ר, רופט צו זיך די דערשלאָגענע, די הונגעריגע, די געפּייניגטע, רייסט

די שלוזן, ברעכט די דאַמבן, פאַרפלייצט די ערד, מאַכט אַלץ חרוב, דער מענטש, אַ נאַקעטער, אַ נייגעבוירענער, זאָל ווייטער קאָנען שפּינען גאָט׳ס פּעדים, דעם אידישן פאָדעם, וואָס איז נאָך נישט איבערגעריסן געוואָרן"...

דאָס איז, פאַרשטייט זיך, נאָר אַ וואונק אויף אַ מיטאָס־וויזיע, אָבער אַ וואונק איז עס אָן איבערראַשנדיגער אין אַזאַ טיפּיש־רעאַליסטישן ראָמאַן, ווי „אין פּוילישע וועלדער".

דאָס צייגט, אַז ווי נאָר פאַר׳ן היינטיגן קינסטלער שטייט אויף, ווען אַפילו נאָר עפּיזאָדיש, דאָס ריזיג־גראַנדיעזע בילד פון אַ וועלט־חורבן און אַ וועלטגעבורט, אַזוי ווערט אים גלייך ענג די לופט פון רעאַליסטישער פּסיכאָלאָגיע און פּסיכאָלאָגישן רעאַליזם. ער מוז זיך אויפהייבן ה ע כ ע ר און שוועבן פריי אין אַ וועלט פון וויזיעס.*)

ה. וועלטציטערניש.

דער פריערדיגער קאַפּיטל איז געשריבן געוואָרן אין יאָר 1922, ווען די שפּורן פון דעם וועלט־שטורעם זיינען נאָך געווען טיף איינגעשניטן אין די וועגן און אומוועגן פון דער היינטיגער ליטעראַטור. פון דאַן אָן זיינען פיל ענדערונגען פאָרגעקומען. אָבער נאָך פריער, אין יאָר 1918, באַלד נאָך דער גרויסער וועלט־ציטערניש, נאָך דער מלחמה און די ערשטע רעוואָלוציאָנערע אויסברוכן, זיינען געווען פאָרויספילונגען פון עפּעס נייעס, וואָס דאַרף קומען אין דער וועלט פון וואָרט. קיין קלאָרקייט איז אין די פאָרויסזאָגונגען נישט געווען. זיי האָבן זיך גענערט מער פון אינעווייניגסטע איבערלעבונגען, ווי פון אָביעקטיווער קינסטלערישער דערפאַרונג. די נאָך־מלחמה־ליטעראַטור איז דאַן ערשט געווען אין דער סטאַדיע פון געבורטס־ווייען. אָבער אָט די שטאַמלדיגע און מטושטש׳ע נביאות איז כאַראַקטעריסטיש פאַר די שטימונגען פון יענער צייט, און אין אַ גרויסער מאָס

*) דאָס איז אויך דער זין פון דער נייער קינסטלערישער ריכטונג, וואָס איז אויסגעוואַקסן אין פראַנקרייך מיט׳ן נאָמען „סיררעאַליזם" (איבער־רעאַליזם, אָדער טראַנסצענדענטער רעאַליזם).

האָבן זיי אַ שייכות צו מיין אַלגעמיינער באַציאונג צו דער פּראָבלעם פון אַלט און נייַ אין קונסט. דערפאַר נעם איך אַריין אַהער, מיט קליינע ענדערונגען, די באַטראַכטונגען וועגן דער ווירקונג, וואָס די וועלטציטערניש האָט געזאָלט האָבן אויף דער וואָרטשאַפונג, לויט מיינע שטימונגען אין יאָר 1918...

...אַנדערע (אַזוי האָב איך געשריבן דאַן) וועלן מיר ניט ווערן נאָך די גרויסע וועלטציטערנישן: פעלקער און מענטשן זיינען ניט איינמאָל שוין געפּרואווט געוואָרן מיט טויטשרעקעניש און געבורטסווייען. אַנדערש אָבער מוזן מיר ווערן — סיידן מיר ווערן ניט אַנדערש איבערהויפּט.

אונזער פעלד איז ניט געזייט, דאָס געזייטע איז פאַרגיפטעט; אָבער געאַקערט, צעאַקערט איז דאָס פעלד פון אונזער לעבן... עס ליגט פאַר זיך אַליין און פאַר דער אויפגייענדיגער זון אַנטבלויזט ביז צו די אור־טיפענישן — און די זאַפטן, די גוטע, ווי די גיפטיגע, וואָס האָבן זיך אין זיין אינגעווייד אויפגעזאַמלט, מוזן אַרויסשפּאַרן... מיר מוזן אויסזען, אויב ניט זיין, אַנדערש, ווי פריער:

אין דעם שפּיגל, וואָס מיר מיידן אוים אין אים צו קוקן, מוזן מיר — יעדער באַזונדער און אַלע אינאיינעם — זיך דערזען עלטער־געוואָרענע — ניט אויף יאָרן — אויף דורות און אויף תקופות עלטער־געוואָרענע; אַ קנייטש פון געניטקייט מוז זיך לייגן לעבן די פאַלדן פון טרויער אויף אונזער אויסגעמאַטערטן געזיכט; מענלאַכקייט, רייפקייט צום לעבן (ד. ה., אויך צום טויט), מוז זיין די באַלוינונג פאַר דער יוגנטלאַכקייט און אומשולדיגקייט, וואָס מיר האָבן אָנגעוואָרן...

קוקנדיג אין אָפּגרונטן, מוזן מיר זיך פילן, ווי אויף אַ הויכן אָרט, און, אויפהייבנדיג די אויגן, וועלן מיר דערזען פאַר זיך אַ ברייטערע וועלט.

געלייטערטע וועלן מיר אַרוים פון דער גרויסער, גיהנום'שער פּיין. ניטאָ קיין בעסערער באָדן פאַר אינעווייניגסטן וואַקסן, ווי דער שטילער באָדן פון ליידן. זיי בייגן אונז און

ווארפן אונז אום, ווי א געוויטער די זאנגען אויפ'ן פעלד; אָבער מיר שטעלן זיך אויף צוריק, ווי די זאנגען, אָפּגעפרישטע. ווי א דימענט, ווערט אונזער נשמה אַלץ לייכטנדיגער, וואָס מער עס שלייפן זי די פּרובן פון לעבן... און א נייע, נאָך קיינ־מאָל ניט געשפּירטע, טיפעניש מוז אויפלייכטן אין דעם שאַפן פון א דור, וואָס וועט זיך אויפהייבן, א דערלייזטער, ממעקים, פון די אָפּגרונטן פון פיין און זינד...

אָט די געלייטערטקייט און פאַרטיפונג פון אונזער נשמה, אָט די פאַרברייטערונג פון אונזער האָ־ריזאָנט, אָט די מענלאַכקייט פון אונזער טראָט און גענייטקייט אין אונזער בליק — מוזן זיין די סמנים און די פאָר־כחות פון יענעם לעבן, וואָס וועט קומען אויף דער וועלט נאָך אירע איצטיגע געבורטס־ווייען...

די דיכטער, די קינסטלער און אַלע, וואָס שטייען אין דער הויך, מוזן אָט דעם שווער־אויפגייענדיגן לעבן זען, איידער נאָך עס וועט אָנהייבן גרויען דאָרט אונטן, אין טאָל. שוין איצט מוזן די שאָטנס און די פינסטערנישן, וואָס לויערן אויף זייער שאַפן, ווערן דורכגעלויכטן פון דער ווייטער, אויף די שפּיץ־בערג זיך צינדנדיגער רויטקייט; שוין איצט מוז אין דער לי־טעראַטור און אין יעדער קונסט זיין עפּעס קינפטיגס און נביא'ישעס...

אז וואויל איז דער נשמה, וואָס וועט ווערן אויסגעלאָדן פון אַלע משאות און זיין אָפן פאַר דער שפע פון קומענדיגע צייטן!

אָבער אויפ'ן וועג צו אָט דער קומענדיגער שפע מוזן מיר אריינזויגן אין זיך די אַלע שרעק־און וואַרטעניש־פולע קלאַנגען, וואָס קומען אָן פון אַלע זייטן, פון דער הייך און פון דער נידער, די אַלע גרויסע און אכזריות'דיגע דערפאַרונגען פון די איצטיגע אַלט און רייף־מאַכנדיגע, מידע און דרייסטע טעג.

אויפ'ן וועג צו דער וואונדערלאַכער צוקונפט ליגט די נאָך מער וואונדערלאַכע און רעטעניש־דיגע געגנוואַרט. אויפ'ן וועג צום נייעם מענטשן מוז אונז באַלייטן דער מענטש פון דער היינטיגער תקופה, דער מענטש, וואָס איז צוגלייך אי אוממענטש, אי איבער־מענטש; דער מענטש, וואָס

האָט דעם טייוול און דעם טויט אין פּנים אַריין געקוקט און וואָס פון די מ"ט שערי טומאה, וואו ער איז אַ פינסטערער גע־לעגן, האָט ער זיך פּלוצלונג פון אָרט אַ הויב געטאָן און אין די טמא'דיגע קריגס־קליידער, אַ בלוט־פאַרפלעקטער, נאָך ניט קיין אָפּגעוואַשענער, אין ליכט־היכל געפּרואווט אַריינגיין; דער מענטש, וואָס מיט אַ ים בלוט און אַ ים שיין האָט ער אַלע, אויך די גייסטיגע, גרעניצן פאַרפלייצט און אָפּגעווישט, וואָס אין טעג און כשופ'דיגע שעה'ן האָט ער די ענערגיע פון טויזנטער יאָרן איינ־געפּרעסט, וואָס האָט די פּסיכישע צייט־געזעצן, ניט נאָר דעם „פיזישן" געזעץ פון רוים אומגעוואָרפן. . . אָט דער אַלט־נייער מענטש, — אָט די אור־אַלטע חיה, וואָס וויל מיט גוואַלד ווערן יונג, וואָס זייט קערנדלאַך לעבן אונטער די ביינערדיגע פיס פון טויט — אָט די אַלט־יונגע מענטשן־חיה מוז שטיין ביים טויער פון דער היינטיגער קונסט, און יעדערער, וואָס וואַגט צו איר צוגיין, מוז זיך פאַרקוקן אויף אָט דער מענטשן־חיה און אין איר פורעם, לויט איר געשטאַלט שאַפן...

דאָס געמיש פון ליכט און פינסטערניש, גלויבן און פּחד, וואָס פילט אָן די לופט פון דער וועלט, מוז זיין ווילדן, אומ־רואיגן אָטעם אין דער קונסט אַריינאָטעמען, דער כאַאָס מוז אַרויסציטערן און אַרויסשטראָמען פון דער פאָרם, אין וועלכער די קונסט וויל אים שמידן, ווארים דאָס איז די קונסט פון מעשה בראשית, ווען דער שאַפנדיגער גייסט האָט געשוועבט איבער די נאָך־לויערנדיגע אָפּגרונטן פון טויטע וועלטן...

נייע, שווערע און טונקעלע, ציִלן שטייען פאַר דער קונסט — און נייע מיטלען און גאָר אַ נייעם שטאָף וועט זי מוזן גע־ברויכן...

קיין אַ נ ד ע ר ע, ווי זי איז געווען פון אייביג אָן, וועט זי ניט ווערן. אַ נ ד ע ר ש אָבער מוז זי ווערן.

און אויך דער אידישער קונסט־מענטש מוז ווערן אַ נ־ד ע ר ש. ער — מער ווי אַנדערע. ווארים דורך אונזער לעבן, דורך אונזער קערפּער און אונזער גייסט גייט דער וועג פון דער מענטשהייט. אויף אונז פאַלן אירע שאָטנס און אירע פייער־

דיגע בליקן אַפּטער ווי אויף אַלעמען... מיר זיינען דער בריק און די, וואָס גייען אויף אים, איבער אַפּגרונטן. מיר זיינען די קרבנות — און די כהנים...

אין די ערשטע יאָרן פון דער מלחמת גוג ומגוג זיינען מיר עס נאָך ניט געווען: מיר זיינען געווען קרבנות, בלויז קרבנות.

ניט צום קריג, צום געשלעג,
ניט צום מענטשגעיעז, —
ניט אַהין פּירט מיין וועג,
ניט אַהין פּירט מיין וועג.
מיט טראָמפּייט ניט באַגלייט,
אָן אַ זייט, שטילערהייט,
פּירט מיין וועג מיך צום טויט,
צו מיין אייגענעם טויט.
— — — — — — — —
— — — — — — — —
כ'טו אַ מאַך מיט מיין האַנט
אויף דעם בלוטיגן לאַנד:
— ניט מיין רום, ניט מיין שאַנד,
ניט מיין רום, ניט מיין שאַנד...

אזוי האָבן מיר געזאָגט דאַן אינאיינעם מיט ה. לייוויק'ן. איצטער קענען מיר עס מער ניט זאָגן. איצט גייען מיר שוין ניט „אָן אַ זייט" פון די גרויסע וועגן. עס איז שוין **אונזער** רום און **אונזער** שאַנד. צי מיר ווילן עס צי ניט — די גרויסע וועלט־אחריות ליגט אויף אונז, און מיר קענען זי ניט אראָפּוואַרפן פון זיך.

ביי מאַרק שאַגאַל איז דאָ אַ בילד, וואו אַ איד, ווי פון ווינט געטריבן, שפּרייזט איבער די דעכער און דעכלאַך פון דער אידישער גאַס. דאָס איז ניט קיין איינציגער איד. אונז אַלעמען האָט דער ווינט פון דער וועלט געמאַכט פאַר מענטשן, וואָס שפּרייזן איבער די נידעריגע, פאַרוואַקסענע דעכער פון דער חרוב־געוואָרענער געטאָ. די ווינטן פון דער וועלט האָבן אונז געמאַכט פאַר ווינט־מענטשן, אָבער — אויך פאַר וועלט־מענטשן.

זיי האָבן באַדעקט אונזער נשמה מיט דעם שטויב, אָבער — אויך מיט דער זריעה פון דעם ווייטן און ברייטן גלות־פעלד... דאָס לעבן צווישן די גרעניצן האָט אונז אויסגעלערנט צו גיין א י ב ע ר די גרעניצן פון פעלקער און לענדער. און עס נאַרן זיך די, וואָס מיינען, אַז ווען עס וועלן אראָפּפאַלן פון אונז די קייטן, וואָס עס האָבן אָנגעטאָן אויף אונז לענדער און מלוכות, וועלן מיר זיי צוריק אויף זיך אָנטאָן, ווייל מען וועט זיי אונז אָפּשרייבן, ווי אונזער כשר אייגנטום. ניין, די קייטן וועלן מיר איבערלאָזן אין די מוזייען. ביי אונז וועט בלייבן נאָר די לאַסט פון האָבן זיי געטראָגן און די לייכטקייט פון אונזער באַפרייען זיך פון זיי. שווער באַלאָדן, אָבער באַפליגלט וועלן מיר זיך לאָזן איבער די ניי־געעפנטע, מיט שטראָמען־בלוט און שטראָמען שיין פאַרפלייצטע וועלט־וועגן...

אַז מען זאָל אונז הערן ריידנדיג (אין די פּאַרטייען, אויף די מיטינגען, אין דער פּרעסע, אויך אין דער ליטעראַטור), קען מען מיינען, אַז מיר זיינען די אייגענע, וואָס פריער: מיר ריידן נאָך אַלץ די אַלטע רייד. אָבער דאָס זיינען ר י י ד. וואָס זיינען זיי אַנטקעגן די מעשים, וואָס פאַלן יעדע שעה, יעדע רגע אַריין אין אונזער אויפגעברויזטן לעבן־שטראָם, מאַכנדיג אים ציטערן ביז׳ן גרונט?... זאָל יעדער איינער באַטראַכטן, וואָס ער האָט זיך אָנגעזען און אָנגעהערט פאַר די לעצטע עטלאַכע . . . הונדערט יאָר! זאָל יעדער איינער פאַרגלייכן די רייד פון די ריידער מיט דעם, וואָס שטומט אין זיין נשמה, וועט ער זען, ווי פוסט און בטל עס זיינען די אַלע רייד אַנטקעגן דער גרויסער, פולער און שווער־אָנגעלאָדענער שווייגעניש, וואָס איז צעגאָסן איבער אונזער אַלעמענס וועזן...

ניט די דרויסנדיגע ענדערונגען זיינען אַזוי וויכטיג, ווי די שטילע, אומגעזעענע קערנדלאַך, וואָס די שטורעם־ווינטן האָבן אַריינגעבלאָזן אין אונזערע נשמות, און וואָס מאַכן זיי אַזוי שווער, פול און ניט דורכדרינגלאַך.

מיר שפּירן די דאָזיגע זאַמד־און־זריעה־קערנדלאַך, אָבער מיר וויסן נאָך ניט פון זיי. דערוויסן זיך פון זיי וועלן מיר

שפּעטער, ווען מיר וועלן אַרויס פון דעם תהו ובהו, ווען מיר וועלן זיך אַליין ווערן קלערער...

אָבער דער דיכטער, דער זעער, — ער קאָן שוין איצט מאַכן אונזער שפּעטערדיגן חשבון הנפש.

פאַר דעם עפּיקער פון אַלטן רואיגן און געלאַסענעם שניט איז עס אפשר נאָך צו הייס און צו באַוועגלאַך. אָבער דער ליריקער — ער איז דאָך להוט אזוי נאָך הייסע איינדרוקן, ער ווייס די שפּראַך פון וועלטן, וואָס ליגן נאָך פאַרבאָרגן אין נעפּל. וואָס מאַכט עס אויס, וואָס דער פורעם, אין וועלכן עס וועט זיך אַריינגיסן אונזער נייער לעבענס-שטאָף, איז ניט פאַרטיג? דער שטאָף אַליין איז שוין האַלב צעשמאָלצן, און דער דיכטער מוז אַריינאָטעמען אין זיך זיין הייסן און דורשטיגן אָטעם...

צו דער מאַטער און זאַטער פאַרגליווערטקייט פון פריער־דיגן לעבן קאָן ער זיך ניט אומקערן. ווי קאָן מען זיך וויגן אויף שטילע פּאַליעס, ווען עס שטורעמען די טיפענישן פון אָפּגרונט?

ווי קאָן מען וויינען אויפ'ן חורבן פון ש ט ע ד ט ל, ווען עס ווערן חרוב וועלטן און וועלטן מאַטערן זיך פון דעם פינס־טערן כאַאָס אַרויסצושיינען?

ווי קאָן מען זיין אַן עכאָ פון אַ שוואַכן עלענדן זיפץ, ווען פון איין עק וועלט ביז צום אַנדערן טראָגן זיך די געשרייען פון חבלי משיח?

ווי קאָן אונזער וויזיע-דורשט שטילן אַ בילד פון „נחמו, נחמו, עמי”, ווען עס שטייען אויף פאַר אונזערע אויגן געשטאַלטן פון דניאל, פון אַפּאָקאַליפּסיס, פון משיח'ס צייטן?

ווי קאָנען מיר גאָר זען פון דעם הויכן פונקט, וואו מיר שטייען, — די אַלע פּינטעלאַך און פּאַסיקלאַך, וואָס מיר זיינען ביז אַהער געוואוינט געווען זיי פלייסיג אַרויפצונעמען אויף אונ־זער קליין שטיקל לייוונט? מיר זעען נאָר ברייטע שטרעקעס און אומענדלאַך ווייטע האָריזאָנטן. און אין אונזער פאָלקס-שטים מוזן מיר מאַכן ציטערן די פּיין און די האָפנונג פון אַ וועלט. אונ־זערע פאָלקס-פּערל מוזן מיר אַרויפציען אויף דער שנור פון דער מענטשהייט...

מען האָט מורא, אַז מיר זיינען קלענער געוואָרן, וואָרים די

נייע גרעניצן האָבן אונזער פאָלקס־גוף צעשניטן אויף שטיקער... אונזער גוף — אָבער ניט אונזער נשמה. מיר זיינען קיינמאָל ניט געווען אַזוי אַ ל ע אײנאײנעם, ווי אין אָט די שווערע און גרויסע יאָרן. און די פּעדים, וואָס פאַרבינדן די צעשפּרייטע טיילן פון דעם וועלט־פאָלק צווישן זיך, באַהעפטן זיי אויך מיט דער וועלט, וואָס שפּרייט אויף זיי, פון אַלע זייטן, איר שאָטן און ליכט. דער איד איז קיינמאָל ניט געווען מער ווי איצט וועלט־אַטאָם און וועלט־אָטעם. קיינמאָל איז אין אים ניט געווען אַזוי ווינציג פון דעם אַמאָליגן „עם לבדד ישכון", ווי ביי היינטיגן טאָג. קיינמאָל איז אויף זיינע פּים — און אויף זיין נשמה — ניט געלעגן אַזוי פיל שטויב פון אַלע וועגן פון דער וועלט און פון אַלע אומוועגן. אפילו דער הפקר־און טומאה־ווינט, דער שמוגל־און שווינדל־ווינט, וואָס טראָגט זיך איצט, אויפהייבנדיג זיילן שמוציגן שטויב, איבער די אידישע גאַסן — בלאָזט צו אונז פון דער וועלט און אירע חורבות. אינאיינעם מיט איר טראָגן מיר די לאַסט פון די שווערע זינד און די פּאַן פון דער אויסלייזונגס־האָפענונג. אינאיינעם מיט איר נאָר קאָנען מיר אָפּוואַשן פון זיך די פלעקן און אָנטאָן נייע, ריינע בגדים...

ניט אַלע ווייסן עס. אָבער דאָס איז דערפאַר, וואָס ניט אַלע ווייסן, וואָס אין זיי אינווייניג טוט זיך. עס ווייס דאָס דער קינסטלער — און ער וועט אונז אַנטפּלעקן די וועגן פון אונזער נשמה, די וועגן, וואָס פירן אונז דורך די היילן און די רחבות'דיגע שטרעקעס פון דער אויפגעציטערטער וועלט...

5. צייטגייסט

5. צייטגייסט.

א. צייט און צייטלאַכעס.

י. ח. ברענער האָט אין דער פאָררעדע צו זיין ראָמאַן „כשול וכשלון״ אויסגעדריקט זיין צווייפל, צי פאַסט זיין ווערק פאַר דער איצטיגער צייט. זי איז אָנגעזעטיגט מיט עפּעס אַ שווימנדיגן, איבער׳ן ראַנד זיך גיסנדיגן כּלל־פּאַטאָס; זי איז פול מיט ראַנגלענישן פון פעלקער, קלאַסן, סאָציאַלע סיסטעמען — און זיין בוך איז אַ שטילע תּפילה, אַ זיפץ פון אַ יחיד, וועלכער ווערט פאַרברענט פון זיין אָנמעכטיגן דורשט נאָך אַביסעלע פּערזענלאַכן גליק. אַזאַ יחיד׳יש בוך — האָט ברענער געטראַכט — קאָן אפשר גאָר ניט געפינען קיין אָפּקלאַנג אין אַ צייט פון סאָציאַלע שטורעמס. אָבער ער האָט זיך געטרייסט, אַז „די זאַך איז ניט אַזוי שרעקלאַך, וואָרים אין אַזעלכע אַנגעלעגנהייטן זיינען די גרעניצן צווישן „היינטיגער״ און „ניט־היינטיגער״ צייט ניט אַזוי פעסט איינגעשטעלט. די ליידן פון דעם עלענדן מענטשן, דאַרף מען רעכענען, וועלן שטענדיג זיין — שרייבט ברענער — און אַזוינע, וואָס ווערן משוגע אָדער טוען זיך אַליין אָן אַ מיתה, מחמת זיי קאָנען שוין מער ניט אַריבערטראָגן די צרות פון זייער עלענדן פערזענלאַכן לעבן, וועלן זיך טרעפן אפילו אין די הערלאַכסטע צייטן (אָט זעען מיר דאָך, אַז די קליינע זאָרגן פון אונזער נארישן לעבן האָבן ביי קיינעם פון אונז ניט אויפגעהערט אפילו אין די איצטיגע גרויסע איבערראַשנדיגע טעג)״.

אַזוי האָט ברענער אָנגעוואונקען אויף איינער פון די וויכטיגסטע פראַגן, וואָס יעדער קינסטלער, וועלכער פילט זיך פאַר אַ קינד פון זיין צייט, מוז זיך שטעלן.

וואָס איז עס פאַר אַ פראַגע? אין פלוג קאָן זי פאָרמו־

לירט ווערן: צי מעג אַ קינסטלער פאַרגעסן אָן די ב אַ ז ו נ ־ ד ע ר ע אויפגאַבן פון ז י י ן צייט און אָפּגעבן זיך מיט די זאַכן, וועלכע זיינען שטענדיג געווען און וועלן זיין שטענדיג?

ווען מען זאָל שטעלן די פראַגע אַזוי, וועט לייכט זיין זי צו פאַרענטפערן. עס איז קלאָר, אַז ניט נאָר מ ע ג דער קינסטלער פאַרלאָזן די באַזונדערע פראַגן פון דער צייט, ווען ער לעבט, נאָר ער דאַרף זיי פאַרלאָזן, כדי אָפּצוגעבן זיך מיט די פראַגן פון אַלע צייטן, מיט די „אייביגע" פראַגן. אמת, אין אַלע, מער אָדער ווייניגער באַדייטנדיגע, קונסטווערק זיינען דאָ שפּורן פון דער תקופה, ווען זיי זיינען באַשאַפן געוואָרן. די אומשטענדן פון דער צייט (און פון דעם אָרט) ווירקן אויפ'ן דיכטער אָן זיין וויסן און אָן זיין ווילן; דער דיכטער אָטעמט־אַריין און אַרויס די לופט וואָס איז אַרום, מער וויפיל יעטווי־דער אַנדערער, און די לופט פון אַרום איז די לופט פון דער צייט. זי גיסט זיך אַריין אין אים אינאיינעם מיט דעם ליכט פון דער זון; ער קאָן זי פונקט אַזוי ווייניג אויסמיידן, ווי די שאָטנס פון דעם בין־השמשות און די טונקלקייט פון דער נאַכט. אָבער אויב עס לעבט אין אים זיין צייט, הייסט עס נאָך ניט, אַז זי איז ביי אים דער עיקר. ווען דאָס וואָלט געווען אַזוי, וואָלט דאָס „בוך פון אַלע ביכער" שוין לאַנג געווען פאַר אונז אַ טויטע זאַך; האָמער וואָלט געשטאָרבן אינאיינעם מיט די גרי־כישע געטער; שעקספּיר'ן וואָלטן מיר אין האַנט ניט געוואָלט נעמען, און סערוואַנטעס'עס דאָן קיכאָט וואָלט געווען פאַר אונז פונקט אַזאַ קוריאָז, ווי די ריטער־ראָמאַנען, וועלכע ער האָט גע־לייענט. יעדעס ווערק פון קונסט וואָלט געלעבט און געווירקט בלויז אין דער עפּאָכע, ווען עס איז באַשאַפן געוואָרן. אין אַן אַנדער תקופה וואָלט עס קיין שום ווערדע און קיין שום ווירקונג ניט געהאַט, אַ חוץ אַ ריין־היסטאָרישער. דאָס איז דאָך אָבער ניט אַזוי. אַלע גרויסע ווערק זיינען גרוים דערמיט, וואָס זיי האָבען איבערגעלעבט זייער צייט. מיר שעצן אין דער ביבל, אין האָמערן, אין שעקספּירן און אין יעדער גרויסער שאַפונג, דאָס איבערצייטלאַכע, ניט דאָס צייטלאַכע. דאָס איז אלף־בית.

די פראַגע דאַרף געשטעלט ווערן אַנדערש. ניט דער דיכ־

טער און דאָס צ י י ט ל אַ כ ע, נאָר דער דיכטער און די צ י י ט. דאָס צייטלאַכע איז די שאָלעכץ. די צ י י ט איז די שאָלאַכץ מיט׳ן יאָדער אינאיינעם. די צ י י ט — דאָס איז די אייביגקייט אין איר פליסנדיגן צושטאַנד.

דאָס צ י י ט ל אַ כ ע איז אין דער קונסט פונקט אַזוי פאַראיבערגייענדיג, ווי אין לעבן. אין דער ביבל, אין האָמער, אין דאַנטע, אין שעקספיר זיינען פאַראַן אַן אַ שיעור פּרטים, שטריכן, וועלכע האָבן פאַר אונז איצט קיין אַנדער אינטערעס ניט, אַ חוץ אַ ריין־אַרכעאָלאָגישן. דאָס זיינען די פּרטים, די שטריכן, אין וועלכע עס איז אויסגעדריקט געוואָרן בלויז דאָס פאַראיבערגייענדיגע פון די אַמאָליגע צייטן. דאָס איז דער שוים אויף די כוואַליעס. די צ י י ט — דאָס איז ניט דער שוים, דאָס איז דער שוימיגער שטראָם.

וואָס פאַר אַ „שוים" אַ דיכטער האָט אויף זיך, איז ניט וויכטיג; און וואָס פאַר אַ טייל פון „שטראָם" ער געפינט זיך, איז אויך גאָר ניט אַזוי וויכטיג. אָבער — בלויז דאַן, ווען דער „שטראָם" איז אומעטום גלייך. ווען ער הערט־אויף צו זיין גלייך, ווען אין איין אָרט איז ער שטיל און פלאַך און אין אַן אַנדער׳ן — אויפגעשטורעמט, אויפגעטורעמט, דאַן האָט די פראַגע וועגן דעם טייל פון „שטראָם", וואו דער קינסטלער געפינט זיך, גאָר אַן אַנדער באַדייטונג.

דער אויפגעברויזטער טייל פון „שטראָם" — די אויפגעשטורעמטע תקופה — מוז שאַפן אַן אַנדער מין קונסט, ווי די שטילע.

דערפאַר איז אין דער ה י י נ ט י ג ע ר צייט, ווען איבעד דער וועלט טראָגן זיך שטורעמס, ווען עס בייט זיך דער טעמפּוס, דער ריטם, ניט נאָר די אויסערלאַכקייט פון לעבן, די פראַגע וועגן דעם קינסטלער׳ס מאָדערן־זיין זייער וויכטיג. אין דער היינטיגער צייט איז עס די פראַגע וועגן דעם קינסטלער׳ס אינעווייניגסטן יש, ניט נאָר וועגן די אויסערלאַכע שפּורן, וועלכע עס לאָזן אין אים איבער די אומשטענדן פון דער צייט. די היינטיגע תקופה איז אַזאַ, ווען אפילו דאָס צייטלאַכע וואָס איז אין איר, איז — מער ווי צייטלאַך. די היינטיגע תקופה

איז ניט קיין שום און ניט קיין כוואַליע צווישן כוואַליעס, נאָר אַן אויפשטייג, אַן אויפהויב פון דעם גאַנצן „שטראָם".

עס קומען־פאָר זאַכן, וועלכע טרייסלען־אויף אונזער לעבן ביז'ן טיפסטן גרונט. מיר זיינען ווי מענטשן, וועמעס שיף עס האָט זיך צובראָכן, און זיי זיינען אַרויסגעוואָרפן געוואָרן אויף אַ ברעג, און זיי ווייסן נאָך ניט צי איז עס דער ברעג פון אָפּגרונט אָדער — פון אַ נייעם לאַנד. עס איז איצט ווייניג צו האָבן אויגן, וועלכע זעען. עס זיינען נויטיג זעער. זעער פון דאָס ווייטע און ווייטסטע. די מגילה פון לעבן, וואָס וויקלט זיך פאַנאַנדער פאַר אונז, איז ניט קיין געוויינלאַכע מגילה. דאָס איז אַן אַפּאָקאַליפּסיס. ווער וועט אונז פאַרטייטשן זיינע צייכנס? ווער וועט טרעפן דעם זין פון זיינע שוידערלאַכע און וואונדערלאַכע געשטאַלטן?

ניט נאָר אַ מער שפּאַנענדיגער שטאָף פאָדערט זיך פון דעם היינטיגן קינסטלער. עס פאָדערט זיך אַ גרעסערע געשפּאַנטקייט פון גייסט. מיר נעמען אַריין אין זיך ניט אין ערך מער שטאָף ווי פריער, מער לעבנס־שטאָף, דער קעסל ווערט מער געהייצט, און ער מוז ווערן זודיגער, קאָכיגער. עס מוז אין דער קונסט זיך פילן דער וואולקאַניזם, וועלכער איז פאַראַן אין היינטיגן לעבן. עס איז ניט קיין פראַגע בלויז וועגן שטאָף אליין. עס רעדט זיך וועגן דער הויכער טעמפּעראַטור וואָס איז נויטיג. די טעמעס זיינען ניט דער עיקר. מען קאָן שרייבן אויף אַ „היסטאָרישער" טעמע — און זיין דער מאָדערנסטער צווישן אַלע שרייבער; פאַרקערט, קאָן מען באַנוצן דעם אַקטועלסטן שטאָף פון די לעצטע צייטונג־נייעס — און זיין דער אַרכאַאישסטער שרייבער אין דער וועלט. דער עיקר איז דער טעמפּס און דער אינעווייניגסטער ריטם פונ'ם שרייבן. ער מוז אויפגעשטורעמט און אויפגערודערט ווערן, ווי אויפגעשטורעמט און אויפגערודערט עס איז אַלץ אַרום און אין אונז, היינטיגע מענטשן — מענטשן פון נאָך 1914 און נאָך 1917.

י. ח. ברענער איז געדעכט געווען, ווען ער האָט געשריבן, אַז געוויסע איבערלעבונגען פון יחיד, דערהויפּט זיינע ליידן, זיינען שטענדיג געווען און וועלן זיין שטענדיג. געוויס שאַפן

אפילו די נייסטע אומשטענדן ניט קיין נייעם מענטשן. מלוכות, געזעלשאפטן, סאָציאַלע סיסטעמען קאָנען רעוואָלוציאָניזירט ווערן, ניט די מענטשלאכע נשמה; זי אנטוויקלט זיך פּאַמעלאַך און אין דער שטיל. אָבער עס איז פאראן אַ גרויסער אונטערשייד צווישן דער צייט, ווען די נייע אומשטענדן ווערן שוין איינגע־שטעלט און עס ווערט באשאפן אַ נייער נוסח פון לעבן, אַ נייער קאָנסערוואַטיזם, און דער צייט, ווען עס קומט פאַר ערשט דער קאמף פאר דעם נייעם נוסח, די געבורט — און די גע־בורטס־ווייען — פון דעם נייעם נוסח. נאָכ׳ן שטורעם זעען מיר ווידער פאר זיך דעם אַלטן מענטשן מיט זיינע אַלע „מענטש־לאכקייטן", אָבער בעת׳ן שטורעם איז דער מענטש, דער יחיד אפילו, ניט נאָר דער כלל, אַן אנדערער. ער האָט אויך דאַן זיינע געוויינלאַכע אייגנשאפטן, אָבער זיי זיינען אַלע אין אַן אָנגעשטרענגטן צושטאַנד; אַ חוץ דעם, זיינען זיי אנטבלויזט. עס וואַכט אין דעם מענטשן עפּעס אורשפּרינגלאַכעס, עפּעס וואָרצלדיגעס. און ווען מען זאָל אין אַזאַ צייט קאָנען רואיג שטיין און באָאָבאַכטן, איז עס באמת די גינציגסטע צייט ארייגצוקוקן דעם מענטשן — דעם מין מענטש — אין דער נשמה אריין. אָבער אין צייטן פון גרויסע שטורעמס זיינען אפילו קינסטלער ניט אויפגעלייגט צו „באָאָבאַכטן". שטורעמדיגקייט — ווי יעדע אימפּעטיגע קראַפט — איז אָנשטעקנדיג. אירע כוואַליעס פארפלייצן אונז. מיר ווערן הינגעריסן פון איר רייסנדיגן שטראָם.

און אָט דאָס איז און מוז זיין איינער פון די הויפטשטריכן אין דער מאָדערנער קונסט־דיכטונג ביי אַלע פעלקער. זי איז דינאַמיש אין איר „פאָרם" און עטיציזירנדיג (ניט עסטעטיזירנדיג) אין אירע אינהאַלטס־ספערן. די קונסט איז איצט אין אַ געוויסן זינען געאידישט. ניט אומזיסט איז אין דייטשלאַנד (און אויך אין אַנדערע לענדער) דער עקס־פּרעסיאָניזם — דער מאָדערנער נוסח אין דער קונסט — פאַר־בונדן מיט עטישע און ספּיריטואַליסטישע שטרעבונגען. עס איז איצט ניט קיין צייט פון עסטעטישער „רו" (אין דעם זין איז ברענער׳ס דערמאָנטער ראָמאַן גראָד „מאָדערן"). עס איז אַ

תקופה פון כאָאָס. און מיט אַ ל ע כחות פון אונזער נשמה, מיט דעם גאַנצן ווען אונזערן, ניט נאָר מיט דעם „עס־טעטישן" חוש אין אונז, דאַרפן מיר זוכן אַ וועג צו האַרמאָניע.

די קונסט וואָס רוקט זיך צו איר ציל, ווי אַמאָל, רואיג און שטיל און קריכנדיג, איז פאַר דעם איצטיגן מענטשן אַ שלעכטע פירערין. ער וועט זיך שפּעטער צו איר אומקערן. איצט האָט ער ניט קיין געדולד צו איר. איצט האָט זי דעם אויסזען פון יענעם קליינשטעטלדיגן „עסטעטיקער", וועלכן עס האָט „באַ־שריבן" אין אַ געדיכט מנחם. ער האָט באַגעגנט — שרייבט ער — זיינעם אַן אַמאָליגן באַקאַנטן, ווייזט־אויס, אַ זיידענעם יונגעמאַן, „מיט אַ בוך אונטער'ן אָרעם", אויף אַ חרוב'ן פּלאַץ. אַמאָל איז דאָרט געווען זיין שטאָט, זיין היים. איצט זיינען גע־בליבן בלויז „בערגלאַך שטיין און אָפּגעברענטע ציגל". ער טרעט „איבער שטיין און גריבער" — „און מיט יעדן טריט שפּרינגט־אויף מיין הארץ, ווי כ'וואָלט אָנגעטראָטן אויף אַ וואונד פון אַ גרויס און צוקאַליעטשעט לייב". ער מיינט, אַז ער וועט דאָ אויף די חורבות מער קיינעם ניט טרעפן. מיט אַמאָל דערזעט ער דעם יונגעמאַן מיט'ן בוך אונטער'ן אָרעם. ער דריקט אים זיינע ביידע הענט —

— וואָס־זשע טוסטו? דו, די מאַמע, ברידער, שוועסטער?
זאָגט ער עפּעס מיט'ן האַלבן מויל,
רייס איך אים די ווערטער פונ'ם מויל,
ווערטער האַלבע און אָן חשק,
אַז די מאַמע איז געשטאָרבן,
אַז די שוועסטער אויך עפּעס אַזוי,
און אַ ברודער איז אַוועק...
ווען? וואוהין?...
פּלוצלינג ווערט דאָס געלבלאַך פּנים אָנגעצונדן,
האַסטיגער די טריט זיינע,
און ער זאָגט
— גוט, וואָס איך האָב דיך געטראָפן!
האָלט מען עפּעס דאָרט פון וואָלט וויטמאַן?
עדגאַר פּאָו, זעסטו, איז גאָרנישט.
שרעקט די גענז מיט פּוסטע מעשיות.
וויטמאַן אָבער — דו פאַרשטייסט?

געאָגראַפיע, אַנאַטאָמיע, קאָסמאָס, מענש, נאַטור.
זאָג מיר עפּעס אין אָריגינאַל,
לאָמיר הערן, ווי עס קלינגט!

אזא רוּאיגע „עסטעטישע" באַציאונג צום לעבן איז אפשר זייער איידל, זייער פיין, אָבער דאָס איז אַן אומפּרוכטבאַרע איידלקייט, דאָס איז אַ טויטע פיינקייט. לעבעדיגע, שאַפנדיגע מענטשן קאָנען ניט גיין „מיט אַזעלכע שטילע טריט" איבער דעם „צעקאַליעטשעטן לייב" פון זייער לעבן. זיי קאָנען אָדער אָפּרוקן זיך אָן אַ זייט און שווייגן, אָדער הויבן זיך אינאיינעם מיט די כוואַליעס פון דעם אויפגערודערטן ים, און אינאיינעם מיט זיי רוישן צווישן אָפּגרונטן און הימלען.*)

ב. „לינקע" קונסט.

אין דער פּאַרטיי־פּאָליטישער שפּראַך פון דער רוסישער רעוואָלוציע זיינען פאַראַן אַ שיעור ווערטלאַך, פּסוקים, פאָר־מולעס, וואָס אַלע געברויכן זיי. מחמת דעם ווערן זיי שנעל אָפּגעניצט און אויסגעוועפּט. אָבער אין אָנהויב, ווען זיי ווערן נאָר־וואָס אָפּגעגאָסן, שיינען זיי, ווי אַ נייע מטבע, און זיי קלינגען פריש און עכּא'דיג אין די רעדעס, אין די רעזאָלוציעס, אין די אַרטיקלען. אַ באַזונדער פרישקייט האָט געהאַט אין זיך נאָך דער מערץ־איבערקערעניש דאָס ווערטל: „פאַרטיפונג פון דער רעוואָלוציע".

אָבער דאַן האָט די „פאַרטיפונג" געהאַט דערהויפּט אַ פּאָ־ליטישן און עקאָנאָמישן אינהאַלט: „די גאַנצע מאַכט די סאָ־וועטן!", „נאַציאָנאַליזאַציע פון אינדוסטריע און האַנדל"... עס וואָלט געווען גאָר אפשר ריכטיגער צו ריידן וועגן אויס־שפּרייטונג, ווי וועגן פאַרטיפונג פון דער רע־וואָלוציע. די אמת'ע פאַרטיפונג (כ'מיין דאָס ווען אַריינדרינגען אין טיפער־באַהאַלטענע ווינקלען פון דעם פאָלקס־לעבן) האָט זיך אָנגעהויבן שפּעטער. זי האָט זיך אָנגעהויבן,

---

*) געשריבן אין יאָר 1921.

ווען פּאָליטיש און עקאָנאָמיש האָט דער רעוואָלוציאָנערער אימ־פּעט שוין גענומען גיין אויף צוריק.

ווען מען האָט דערפילט, אַז מען וועט שוין באַלד ניט קאָ־נען מער רעוואָלוציאָניזירן די סאָציאַלע מאַטעריע, האָט מען זיך גענומען פאַר דער גייסטיגער וועלט, אפשר וועט מען זי קאָ־נען איבערקערן. עס זיינען פריי געוואָרן כחות, אמביציעס, ליידנשאַפטן, האָט מען גענומען זוכען נייע געביטן פאַר זייער אָנווענדונג...

עס איז געווים געווען אויך אַ דירעקטע פאַרבינדונג צווישן דער סאָציאַלער איבערקערעניש און די רעוואָלטירנדיגע טענדענצן אין דער קונסט. אָבער דאָס איז אַ ריין אָביעקטיווע פאַרבינ־דונג. סוביעקטיוו זיינען סאָציאַלע רעוואָלוציאָנערן אָפט גלייכ־גילטיג און אפילו פיינטלאַך צו נייע קינסטלערישע שטרעמונגען, ערשט דאַן, ווען די סאָציאַלע רעוואָלוציע ווערט אָפּגעשוואַכט, הויבן אייניגע פון אירע פאָרשטייער אָן ארויסצואווייזן זייער רעוואָלוציאָנערן טעמפּעראַמענט אויפ׳ן געביט פון קונסט...

אזא מין איבערגאַנג פון פּאָליטיק און עקאָנאָמיק צו פראַגן פון גייסט און קולטור האָט אָפט פּאַסירט אין דעם לעבן פון אייניציגע רעוואָלוציאָנערן. נאָך אַן ארעסט אָדער אין אַ צייט פון רעאַקציע, ווען עס פלעגט פיזיש ווערן אוממעגלאַך אָדער פסיכאָלאָגיש שווער איינטיילצונעמען אין פּאָליטישן קאַמף, פלעגט מען זיך צוכאַפּן צו „ליטעראַטור און קונסט״. וואַרטנ־דיג אויפ׳ן פּראָצעס אין געפענגעניש אָדער וואַלגערנדיג זיך ער־געץ אין אַ פאַרוואָרפענעם דאָרף פון סיביר, אין „פאַרשיקונג״, אָדער אין אויסלאַנד זיצנדיג, האָבן די טוערס פון די סאָציאַ־ליסטישע פּאַרטייען געהאַט צייט און חשק גענוג צו לייענען ראָ־מאַנען, פּאָעזיע און צו פאַרטיפן זיך אין קונסט־פראַגן.

צווישן איין רעוואָלוציאָנערער כוואַליע און אַ צווייטער, אין דעם פּעריאָד פון שטילשטאַנד, פון מידקייט און פּאָליטישער אַפּאַטיע, פלעגן זיך אָנהויבן ווייזן אין רוסלאַנד סאָציאַליסטישע זאַמל־ביכער פול מיט ליטעראַרישע דיסקוסיעס. די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן און די סאָציאַל־דעמאָקראַטן, וואָס געוויינלאַך האָבן זיי זיך געקריגט וועגן דער אַגראַר־פראַגע, וועגן טעראָר,

וועגן די אינטערעסן פון די ארבעטער און די פויערים, זיינען געוואָרן מיטאמאָל גאָר אָנהענגער פון פארשיידענע קונסט־ריכ־טונגען. עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אז לויט מארקס און ענגעלס דארף זיך די ליטעראטור אנטוויקלען אויף איין אופן, לויט מי־כיילאָווסקי און לאַווראָוו — גאָר אויף אַן אנדערן. דעם אָרט פון די פריצים, די קאפיטאליסטן, די פויערים, די ארבעטער האָבן פארנומען אויפ'ן שלאכטפעלד די „פעאָדאלע", די „בורזשואזע", די „קליינבירגערלאכע" און די „פראָלעטארישע" שרייבערס.

די דאָזיגע פארפלאכונג פון דער ליטעראטור איז געווען א „פארטיפונג פון דער רעוואָלוציע". א פארטיפונג אין דעם זין, וואָס די רעוואָלוציאָנערע אידעאָלאָגיעס האָבן אויף א ווײַלע פארלאָזן דעם אויבערפלאַך פון ריין פאָליטישע פראגן און זיך אפּ־געטונקט אין די וואסערן פון פילאָזאָפישע און קינסטלערישע דיסקוסיעס.

דער נוץ, וואָס עס האָט געהאט דערפון די פילאָזאָפיע און די קונסט, איז א צווייפלהאפטער; פאר דעם גערדאנק פון די רעוואָלוציאָנערן איז עס געווען אַן אָפּפרישונג. ער האָט אויסגע־פרובט זיינע כחות אויף א נייעם געביט. ער האָט, אזוי צו זאָגן, געאיבט זיינע מוסקולען, זיי זאָלן ניט אָפּגעשוואכט ווערן אין דער צייט פון פאָליטישן ליידיגגיין. ער האָט זיך געמאכט בייע פיינט און זיי לייכט באקעמפט — לייכטער, ווי דעם קלאסן־שונא אויפ'ן פאָליטישן און עקאָנאָמישן געביט.

אזוי האָבן די רעוואָלוציאָנערן, וואָס זיינען ניט געווען מער „ביזי" אין פאָליטיק, געפונען פאר זיך צייטווייליג ארבעט אין דער ספערע פון קונסט, און געקאָנט אויף אזא אופן איבער־שטופּן די צייט פון פאָליטישן „סלעק"... דער ליטעראַרישער און קינסטלערישער „רעוואָלוציאָנאַריזם" איז געווען א תבה, וואו זיי האָבן זיך געראטעוועט פון דעם רעאקציאָנערן מבול.

אזא תבה איז געווען, ווי עס ווייזט, די ל י נ ק ע ק ו נ ס ט פאר דעם לינקן פליגל פון די רוסישע קאָמוניסטן. די נ י י ע ע ק אָ נ אָ מ י ש ע פּ אָ ל י ט י ק („נעפּ"), האָט זיי ארויסגעשטופּט אי פון דער עקאָנאָמיק, אי פון דער פּאָ־ליטיק. האָבן זיי געזוכט פאר זיך א מקום מקלט אין דער קונסט.

די רעוואָלוציאָנערע קונסט האָט זיי געדאַרפט געבן אַ קאָמפּענ־סאַציע פאַר דער רעאַקציע אין דעם טאָגטעגלאַכן לעבן. זאָלן בושעווען, האָבן זיי אַזוי ווי געזאָגט צו זיך אַליין, די מוטנע כוואַליעס פון „נעפּ"; מיר וועלן זיך באַפעסטיגן אויפן אינזל פון רעוואָלוציאָנערער קונסט. וולאַדימיר מאַיאַקאָווסקי, דער פּאָעט, וועט הויך האַלטן די פאָן, די רויטע פאָן, וואָס עס האָבן אָפּגעלאָזן די פּאָלקס־קאָמיסאַרן. דער פּאָעט וועט ווערן דער שטרענגער און אומקאָמפּראָמיסלאַכער הויפּטקאָמאַנדיר פון לינקן פראָנט. ער וועט שרייבן „דעקרעטן צו דער אַרמיי פון קונסט". ער וועט פאַרטיפן די קינסטלערישע רע־וואָלוציע, אויב מען קאָן ניט מער אויסשפרייטן די רעוואָלוציע עקאָנאָמיש...

מאַיאַקאָווסקי איז געווען אויך פריער אַ קונסט־רעוואָלוציאָ־נער; ער איז עס געווען נאָך פאַר דער רעוואָלוציע (און דאַן האָבן די סאָציאַליסטישע קונסט־טעאָרעטיקער, סיי די רעכטע, סיי די לינקע, געקוקט אויף זיין פוטוריזם, ווי אויף אַ בורזשואַזער אויסטראַכטעניש). ער איז געווען אַ באָלשעוויק אין פּאָעזיע, ווען אַנדערע באָלשעוויקעס זיינען געווען פאַרטאָן אינגאַנצן אין פּאָליטישער רעוואָלוציע. שפּעטער אָבער זיינען צוגעשטאַנען צו אים קאָמוניסטן, און עס איז באַשאַפן געוואָרן אַ באַוועגונג, אַ מין לינקער פראָנט אין דער רוסישער קונסט.

זיי הויבן אָן אַרויסצוגעבן אַ זשורנאַל מיט׳ן נאָמען „לעף" („ליעווי פראָנט" — לינקער פראָנט). און דער זשורנאַל, רע־דאַקטירט פון אַ קאָלעגיע מיט וו. מאַיאַקאָווסקי׳ן בראָש, פירט אַ ביטערן קאַמף נישט בלויז קעגן דער אַלטער „פעאָדאַלער" און „בורזשואַזער" קונסט, נאָר אויך קעגן אַלע יענע רעוואָלוציאָנערע און פּראָלעטאַרישע קונסט־ריכטונגען, וועלכע זיינען נישט גענוג רעוואָלוציאָנער, נישט גענוג פּראָלעטאַריש.

דער ערשטער נומער „לעף" האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַן אויפרוף אין דריי שפּראַכן (רוסיש, דייטש, ענגליש) — צו „די חברים, — די אָרגאַניזירערס פון לעבן!" לכבוד דעם ערשטן מאַי, און די ערשטע זאַך, קעגן וואָס ער האָט פּראָטעסטירט,

איז געווען די אָפּגעשטאַנענקייט פון דער קונסט אין פאַרגלייך מיט דעם, וואָס עס קומט פאָר אין לעבן. „פינף יאָר פון לאָזונגען, וואָס ווערן טאָגטעגלאך באַנייט און טאָגטעגלאך פאַרווירקלאַכט. פינף יאָר נצחונות. און — פינף יאָר איינטאָניגע יום־טובים. פינף יאָר אָנמאַכט פון דער קונסט"...

די קונסט, הייסט עס, האָט זיך אויך געדאַרפט באַנייען יעדן טאָג, ווי די פּאָליטישע לאָזונגען; זי האָט פון זיי נישט געטאָרט „אָפּשטיין". זי האָט, לויט דער דאָזיגער טעאָריע, געדאַרפט האָבן פונקט אַזאַ אימפּעט, ווי דאָס לעבן אין דער צייט פון אַ רעוואָלוציע. זי האָט נישט קיין פּריווילעגיע אויף אַ שטילערן גאַנג פון אַנטוויקלונג. און אויב זי וויל זיך דאָך נעמען די פּריווילעגיע, דאַרף מען מאַכן אַ „בונט" קעגן איר, ווי קעגן אַלע אַנדערע אָפּגעלעבטקייטן. עס טאָרן ניט זיין קיין אַנדערע געזעצן פאַר'ן קינסטלער, ווי פאַר'ן עקאָנאָמיסט אָדער פּאָליטיקער. קונסט דאַרף געבויט און אָרגאַניזירט (ניט געשאַפן!) ווערן, אַזוי ווי עס ווערט געבויט און אָרגאַניזירט אַ נייע געזעלשאַפטספאָרם און — בהסכם מיט די פאָדערונגען פון דער דאָזיגער געזעלשאַפטספאָרם.

אַזוי ווי עס זיינען אָבער פאַראַן נאָך כהנים פון קונסט, וואָס זיצן אין זייער טעמפּל און גייען נישט אויף מיטינגען, דריקט „לעף" אויס זיין טיפסטע אומצופרידנקייט מיט זיי. ער ווענדט זיך צו די „אַזוי אָנגערופענע רעזשיסערן", צו די „אַזוי אָנגערופענע קינסטלער", צו די „אַזוי אָנגערופענע פּאָעטן", און הייסט זיי אַלעמען אויפהערן צו טאָן וואָס זיי האָבן ביז אַהער געטאָן. אפילו די פון זיי, וואָס „באַזינגען די שטורעמס", טויגן נישט, אויב זיי טראָגן זיך נישט אַליין מיט די שטורעמס...

נישט נאָר די בורזשואזע „מאַרסעליעזע", אפילו דער פּראָלעטאַרישער „אינטערנאַציאָנאַל" איז פאַרעלטערט...

„גיט אַ נייע „מאַרסעליעזע", זאָל דער „אינטערנאַציאָנאַל" זיך דערדונערן ביז צום מאַרש פון דער שווין זיגרייכער רעוואָלוציע!"

דאָס הייסט, מיט אַנדערע ווערטער, די קונסט אין אַלע אירע פאָרמען דאַרף אויספאָלגן דעם לעצטן צירקולאַר פון דריטן אינטערנאַציאָנאַל. אמת, זי איז אַ באַזונדערע פאָרם פון „לינק־קייט”, און עס דאַרף זיין אַ באַזונדערער קינסטלערישער אינטער־נאַציאָנאַל, אָבער אויפפירן דאַרף ער זיך ווי יענער, דער „דריטער”, און ער מוז געברויכן אַפילו יענעמס טערמינאָלאָגיע...

„מיר רופן אייך איינצושטעלן אַן איינהייטלאַכן פראָנט פון דער לינקער קונסט — אַ רויטן קונסט אינטערנאַציאָנאַל.”

„חברים!

„אומעטום שפאַלט אָפּ די לינקע קונסט פון דער רעכטער”, א. ז. וו.

דאָס קלינגט זייער נאַאיוו. מען דאַרף פונדעסטוועגן נישט מיינען, אַז דאָ איז מער גאָרנישט ניטאָ, ווי דער געוויינלאַכער פּאַרטיי־קאָמוניסטישער זשאַרגאָן, איבערגעטראָגן אויפ'ן געביט פון קונסט. ניין, עס איז דאָ אין דעם מער ממשות. עס איז דאָ אַן אמת'ער פּאַרלאַנג (אַן אַנדער פראַגע איז, צי דאַרף מען אויס־פירן דעם פּאַרלאַנג) צו שאַפן אָדער אויפצובויען עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל זיין ווערט צו טראָגן דעם נאָמען „קונסט פון דער פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע”.

וואָס מיינט מען מיט „קונסט פון דער פּראָלעטאַרישער רע־וואָלוציע”?

וועגען פּראָלעטאַרישער קונסט, דערהויפּט וועגן „פּראָלעטאַ־רישער דיכטונג”, האָט מען שוין לאַנג גערעדט אין רוסלאַנד. שוין גאָר אין אָנהויב פון דער רעוואָלוציע האָט זיך אָרגאַניזירט אַ גרופּע „פּראָלעטאַרישע פּאָעטן”, וועלכע זיינען שפּעטער געוואָרן אַ טייל פון דער ברייט־פאַרצווייגטער אָרגאַניזאַציע, וואָס איז באַקאַנט אונטער'ן נאָמען „פּראָלעטקולט” („פּראָלעטאַרישע קול־טור”).

אָבער מאַיאַקאָווסקי און דאָס רוב פון זיינע חברים זיינען געוועזן נישט צופרידן מיט די אַזוי־אָנגערופענע „פּראָלעטאַרישע דיכטער”. אַ גרויסער טייל פון זיי זיינען רעוואָלוציאָנעריש און

פּראָלעטאַריש נאָר אין די טעמעס אָדער אין די שטימונגען און טענדענצן פון זייער שאַפן, נישט אין זיין פאָרם. די פאָר־שטייער פון „לעף״ ווילן די רעוואָלוציאָניזירונג און די פּראָלעטאַ־ריזירונג פון דעם מ ע ט אָ ד, נישט נאָר פון דעם מ אַ ט ע־ר י אַ ל. איינער פון זיי ווייזט זייער ריכטיג אָן, אַז אויף דעם מ ע ט אָ ד פון די „פּראָלעט־פּאָעטן״ האָט אַ גרויסע ווירקונג די טראַדיציע פון דער „בורזשואַזער״ פּאָעזיע. ער אַנאַליזירט די בילדער, וואָס ווערן געברויכט אין אַ גרויסן טייל פון דער „פּראָ־לעטאַרישער פּאָעזיע״ און צייגט, אַז אין זיי שפּיגלט זיך אָפּ ניט די אינדוסטריעל־פּראָלעטאַרישע, נאָר די דאָרפיש־פּויערשע פּסיכיק. ביי דעם אמת פּראָלעטאַרישן פּאָעט איז אַפילו די נאַכטיגאַל אַ ש ט אָ ל ע נ ע (אַסעיעוו), און די וואָלקנס אויפ׳ן הימל זיינען „אַזוי ווי עס גייען זיך פאַנאַנדער מאַסן אַרבעטער, דערקלערנדיג דעם הימל אַ פאַרביטערטן סטרייק״ (מאַיאַקאָווסקי). ביי די נ י ט אמת־פּראָלעטאַרישע, ביי די, וואָס דער דאָרף און די נאַטור לעבט נאָך ביי זיי אין זכרון, איז דאָס דרייען זיך פון די לעדערנע פּאַסן אין דער פאַבריק ענלאַך „צום מורמלען פון אַ טייכל״, די פאַבריק־קוימענס — צו אַ וואַלד א. ד. גל.

פון אַ ריין־קינסטלערישן שטאַנדפּונקט איז ניט קיין גרויסע נפקא־מינה פון וואַנען אַ בילד נעמט זיך און פון וואָס פאַר אַן אַסאָציאַציעס עס איז אַרויסגערופן, אַבי עס איז אַ פּאָעטיש בילד. דער ריינער קינסטלער לאָזט זיך נישט דיקטירן ניט קיין בילדער, נישט קיין אידייען און ניט קיין ריכטונג. ער ענטפערט, ווען מען קומט צו אים מיט טענה׳ס און מיט תביעה׳ס, אַזויווי אונזער מאָרים ראָזענפעלד האָט אַמאָל געענטפערט, כאָטש ער איז אַליין אָפט געווען רעוואָלוציאָנעריש און אפילו פּראָלעטאַריש... אָט וואָס ראָזענפעלד האָט געזאָגט אין זיין ליד „ווי איך זינג״:

איר פרעגט ביי מיר, וואו איך באַלאַנג,
וואָס מיך דערפרייט און מיר טוט באַנג?
אָ, הערט דער נאַכטיגאַל׳ס געזאַנג!
אָט גיסט זי אויס איר זיסן גוסט
אויף אַ געשמאַקן בלומענקוסט
און אָט פאַרגייט זיך פאַר געוויין

דאָרט ערגיץ אויף א הוילן שטיין..
אָט פייפט זי פריי אין גרינעם וואלד
און אָט הילכט פון א חורבה באַלד
ארונטער איר פאר׳כשופ׳ט קול:
זי זינגט דעם בארג, זי זינגט דעם טאָל

אזוי זינג איך מיין ערלאָך ליד
אַוואו עס וועלקט און וואו עס בליט,
האָב קיין באשטימטע ריכטונג ניט,
איך זינג — דאָס זינגען איז מיין ציל.
אין יעדער ליד איז א געפיל.
איך קלער ניט וואָס, איך קלער ניט ווען,
אָט פלוצלונג גיט אין האַרץ אַ ברען,
עס גיט א קלעם, עס גיט א שפּאר
אַמאָל די פרייד, אַמאָל דער צער —
דאָס קומט פון ברוסט און ניט פון קאָפּ,
און די נשמה נאַרט ניט אָפּ...

די נשמה, אַמאָל איר פרייד און אַמאָל איר צער, איר „זיסער גוסט” און איר געוויין — דאָס איז דער ריינסטער קוואַל פון ריינער פּאָעזיע. אבער די רעוואָלוציאָנערן פון „לעף” האַלטן נישט פון ריינער קונסט. זיי דאַרפן וויסן, פון וואַנען זי נעמט זיך און וואוהין זי פירט. זיי פרעגן ביי איר „וואו זי באַלאַנגט” און „וואָס איר טוט באַנג”... טאָמער האָט אפילו נאָר דער מאַטעריאַל, פון וועלכן זי איז געבויט, א שייכות צו „בורזשואַזער” אָדער „פּויער־שער” וועלט, איז עס שוין שלעכט. מאַיאַקאָווסקי אַליין כאַפּט אַ „לעקציע” פון זיינע אינגערע חברים דערפאַר, וואָס אין דעם אינהאַלט פון זיינער אַ פּאָעמע איז דאָ אַ חשש חמץ פון „בורזשואַזער פּסיכאָלאָגיע”. אין דער לינקער קונסט טאָר ניט זיין אפילו קיין זכר פון דער „אַלטער וועלט”. אַלץ, פון אָנהויב ביז׳ן סוף, מוז זיין אין איר רעוואָלוציאָנער. און גראָד איז אין דער לעצטער צייט אויפגעקומען אַ נייע קונסט־טעאָריע — קאָנסטרוקטיוויזם איז איר נאָמען — און זי איז זייער צוגעפּאַסט צו די צילן פון דעם רויטן קונסט־אינטערנאַציאָנאַל. האָבן זיך זיינע פירערס, אַליין שוואַכע טעאָרעטיקער, אָנגעכאַפּט פאַר דער פאַרטיגער טעאָריע.

ג. קאָנסטרוקטיוויזם.

די קאָנסטרוקטיוויסטישע קונסט־ריכטונג איז ניט געבוירן געוואָרן אין רוסלאַנד. אַ קינד און אַ ירוש'טע פון קוביזם, איז זי אָנגענומען געוואָרן פון א טייל יונגע מאַלערס, סקולפּטאָרס, ארכיטעקטן, ריכטער און קונסט־קריטיקער כמעט אין אַלע טיילן פון דער וועלט. צוויי רוסישע אידן, דער דיכטער אילא ערענבורג און דער מאלער אליעזר ליסיצקי, האָבן געוועסט אָנגעהויבן ארויסצוגעבן אין בערלין אַ זשורנאַל פאר „קאָנסטרוקטיווער" קונסט, — האָבן אין אים אַנטייל גענומען דיכטער, קינסטלער און קונסט־טעאָרעטיקער פון די פארשיידנסטע לענדער, און יעדער האָט געשריבן אויף זיין שפּראַך. דאָס איז געווען באמת אַן אָרגאַן פון לינקן „קונסט־אינטערנאַציאָנאל".

אָבער ערגעץ האָט ער ניט געפונען אַזאַ אָפּקלאַנג, ווי אין מאָסקווע, דער רעזידענץ פון דעם קאָמוניסטישן אינטערנאַציאָנאַל. ערגעץ איז ער ניט פארבונדן געוואָרן אַזוי שטייף מיט דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, ווי אין רוסלאַנד. ער איז דאָרט אָנגענומען געוואָרן פון אַ היבשער גרופּע לינק־קאָמוניסטישע קינסטלער, דיכטער, שרייבער, און האָט שטאַרק קאָנקורירט מיט די ביזאהעריגע „פּראָלעטאַרישע" און „רעוואָלוציאָנערישע" ריכטונגען. יענע האָבן פיל גערעדט וועגן פּראָלעטארישן שאפן און וועגן דער רעוואָלוציאָניזירונג פון דער קונסט, אָבער אין וואָס, אייגנטלאַך, איז באַשטאַנען די פּראָלעטארישקייט און דער רעוואָלוציאָנעריזם פון זייערע קינסטלעריש אָפּט גאַנץ באַנאַלע ווערק, — דאָס האָט קיינער ניט געוואוסט. זיי האָבן ניט באַוויזן צו שאַפן אַפילו קיין טעאָריע פון „פּראָלעטאַרישער" קונסט. אין קאָנסטרוקטיוויזם איז דאָ עפּעס אַן אָנצוהערעניש אויף אזא מין טעאָריע.

וואָס זאָגט דער קאָנסטרוקטיוויזם?

די ערשטע זאַך לייקנט ער אָפּ דעם זעלבשטענדיגן ווערט פון קונסטשאַפן און קינסטלערישן גענוס. קיין זאַך איז ביי אים ניט אזוי פארהאַסט, ווי קונסט פון קונסט־וועגן און ריינער עסטעטיזם.

דאָס קאָנען, זאָגן די „קאָנסטרוקטאָרס", בורזשואַזע לײדיג־גײערס אָדער אינטעליגענטן־בטלנים קוקן אויף קונסט, ווי אויף אַ ציל פאַר זיך אַליין. דאָס קאָנען זיי נאָר האָבן געדולד צו הערן ווי אַ פּאָעט זאָגט: „איך זינג — דאָס זינגען איז מײַן ציל"... אַזאַ קוק, זאָגן זיי, אויף קונסט מאַכט, אַז זי זאָלן ווערן אַ לוקסוס־זאַך, אַ שפּיל און אַ פּוסטע דעקאָראַציע.

דערפון, וואָס די בורזשואַזיע האָט די קונסט פאַרבורזשואַזישט, געמאַכט פאַר אַ שפּיל און אַ באַרימערײַ, דרינגען זיי, אַז דאָס עצם קינסטלערישע שאַפן איז אַ שטיק לײדיגגייערײַ, אַ בורזשואַזע זאַך, ווי ווײַט עס שטעלט זיך צופרידן מיט זיך אַליין און וויל ניט וויסן פון קיין שום אַנדערע צילן, אַ חוץ זײַנע אײגענע.

דאָס איז אַזוי ווי מען זאָל לייקענען דעם חן פון פּערל אָדער האַלטן פאַר מיאוס די שפּילנדיגע קאָלירן פון דימענטן מחמת דעם, וואָס אין דער היינטיגער געזעלשאַפט פוצן זיך אין זיי נאָר רײַכע דאַמען. דאָס איז, פאַרשטייט זיך, אַן אומזין. די הערשנדיגע קלאַסן קאָנען נישט פאַר'מיאוס'ן אין די אויגן פון פּראָלעטאַריאַט די אוצרות פון דער נאַטור, כאָטש ניט ער, נאָר זיי זײַנען זייערע אייגנטימער; אַזוי דאַרפן זיי אויך ניט אָפּשטויסן די אַרבעטער פון דעם וואונדער־אוצר, וואָס הייסט קונסט, כאָטש זי געפינט זיך אַצינד אָפּט אין רשות פון די רײַכע.

אָבער די פאַרשטייער פון דער „נייער" (אייגנטלאַך גאַנץ אַלטער) געזעלשאַפטלאַכער קונסט־טעאָריע האָבן אַן אַנדער מיינונג. זיי זײַנען ברוגז אויפ'ן חזן — אויף דער בורזשואַזיע, וואָס שטייט ביים עמוד פון דער קונסט, — ווילן זיי נישט ענטפערן קיין אָמן. זיי וועלן איַנגיכן מוזן אײַנזען, אַז דער סנאָביזם פון דער בורזשואַזיע וועט אויך זייער אייגענע אַנטי־דעקאָראַטיווע און אַנטי־בורזשואַזע קונסט מאַכן פאַר אַ שפּילכל, אַ צאַצקע און אַ צירונג אין אירע סאַלאָנען. ניט די אײַנפאַכע, געזונטע אַרבעטס־מענטשן, נאָר די „ראַפינירטע עסטעטן" פון דער „בורזשואַזער אינטעליגענץ" וועלן זיך אומטראָגן מיט די אייגנאַרטיגע פּראָדוקטן פון דער „אַנטי־עסטעטישער" „פּראָלעטאַרישער" קונסט. דאַן וועט דער קאָנסטרוקטיוויזם אפשר ווערן פאַר

די לינקע פונקט אזא אויסטראַכטעניש פון די איבערגעזעצטיגטע און דעגענערירטע פּאָסט־און־פּאַסניקעס, ווי דאָס זיינען דאָ גאָר ניט לאַנג נאָך געווען אין זייערע אויגן אַנדערע פאָרמען פון פוטוריזם. דערווייל אָבער רעכנט זיך דער קאָנסטרוקטיוויזם פאַר א רעוואָלוציאָנערערער און כשר פּראָלעטאַרישער קונסט־ריכטונג, און ער רעכנט זיך פאַר אזא דערהויפּט דערפאַר, וואָס ער טרעט ארויס קעגן די ריין־עסטעטישע צילן פון דער קונסט פון קונסט־ווענן.

אמת, ער איז ניט דער ערשטער, וואָס טוט עס. צווישן די אמאָליגע רעאַליסטן און נאַטוראַליסטן זיינען אויך געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז די קונסט איז ניט קיין ציל פאַר זיך אַליין, נאָר אַ מיטל אָפּצושפּיגלען — און אויסצובעסערן — דעם לעבן. אָבער קיינער פון זיי, אַ חוץ אפשר דעם רוסישן קריטיקער פּיסאַרעוו, איז ניט געווען אַזוי דרייסט און קאָנזעקווענט, ווי די קאָנסטרוקטיוויסטן, אין דער דורכפירונג פון דעם טעזיס, אַז „אַ פּאָר שטיוול איז וויכטיגער ווי שעקספּיר". אָט וואָס עס שרייבט דער מאָלער־קאָנסטרוקטאָר זשאָרזש גראָס:
„...די אַנטוויקלונג פון מאָלעריי זע איך אין די קומענדיגע שעפער, אין דער ריינע מלאכה, ניט אין דעם „הייליגן" טעמפּל פון קונסט. מאָלעריי איז פּונקט אַזאַ מלאכה ווי יעטווידער אַנדערע, מען קאָן זי מאַכן גוט און שלעכט..." און איליא ערנבורג, דער טעאָרעטיקער פון קאָנסטרוקטיוויזם, זאָגט קורץ און שאַרף:
„די נייע קונסט הערט אויף צו זיין קונסט". און אויפ׳ן קאָנסטרוקטיוויסטישן שטייגער לאָזט ער עס דרוקן מיט „קדוש־לבנה־אותיות" אין דריי באַזונדערע שורות...

אָבער די אָפּלייקענונג פון דער ריינער קינסטלערישקייט איז נאָר אַ נעגאַטיווער צייכן פון קאָנסטרוקטיוויזם, אַ צייכן, וואָס ער האָט בשותפות מיט אַלע אַנדערע סאָציאַל־עטישע קונסט־טעאָריעס. וואָס אים טיילט אָפּ פון די איבעריגע אוטיליטאַרע ריכטונגען, איז זיין ניט־באַנוגענען זיך מיט דער מאָראַלישער ווירקונג, וואָס די קונסט דאַרף האָבן אויפ׳ן לעבן. ער וויל, אַז זי זאָל

ווערן אַליין אַ טייל פון לעבן און פריער ווי אַלץ — פון דעם פראָדוציר־לעבן. ער וויל, אַז דער קינסטלער זאָל ניט *שאַפן ווערק*, נאָר *מאַכן* אָדער *פראָדוצירן זאַכן*. און מאַכן אָדער פראָדוצירן זאָל ער זיי לויט דיזעלביגע מעטאָדן, לויט וועלכע עס ווערן פראָדוצירט אַלע אַנדערע זאַכן. די קינסטלער דאַרפן אויפהערן צו זיין כהנים אין טעמפּל פון קונסט. זיי מוזן ווערן אַרבעטער אָדער פראָדוקציאָניסטן („פּראָאיזוואָדסטווענניקי”, ווי די קאָנסטרוקטיוויסטן האָבן זיך ליב צו רופן אין רוסלאַנד). ניט מיט דעם עסטעטישן געשמאַק פון יחידים דאַרפן זיי זיך רעכענען, נאָר מיט די לעבנס־באַדערפענישן פון דער מאַסע, פון קאָלעקטיוו. ניט די קונסט דאַרף זיין זייער לעבן, נאָר, פאַרקערט, זיי דאַרפן זען, אַז דאָס לעבן אַליין זאָל ווערן קונסט. דאָס הייסט: זיי דאַרפן העלפן אָרגאַניזירן, פאָרמירן דעם לעבן פון קאָלעקטיוו. פאַר אַ מוסטער דאַרפן זיי נעמען די אָרגאַניזאַציע פון דער מאָדערנער אינדוסטריע; זייער פאָרבילד דאַרף זיין די מאַשין; זייער אינסטרוקטאָר — דער אינזשינער. *אויסגערעכנטקייט*, צוועקמעסיגקייט, קלאָרקייט און געזעלשאַפטלאַכע ניצלאַכקייט — מוז זייער הויפּטפרינציפּ זיין.

כדי אַז דעם לעזער זאָל עס זיין פאַרשטענדלאַכער און כדי אַז אים זאָל זיין קלאָר, אַז דאָ רעדט זיך אייגנטלאַך ניט וועגן דער רעוואָלוציאָניזירונג, נאָר וועגן איינפאַכער פאַרניכטונג פון קונסט, וועל איך ברענגען אַ קאָנקרעטן ביישפּיל.

איך נעם אים פון אַן אַרטיקל אין „לעף”, וואו עס רעדט זיך וועגן דער דרוק־קונסט. וועגן יעטווידער אַנדער קונסט וואָלט דער קאָנסטרוקטיוויסטישער פאַרפאַסער געזאָגט זיכער דאָס אייגענע, וואָס ער זאָגט וועגן דער קונסט צו דרוקן אַ בוך.

וואָס הייסט *שיין* אַרויסגעגעבן אַ בוך (אויב עס קאָן זיין אַזאַ וואָרט, ווי „שיין”, אויף דער שפּראַך פון קאָנסטרוקטיוויזם)? דאַרף דער שריפט זיין אויסגעשטעלט אַזוי, אַז ער זאָל אַליין פאַר זיך, ריין אָפּטיש, מאַכן אַן איינגענעמען איינדרוק? דאַרפן מיר, ווען נוצן בוכשטאַבן פון פאַרשיידענער גרויס און פאָרם אויף איין און דעמזעלבינן עמוד, — דאַרפן

מיר זיך רעכענען מיט דער עסטעטיק פון אויג, אזוי צו זאָגן, אָדער נאָר מיט דעם זינען און צוועק פון די ווערטער?

געוויס, נאָר מיט׳ן זינען און נאָר מיט׳ן צוועק, ענטפערט דער „קאָנסטרוקטאָר". אויב עס איז נויטיג און ניצליך, אַז די אָדער יענע שטעלן פון טעקסט זאָלן זיין אויסגעטיילט, געדרוקט מיט א באזונדער שריפט און אונטערגעשטראָכן, איז עס ממילא שוין אויך קינסטלעריש, און עס מאכט גאָר ניט אויס, וואָס עס באליידיגט און רייסט דאָס אויג. עס קאָן, אגב, גאָר נישט באַ־ליידיגן דאָס אויג, וויבאלד, אַז עס ניצליך און נויטיג.

און ווען עס האלט ביי מאכן א שער־בלאט צום בוך, קאָן אויך ניט זיין גאָר קיין רייד וועגן דעם, אַז דאָס שער־בלאט זאָל זיין פאר זיך אליין שיין און זאָל זיך פּאסן צום פאָרמאט און כאראקטער פון בוך. וואָס הייסט שיין? ווער דארף די שיינקייט פון דער צייכענונג אָדער די בוכשטאבן? מען דארף, אַז עס זאָל זיין „קאָנסטרוקטיוו", דאָס הייסט, פּ ר א ק ט י ש.

„דאָס שער־בלאט", זאָגט דער קאָנסטרוקטיוויסטישער טעאָרעטי־קער, „דאָס שער־בלאט איז פריער ווי אלץ א רעקלאמע פאר׳ן בוך. הייסט עס, ביים אויסקלייבן א שער־בלאט, מוז מען זיך רעכענען מיט די אלע זאכן, מיט וועלכע דו רעכנסט זיך ביי־יעדער רעקלאמע, דאָס הייסט: מיט דעם קרייז פון די געברוי־כער, וואָס צו זיי ווענדט זיך די רעקלאמע; מיט דער מאָס פון זייער אינטעלעקטועלער אנטוויקלונג, מיט זייער פּסיכאָלאָ־גיע. די גענויע אויסרעכענונג פון די אלע זאכן באשטימט דעם כאראקטער פון דעם שער־בלאט"... „איין און דאָסזעלבע בוך דארף האָבן פארשיידענע שער־בלעטער, דאָס ווענדט זיך אָן דעם, צווישן וואָס פאר א גרופּעס לעזער עס וועט פארשפּרייט ווערן."

און דאָס איז ריכטיג, גלויבט דער קאָנסטרוקטיוויסט, נישט נאָר וועגען דעם שער־בלאט, נאָר אויך וועגן די אילוס־טראציעס צו א בוך. „מאכנדיג", זאָגט ער, „אילוסטראציעס צו פּושקינ׳ען, וועט א פארשטענדיגער קינסטלער די ערשטע זאך זען דערגייין פאר וועמען עס איז באשטימט די דאָזיגע אויסגאבע און רעכענענדיג זיך מיט דעם לעזער־קרייז וועט ער צוטרעטן צו זיין ארבעט". ווארים אויב ער איז א קאָנסטרוקטיוויסט,

איז ער ניט קיין ק י נ ס ט ל ע ר, וואָס טראַכט עפּעס אויס, נאָר אַן אַרבעטער, אַ בעל־מלאכה, וואָס מאַכט נ י צ ל א כ ע זאַכן, און ער מוז האָבן אין זינען די, וואָס וועלן זיי נ י צ ן, ניט די „קאַפּריזן" פון זיין פאַנטאַזיע".

אָט דעם אולטראַ־בורזשואַזן פּרינציפּ פון ניצלאַכקייט, אָט דעם גראָבן פּיליסטערישן אוטיליטאַריזם וויל מען מאַכן פאַר'ן יסוד פון אַ רעוואָלוציאָנערער און פּראָלעטאַרישער קונסט! די, וואָס זייער לעבן איז ווייט פון אידעאַליזם, פּראָטעזשירן אָפּט אַ קונסט, וואָס איז אידעאַליסטיש און „אומניצלאַך". פאַרקערט, אידעאַליסטן, פאַנטאַזיאָרן קענען מיט אַמאָל זיך פאַרבענקען נאָך אַ ניכטערער, ניצלאַכער, „קאָנסטרוקטיווער" קונסט!

פאַרוואָס רעדט מען גראָד אין רוסלאַנד אַזוי פיל וועגן „מאַשינאָווער" קונסט? ווייל דאָרט זיינען נ י ט אָ קיין מאַשינעס און מען בענקט נאָך זיי.

„אַרבעט, קלאָרקייט, אָרגאַניזאַציע" (די דריי יסודות פון קאָנסטרוקטיוויזם, וואָס עס רעכנט אויס איליאַ ערענבורג) זיינען אין אַזעלבע לענדער, ווי די פאַראייניגטע שטאַטן, פאַראַן גענוג, איבערגענוג אין לעבן. אין רוסלאַנד זיינען זיי נישטאָ. מען דאַרף זיי ערשט איינפירן. זיינען זיי דערווייל געוואָרן אַ פּראָגראַם פאַר דער קונסט.

דער גאַנצער אורבאַניזם (די גרויסשטעטיגקייט), אויך אַ וויכטיגער עלעמענט פון קאָנסטרוקטיוויזם, איז אין דער רוסישער פּאָעזיע ניט אַזוי אַן אָפּשפּיגלונג פון דער געגנוואַרט, ווי אַ פאָרשפּיל פאַר דער צוקונפט.

מיר דאָ אין אַמעריקע ווילן אָפּט אנטלויפן פון די וואָלקן־קראַצערס מיט די „מואוויס", מיט די „אַדווערטייזמענטס", מיט די אויטאָמאָבילן. ביי אונז איז עס פּראָזע. אין רוסלאַנד איז עס צוקונפט־פּאָעזיע. אין דעם לאַנד פון פּויערים, אין דעם לאַנד, וואו די מלחמות און די רעוואָלוציעס האָבן חרוב געמאַכט דאָס ביסל פאַבריקן, איז דער אידעאַל — אינדוסטריאַליזם. דאָרט וויל מען שאַפן אַ קונסט, וואָס איר פּראָגראַם איז: „...אַ בונד מיט דער אינדוסטריע. די שפּראַך פון צייטונגען און דעפּעשען. די שפּראַך פון באַפעלן, רעזאָלוציעס... דער

ריטם פון שטאָט, פון עקספרעסן, פון פאַבריקן, פון ראַדיאָ, קינאָמעטאָגראַף, ווי די גרויסע מאָדערנע קונסט. די מעכאַניזירונג פון אַלע זשעסטן. די מאַטעמאַטישע גענויאיגקייט פונ'ם מענטשנס ווערטער און באַוועגונגען. עקסטרעמע עקאָנאָמיע, א. אַז. וו., א. אַז. וו.

די רוסישע „קאָנסטרוקטאָרס" זאָגן, אַז זיי ווילן מאַכן די קונסט פאַר אַ לעבנס־זאַך. אין דער אמת'ן ווילן זיי איינפירן אין איר זאַכן, וואָס זיינען אין לעבן (פון רוסלאַנד) נישטאָ. ווייל זיי זיינען נישטאָ, זיינען זיי אַ אידעאַל. ווער ווייסט, אפשר וואָלט מען אין ראַטנפאַרבאַנד גאָר ניט גערעדט אזוי פיל וועגן פּראָלעטאַרישער קונסט, ווען רוסלאַנד זאָל באמת זיין אַ לאַנד פון פּראָלעטאַריאַט? אפשר וואָלט מען זיך גאָר ניט געמאַטערט אזוי איינצופירן דאָרט אַן „אינדוסטריעלע" מעכאַנישע קונסט, ווען עס זאָל עקזיסטירן אַן אינדוסטריע מיט אַ מעכאַניזירטן לעבן?

ד. דער אָטעם פון דער רעוואָלוציע.

זינט נאָך דער רעוואָלוציע זיינען דאָ צוויי סאָרטן רוסישע שרייבער: די, וואָס זיינען אַנטלאָפן אדער פאַריאָגט געוואָרן פון רוסלאַנד, און די, וואָס זיינען דאָרט געבליבן. די ערשטע שרייבן אזוי, ווי זיי האָבן געשריבן אַמאָל. וואו ניט וואו און ווען ניט ווען קאָן מען טרעפן ביי זיי אַ טעמע, אַ מאָטיוו פון די לעצטע שטורעמדיגע יאָרן; אָבער דער סטיל און דער גאַנצער כאַראַקטער פון זייער שרייבן האָט זיך ווינציג וואָס געענדערט. אַנדערש זיינען די שריפטשטעלער, וועלכע זיינען נישט אוועק פון סאָוועט רוסלאַנד און דערהויפּט די, וועלכע האָבן ערשט אָנגעהויבן צו שרייבן אין די יאָרן — און אין דער לופט — פון דער רעוואָלוציע. זיי זיינען אַלע כמעט אונטער איר ווירקונג.

דאָס הייסט ניט, אַז זיי זיינען אַלע „פּראָלעטקולטניקעס" (חסידים פון „פּראָלעטאַרישער קולטור") אָדער פאַרשטייער פון „לעף" („לעוויי פראָנט" — דער אָרגאַן פון די, וואָס ווילען שאַפן אַ ל י נ ק ן פ ר אָ נ ט אין דער ליטעראַטור און

אין אַלע קונסטן). ווען זיי זאָלן אַלע האַלטן פון „פּראָלעט־קולט" און פון דעם — נאָך מער רעאַקציאָנערן — „לעף", וואָלט מען נישט געדאַרפט קיין באַזונדערע אָרגאַניזאַציעס און קיין באַזונדערע אָרגאַנען פאַר אָט די „פּראָלעטאַרישע" און „רעוואָלוציאָנערע" ריכטונגען. „פּראָלעטקולט" און „לעף" וואָלטן נישט געווען דאַן קיין ריכטונגען. זיי וואָלטן געווען די גאַנצע רוסישע ליטעראַטור. דער פאַקט, וואָס זיי זיינען אויסגעטיילט אין ספּעציעלע אָרגאַניזאַציעס, צייגט, אַז עס געהערט צו זיי נאָר אַ טייל פון די רוסישע שרייבער. די איבעריגע זיינען ניט פּראָלעטאַריש און אודאי ניט לינקיסטיש. אָבער אינגאַנצן פריי פון די נייע שטרעמונגען זיינען זיי אויך ניט.

דער בירגער־קריג, דער טעראָר, דער הונגער, די נייע מלוכה־פאָרם, די גאַנצע לופט פון דער רוסישער רעוואָלוציע האָט אויפגעטרייסעלט די נשמות פון די מענטשן און אויך די שרייבערישע נשמות. עס זיינען פאָרגעקומען טיפע ענדערונגען אין דעם ריטם פון לעבען, עס זיינען צעשטערט געוואָרן די אַלטע פאָרמען פון דענקען און פילן; האָט אויך דער טעמפּוס און די פאָרם פון ליטעראַרישן שאַפן געמוזט ווערן אַנדערש, ווי פריער.

אָבער אין וואָס באַשטייט, אָדער אין וואָס זאָל באַשטיין אָט די אַנדערשקייט? וועגן דעם זיינען דאָ פאַרשיידענע מיינונגען.

די פּאַרטיי־מענטשן אין דער רוסישער ליטעראַטור און די, וואָס פּאַסן זיך צו צו זיי, גלויבן, אַז מען קאָן און מען מוז באַשטימען די ריכטונג פון דער אַנדערשקייט. סתם נייע טענדענצן זיינען ווינציג. זיי ווילן גאַנץ באַשטימטע — רעוואָלוציאָנער־קאָמוניסטישע — טענדענצן. וואָס פאַר אַן אינהאַלט זיי זאָלן האָבן און ווי זאָלן זיי זיך אויסדריקן אין קינסטלערישן שאַפן — דאָס איז זיי נאָך אַלץ ניט געלונגען צו פאָרמולירן. צי מחמת עס איז נישטאָ צווישן זיי קיין מאַרקס און קיין לענין, צי מחמת מאַרקסיזם, לעניניזם און בכלל „איזמען" זיינען אוממעגלאַך אין קונסט־פראַגן, — אָבער עס איז אַ פאַקט, אַז עס איז נאָך ביז איצט ניט באַשאַפן געוואָרן קיין איין פעסטע טעאָריע פון קינסטלערישן לינקיזם. (אין דעם זינען פון „לעף" אָדער

„פראָלעטקולט״) א חוץ דעם אַנטי־קינסטלערישן קאָנסטרוקטי־וויזם. אָבער אויב עס איז נאָך נישטאָ קיין פעסטע „לינקע״ קונסט טעאָריע, איז דאָ אַ פעסטער און אַן איינגעשפּאַרטער ווילן צו שאַפן אַזאַ טעאָריע.

ביי די ניט־פּאַרטייאישע שרייבער איז ניטאָ אָט דער גלויבן אין קינסטלערישע פּראָגראַמעס. אָבער אויך זיי פילן, אַז עפּעס איז אַנדערש געוואָרן סיי אין לעבן אַרום און סיי אינעווייניג אין זיי גופא. און זיי מיען זיך אָפּצוגעבן זיך אַליין אַ רעכענונג פון דעם, וואָס איז פאָרגעקומען.

זיי ווילן זיך ניט בינדן מיט קיין שום דאָגמע. אָבער בלינד גיין אויף אַ נייעם וועג ווילן זיי אויך ניט. זיי זוכן צו באַלויכטן זייער אייגענעם שאַפן מיט׳ן אינעווייניגסטן ליכט פון זעלבסט־באַוואוסטזיין.

אַזאַ מין אויסדרוק פון קינסטלערישן זעלבסט־אַנאַליז איז דאָס זאַמלבוך „פיסאַטעלי אָב איסקוסטווע אי אָ סעביע״ („שריי־בער וועגן קונסט און וועגן זיך אַליין״). עס נעמען אין אים אַנטייל נאָר דיכטער־בעלעטריסטן, ניט קיין קריטיקער, און זיי גע־הערן אַלע צו די ניט־„פּראָלעטקולטישע״ און ניט־„לעפישע״ שרייבער. זיי זיינען אַלע קעגן אַריינמישן פּאָליטיק אין ליטע־ראַטור אַריין. זיי זיינען קעגן „לינקער״ און אויך קעגן „רעכ־טער״ פּאַרטייאישקייט. „עס איז דאָ״, שרייבט באָריס פּילניאַק, וועלכער האָט (אונטער דעם איינפלוס פון אַנדריי ביעלי) איינגע־פירט גאָר אַ נייעם פּראָזע־סטיל מיט אַ נייעם דערציילונגס־שטיי־גער, — „עס איז דאָ אַ ליטעראַרישער געזעץ, וועלכער דערלויבט נישט, גיט נישט קיין מעגלאַכקייט צו פאַרגוואַלטיגן ליטעראַרי־שע פּיאַיגקייטן — אַפילו מיט דעם אייגענעם מאַרך — און אַ ביישפּיל דערצו איז די לאַגע פון אונזער גאַנצער היינטיגער לי־טעראַטור: — בונין (אַן אויסגעצייכנטער שרייבער!) און מע־רעזשקאָווסקי — פון רעכטס, סעראַפימאָוויטש — פון לינקס שרייבן גאָרנישט אָדער שרייבן זייער שלעכט דערפאַר, וואָס זיי האָבן פאַרביטן קונסט אויף פּאָליטיק — — אונזער מלוכה־אַפּאַראַט האָט קינסטליך געשאַפן אין אָט די לעצטע יאָרן אינ־קובאַטאָרס פאַר פּאַרטיי־ליטעראַטור, האָט זיי געהאָדעוועט מיט

„פּייקי" — און עס איז גאָרנישט ניט אַרויסגעקומען, און עס איז אפילו זייער שלעכט אַרויסגעקומען, וואָרים דידאַזיגע מענטשן, ווען זיי האָבן זיך צוגערירט צו קונסט, האָבן אויפגעהערט צו זיין פּאָליטיקער, ניט וואָרענדיג, קיין קינסטלער — און די יונגע ליטעראַטור איז, — מען ווייס ניט, פון וואַנען — געקומען אין דער געשטאַלט פון איינציגע, זי איז געקומען אליין פון זיך, אָן היי־באַמען, — און עס זיינען געקומען פאַרשיידענע מענטשן, אי מוזשיקעס־אַנאַרכיסטן, אי עכטע אינטעליגענטן, אי קאָמוניסטן — אלע זיינען זיי געקומען אָן פּאַספּאָרטן אויף אַזאַ און אַזאַ לי־טעראַרישן „טשין" און אַזאַ און אַזאַ פּאַרטיי־אָנגעהעריגקייט, נאָר מיט דער קלינגנדיגער מטבע פון זייערע מאַנוסקריפּטן, אין וועלכע עס ווערט דערציילט, ווי עס האָט פּאַר זיי דורכגעקלונגען אונזער איצטיגע לעבן — — — " און ווייטער: „די קאָמוניסטן ווילן שאַפן אַן אייגענע, אַ קאָמוניסטישע, ליטעראַטור, אָט דעם אמת'ן לוקסוס פון לעבן, זיינע מאָנומענטן, — און זיי ווילן זי ניט שאַפן, נאָר זיי ווילן זי באַקומען, ווי אַ פרייען געשאַנק, דאַן — אין די קינפטיגע און נישט נאָענטע תקופות — ווען דאָס גאַנצע לעבן וועט זיין קאָמוניסטיש, און ווי ווייט קיין קאָמוניזם איז אין לעבן פון רוסלאַנד דערווייל נישטאָ, איז ניטאָ און עס קאָן ניט זיין קיין קאָמוניסטישע ליטעראַטור"...

עס איז אָבער פאַראַן אַ רעוואָלוציע אין דעם לעבן פון רוס־לאַנד, און אָט דער אָטעם פון דער רעוואָלוציע, איר פיבערישער אומרו, איר אימפּעט, איר שטורמישקייט און איר דרייסטקייט פילט זיך אין דער פּראָזע פון דעם ניט־קאָמוניסטישן פּילניאַק פונקט אַזוי שאַרף, ווי אין די פערזן פון וולאַדימיר מאַיאַקאָווסקי, דעם פירער פון „לעף".

ניט די טעאָרעטישע פּראָגראַם מאַכט אַ דיכטער רעוואָלו־ציאָנער אָדער קאָנסערוואַטיוו, נאָר זיין אופן שרייבן. דער אופן שרייבן פון דעם גרעסטן טייל דיכטער, וואָס זיינען געבליבן אין רוסלאַנד, איז קינסטלעריש (אין אַ גרעסערער אָדער קלענערער מאָס) רעוואָלוציאָניזירט געוואָרן.

אפילו די, וואָס גיבן זיך אָפּ, ווי פריער, מיט סביבה־מאַ־לעריי, טוען עס איצט אַנדערש, ווי מען האָט עס געטאָן אַמאָל.

„דער לעבנסשטייגער („ביט”, ווי דאָס הייסט אין רוסיש) איז פריער געווען פאָרם, איצט איז עס מאַטעריאַל”. אַזוי פאָרמולירט עס איינער פון די יונגע בעלעטריסטען, ניקאָלאַי ניקיטין.

עס איז ווינציג אָפּצושפּיגלען דעם לעבנסשטייגער פון דער רעוואָלוציע, כדי צו רעכענען זיך פאַר אַ רעוואָלוציאָנער אין דעם קינסטלערישן זינען פון דעם דאָזיגן וואָרט. דער עיקר איז, ווי, אויף וואָס פאַר אַן אופן און לויט וואָס פאַר אַ קינסטלערישן מעטאָד עס ווערט „באַאַרבייט” דער לעבענסמאַטעריאַל פון דער רעוואָלוציע. מען קאָן מאָלן דעם רויטסטן רעוואָלוציאָנערסטן טעראָר און זיין ליטעראַריש זייער אַ בלאַסער קאָנסערוואַטאָר. ניט די מענטשן און נישט דער מאָטיוו, נאָר דער סטיל (און דער טאַלאַנט) באַשטימט דעם כאַראַקטער (און דעם ווערט) פון אַ קונסטווערק.

ביי די „פּראָלעטקולט”־שרייבער איז דער עיקר די געזעל־שאַפטלאַך־פּסיכאָלאָגישע טענדענץ און בכלל דער „אינהאַלט”. דאָס איז איינע פון די סבות, פאַרוואָס די איבעריגע, מער קינסט־לערישע ריכטונגען אין דער נייער רוסישער ליטעראַטור שטעלן דווקא די טראָפּ אויף דער פאָרם. „דער פאָרמאַלער מעטאָד, שרייבט נ. אַגניאָוו, איז ניט קיין ענדגילטיגער מעטאָד, אָבער ער איז גוט שוין דערמיט אַליין, וואָס ער האָט אויפגעטרייסלט דעם היינטיגן שרייבער — — — דער פאָרמאַלער מעטאָד איז געבוירן געוואָרן פון דער רעוואָלוציע, ער האָט רעוואָלוציאָניזירט דעם שרייבער און עס קאָן זיין, אַז דערפאַר איז ער געוואָרן פאַר איינינגע אַ קולט, בעת פאַר אַנדערע איז ער געוואָרן אַ מיטל פון אַן אַנאַרכישער צעשטערונג פון די אַלטע פאָרמען”... דער פאָרמאַליזם איז געקומען צו רעוואָלוציאָניזירן די רוסישע דיכ־טונג און די רוסישע קריטיק, דערפאַר איז ער אַזוי עקסטרעם און איינזייטיג, אָבער ער איז נויטיג, ווי אַן אָפּפרישנדיגער און באַנייענדיגער כח.

אויף נייע וועגן גייען נישט נאָר די יונגע שרייבער, נאָר אויך אַזעלכע פאָרשטייער פון דער פאָר־רעוואָלוציע צייט, ווי אַלעקסעי טאָלסטאָי אָדער יעווגעני זאַמיאַטין.

אַלעקסעי טאָלסטאָי האָט אין דער לופט פון די רעוואָלוציאָנערע איבערקערענישן דערפילט די נויטיגקייט צו שאַפן עפּעס העראָאישעס און מאָנומענטאַלעס. „דאָס באַוואוסטזיין פון גראַנדיאָזיטעט — אָט וואָס עס דאַרף זיין אין יעדן שעפערישן מענטשן". און אין אַן אַנדער אָרט שרייבט ער: „איך שטעל אַקעגן דעם עסטעטיזם די ליטעראַטור פון דעם מאָנומענטאַלן רעאַליזם"... „דער העלד! גיט אונז דעם העלד פון אונזער צייט! דעם העראָאישן ראָמאַן. מיר דאַרפן נישט מורא האָבן פאַר ברייטע זשעסטן און גרויסע ווערטער. דאָס לעבן וואַרפט זיך פאַנאַנדער ברייט און דרייסט און עס רעדט אַ קוויטשנדיג־שרייענדיגע אכזריות'דיגע שפּראַך".

מיט זיין פאַנטאַסטישן ראָמאַן „אַעליטאַ" (אַרויס אויף אידיש אין ווילנער פאַרלאַג פון ב. א. קלעצקין, 1923) האָט אַלעקסעי טאָלסטאָי געוויזן, אַז ס'איז ביי אים נישט נאָר אַ טעאָריע. ער שטרעבט צו זיין מאָנומענטאַל־רעאַליסטיש, העראָאיש־רעאַליסטיש אין זיין שאַפן. און ער איז נישט איינער. דער פריערדערמאָנטער זאַמיאַטין, איינער פון די איינפלוסרייכסטע פּראָזע־קינסטלער אין דער נייער רוסישער ליטעראַטור, שרייבט (און באַשטעטיגט עס צום טייל מיט זיינע ווערק): „איצטער זיינען נויטיג אין דער ליטעראַטור קאָלאָסאַלע, זעגלבוים־הויכע, עראָפּלאַנעדיגע, פילאָזאָפישע האָריזאָנטן, עס זיינען נויטיג די סאַמע לעצטע, סאַמע מורא'דיגע. סאַמע אָנ'מורא'דיגע „פאַרוואָס?" „און ווייטער?" „די אַלטע פאַמעלאַכדיגע שלעפּעדיגע באַשרייבונגען זיינען מער ניטאָ: לאַקאָניזם — אָבער אַ גרויסע אָנגעלאָדנקייט... אין יעדן וואָרט. אין אַ רגע דאַרף מען אַריינקוועטשן אַזויפיל וויפיל אַמאָל אין אַ זעכציג רגע'דיגער מינוט א. אַז. וו."

וואָרים ניט נאָר דאָס לעבן פון די מאַסן איז געוואָרן אימפּעטיגער און דינאַמישער, די שרייבער האָבן דורכגעמאַכט אין די לעצטע יאָרן אַזעלכע שבעה מדורי גיהנום, אַז זיי קאָנען ניט שרייבן אַזוי רואיג און געלאַסן, ווי זיי האָבן פריער געשריבן.

ניט די פאַפּירענע פּראָגראַמען, נאָר די ווילדע, צערודערטע לעבנסשטראָמען האָבן אויפגעשטורעמט די רוסישע ליטעראַטור.

ה. די רעוואָלוציע — און דער פּאָעט.

דער פּאָעט האָט נישט געקאָנט בלייבן גלייכגילטיג צו דער גרויסער רעוואָלוציע. זי האָט געמוזט אויפשטורעמען זיין געמיט. אָבער ער האָט זי נישט אויפגענומען פּאַרטייאיש. זי איז נישט געווען פאַר אים אָדער טאָג, אָדער נאַכט. ער האָט געזען איר ליכט און איר געדיכטע טונקלקייט... אַ קלאַסישער ביישפּיל דערצו איז די פּאָעמע „צוועלף" פון אַלעקסאַנדער בלאָק.

משה בראָדערזאָן האָט דער ערשטער פאַראידישט די פּאָעמע. אין דער פאַראידישונג איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן דאָס פאַרבען־ און קלאַנגען־לעבן פון רוסישן אָריגינאַל: די איבערזעצונג איז ניט קיין געלונגענע. (און אויך אַנדערע, מיר באַקאַנטע, איבער־זעצונגען זיינען ווייט, ווייט פון אָריגינאַל.) אָבער די בעסטע אי־בערזעצונג איז ניט מער ווי אַ שוואַרץ־ווייסע קאָפּיע פון אַ קונסט־בילד: די צייכענונג, די ליניעס זיינען די אייגענע, וואָס אין אָריגינאַל; עס פעלן די פאַרבן... דערצו איז פאַראַן נאָך אַ טעם, פאַרוואָס דער געשמאַק, דער דופט פון אַזאַ זאַך, ווי „דוויעדנאַדצאַט" מוז זיך אויסוועבן, ווען עס ווערט איבערגעגאָסן אין אַן אַנדער שפּראַך־געפעס: „צוועלף" איז ניט נאָר לויט דער שפּראַך רוסיש: איינציגע טיילן פון דער פּאָעמע זיינען נאָכ־געזונגען דעם רוסישן פאָלקס־ליד, נאָכגעזאָגט דעם נוסח פון רו־סישן עפּאָס; דער הויפּט־מאָטיוו — גאָט און טייוול ראַנגלען זיך אין האַרצן פון רוסישן פאָלק, פון דער רוסישער רעוואָלוציע — איז „נאַציאָנאַל רוסיש"... גיי, מאַך ריידעוודיג אַ נשמה פון אַ פאָלק ניט אויף דעם לשון, וואָס זי האָט זיך אַליין אויסגעהאָרע־וועט; גיי גיס איבער אין אַן אַנדער שפּראַך אַזוינע אוראַלטע נשמה־מטבעות, אַזוינע אור־אייגענע פאָלקס־קלאַנגען, ווי —

אַך טי, גאָרע גאָרקאָיע!
סקוקאַ סקוטשנאַיאַ!
סמערטנאַיאַ!

און ניט בלויז דאָ, ווען בלאָק לאָזט ריידן דעם פאָלק — אויך ווען ער רעדט אַליין, אויף זיין אייגענעם לשון, איז דעם איבערזעצער שווער אים נאָכצוריידן. דערהויפּט איז שווער צו

געבן אויף אַן אַנדער לשון די אַליטעראַציעס, וואָס בלאָק האָט אַזוי ליב און וואָס זיינען ביי אים אַזוי נאַטירלאַך...

אין די ערשטע שורות איז בראָדערזאָנען געווען לייכט אי־בערצוגעבן אי דעם ווינטיגן ו׳, אי די אותיות זשסר״צ, וואָס חזר׳ן זיך איבער אָפט ביי בלאָק׳ן אין דער פּאָעזיע בכלל און אין זיין פּאָעמע „צוועלף" בפרט. פון

טשאָרני וועטשער,
ביעלי סנעג,
וויעטער, וויעטער!

איז ביי בראָדערזאָנען געוואָרן:

שוואַרץ דער אָוונט,

(פאַרוואָס ניט — שוואַרצער אָוונט?)

ווייסער שניי,
ווינטן, ווינטן!

אָבער וואָס האָט די איבערזעצונג געמאַכט פון די צאַרטע, צעגייענדיגע קלאַנגען, וואָס פילן אָן — אַזוי אומגעריכט — די לעצטע וואונדערלאַכע שורות פון דער פּאָעמע? ביי בלאָק׳ן ליי־ענען מיר און זיינען גרייט צען, הונדערט מאָל לייענען — אַזוי ניט ערדיש צאַרט זיינען די ווערטער און די קלאַנגען —

ווּפערעדי — — — —
— — — — — —
ניעזשנאָי פּאָסטופּיו נאַדוויוזשנאָי.
סניעזשנאָי ראַזסיפּיו זשעמטשוזשנאָי,
ווּ ביעלאָם וויענטשיקע איז ראָז —
ווּפערעדי — איסוס כריסטאָס.

אין דער איבערזעצונג:

פאָרענט — — — — — — —
אויבנאויף מיט טריט מיט זאַכטע,
אין די שנייפּערל פאַרטראַכטע,
ווייס אין קראַנץ איז יעדע רויז —
יעזוס קריסטוס — גייט פאַראויס...

ווען דעם איבערזעצער וואָלט אפילו געלונגען צו פאַר־טייטשן ריכטיגער די ווערטער בלאָק׳ס — די וואונדערלאַכע,

די אנטציקטע זיסקייט פון זייער קלאַנג וואָלטן מיר אויך דאָן געקענט פילן נאָר אין אָריגינאַל...

אויב איך וועל ציטירן די אידישע איבערזעצונג, איז עס נאָר דערפאַר, ווייל ס'איז קיין אנדער ברירה ניטאָ.

לויט איר נוסח איז די פּאָעמע „צוועלף" אן אָפּשפּאָטונג פון יעדן סקאַרבאָוון נוסח, אַ געמיש פון איינפאַכער, „גראָבער", „קאַלטער" לעבנס־אָפּשפּיגלונג און פיינער, הייסער אנטציקונג — אַ געמיש פון נאַטוראַליזם און סימבאָליק — אַ געמיש פון נאַטור און קולטור, פאָלקס־קלאַנגען און הויכקולטיווירטער, אינדיווידועל־בלאָקישער לירִיק — אַ געמיש פון גאַסן־און מאַסן־געשריי, מיט תּפילה־און טעמפּל־שטילקייט... איז עס דען ניט דער סטיל פון אונזער צייט? האָט דען די היינטיגע הימל־און־ערד־זאַוועַרוכע ניט אויסגעמישט העכסטע אידעאַלן און פיינסטע אידעען מיט איינפאַכסטע לעבנס־אינסטינקטן? האָט זי דען די ערדישע חפציות פון יחיד ניט אויפגעהויבן אויף דער העכסטער וועלט־מדרגה? האָט זי דען פון די העכסטע וועלט־אידעאַלן ניט אראָפּ־געריסן דעם „הימלישן" שלייער? איז איר שטיל געבעט דען ניט קיין הילכיגער געשריי? איז אין איר פאַרשייטסטן טומל דען ניטאָ קיין אָפּקלאַנג פון אַ הייליגער תּפילה, פון אַ תּקון־זוכעניש פאַר די פריערדיגע זינדיגע צייטן?

בלאָק האָט שוין אין די ערשטע זעקס פערזן פון זיין ווערק, וואָס איז צוגלייך אי אַ גראָטעסק, אי אַ הימן פון דער איצטיגער צייט — איבערגעגעבן, ווי עס האָט ריכטיג אָנגעוויזן איינער פון די קריטיקער, איר צווייפאַרביגקייט:

שוואַרצער אָוונט,
ווייסער שניי...

שוואַרץ און ווייס, זינדיג און הייליג, שד'יש און געטליך.

זיינען עס דען די צוויי יסודות, די צוויי נשמה־קאָלירן פון דעם איצטיגן דור, — פון דעם דור, וואָס דורכ'ן מדבר, יע, דורכ'ן מדבר, גייט ער צום געבענטשן לאַנד? — — —

ווינטן, ווינטן!
און אַ מענטש קוים די פוס זיינע שטעלט.

(אין אָריגינאַל שאָקלט זיך דער פערז אינאיינעם מיט דעם מענטשן:

נאָ נאָגאָך ניע סטאָיט טשעלאָוויעק.)

די ווינטן, די וועלט־ווינטן ווייען, בלאָזן, טרייבן און יאָגן, און דער מענש — דאָס אָרעם מענטשעלע — וואַקלט זיך! וועלט־אימפּעט און מענטשן־וואַקלעניש! איז עס דען ניט די בעמישע פאָרמעל פון דער היינטיגער צייט?

דער ווינט (דער שטורעם, די רעוואָלוציע) הערט ניט אויף צו ווייען — און פאַרווייען די וועגן:

קרויזט דער ווינט, פאַרקרייזלט
שנייעלאַך ווייס,
אונטער שניי — דער אייז,
גליטשיג ביטער.
ס'איז מאָכן אַ שפּרייז —
אַ מורא, אַ ציטער!

דער מענטש קען ניט איינשטיין אויף די פיס פון ווינט, און דאָ איז נאָך „אונטער שניי — דער אייז", אונטער דעם ווייסן, אומשולדיגן שניי דער גליטשיג־געפערלאַכער אייז... דאָ איז יעדעס וואָרט, יעדער אות סימבאָליש.

נאָר גלייך נאָך דער צוועלף־פערזיגער סימבאָליש־פּאָעטישער הקדמה קומען נאַטוראַליסטישע און שיער ניט פּראָזאאישע שיל־דערונגען:

— — — — — — — — — —

און מויער צו מויער
און פון מויער צו מויער
אויפ'ן שטריק — טוך אַ שטיק:
„די מאַכט געהערט דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג!"
קלאָגט אַן אַלטיטשקע, יאָמערט פאַר צרות
און קאָן ניט פאַרשטיין יענע סברות,
וואָס עס שטאַרצט אַזאַ שטיק
און גייט לאיבוד.... אַ גרויל!
מלבושים פאַר קינדער וואָלט זיין עס — אַ גליק!
און יעדער איז נאַקעט און הויל!...

אין רעכטן מיטן פון דער וועלט־דראמע, אויף די גאסן פון „רויטן פעטערבורג", שפילן זיך אפ די וואכעדיגסטע סצענעס: „די אלטיטשקע" קען ניט פארשטיין, צו וואס מען דארף דעם גרויסן שטיק געוואנט מיט דער „גרינדונגס־פארזאמלונג", אז מען קען דערפון מאכן בעסער „מלבושים פאר קינדער", „דער מליצה־טרייבער — א שרייבער" שרייט:

בוגדים ראבן!
ס'איז רוסלאנד באגראבן!

ער רעדט וועגן „רוסלאנד" — דארויף איז ער דאך „א שרייבער — א מליצה־טרייבער" — איר פילט אבער, אז אויך ער נעבאך קלאגט אויף זיך אליין; ס'איז צו שטארק, צו קאלט דער „ווינט"!

און איר האט אויף אים ניט קיין רחמנות, ווי איר האט קיין רחמנות ניט אויפ'ן „חבר פאפ", וואס שלעפט זיך א פאר־אומערטער איבער'ן שניי, און אויף דער „פריצטע אין פוטערל", וואס גליטשט זיך אוים און פאלט מיט א געשריי... דער ווינט, די זאווערוכע פארווייט און פארשלינגט אלע קרעכצן און זיפצן...

דער ווינט, דער „פריילינכער און בייזער" ווינט ברענגט אונז א געשפרעך:

... ביי אונז א פארזאמלונג געוועזן...
...מען האט דארט די פראגע געלעזן...
געוויינלאך — צען, א פינף־און־צוואנציגער — א נאכט,
ניט ווייניגער — אזוי אפגעמאכט...

זאל דער פאעט זיך צוהערן צו די זיפצן און קרעכצן פון דער „פריצטע אין פוטערל" אדער צו דעם באשלוס, וואס איז „ארומגערעדט און אנגענומען געווארן" אויף דער דאזיגער פרויען־פארזאמלונג? זאל דער פאעט לאכן, צי זאל ער וויינען פון אט דעם „געהעכערטן ארבעטסלוין", פון אט דער „רעוואלוציאנערי־שער ערובערונג" — „געוויינלאך — צען, א פינף־און־צוואנציגער — א נאכט, ניט ווייניגער, אזוי איז אפגעמאכט"?

ניין. לאכן אדער וויינען — דאס לאזט דער פאעט דעם גוטן און פרומען „פיליסטער". דער פאעט האט איצט קיין צייט,

קיין אינטערעס ניט פאַר דעם געוויין און דעם געלעכטער, פאַר די ליידן און זינד פון איינציגע מענטשן, אפילו פון גרופּעס גאַנצע. זיין אויג און פאַנטאַזיע איז פאַרנומען מיט אַן אַנדערן, אַ פיל גראַנדיעזערן בילד: ד ע ר פ אַ ל ק ס ־ י ם א י ז א ר ו י ס פ ו ן ד י ב ר ע ג ע ס! ער האָט דאָרט ווייט ער־געזן פאַרטרונקען אַ בלומענבייט? אַ הויז, אַ היים אַראָפּגע־שווענקט? וואָס איז אַ בייט מיט די פּרעכטיגסטע בלומען אפילו — וואָס איז די היימישסטע היים קעגן דעם ים, ווען ער גייט ארויס פון די ברעגעס און פאַרפלייצט די וועלט מיט אַלע אירע וועלטעלאַך? די גאַנצע קומענדיגע האַרמאָניע, האָט גע׳טענה׳ט דאָסטאָיעווסקי, איז ניט ווערט איין טרערעלע פון אַ קינד... די וועלט־האַרמאָניע — ניט, אָבער דער וועלט־כאַאָס, וואָס פון אים דאַרף ערשט אַרויסקומען די „האַרמאָניע" — ער איז „ווערט" א ל ץ, וואָרים אַלע ווערטן ווערן אין זיין ווירבלווינט איבער־געקערט און איבערגעמישט.

דאָס זעען ניט די, וואָס דרייען זיך אום, ווי פאַר־כשופ׳טע שפּענדלאַך, אין דעם ווירבל־שטורם. דאָס זעט דער פּ אָ ע ט. ער איז ניט פאַר׳כשופ׳ט — ער איז דורכגעלויכטן פון דעם פלאַמענדיגן ים. ער ברענט ניט, ער צינדט ניט — ער לייכט!

„צוועלף" איז דאָס ערשטע ווערק, וואָס, זייענדיג געבוירן און געלייטערט אין דעם פייער פון דער רעוואָלוציע, ברענט עס דאָך ניט און צינדט ניט, — ברענט אַליין ניט און צינדט ניט אַנדערע, — נאָר עס לייכט, לייכט — און באַלייכט די גע־שטאַלט, די אמת׳ע געשטאַלט פון דער וועלט איבער־קערעניש. ער וויל אונז ניט אָפּשטויסען פון דער רעוואָלוציע און ניט צוציען צו איר, ניט פאַר׳מיאוס׳ן און אויך ניט פאַר־פּוצן און פאַרגלעטן, נאָר ו ו י י ז ן זי. מענטשן געוויינלאַכע, ניט קיין פּאָעטן, ניט קיין פרייע גייסטער, זיינען צו פיל פאַראינ־טערעסירט, מאַראַליש און פּראַקטיש, אין דעם הויבן זיך אָדער אין דעם פאַלן פון דער שטורעמכוואַליע, קענען זיי ניט קוקן אויף איר אָן זייטיגע כונות, אָן כעס אָדער התפּעלות: זיי קענען זי ניט

זען, ווי זי איז אין איר תוך. און זיי קענען זי ניט זען אינגאנצן, אין אירע אלע געשטאלטונגען. יעדן אנטפלעקט זיך נאר דער פנים אירער, וואס איז געקערט צו אים און צו דעם ארט אין לעבן וואס ער פארנעמט. שטייט ער נאענט צו איר, זעט ער דאס ליכט פון אירע פלאמען; איז ער ווייט, מערקט ער דעם רויך פון אירע שרפות. העל־רויט איז זי פאר איינעם, בלוי־שווארץ — פאר דעם אנדערן. קיינער זעט ניט אלע אירע קאלירן מיט איין מאל. נאר דער פאעט זעט זיי. ער זעט, ווי די „שווארצקייט פון דעם אוונט" און די „ווייסקייט פון דעם שניי" גיסן זיך צונויף, ביי דעם שיין פון דער „וועלט־שרפה", אין גאר א נייעם, ביז אהער ניט־געזעענעם קאליר. ער שפירט די אייגענע און אייגנטלאכע פארב פון דער רעוואלוציע, די, וואס האט אין זיך אריינגענומען אלע אנדערע פארבן, פון די טונקל־סטע ביז די העלסטע. ער שפירט אי דעם „פינסטערן צארן", אי דעם „הייליגן צארן", וואס זידט און קאכט אין איר ברוסט:

טשערנאיא זלאבא, סוויאטאיא זלאבא...

(דאס איז, פארשטייט זיך, ניט דאס, וואס „א פינסטער און הייליג ירגזון" (?), ווי עס שטייט אין דער איבערזעצונג ביי בראדערזאנען.)

אט גיט ער אונז צו פילן אין קאפיטל צוויי דעם „פינסטערן" צארן פון די צוועלף „רויטע גווארדיסטן":

— — — — — — — — — —

פון ביקסן שווארצע רימענשנור,
און פייערן ארום אן שיעור.
און צייט — ציגארלאך, אימפעט — חאסט,
א קארא־טויז אויף פלייטשעס פאסט.

אזוי זעען אוים „העלדן", „קעמפער"? אזא אנבליק האבן „ארעסטאנטן".

אדער:

— מיט וואנ'קען קאט'קע איז אין שענק!
— זי האט פיל „קערענקעס", די קרענק!
— ס'איז וואנקע איצט א גביר אליין!

— גערוען א חבר — איצטער ניין!
— נו, וואַנ'קע, ממזר־יונג, בורזשוק,
— פּרוביר אַ קוש טאָן מאַנקען, קוק.

אזוי ריידן צווישן זיך די „צוועלף". ריידן אזוי „קעמפּער", „העלדן"?

פונדעסטוועגן קלינגט אזוי ריכטיג און אזוי וויכטיג דער וויטערדיגער פערז:

חברים — אָן פּחד! גוט צילט!
אַ קויל לאָמיר לאָזן אין רוסלאַנד ווילד,
אין דער לויזיגער,
קרומהויזיגער,
דער גראָבפליישיגער!
אין הארצן — אָן גאָט!
אָט דאָס איז דער „פינסטערער צאָרן".

נאָר אָט בייט זיך פּלוצלונג אין דריטן קאפּיטל דער ריטם פון פערז און סטראָפן: עס דערהערט זיך נאָר א נייער קלאַנג, דער קלאַנג פון דעם ברייטן און ליכטיגן רוסישען פאָלקסליד. (די איבערזעצונג ווערט שוין גאָר אינגאַנצן אומבאהאָלפן און אומ־מעגליך און מיר מוזן ציטירן דעם אָריגינאַל):

קאַק פּאָשלי נאַשי רעביאַטאַ
וו קראַסנאָי גווארדיאי סלוזשיט —
וו קראַסנאָי גווארדיאי סלוזשיט —
בוינו גאלאוואו סלאָזשיט!
עך, טי גאָרע גאָרקאָיע,
סלאדקאָיע זשיטיאָ!
רוואַנאָיע פּאַלטישקאָ,
אווסטריסקאָיע רוזשיאָ!
מי נאַ גאָריע וסיעם בורזשויאַם
מיראָוואָי פּאָזשאַר ראַזדויעם,
מיראָוואָי פּאָזשאַר וו קראָווי...
גאָספּאָדי, בלאַגאָסלאָווי!

שוין ניט „אָן גאָט אין הארצן", נאָר — „בענטש אונז, גאָט".

שוין ניט קיין ארעסטאנטן־אויסזען, שוין ניט קיין שענק־געשפּרעך „נו, וואַנ'קע, ממזר־יונג, בורזשוק", ווי אין צווייטן

קאַפּיטל, נאָר דער אָנבליק פון גאָט'ס חיל, וואָס גייט מיט א נאַאיוון העלדנליד אין מויל — ניט אין דעם „לוייזיגן, קרומהויזגן, גראָבפּליישיגן" רוסלאַנד צו לאָזען א קויל, נאָר — „וועלט־שרפות צעבלאָזן!"

פון וואַנען נעמט זיך מיטאַמאָל אָט די ענדערונג פון טאָן, פון תוך? פון וואַנען נעמט זיך מיטאַמאָל אָט דאָס פאָלקס־ליד („קאַק פּאַשלי נאַשי רעביאַטאַ — — בוינו גאָלאָוואו סלאָ־זשיט"), אָט דאָס וועלט־ליד (מיראָוואָי פּאַזשאַר ראַזדויעם)? איז עס דעם פּאָעט'ס פאַנטאַזיע? האָט ער עס אַליין, אין זיין פיינלאַכער בענקשאַפט, פון דעם „פּ י נ ס ט ע ר ן צ אָ ר ן" א „ה י י ל י ג ן" — אַרויסגע'כשופ'ט?

ניין, ניט אַרויסגע'כשופ'ט האָט ער דעם ה י י ל י ג ן צ אָ ר ן, נאָר ג ע ז ע ן האָט ער אים: אין דער פינסטערניש די הייליגקייט געזען, פון דעם תהום א ליכט, אין פרייד און פּיין, געזען אויפשטייגן, — און געוויזן אונז א לייכטנדיגן תהום!

א ל י י כ ט נ ד י ג ע ר ת ה ו ם — יע, אָט דאָס איז דאָס בילד, דער סימבאָל פון דער גרויסער רעוואָלוציע, וואָס עס ווייזט אונז אין זיין פּאָעמע אַלעקסאַנדער בלאָק!

פ ו ן ד ר ו י ס ן איז דאָס בילד תהומ'יש־פינסטער: איי־נער פון די צוועלף „רויטע גוואַרדיסטן" דערשיסט אויף טויט זיין געליבטע, קאַט'קען, וועלכע ער האָט באַגעגנט הוליענדיג מיט עפּעס א „וואַנ'קע"; ער דערשיסט (אויב איר ווילט עס פּובלי־ציסטיש אויסטייטשן) די גרינדונגס פאַרזאַמלונג, די „דעמאָ־קראַטיע", אָט די „וועלט־זונה", אָט די קאָלעקטיווע קאַט'קע, וואָס וואַנ'קע זאָגט צו איר:

— — — — — — — — — — —

פלעגסט מיט יונקערס ליבעס פירן —
רעכט איז איצטער א סאָלדאַט!
„ מיט וואַנ'קען — קאַט'קע איז אין שענק!
„— זי האָט פיל קערענקעס — די קרענק!
„—ס'איז וואַנקע איצט א גביר אַליין!
„— געוועזן א חבר — איצטער ניין!

ער דערשיסט זי, אין צאָרן פון אייפערזוכט. ס׳איז אָבער שווער צו זיין שולדיג אין דעם טויט פון דער אייגענער גע־ליבטער: —

און אויפסניי צוועלף מענטשן גייען —
הינטער פלייצעס ביקסלאַך קאַלט,
ביי דעם מערדער איז גאָר, נעבאַך,
ווי אַנטרונען די געשטאַלט...

— — — — — — — — — — — —

— אַך, חברים, ברידער ליבע,
כ׳האָב די מויד דאָך ליב געהאַט!

נאָר די חברים לאַכן אים אויס:

— ביסט אַ יאָלד, אַ פּלאַפּלער ביסטו!
וואָס ביסטו, א אשה — וואָס?
די נשמה נאָר פאַרוויסטו!
וואָס איז דאָס? הויב אויף די נאָז!
זיי אַ לייט! ס׳איז רייד אומזיסטע!
ס׳איז ניט ווערט אַ פּולווער שאָס!
ניט אַזעלכע צייטן
אומצוטראָגן זיך מיט דיר!
ס׳איילן, חבר, פונדערווייטן
יאָכן שווערערע אָן אַ שיעור!

אָדער — ווי די לעצטע צוויי פערזן זיינען — ניט אין ערך בעסער — ביי בלאָק׳ן:

פּאַטיאַזשעלע בודעט ברעמיא
נאַם, טאָוואַרישטש דאָראָגאָי!

אז מען גייט „וועלט־שרפות צעבלאָזן", אז מען גייט די וועלט איבערקערן, דאַרף מען גרייט זיין נעמען א יאָך אויף דער נשמה, נישט נאָר אויפ׳ן רוקן!

אָבער דער יאָך, די משא אויף דער נשמה דריקט און לאָזט ניט רוען:

אָך טי, גאָרע גאָרקאָיע!
סקוקאַ סקוטשנאַיאַ,
סמערטנאַיאַ!

און ווי עס טוען שטענדיג מענטשן, ווען עס ווערגט זיי אַ זינד, אַזוי טוען די „צוועלף": — זיי דערטרינקען זי אין... נייע זינד...

עך, עט!
ס'איז אַ שטיף טאָן — ניט קיין חטא!
טירן, טויערן פאַרמאַכט!
מ'וועט ראַבירן היינט ביינאַכט!
עפנט קעלערס, ווער עס פילט —
ס'האָט דער דלות זיך צעשפּילט!

און אין עטליכע קורצע, קאַרגע, קאָנצענטרירטע פערזן, אין פערזן, נאַאיווע, סטיכישע, ווי דאָס פאָלק, און, ווי דאָס פאָלק, קלוגע און טיפע, גיט אונז דער פּאָעט צו שפּירן, ווי „ס'האָט דער דלות זיך צעשפּילט" — און ווי נאַטירלאַך און ווי מאָראַליש אומפאַרמיידלאַך — יע, מאָראַליש אומפאַרמיידלאַך — עס איז אָט דאָס שפּיל, אָט דאָס בלוטיג שפּיל, דאָס פינסטער און הייליג שפּיל פון דעם, וואָס גייט זיך נוקם זיין פאַר זיין געליבטער'ס בלוט, פאַר דעם בלוט, וואָס ניט ער — ניין, ניט ער — נאָר אַנדערע האָבן מיט *זיינע הענט* פאַרגאָסן...

ווער זיינען זיי, אָט די *אַנדערע*? צי ניט די, וואָס זיינען ביין פון ביין און פלייש פון וואַנ'קען, פון דעם קאָלעקטיוון וואַנ'קען, אָט „דעם ממזר־יונג", „דעם בורזשוק", וואָס האָט קאַט'קען אָפּגעקויפט פאַר זיינע „קערענקעס" און וואָס ער האָט ציניש גערעדט צו איר: פלעגט מיט יונקערם ליבעס פירן — רעכט איז איצטער אַ סאָלדאַט?"

צי איז ניט אָט דער קאָלעקטיווער „וואַנ'קע" שולדיג אין איר טויט? צי האָט ניט ער דאָס געבראַכט פּעטרוכען, וועלכער האָט זי דערשאָסן, צו זיין גרויסער און שווערער זינד? פּעטרוכע האָט זי דערשאָסען: *געצילט* האָט ער ניט אין איר, נאָר אין אים, — „דעם ממזר־יונג", דעם בורזשוק... ער איז אַנטלאָפן, איבערלאָזנדיג קאַט'קען אויפ'ן מיטן וועג מיט אַ געלעכערטן קאָפּ... איז ניט ער איר מאָראַלישער מערדער? איז ניט ער די סבה און דער מקור פון פּעטרוכע'ס אייפערזוכט, צאָרן און פאַרברעכן? דאַרפן ניט פאַלן *אויף זיין קאָפּ*

אויך די אַלע ווייטערדיגע עברות און זינד פון די „זיך צעהור־ליעטע" „צוועלף ?"

דער פּאָעט שטעלט ניט די דאָזיגע פראַגע. נאָר מיט דעם אויסנווייניגסטן און אינעווייניגסטן ריטם פון זיינע פערזען גיט ער אונז צו פילן הינטער די אַלע ווילדקייטן פון די „צוועלף" עפּעס אַזוינס, וואָס צווינגט אונז, לייענער, שולדיג מאַכן אין זייערע אַלע פאַרברעכנס ניט זיי, די פינסטערע און הייליגע נקמה־נעמער, נאָר „וואַנקע'ן" אינאיינעם מיט יענעם „פּאַסקוד־נעם כלב" — דעם סימבאָל פון דער אַלטער וועלט — וואָס הינקט זיי נאָך, ווי אַ פאַררעטערישער שאָטן און וואָס זיי טרייבן און קענען ניט אָוועקטרייבן פון זיך: —

וואָן! אָוועק, דו הונט פּאַסקודנער!
ווילסט אַ קיצל מיט'ן שפּיז?
אַלטע וועלט, דו, כלב גודנער,
זינק שוין איין! ביסט העסליך מיאוס!

נאָר —

...שטשירעט, ווי אַ וואָלף, די ציינער,
הונגעריג — און טרעט ניט אָפּ...

דער נאָכהינקנדיגער כלב, דער סימבאָל פון דער אַלטער וועלט, טרעט ניט אָפּ: עס איז ניט אַזוי לייכט פון אים פּטור צו ווערן... עס נעמט אים ניט קיין קויל פון דער רעוואָלוציע, קיין פייער פון דער „וועלט־שרפה"... אָבער אויך דעם, וואָס גייט פאָראויס, יעזוס קריסטוס'ן, שאַדן ניט די ווילדע שיסערייען פון די „צוועלף"... זיי שיסן און שיסן — און

פאָרנט — מיט אַ פאָן פאַרבלוטיגט,
ניט דערזען און ניט דערשפּירט,
פון די קוילן ניט גערירט,
אויבנאויף, מיט טריט מיט זאַכטע,
אין די שניי־פּערל פאַרטראַכטע,
ווייס אין קראַנץ איז יעדע רויז —
יעזוס קריסטוס גייט פאָראויס.

זיי שיסן אין אים — און ער בלייבט גאַנץ, נאָך מער, ער גייט זיי פאָראויס.

איז ער — דער גאָט פון ליבע און פאַרגעבונג — דער פירער פון די „צוועלף", פון די, וואָס „הוליען", פון די, וואָס שיסן אין אים אליין? איז ער, דער גאָט פון חסד, אויך דער גאָט פון נקמה? קיין תשובה אויף דער פראַגע גיט ניט דער פּאָעט. נאָר שוין דערמיט, וואָס ער וועקט זיי אויף אין אונז, לייענער, לערנט ער אונז אַ קוק טאָן אויף דער רעוואָלוציע ניט מיט די אויגן, מיט וועלכע מיר זיינען געוואוינט צו קוקן אויף איר.

מיר זיינען געוועגט צו קוקן אויף איר, ווי „פּאַראַינטערע־סירטע", ווי מענטשן, וואָס זיינען „פאַר" אָדער „געגן" איר, ווי מענטשן, וואָס זיינען פייאיג אָדער צו לויבן זי ביז'ן הימל, אָדער צו מאַכן זי שוואַרץ, ווי די ערד, צו זען אין איר דעם אויסברוך אָדער נאָר פון היילי גן, אָדער נאָר פון פינס־טערן צאָרן, צו קוקן אויף איר אָדער ווי אויף אַ אידילישן מלאכים־כאָר, אָדער ווי אויף אַ כאַליאַסטרע מלאכי־חבלה. מיר זיינען ניט פייאיג געוועגן צו קוקן אויף איר, ווי אויף אַ זאַך, וואָס שטאַמט ניט פון געטער און ניט פון חיה־רעה'ס, נאָר פון מענטשן — פון מענטשן אין יענעם נשמה־ווירבל, אין יענעם וועלט־פּלאָנטער, ווען זיי זיינען, אַליין דערפון ניט וויסנדיג, צו־גלייך אי גאָט, אי טייוול, אי האַר, אי שקלאַף. מיר שעמען זיך און שרעקן זיך צו קוקן אין דעם מיט בלוט־פאַרלאָפענעם מלחמה־געזיכט פון דעם גאָט פון ליבע און פרידן, מיר זעען ניט הינטער דעם זינדיגן און אָפּקומענדיגן היינט דעם ריינעם און אומשולדיגן צוקונפט־געזיכט. מיר שטייען צו נאָענט צום תהו ובהו פון די איצטיגע צייטן. דער פּאָעט לערנט אונז אַ קוק טאָן אויף אַלץ כאָטש איינמאָל פון דער זייט און פון דערווייטנס. ער לערנט אונז די העכסטע און וואונדערליכסטע פון אַלע מענטשלאכע און קינסטלערישע מדות — די מדה פון אָביעקטיוויטעט. ער לערנט אונז צו זען, אַז די רעוואָלוציע, אָט די געבורט־שעה פון אַ נייער וועלט, איז, ווי יעדע געבורט פון אַ נייעם לעבן, ניט שיין און ניט מיאוס, נאָר שיין און מיאוס צוגלייך. ער לערנט אונז צו זען, אַז די צוועלף, וואָס טראָגן איבער'ן ווייסן שניי אונטער דעם פינסטערן הימל, דורך ווינט און שטורם, די רויטע

פאָן, זיינען צ ו ג ל י י ך אי איינפּאַכע נאַכט־מענטשן, אי צעבלאָזער פון וועלט־שרפה׳ס. הינטער זיי, הארט הינ־טער זיי הינקט, ניט אָפּטרעטנדיג, ניט אָפּלאָזנדיג זיי פון אויג, דער „פּאַסקודנער כלב״, די אַלטע וועלט, — דאָך גייט זיי פּאָר־אויס „מיט אַ פּאָנע פאַרבלוטיגט״

ניט דערזען און ניט דערשפּירט,
פון די קוילן ניט גערירט.
— — — — — — — —
ווייס אין קראַנץ איז יעדער רויז —
יעזוס קריסטוס — גייט פאַראויס.

כאָטש דער „הונט״, די הינטישע אַלטע וועלט, גייט זיי נאָך טריט ביי טריט, רייצט זיי אויף גאָט, זיינען זיי דאָך ניט גאָט׳ס מערדער, נאָר גאָט׳ס חיל.

אַזוי זעט דער פּאָעט.*)

*) געשריבן אין יאָר 1918.

6. ווענן רעאַליזם

6. וועגן רעאַליזם.

א. וואָס איז קינסטלערישער רעאַליזם?

מען מוז זיך פאַרענטפערן, ווען מען קומט „אין מיטן דע־רינען" מיט אַזאַ מין פראַגע. וואס עפּעס מיט אַמאָל — רעאַ־ליזם? אין דען ניט הונדערט מאָל מער אַקטועל, מער מאָדערן — עקספּרעסיאָניזם? איז דען ניט איינס פון די „לעצטע ווער־טער" אין דער נייער ליטעראַטור און קונסט — קאָנסטרוקטי־וויזם? דורך די דאָזיגע און אַנדערע „איזמען" זוכט דער היינ־טיגער קינסטלער אַ וועג צו נייע, מער צוגעפּאַסטע שאַפונגס־מעטאָדן. ער זוכט — און צי ער געפינט צי ניט, צי ער גייט אויפ'ן ריכטיגן וועג, צי ער בלאָנדזשעט־אַרום — זיין זוכן אַליין, זיין בלאָנדזשן אפילו האָט אַ ווערט און אַ וויכטיגן זין. וואָלט ניט גלייכער געווען צו דערקלערן אָדער פאַרטייטשן אָט די קינסטלערישע זוכענישן, אָט די נייע מאָדערנע ריכטונגען, אַנ־שטאָט אומצוקערן זיך „צוריק" צום רעאַליזם? רעאַליזם איז דאָך אַזוי אַלט!

דער געדאַנק, אַז יעדע קונסט איז „נאָכמאַכונג פון דער נאַטור" (דער הויפּטגעדאַנק פון דעם נאַאיוון און פרימיטיוון רע־אַליזם) איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן נאָך פון אַריסטאָטעלעס. און די נייערע, מער קאָמפּליצירטע און מער קינסטלערישע, טעאָריע פון רעאַליזם, די טעאָריע, וואָס איז פאַרבונדען מיט די נעמען פון אַ באַלזאַק (אין ליטעראַטור) און אַ קורבע (אין מאַלעריי), איז שוין אויך אַלט קרוב צו הונדערט יאָר. פון פראַנקרייך (און רוסלאַנד), דורך סקאַנדינאַוויע און דייטשלאַנד, האָט דער רעאַליסטישער סטיל זיך אויסגעשפּרייט איבער אַלע קול־טור־לענדער, און צום סוף פאַריגן יאָרהונדערט איז

מען געוועז שוין זאט און איבערזאט מיט׳ן רעאַליזם אין די מער־ראַפינירטע קרייזען פון אייראָפּע: מען האָט געזוכט און געפונען נייע וועגן... איז ניט צו שפּעט קומען איצט לערנען אַ פּרק רעאַליזם? איז ניט צו אַקאַדעמיש אַריינלאָזן זיך אין דעם דאָזיגן קאַפּיטל געשיכטע פון ליטעראַטור, ווען עס זיינען דאָ אַזעלכע לעבעדיגע און ברענענדיגע פראַגן?

איז דער תירוץ:

דער תוך פון׳ם רעאַליזם, ווען מען טייטשט אים נאָר ריכטיג אויס, איז מער (און אפשר גאָר עפּעס אַנדערש) ווי דער נאָמען רעאַליזם, וואָס עס שרייבט אים אַריין אין איר פּראָגראַם איין ריכטונג און עס באַקעמפּט אים — אַן אַנדערע.

דער אמת־קינסטלערישער רעאַליזם איז העכער און דויער־האַפטיגער, ווי אַלע פאַרשיידענע קונסט־ריכטונגען. דער קאַמף, וואָס זיי פירן צווישן זיך, איז אין תוך, נישט מער ווי אַ קאַמף פאַר דער ריכטיגער אויסטייטשונג פון דער כונה, וואָס ליגט באַהאַלטן אין דעם וואָרט רעאַליזם. אפילו די, וואָס מיינען, אַז זיי לייקענען אין אים, זוכן אין דער אמת׳ן אַ וועג צו אים, אָדער אַן אומוועג — פון אַן אַנדער, אַ מער פאַרבאָרגענער, זייט.

עס איז ניטאָ און עס קאָן ניט זיין גאָר אַזאַ קונסט, וואָס זאָל וועלן שאַפן עפּעס, וואָס איז קינסטלעריש ניט רעאַל. שאַפן הייסט שאַפן רעאַליטעטן, לעבעדיגע זאַכן. די פראַגע איז נאָר: וואָס איז רעאַליטעט, וואָס איז לעבן פון דעם שעפע־רישן שטאַנדפּונקט?

אין אָט דעם זינען איז די פראַגע וועגן דעם תוך פון רע־אַליזם ניט קיין פראַגע פון דער אָדער יענער שולע, פון דער אָדער יענער עפּאָכע, נאָר די פראַגע וועגן קונסט בכלל. אין אָט דעם אַלגעמיינעם זינען האָט די פּראָבלעם פון רעאַליזם זיך געוויזן אויף דער וועלט אינאיינעם מיט די ערשטע שפּראָצונגען פון קונסט. זי האָט איר באַלייט אויפ׳ן גאַנצן וועג פון איר פיל־טויזנדיעריגער אַנטוויקלונג און זי וועט זיך קיינמאָל ניט שיידן מיט איר.

כל־זמן עס עקזיסטירט אַזאַ זאַך, ווי קינסטלעריש שאַפן,

און כל־זמן עס איז דאָ אין אונז אַ נייגעריגקייט און אַ דורשט צו וויסן דעם סוד פון שאַפן, וועט עקזיסטירן נישט נאָר די אַלגעמיין־פילאָזאָפישע פראַגע: „וואָס איז אַזוינס בכלל רעאַליטעט אָדער לעבען?” נאָר אויך די ספּעציעלע פראַגע: וואָס איז אַזוינס יענע רעאַליטעט, יענעם לעבן, וואָס עס שאַפט די קונסט און ווי, מיט וואָס פאַר אַ מיטלען און צוליב וואָס פאַר צילן שאַפט זי עס?

יעדער דור און יעדער אָריגינעלער קינסטלער ענטפערט אויף דער פראַגע אַזוי, ווי עס פּאַסט פאַר אים צו ענטפערן; יעדע עפּאָכע און יעדע שולע זוכט — און געפינט — אירע אייגענע מיטלען צום אייביגען ציל אָדער, ריכטיגער, איר אייגענעם וואַריאַנט פון די אייביגע מיטלען צום אייביגן ציל.

די קינסטלערישע זוכענישן פון דער היינטיגער צייט זיינען אויך נישט מער ווי אַן אויסדרוק פון דעם נאַטירלאַכן וואונש צו געפינען אויף דער פראַגע וועגן דער קינסטלערישער רעאַליטעט אַזאַ תשובה וואָס זאָל שטימען מיט דעם ריטם פון דעם היינטיגן לעבן.

יעדע עפּאָכע האָט איר באַגריף פון רעאַליזם (און אפילו ווען זי רופט עס „ראָמאַנטיזם” אָדער „סימבאָליזם“, איז עס אויך נישט מער ווי אַ באַזונדער אויסטייטשונג פון דעם אַלעגמיינעם באַגריף רעאַליזם), און אויך אונזער צייט האָט איר אייגענע באַציאונג צו די פּראָבלעמען פון רעאַליזם.

אָבער נישט נאָר אין דעם דאָזיגען אַלגעמיינעם זינען איז ניט צו־שפּעט און עס וועט קיינמאָל ניט זיין שפּעט צו ריידן וועגן רעאַליזם, וואָרים דאָס הייסט דאָך, ריידן וועגן אַזאַ אייביגער פראַגע, ווי די שייכות צווישן דעם „רעאַלן” לעבן און דעם קונסט־לעבן. אפילו אין אַ מער ענגן און ספּעציעלן זינען איז די פּראָבלעם פון רעאַליזם אַקטועל גענוג, וואָרים דער רעאַליסטישער מעטאָד אין דעם ענגערן זינען פון וואָרט פאַרנעמט נאָך אַלץ דעם אויבנאָן אין דער ליטעראַטור, — אויב ניט אידעאָלאָגיש, איז פאַקטיש. די פאַרשיידענע שטרעמונגען פון עקספּרעסיאָניזם און נעאָ־ראָמאַנטיזם האָבען פאַרפלייצט אין די לעצטע יאָרן די ליריק, צום טייל אויך די דראַמע, אָבער אין

דעם ראָמאַן און אין דער דערציילונג געוועלטיגט נאָך אַלץ דער רעאַליזם אָדער דער אימפּרעסיאָניזם, וואָס איז נישט מער ווי אַן איידעלערער סאָרט רעאַליזם.

א גרויסער טייל שרייבער און דער גרעסטער טייל לעזער איז באוואוסטזיניג אָדער אינסטינקטיוו פיינדליך צו אַלע אַנדערע פאָרמען פון ליטעראַרישן שאַפן, א חוץ די, וועלכע זיינען אויסגעאַרבעט געוואָרן אין דער צווייטער העלפט פון פאָריגן יאָרהונדערט, ווען עס האָט זיך פאַנאַנדערגעבליט דער נאַטוראַליסטישער און אימפּרעסיאָניסטישער רעאַליזם. זייער פיינדלאַכקייט צו נייע סטילן נעמט זיך אָפּט דערפון, וואָס זיי האָבן א פאַלשן און פאַרדרייטן באַגריף וועגן דעם אָנגענומענעם רעאַליסטישן סטיל.

דער רעאַליזם איז, דאַכט זיך, אַן איינפאַכע און קלאָרע זאַך: דאַכט זיך יעדער איינער קאָן עס פאַרשטיין, מען דאַרף נישט קיין קאָפּ־דרייעניש; און דאָך איז קיין טעאָריע אין דער קונסט ניט אַזוי פאַלש אויסגעטייטשט געוואָרן, ווי די טעאָריע פון רעאַליזם.

און ערגעץ איז דער פאַלשער פשט אין רעאַליזם ניט געלערנט געוואָרן מיט אַזאַ עם־הארצ׳ישער איינגעשפּאַרטקייט, ווי אין א טייל אידישע קריטיק אין אַמעריקע. איינער פון די עלטסטע אַמעריקאַנער אידישע ליטעראַטור־און טעאַטער־קריטיקער, ה׳ אב. קאַהאַן, האָט די פאַרפלאַכונג פון רעאַליזם, קאָן מען זאָגן, געמאַכט פאַר זיין מיסיע. ער האַלט זייער שטאַרק פון דעם רעאַליסטישן שטייגער שרייבן, ער קוקט אויף דעם, ווי אויף דער העכסטער דערגרייכונג און דעם לעצטן וואָרט אין קונסט, ער לאָזט ניט דורך קיין געלעגנהייט צו לויבן די פאָרשטייער, דערהויפּט די רוסישע פאָרשטייער פון דער רעאַליסטישער ליטעראַטור און ער טענה׳ט אַלץ, אַז זיי און נאָר זיי זיינען די אמת׳ע קינסטלער; דאָך האָט קיינער נישט געטאָן ביי אונז אַזוי פיל צו קאָמפּראָמעטירן דעם רעאַליזם און צו פאַרביליגן אים, ווי ער.

ער האָט אויפגעהאָדעוועט א גאַנצע גרופּע בעלעטריסטן, וואָס אונטער זיין ווירקונג האָבן זיי זיך איינגערעדט, אַז רעאַ־

ליזם איז א באריכט פון א רעאלן שטיק לעבן. אָבער „מאַכן א פּראָטאָקאָל" קאָן מען נאָר דאַן, ווען מען איז אליין געווען אַן עדות פון די פּאַסירונגען. דער באריכט איז, פארשטייט זיך, נאָר א מיטל; זיין ציל איז — ארויסצו־ברענגען א געוויסן אמת, אויסצופירן א געוויסע „טעמע". אָבער א ציל צי א מיטל — מען מוז קענען די מענטשן, די זאַכן, די פּאַסירונגען, וואָס מען זוכט צו „פּראָטאָקאָלירן". ווען קען מען זיי מיט אלע איינצלהייטן? ווען מען האָט זיי געזען. די מענטשן, די פּאַסירונגען פון דער פארגאַנגנהייט האָט דער קינסטלער ניט געזען: קאָן ער זיי ניט שילדערן... איז „דער בעסטער היסטאָרישער ראָמאַן, ווי ה' אב. קאהאַן שרייבט, נאָך אלעמען, ניט מער ווי א שונד־ראָמאַן".

איי־וואָס, די גרעסטע רעאליסטן האָבן אָפּט גענומען שטאָף פאר זייערע ראָמאַנען, דערציילונגען און דראמעס פון דער גע־שיכטע? האָבן זיי טאַקע מיט דעם היסטאָרישן שטאָף, זאָגט מען אונז, גאָרנישט ניט געקאָנט אויפטאָן...

איז גאָגאָל'ס „טאראַס בולבא", אדער פלאָבער'ס „סאלאַמ־באָ" שונד...

גאָגאָל איז א גרויסער רעאליסטישער קינסטלער, פלאָבער איז אודאי א מוסטערהאפטער רעאליסט, אָבער ווי נאָר זיי האָבן גענומען אונז דערציילן וועגן „פולשטענדיג אָפּגעשטאָרבענע דורות" זיינען זיי געוואָרן, לויט אב' קאהאַן, קאליקעס. איז עס א שטיקל רעטעניש: ווי אזוי זיינען עס ערשט־קלאסיגע קינסט־לער געוואָרן מיט אמאָל שונד־שרייבער? אָבער — פארפאלן!

און אויב דאָס איז ריכטיג וועגן די שאפער פון דעם רע־אליזם, הייגט וואָס איז שוין צו ריידן וועגן יענע שרייבער, וואָס זיינען ניט קיין רעאליסטן? זיי האָבן געוויס ניט געקאָנט שאַפן קיין רעכטע זאַך, און אז מען זאָל זיין קאָנסעקווענט, דאַרף מען זיך ניט שעמען און זאָגן, אז אלע גרויסע מוסטערן פון דער וועלט־ליטעראַטור טויגן אויפ'ן פייער. די „אילאַדע" און א גרויסער טייל פון די גריכישע טראַגעדיעס איז אומזין, וואָרים זיי זיינען געבויט אויף פאָלקס־מעשיות און לעגענדעס. האָט דען האָמער, עסכילעס אָדער סאָפאָקלעס געזען

די געטער, די העלדן, וועגן וועלכע זיי דערציילן? און דאָס אייגענע איז מיט אַנדערע פּאַרשטייער פון דער וועלט־ליטעראַ־טור: איז דאַנטעס דען געווען אַמאָל אין גיהנום? היינט וואָס פאַר אַ טעם קאָן האָבן זיין „דיווינאַ קאָמעדיאַ“? וואָס פאַר אַ שייכות קאָן האָבן צו קונסט מילטאָן מיט זיין „פאַרלוירענעם גן־עדן“? האָט ער דען באַגעגנט אַמאָל די מלאכים, וואָס ער שילדערט דאָרט? און פון וואַנען ווייס געטע, ווער פאַוסט איז געווען און וואָס איז מעפיסטאָפעל? מילא, אַ וואַגנער, אַ גרעטכען האָט ער געקאָנט טרעפן אין לעבן, אָבער פאַוסט, מעפיס־טאָפעל? וואו האָט ער זיי געזען?

די דערמאָנטע ווערק זיינען ניט קיין ראָמאַנען. אָבער איז דען דער רעאַליזם נאָר טעאָריע פון ראָמאַן? דער רעאַליזם איז אַן אַלגעמיינע קונסט־טעאָריע. ווען עס זאָל זיין אמת, אַז לויט דער רעאַליסטישער שיטה קאָן מען שאַפן אַ קונסט־ווערק נאָר פון אַ שטאָף, וואָס מען האָט אַליין אוממיטלבאַר געזען, וואָלט מען געמוזט קומען צום אויספיר, אַז די אַלע דערמאָנטע ווערק האָבן ניט קיין שייכות צו קונסט.

און וואָס עפּעס נאָר די דערמאָנטע? עס איז ניטאָ גאָר קיין איין גרויסע שאַפונג, ניט אין דער ליטעראַטור און ניט אין דער פּלאַסטישער קונסט, וואָס דער עיקר אין איר זאָל זיין דאָס, וואָס דער קינסטלער האָט געזען אין לעבן.

ניט זען, נאָר זעאונג איז דער יסוד פון יעדן אמת'ן שאַפן. איבערגעבן דאָס געזעענע אָדער דאָס געהערטע קאָן אויך ניט קיין קינסטלער. אַ קינסטלער באַנוגנט זיך ניט דערמיט וואָס ער „גיט־איבער“, דערמיט וואָס ער „שפּיגלט אָפּ“ דאָס לעבן. אַ קינסטלער איז אַן אויפטוער: ער שאַפט עפּעס, וואָס אין לעבן איז ניטאָ. ער דובליצירט ניט דאָס עקזיסטירנדיגע, ער ברענגט אַריין עפּעס נייעס.

אין רוסישן לעבן איז געווען נאָר מאַטעריאַל פאַר'ן טיפּ פון כלעסטיאַקאָוו אָדער טשיטשיקאָוו. כלעסטיאַקאָוו אַליין, טשיטשיקאָוו אַליין האָט ניט עקזיסטירט. גאָגאָל האָט זיי ניט געזען. ער האָט זיי אויסגעטראַכט. זיי זיינען אַ פּראָדוקט פון

זיין שאַפונגס־קראַפט, ניט פון זיין הוילער אָבסערווירונגס־פייאיג־קייט.

און ניט נאָר גאָגאָל. אפילו אזא באַוואוסטזיניגער נאַטור־ראַליסט, ווי זאָלאַ, האָט געבויט אַלע בעסערע ווערק זיינע אויף דער שעפערישער פאַנטאַזיע, ניט אויף די פאַקטן און דאָקומענטן, וואָס ער האָט געזאַמלט. די פאַקטן, די דאָקומענטן זיינען געווען נאָר רויער און בלאַסער מאַטעריאַל. זיי האָבן געטויגט פאַר צייטונגס־אַרטיקלען, פאַר זשורנאַליסטישע סטודיעס, פאַר סאָציאַל־עקאָנאָמישע אָפּהאַנדלונגען. אויב פון זיי איז אָפּט־מאָל (ניט אַלעמאָל) אויסגעוואַקסן עפּעס גרויסעס, גראַנדיעזעס און באמת קינסטלערישעס, איז עס נאָר אַ דאַנק זאָלאַ'ס מעכ־טיגער פייאיגקייט צו ענדערן דעם מאַטעריאַל פון לעבן, צו באַפרוכפּערן אים און אַריינצובלאָזן אין אים אַ נייעם לעבן...

די העלדן פון איינעם פון די נאַטוראַליסטישסטע ראָמאַנען זאָלאַ'ס, נאַנאַ, איז „אין אָנהויב טאַקע — ווי בראַנדעס דריקט זיך אויס — נאָר אַ צופעליגע פּערזאָן, אַן אומפאַרשעמט און אויסגעלאַסן ווייַב, וואָס איז געבוירן געוואָרן ערגעץ אויף אַ הינטער־הויף. אָבער וואָס מער דער ראָמאַן וויקלט זיך פאַ־נאַנדער, אַלץ מער ווערט זי אויפגעהויבן, אַלץ גרעסער ווערט זי, ביז וואַנען זי ווערט צום סוף פאַרוואַנדלט אין דעם עצם גייסט פון אויסגעלאַסנקייט, וואָס שוועבט איבער פּאַריז בעת דער צווייטער אימפּעריע"... עס הויבט זיך אָן מיט אַ באַריכט און לאָזט זיך אויס מיט אַ סימבאָל פון לעבן. דער אָנהויב, דער אויסגאַנגס־פּונקט און דער מאָדעל איז די נאַטור, די ווירקלאַכ־קייט, אָבער דער רעזולטאַט איז דאָס גובר זיין די רויע נאַטור. דער רעזולטאַט איז די שאַפונג פון אַ נייער, מער פאַרענדיגטער, מער פולקאָמענער ווירקלאַכקייט.

דאָס זעען מיר ניט נאָר אין דער פּראַקטיק פון די גרויסע נאַטוראַליסטן. אויך זייער טעאָריע קאָן דאָס ניט אינגאַנצן אָפּ־לייקענען.

אמת, אָפּט קאָן מען מיינען פון זייערע טעאָריעס, אַז זיי זיינען מער טאַקע גאָרנישט ניט אויסן געווען, ווי צו געבן אונז שטיקער לעבן. אַזוי, צום ביישפּיל, שרייבט באַלזאַק, אַז „דער

פּאַרפּאַסער זאָגט ניט אַרויס קיין מיינונגען אין זיין אייגענעם נאָמען. נאָר די זאַך, וואָס ער זעט, באַשרייבט ער. דאָס געפיל, וואָס ער באַמערקט, גיט ער איבער. ער נעמט די פאַקטן אַזוי, ווי זיי זיינען אין דער ווירקלאַכקייט, גדופּירט זיי, שליסט זיי איין אין דעם אַלגעמיינעם פּלאַן" א. אַז. וו. פון דער דאָזי־גער און אַנדערע דערקלערונגען באַלזאַק'ס קאָן מען מיינען, אַז ער וויל טאַקע זיין ניט מער ווי אַ באַריכט־אָפּגעבער, אָבער ווען ער האָט פּאַראייניגט זיינע ראָמאַנען אונטער דעם אַלגע־מיינעם נאָמען „די מענטשלאַכע קאָמעדיע", האָט ער שוין דער־מיט אַליין געוויזן, אַז אַ קינסטלער מעג און דאַרף זען די מענטשן און זייער לעבן פון אַ גאַנץ באַשטימטן שטאַנדפּונקט און ניט באַנוגענען זיך מיט די פאַקטן פון דער ווירקלאַכקייט.

דאָס איז נאָך קלערער אויסגעדריקט אין דער באַרימטער פאָרמולע פון זאָלאַ'ס נאַטוראַליזם, — אין דער פאָרמולע וואָס זאָגט, אַז „אַ קונסט־ווערק איז אַ שטיק נאַטור, געזען דורך אַ טעמפּעראַמענט". (ביי בעיקאָנ'ען האָט עס נאָך גאָר אַמאָל גע־הייסן: „האָמאָ אַדדיטוס נאַטורע" — מענטש פּליוס נאַטור.) יעדער מענטש, יעדער קינסטלער האָט זיין אייגענעם טעמפּע־ראַמענט, האָט ער ממילא אויך זיין אייגענע „נאַטור", דאָס הייסט, מיט אַנדערע ווערטער, אַז ניט ער, „שפּיגלט אָפּ" די נאַטור אין זיין ווערק, נאָר פאַרקערט, זי ווערט אַן אויסדרוק פון זיין טעמפּעראַמענט, זי ווערט געלייטערט און איבערגעגאָסן — איבערגעשאַפן — אין זיין פאַנטאַזיע.

איי, וואָס איז דאָן דער אונטערשייד צווישן אַ רעאַליסטישן און אַ ניט־רעאַליסטישן קונסט־ווערק? דער אונטערשייד איז טאַקע נאָר אין גראַד, ניט אין תוך. דער ניט־רעאַליסטישער קינסטלער קאָן זיך אויך ניט באַגיין אינגאַנצן אָן עלעמענטן פון דער ווירקלאַכקייט, מער נישט ער באַנוגנט זיך מיט אַ מ י נ י־מ ו ם רעאַלע שטריכן. בעת דער רעאַליסט נעמט אַ גרויסן אָדער דעם גרעסטן טייל מאַטעריאַל פון דעם אַרומיגן לעבן. אָבער אויך ער, דער רעאַליסט, מוז אויפהויבן דעם שטיק לעבן, וואָס ער באַנוצט פאַר מאַטעריאַל, אויף אַ העכערער מדרגה; אויך ער מוז אַריינברענגען עפּעס נייעס אין דער וועלט וואָס

ער שילדערט; אויך פאַר אים דאַרף „דאָס שטיק נאַטור״ ניט ווערן קיין מוסטער, נאָר עס דאַרף זיין אַ מאָדעל, אַ שטיין־און אויסגאַנגס־פּונקט פאַר זיין שאַפנדיגער פאַנטאַזיע.

ב. אָרימע ליטעראַטור, אַלמעכטיג לעבן...

ביי אונז אָבער גלויבט מען נאָך אַלץ, אַז די ליטעראַטור האָט ניט קיין אַנדער אַרבעט, ווי צו זיין אַן „עכאָ פון לעבן״, אַן „אָפּשפּיגלונג פון לעבן״. דער שרייבער דאַרף זיך צוקוקן צו די מענטשן, וואָס אַרום אים, דערוויסן זיך, וואָס זיי טוען, איינהערן זיך אין זייערע רייד און דערנאָכדעם אונז דערציילן, ווי זיי זעען אויס, ווי זיי פירן זיך אויף, וועגן וואָס זיי שמועסן. ער טאָר זיי ניט אָפּלאָזן, חלילה, פון אויג. ער מוז זיי נאָכקוקן, נאָכשפּיאָנירן אין אַלע ווינקלאַך. טוט ער דאָס ניט, הערט ער אויף צו זיין אַ באַשרייבער, — איז ער אויס שרייבער.

אָט דאָס איז די אויסטייטשונג פון׳ם „רעאַליזם״, וואָס איז נאָך אַלץ פאַרשפּרייט ביי אונז, דאַרף אונז דעריבער ניט מיאוס ווערן (ניין, עס דאַרף אונז ניט מיאוס ווערן) אומצוקערן זיך צו דעם נאָך אַמאָל און ווידער אַמאָל.

אין נאָמען פון דעם פאַרפלאַכטן און פאַלש־אויסגעטייטשטן רעאַליזם האַלט מען אין איין מאָנען ביי דער אַמעריקאַנער אידישער ליטעראַטור די „אָפּשפּיגלונג״ פון דעם אַמעריקאַנער אידישן לעבן. און אַז מען רעדט וועגן „אָפּשפּיגלען״, מיינט מען ניט דעם אַלגעמיינעם זינען, דעם אינעווייניגסטן ריטם, די נשמה פון לעבן, — דאָס וואָלט געווען גוט! — ניין, מען מיינט די אויסערלאַכע פאַקטן, די דרויסנדיגע פּאַסירונגען. די שיינע ליטעראַטור דאַרף זיין אַ מין „דעילי ניוס״ אָדער אַ „טאַימס״, וואָס אַז מען קוקט אין דעם אַריין, ווייסט מען, וואָס „עס טוט זיך אויף דער וועלט״.

אַז איך בין נישט מגזם און אַז בפירוש אַזוי און ניט אַנדערש שטעלט מען זיך נאָך אַלץ פאָר ביי אונז די אויפגאַבע פון דער רעאַליסטישער קונסט, קאָן מען זען פון אַן אַרטיקל, וואָס עס האָט פאַרעפנטלאַכט (אין אַ יובילייר־נומער פון דער „פרייע אַרבעטער שטימע״) ה׳ הלל ראָגאָף.

אין דעם דאָזיגן — זייער כאַראַקטעריסטישן — אַרטיקל ווערט געמאַכט אַ פאַרגלייך צווישן דער אידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע מיט פינף־און־צוואַנציג יאָר צוריק און דערזעלביגער ליטעראַטור איצט. דער רעזולטאַט פון „פאַרגלייך" איז, אַז איצט איז „אַ דור אָן ליטעראַטור". די אַלע נייע טאַלאַנטן, וואָס זיינען אויפגעקומען אין אַמעריקע פאַר די לעצטע צוויי צענדליג יאָר, די אַלע אידישע שרייבער, וואָס זיינען אַהער גע־קומען פון יענער זייט ים, האָבן נישט באַוויזן צו שאַפן עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל ווערט זיין צו טראָגן אויף זיך דעם נאָמען אידישע ליטעראַטור. אידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע איז גע־ווען נאָר אַמאָל. והראיה? „ווילט איר", שרייבט ה' ראָגאָף, „וויסן, ווי דער גרינער איד האָט געלעבט אויף דער איסט סייד מיט דרייסיג אָדער פינף־און־צוואַנציג יאָר צוריק, טאָ לייענט ליבין'ס סקיצן, קאָברין'ס דערציילונגען, מאָרים ראָזענפעלד'ס לי־דער פון יענער צייט, און זיי וועלן אייך געבן אַ גוטן באַגריף דערפון. איר וועט פון אָט די ליטעראַרישע שילדערונגען זיך קאָנען פאַסן אַ בילד פון דעם אידישן שאַפּ, די אידישע היים, די אידישע גאַס פון יענע יאָרן; ווי דער אידישער אַרבעטער האָט געלעבט, א. אַז. וו."

אַלזוי, די אַמאָליגע סקיצן, דערציילונגען, לידער, געפינען חן אין די אויגן פון הלל ראָגאָף נאָר דערפאַר, וואָס זיי האָבן אונז געגעבן אַ בילד פון דעם אידישן שאַפּ, דער אידישער היים א. אַז. וו.

ווען עס וואָלט זיך געפונען דאָ אַ שלום אַש, וואָס וואָלט אָנגעשריבן אַ „קדוש השם", אַן אָפּאַטאָשו, וואָס וואָלט אונז געגעבן „פוילישע וועלדער", אַ לייוויק, וואָס וואָלט געשאַפן אַ „גולם", אַ יוסף ראָלניק, וואָס וואָלט דעם טיפסטן תפלה'דיגסטן טרויער אין קאַרגע פערזן אַריינגעהויכט, א י. י. שוואַרץ, וואָס וואָלט פאַרראַטן דער „איסט סייד" און באַזונגען גאָר קענטאָקי, אַ משה נאַדיר אָדער אַ מ. ל. האַלפּערן, וואָס וואָלט אונז גע־געבן נישט קיין „בילד", נאָר אַ גראָטעסק און אַ פּאַראָדיע פון דער אידישער אַמעריקע — וואָלט זיך דאָ דער „דור" געקאָנט

קלאָגן אינאײנעם מיט הלל ראָגאָף, פאַרוואָס מען לאָזט אים נעבאַך אָן ליטעראַטור, ד. ה., אָן אָן „אָפּשפּיגלונג" און — אַ ברירה וואָלט מען געהאַט, — מען וואָלט מוזן גיין באַשטעלן פאַר אים אַ בילד פון זײַן לעבן ביי די גויאישע „איסט סייד" שילדערער? ניט אמת?

טראַכט מען זיך אַריין אין דעם דאָזיגן אויספיר, זעט מען, צו וואָס פאַר אַן אַבסורד מען מוז קומען, ווען מען קוקט אויף דער ליטעראַטור, ווי אויף דער „אָפּשפּיגלונג" פון שאַפּ, היים, א. ד. גל.

מען מוז, ערשטנס, אָפּ׳פּטר׳ן מיט אַ נאַרישן „עט!" די אַלע ווערק, וואו דאָס לעבן ווערט געלייטערט דורך דעם קינסט־לער׳ס פאַנטאַזיע, נישט אָפּגעשפּיגלט רויערהייט; צווייטנס, מוז מען דערנידעריגן אויך דעם ווערט פון די אַזוי־גערופענע „לעבנס־שילדערונגען", ווען מען זאָל רעכענען, אַז דער גאַנצער אויפטו זייערער ליגט אין דעם וואָס זיי גיבען אונז אַ בילד פון לעבן. מען מוז דאַן האַלטן זיי פאַר געשטאָרבן, ווי נאָר עס שטאַרבט אָפּ דאָס שטיק לעבן, וועלכן זיי האָבן „אָפּגעשפּילט". אָט איז הלל ראָגאָף צופרידן מיט די סקיצן, דערציילונגען און לידער, וואָס צייגן אונז, ווי „דער גרינער איד אויף דער איסט סייד" האָט געלעבט מיט 25־30 יאָר צוריק. אָבער „דער גרינער איד אויף דער איסט סייד" לעבט שוין איצט אַנדערש, ווי אַמאָל. דער שאַפּ איז אַן אַנדערער, די היים — אַן אַנדערע, די גאַס — ניט די, וואָס אַמאָל. הייסט וואָס פאַר אַ ווערדע קאָנען שוין האָבן איצט די סקיצן, די דערציילונגען, די לידער, וואָס אין זיי איז דאָס אַלץ געשילדערט געוואָרן, אויב זייער גאַנצער אויפטו איז באַשטאַנען נאָר אין דעם, וואָס זיי האָבן אָפּגעשפּיגלט דאָס אַרו־מיגע? דאָס „אַרומיגע" איז געוואָרן געשיכטע; ממילא איז די ליטעראַטור, וואָס האָט עס געשילדערט, אינטערעסאַנט שוין נאָר פאַר דעם היסטאָריקער.

איז דאָס טאַקע אַזוי?

עס איז אַזוי, ווען דער שרייבער טוט מער גאָרנישט ניט אויף, אַ חוץ דעם, וואָס ער קאָפּירט דעם אַרומיגן לעבן. אָבער דאַן איז ער אַ קאָפּירער, מער גאָרנישט. (און צי אַ דור האָט

מער אזעלכע קאַפּירער אָדער ווינציגער — איז גאַרנישט אזוי וויכטיג.) ווען דער שרייבער איז אַ שרייבער, אַ קינסטלער, דאַן הויבט ער זיך אויף העכער פון זיין שטאָף, און זיין ווערק לעבט אויך דאַן, ווען דער שטאָף, פון וועלכן ער איז געמאכט, געהערט גאָר צו אַן אנדער צייט און אַן אנדער סביבה.

משפּט׳ן אַ ליטעראַטור דאַרף מען נישט לויט דעם שטאָף וואָס זי באַנוצט, און ניט לויט דעם גראַד, אין וועלכן זי שפּיגלט אָפּ דאָס ארומיגע לעבן, נאָר לויט דער שאַפונגס־ענערגיע, וואָס אַנטפּלעקט זיך אין איר.

קיינער, גלויב איך, וועט ניט זאָגן, אז מיט פינף־און־צוואַנציג־יאָר צוריק איז אין דער אַמעריקאַנער אידישער ליטע־ראַטור געווען מער שעפערישקייט, ווי איצט. אַלע מוזן מודה זיין, אז אין משך פון די לעצטע צוויי צענדליג יאָר איז דאָס אידישע וואָרט אין אמעריקע גערייניגט, געליטערט געוואָרן. עס זיינען באַשאַפן געוואָרן סיי אין פּראָזע, סיי אין פערזן ווערק, וואָס וועלן געלייענט ווערן, ווען די אַלע „לעבנס־שילדערונגען״, די היינטיגע און די אַמאָליגע, וועלן לאַנג פאַר־געסן זיין.

דאָס אַליין ציינט, אז ניט דער „שאַפ״ און ניט די „היים״ און ניט די „גאַס״ פון דעם אָדער יענעם פּעריאָד איז וויכטיג פאַר דער ליטעראַטור פון דור, נאָר דאָס, וואָס שטייט הינטער די אַלע פאַראיבערגייענדיגע לעבנסעלעמענטן — דאָס מענטשלאַכע, דאָס אייביג־לעבעדיגע. אַ דור גייט אוועק, אַ דור קומט — און דאָס קינסטלערישע, דאָס אמת־קינסטלערישע בלייבט.

וועלכע לידער זיינען אונז געבליבן פון מאָרים ראָזענפעלד? די, וואו מיר האָבן געזען „דעם גרינעם אידן אויף דער איסט סייד״ מיט צוואַנציג אָדער דרייסיג יאָר צוריק? ניין, גראָד די זיינען כמעט אַלע פאַרעלטערט און האָבן פאַר אונז נאָר אַ קולטור־היסטאָרישע באַדייטונג. אַ קינסטלערישע ווערדע האָבן — און וועלן האָבן נאָך לאַנג — יענע פּאָעטישע פערזן, וואו דעם דיכטער איז געלונגען צו שטעלן זיך העכער פון דעם שניי־דער־שאַפ און אריינצואָטעמען אין זיין צייטווייליגער און צו־

פעליגער עקזיסטענץ עפּעס אזוינס, וואָס איז דויערהאַפטיג און איבערצייטלאַך.

מאָרים ראָזענפעלד אליין האָט עס מיט א וואונדערלאַכער קלאָרקייט אויסגעדריקט אין זיין ליד „דער פּאָעט":

— — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — —

זיין טרוים איז לעבן און אייביגקייט,
זיין בליק וויי טער ווי זיין צייט...
און וואָס אים אַרט און נאָגט און קוועלט
דאָס איז דער שמערץ פון אונזער וועלט...
די נאַרן וויסן ניט זיין מיין,
די שלעכטע וואַרפן אים אַ שטיין,
און ער, געהילט אין ליכט, ער גייט,
געבענשט פון דעם, וואָס אים פארשטייט...
יע, פאָראויס גייט ער, פאָראויס דאָך
און די געשיכטע גייט אים נאָך...

יע, די געשיכטע — די צייט — גייט נאָך דעם אמת'ן פּאָעט, ניט ער שלעפּט זיך נאָך נאָך איר.

דערמיט וויל איך, פארשטייט זיך, ניט זאָגן, אז די צייט־ און אָרט־אומשטענדן זיינען ניט וויכטיג. זיי זיינען וויכטיג. אָבער עס איז דאָ א זאַך, וואָס איז נאָך וויכטיגער. און דאָס איז די וואונדערלאַכע שאַפונגס־קראַפט, וואָס מאכט, אז די סביבה זאָל זיין מער ווי סביבה און די צייט — מער ווי צייט.

אין די בעסערע ווערק, וואָס זיינען באַשאַפן געוואָרן אויף אידיש אין אמעריקע אין די לעצטע פּאָר צענדליג יאָר, ווי אויך אין די בעסערע ווערק פון דער פריערדיגער תקופה, איז דאָ עפּעס, ווי הלל ראָגאָף רופט עס אָן, „אלמענטשלאַכעס", אוניווערסאַלעס. דאַרפן מיר זיך ניט שעמען דערמיט. פאַרקערט, מיר מעגן זיך דערמיט איבערנעמען, אויב עס איז אן אמת.

אָבער דאָס הייסט ניט, אז די נייע אידישע ליטעראַטור אין אמעריקע האָט ניט קיין שייכות צום אמעריקאַנער אידישן לעבן. זי האָט ווינציגער שייכות, ווי זי האָט געהאַט אמאָל, צום וואָכעדיגן לעבן, אָבער דאָס איז ניט קיין אומגליק. דאָס וואָכעדיגע, טאָג־טעגלאַכע לעבן פון די אידן אין אמעריקע

איז אַ גוטער מאַטעריאַל דערוויי״ל נאָר פאַר סאַטירע, פאַר פּאַ־ראָדיעס. עס איז פול מיט יווּרונג פון נייע אימפּעטיגע כחות, וואָס האָבן זיך נאָך נישט איינגעשטעלט. עס איז פול מיט סתירות. עס איז אַ געמיש פון אַלט און ניי. עס איז אַ לאַטע אויף אַ לאַטע. עס האָט נאָך ניט קיין פאָרם, קיין לייב און לעבן. עס האָט קראַפט און שיינקייט, ווען מען זעט עס דינאַ־מיש. אין סטאַטישן צושטאַנד איז עס רוי און העסלאַך. איז עס מאַטעריאַל פאַר לצים, קיבעצער, קלאָונעס, איבערקרימער, (און עס איז טאַקע אַ חידוש, פאַרוואָס עס איז נאָך ניטאָ קיין אמת גרויסע נאַציאָנאַלע אידישע קאָמעדיע אין אַמעריקע און פאַרוואָס די סאַטירע פאַרנעמט נאָך אַלץ נישט דעם גרעסטן פּלאַץ אין דער אַמעריקאַנער אידישער ליטעראַטור.)

אָבער אַ חוץ דעם טאָג־טעגלאַכן לעבן פון דעם דורכשניט־אידן, איז דאָך דאָ נאָך אַן אַנדער לעבן — דאָס לעבן פון דער נשמה, און איך גלויב, אַז דעם דאָזיגן לעבן קענען די אידישע דיכטער אין אַמעריקע, — די, וואָס זיינען דיכטער באמת, — זייער גוט.

דער אידישער קינסטלער (ווי יעדער קינסטלער אין דער וועלט!) איז איזאָלירט פון דעם אַרום מאַראַליש, אָבער ער איז ניט אָפּגעצאַמט פון אים פיזיש און פּסיכיש. מען מוז דען טאַקע אַליין אַרבעטן אין שאַפּ אָדער „האַלטן אַ סטאָרקע" אָדער זיין אַ פּעדלער, כדי צו קענען דעם מאַסן־אידן אין אַמעריקע? אגב, זיינען דאָ, דוכט זיך מיר, גענוג אידישע שרייבער, וואָס אַרבעטן אין שעפּער, אין אָפיסעס און וואָס זייער לעבן איז „ענליך צו דעם לעבן פון דער גרויסער מאַיאָ־ריטעט אידישע אימיגראַנטן".

עס איז ניט ריכטיג, אַז דער אידישער שרייבער איז ניט אַזוי „אַמעריקאַניזירט", ווי אַלע אַנדערע אידישע אימיגראַנטן. אודאי איז ער ניט אַזוי אַמעריקאַניזירט, ווי יענע, וואָס האָבן פאַרגעסן ריידן אידיש. ווען ער זאָל ניט קענען קיין אידיש, וואָלט ער ניט געווען קיין אידישער שרייבער. אָבער ער איז פּונקט אַזאַ „אַמעריקאַנער אָדער האַלבער אַמעריקאַנער", ווי „די גרויסע מאַסן אידן, וואָס שאַפן דעם אידישן לעבן דאָ".

אויב ער שרייבט ניט וועגן זיי אזוי, ווי מען האָט געשריבן אמאָל, אויב ער באַשרייבט זיי ניט, איז עס ניט דערפאַר, ווייל „ער שטייט מחוץ למחנה פון דעם אידישן לעבן", נאָר ווייל ער האָט גאָר אַן אַנדער באַגריף, ווי אַ געוויסע שולע קריטיקער ביי אונז, וועגן דעם קינסטלער'ס אויפגאַבע.

דעם קינסטלער'ס אויפגאַבע, האַלט ער, איז שאַפן און אויס־חלומ'ען אַ נייע ווירקלאַכקייט אָדער לייטערן און פאַרטיפן דעם זין פון דער עקזיסטירנדיגער וועלט, ניט זיין אַ באַריכט־אָפּגעבער פון אירע צופעליגע און פאַרבייגייענדיגע פּאַסירונגען.

לעבן איז טאַקע אַ פיינע זאַך, אָבער קונסט איז אויך לעבן, נאָר אויף אַ העכערער מדרגה...

און ביי אונז האַלט מען נאָך אַלץ אין איין מוסר'ן די ליטעראַטור, פאַרוואָס זי „שפּיגלט" ניט אָפּ כלומר'שט די סביבה (איך זאָג „כלומר'שט", מחמת אין דער אמת'ן האָבן מיר נישט ווינציגער, אויב נישט מער פאַרפאַסער פון „לעבנס־בילדער", ווי אמאָל).

אָרימע ליטעראַטור, אַלמעכטיג „לעבן"...

ג. ליטעראַטור און לעבן.

אמת'ע ליטעראַטור ווערט נישט געמאָסטן מיט דער מאָס פון דעם אַרומיגן לעבן, זי ווערט געוואויגן מיט דער וואָג פון דעם לעבן, וואָס זי שאַפט אַליין. דאָס, וואָס עקזיסטירט אויסער איר און אַרום איר, איז איר שטאָף, נישט מער. דער כאַראַקטער פונ'ם שטאָף, וואָס דער קינסטלער באַנוצט, ווירקט אויף אים אין אַ געוויסן זינען, ווירקט אויף דעם אופן פון זיין שאַפן. דער עיקר איז דאָך נישט פון וואָס אַ זאַך ווערט געמאַכט, נאָר וואָס עס ווערט געמאַכט. איז דעם קינסטלער געלונגען צו שאַפן אַ נייעם שטיק לעבעדיגן לעבן (אַ נייעם טיפּ מענטשן, אַ נייעם כאַראַקטער, אַ נייעם ריטם), — האָט ער עפּעס אויפגעטאָן, און דער עיקר איז דאָן שוין ניט דער מאַטעריאַל, וואָס ער האָט באַנוצט, נאָר דער גראַד און די מדרגה פון לעבעדיגקייט, וואָס איז דאָ אין דער נייער שאַפונג.

אזוי ווי מיר האָבן אין זינען ניט דעם הייך־מאַטעריאַל, ווען מיר ווילן אָנווארעמען א הויז, נאָר די מאָס ווארעמקייט, וואָס מיר קאָנען ארויסקריגן פון דעם, אזוי דארף ניט זיין דעם קינסטלער'ס ציל דאָס לעבן, וואָס ער באַנוצט ווי מאַטע־ריאַל, נאָר דאָס ווערק, וואָס ער וויל פון דעם ארויספאַנטאַזירן, דאָס נייע לעבן, וואָס ער וויל פון דעם ארויס'כשופ'ן.

וואָלט אונז עמיצער באווייזן, אז מען קאָן ניט שאַפן קיין קינסטלערישן ווערק פון אַן אַנדער שטאָף, א חוץ דעם, וועלכער געפינט זיך א ר ו ם א ו נ ז א י צ ט, וואָלט די לאַגע גע־ווען אַנדערש. דאַן וואָלט גענוג געווען צו צייגן, אז דאָס אָדער יענעם ווערק, „שפּיגלט ניט אָפּ" דעם א ר ו ם, כדי אונז צו איבערצייגן, אַז עס איז ניט קיין קונסט־ווערק. אָבער דאָס איז דאָך נישט ריכטיג.

דער קינסטלער דארף אודאי האָבען אַן אויג צו זען און אַן אויער צו הערן, דאָס הייסט, ער דארף קענען די ווירקלאַבקייט און וויסן, אָדער ריכטיגער, פילן, אירע אינעווייניגסטע געזעצן, ער דארף האָבן לעבנס־דערפאַרונג. („אונד עוויג, זאָגט גרילפּאַרצער אין „סאַפּפאָ", — אונד עוויג איזט די אַרמע קונסט געצוואונגען צו בעטטעלן פאָן דעם לעבנס איבערפלוסס".) אָבער דאָס, וואָס ער האָט געזען און געהערט, קאָן ער אויסנוצן אויף צו שאַפן זאַכן און געשטאַלטן, וואָס קיינער האָט זיי קיינמאָל ניט געזען און קיינער האָט קיינמאָל ניט געהערט פון זיי...

סערוואַנטעס האָט אודאי געמוזט האָבן געוויסע אָבסער־ווירונגען, כדי צו געבן אונז די געשטאַלט פון דאָן קיכאָט. אָבער דאָן קיכאָט'ן אַליין האָט ער אין לעבן נישט געזען. ער האָט אים ארויסגע'כשופ'ט פון זיין פאַנטאַזיע. פּונקט אַזוי האָט האַמלעט קיינמאָל נישט געלעבט, עס איז געווען (און עס איז פאַראַן) נאָר האַמלעטיזם. דאָסטאָיעווסקי'ס קאַראַמאַזאָווס זיי־נען אויך קיינמאָל נישט געווען אין דער ווירקלאַבקייט; זיי זיינען געוואָרן א שטיק לעבן נאָכדעם, ווי דער קינסטלער האָט ארייַנגעהויכט אין זיי א לעבנס־אָטעם.

אָבער (וועט מען זאָגן), דאָן קיכאָט, האַמלעט, די קאַראַמאַ־זאָווס זיינען פאָרט אַן אָפּשפּיגלונג פונ'ם ארום, נאָר אַן

אָפּשפּיגלונג אין אַ פאַרגרעסערטער פאָרם. וועל איך נעמען אַן אַנדער ביישפּיל: אַנאַטאָל פראַנס. ער האָט זיינע בעסטע ווערק געשריבן וועגן זאַכן, וואָס זיינען גאָרנישט שייך צום היינט. ער האָט באַנוצט פאַר זיי לעגענדאַרישן און היסטאָרישן מאַטעריאַל. און אין אָט די ווערק, וואָס האָבן „ווייטע" און „פרעמדע" טעמעס, האָט ער פּונקט אַזוי אויסגעדריקט דעם גייסט פון דער העכערער פראַנצויזישער קולטור, ווי אין די ווערק, וואו ער האָט „אָפּגעשפּיגלט" דעם לעבן פון זיין צייט. דאָס אייגענע איז מיט אונזער פּרץ'ן. ער האָט געשריבן „בילדער און סקיצן" פונ'ם אידישן לעבן אין פּוילן און — „פאָלקסטימלאַכן געשיכטן". וואו האָט ער אַרויסגעוויזן מער קינסטלערישן טאַלאַנט — איז אַ פראַגע, וואָס איך וויל דאָ נישט אָנרירן. אָבער עס איז אַ פאַקט, אַז די „לעבנספרעמדע" לעגענדאַרישע „געשיכטען" האָבן איבערגעלאָזן טיפערע שפּורן אין דער אידישער ליטעראַטור און שטאַרקער אויסגעדריקט דעם גייסט פון דער עפּאָכע, צו וועלכער פּרץ געהערט, איידער די „לעבנסשילדערונגען", וואָס ער האָט אונז געגעבן...

דאָס הייסט נִיט, פאַרשטייט זיך, אַז די קינסטלערישע ליטעראַטור דאַרף זיך שפּייזן נאָר מיט לעגענדעס וכדומה אַלטע זאַכן. ניין, עס איז זייער גוט, ווען איינעם געלינגט (עס געלינגט זייער זעלטן) צו שאַפן אַן אמת קונסטווערק פון „פרישן, צאַפּלדיגן" שטאָף. אָבער מען מוז דאָך געדענקען, אַז ניט די „פרישקייט", די „צאַפּלדיגקייט", די „סביבה'דיגקייט" פונ'ם מאַטעריאַל איז דער עיקר, נאָר דאָס, וואָס דער קינסטלער האָט דערפון געמאַכט.

און ווען דער קינסטלער האָט דערפון עפּעס געמאַכט, איז שוין דער עיקר אָט די ש אַ פ ו נ ג זיינע, ניט זיין מ אָ ד ע ל. דער מאָדעל — אָדער דער מאַטעריאַל — איז שוין דאַן עפּעס, וואָס איז פאַרנוצט און אויסגעלײידיגט געוואָרן. זייער קלאָר האָט עס אויסגעדריקט יהואָש אין איינעם פון זיינע לידער. ער האָט געשריבן:

איך האָב דיך לאַנג געגנוג באַדאַרפֿט
אום דיך צו קאָנען מאָלן,
ווי ס'דאַרף דער קינסטלער וואַלד און פֿעלד
און שיינע בערג און טאָלן.

ווי דער, וואָס קנעט די ליים־געשטאַלט,
וואָס וועט אַ וועלט אַנטציקן,
באַדאַרף דעם שיינעם גוף, וואָס דינט
אַלס מוסטער זיינע בליקן.

דאָך ווען דאָס בילד געענדיגט איז
און גליט אין פֿאַרבן־פֿלאַמען —
ווער פֿרעגט זיך אויף די שטריכן נאָך,
פֿון וועלכן אָרט זיי שטאַמען?

און ווען דער גאָט, די נימף, דער העלד
שטייט פֿרעכטיג אויסגעמייסטערט,
ווער זוכט דעם מקור, וועלכער האָט
דעם סקולפּטאָרס ווערק באַגייסטערט?

איך האָב דיך לאַנג געגנוג באַדאַרפֿט
אום דיך אַלס בילד צו האָבן;
עס לעבט מיין ליד... און דו קאָנסט גיין...
דו ליגסט אין אים באַגראָבן!

„באַגראָבן" איז דאָס שטיק ווירקלאַכקייט, און עס לעבט דאָס ליד, דאָס ווערק, וואָס איז פֿון דעם באַשאַפֿן געוואָרן.

סיי די גאָר גרויסע דיכטער, די אויסדערוויילטע, וואָס האָבן געשריבן פֿאַר אויסדערוויילטע, סיי די שרייבער, וואָס ווערן געלייענט פֿון דער מערהייט, האָבן גענומען אָפּט טעמעס פֿאַר זייערע ווערק ניט פֿון דעם נאָענטן אַרום, נאָר דווקא פֿון אַזוינע וועלטן און צייטן, וועלכע האָבן צום אַרום ניט קיין שייכות. איז, מילא, אויף די לעזער און שרייבער פֿון דער פּאָפּולערער בעלעטריסטיק ניטאָ זיך וואָס צו חידוש'ן: ביי זיי איז דער עיקר דער שטאָף, דער ספּור־המעשה, איז אַ מעשה פֿון אַ ווייטער, אַן אומבאַקאַנטער וועלט, אַ מעשה נורא פֿון דעטעקטיווס, רויבער, לאָרדן, גראַפֿן, ריטערס, „אינטערעסאַנטער", ווי דאָס לעבן פֿון מענטשן, וואָס מען באַגעגנט זיי טאָג־טעגלאַך. אָבער די אמת'ע דיכטער,

די, וואָס יאָגן זיך ניט נאָך דער אינטערעסאַנטקייט פונ׳ם שטאָף, די, וואָס דער סוזשעט איז פאַר זיי נאָר ליים אויף אויסצוקנעטן פון אים לעבעדיגע קונסט־געשטאַלטן, — פאַרוואָס דערווייטערן זיי זיך אַזוי אָפט פון דער סביבה? פאַרוואָס האָבן זיי ליב צו נעמען זיך פאַר אַלטע לעגענדעס, פאַר פּאַסירונגען און פאַקטן פון דער פאַרגאַנגנהייט? און פאַרוואָס איז אַפילו אין די „רעאַליסטישע” ווערק זייערע אָפט פאַראַן עפּעס אויסערגע־וויינלאַכעס, עפּעס פייערלאַכס, יום־טוב׳דיגס, העראָאישעס, עפּעס אַזוינס, וואָס דאָס אַרומיגע איז אין פאַרגלייך מיט דעם קליין, גרוי, שיטער און אָרים? פאַרוואָס האָט די אמת׳ע קונסט אין אַלע אירע פאָרמען געזוכט שטענדיג איבערצוויאָגן, איבערצו־שטייגן דעם לעבן און צו געבן אונז אַזוינס, וואָס איז רייכער, געדיכטער, געלייטערטער, ווי דאָס, וואָס עקזיסטירט אַרום אונז?

איז עס ניט דערפאַר, וואָס די אמת׳ע אויפגאַבע פון אמת׳ער קונסט איז ניט צו זיין אַ שפּיגל פונ׳ם קורצן און שנעל־פאַר־גייענדיגן לעבן פון דעם דור און פון דער סביבה, נאָר צו שאַפן עפּעס דויערנדיגס, עפּעס, וואָס איז לענגער, ווי די עקזיסטענץ פונ׳ם היינטיגן דור און ברייטער, אוניווערסאַלער, ווי די סביבה?

אָבער דאָס איז ניט די איינציגע דערקלערונג: דאָס איבער־צייטלאַכע און אוניווערסאַלע קאָן דורכלייכטן אויך — און אַמאָל דוקא — דורך דאָס צייטלאַכע און סביבה׳דיגע.

אויב די קינסטלער באַנוצן ניט שטענדיג דעם שטאָף פון דער צייט, פון דער געזעלשאַפט, וועמען און וואו זיי לעבן, איז עס מחמת נאָך אַן אַנדער טעם. דער דאָזיגער צייט־און סביבה־שטאָף איז אַמאָל צו־פריש, צו רוי און אַמאָל — צו נאָענט.

די אויפגאַבע פונ׳ם „לעבנס־מאַטעריאַל” איז צו זיין אַ שטיצפּונקט און אַ פאָרמירונגס־מיטל פאַר דעם קינסטלער׳ס פאַנ־טאַזיע. ווען די לעבנס־איינדרוקן, וואָס דער קינסטלער קריגט פון אַרום, זיינען רוי און ממילא צעשוואומען, מטושטש, אָן אַ פאָרם, האָט די קינסטלערישע פאַנטאַזיע זיך ניט אויף וואָס אָנצושפּאַרן.

ווען דער קינסטלער איז צו־נאָענט צו דעם לעבן, וואָס דאַרף ווערן זיין שטאָף, ווען ער איז אין אים צו־שטאַרק פאַר־

אינטערעסירט, קאָן ער ניט האָבן צו אים קיין פרייע באַציאונג, קאָן נישט קוקן אויף אים פון דער ווייטנס, פון דער זייט, קאָן אים ניט באַהערשן, איז אַליין פון אים באַהערשט: איז דאָס נאָך אַ גרעסערער שטער פאַר זיין שאַפונגס־אַרבעט, ווי די רוי־קייט און פאַרמלאָזיגקייט פונ׳ם שטאָף.

אָט פאַרוואָס דער מאַטעריאַל פון אַלע אמת׳ע קונסטווערק, נישט נאָר פון „היסטאָרישע״, איז ע ר י נ ע ר ו נ ג ס־מאַטע־ריאַל, ד. ה., אַזאַ, וואָס איז גענומען פון אַ לעבנס־פּעריאָד, וועל־כער איז שוין פאַרגאַנגען, פון אַ סביבה, וועלכע האָט זיך פונ׳ם קינסטלער שוין אָפּגערוקט און איז — פאַר אים, ווינציגסטענס — געוואָרן פאַרגאַנגנהייט...

מען האָט אַמאָל טשעכאָוו׳ן, ווען ער איז געווען אין אויס־לאַנד, געבעטן, אַז ער זאָל אָנשרייבן אַ דערציילונג פונ׳ם אויס־לענדישן לעבן. „אַזאַ דערציילונג״, האָט ער געענטפערט, „קאָן איך שרייבן נאָר אין רוסלאַנד, לויט מיינע עראינערונגען. איך קאָן שרייבן בלויז לויט מיינע עראינערונגען. איך האָב קיינמאָל ניט געשריבן אוממיטלבאַר פון דער נאַטור... פאַר מיר איז נויטיג, אַז מיין זכרון זאָל דורכזייען דעם סיוזשעט, און אין אים זאָל בלייבן, ווי אין אַ פילטער, נאָר דאָס, וואָס איז וויכטיג אָדער טיפּיש״. אַזוי איז געווען מיט טשעכאָוו׳ן, אַזוי איז עס מיט יעדן קינסטלער.

אמת טאַקע, זיינע איינדרוקן קריגט ער פון דער סביבה, אין וועלכער ער געפינט זיך (און די דאָזיגע איינדרוקן זיינען אים אַ הילפס־מיטל אפילו דאַן, ווען ער גיט זיך אָפּ מיט דעם לעבן פון אַ לאַנג־פאַרגאַנגענער עפּאָכע), אָבער באַנוצן די דאָזיגע איינדרוקן אָדער לעבנס־באַאָבאַכטונגען אויף אַ ד י ר ע ק ט ן אופן, ד. ה., מאַכן זיי אַליין פאַר דעם אָביעקט פון זיין ראָמאַן אָדער דערציילונג, קאָן ער דאַן נאָר, ווען זיי קומען פון אַן איינגע־שטעלטן און פאַרמירטן לעבנס־שטייגער. שטאַמען זיי פון אַ סביבה, וואָס האַלט ערשט אין ווערן, האָבן זיי נאָך נישט קיין פאָרם, קיין געשטאַלט, — ווירקן זיי נישט אויף דעם קינסט־לער׳ס אויג און וועקן נישט זיין פאַנטאַזיע...

טורגעניעוו האָט „גענומען פון לעבן" אי דעם מאַטעריאַל פון „זאַפּיסקי אָכאָטניקאַ", אי דעם שטאָף פון „אָטצי אי דיעטי". אָבער אין „זאַפּיסקי אָכאָטניקאַ" האָבן מיר דעם מאַטעריאַל פון אַן איינגעשטעלטן לעבן, פון אַ לעבן, וואָס האָט הינטער זיך דורות פון קריסטאַליזירטער דערפאַרונג: איז עס אַ קונסט־ווערק. פאַר „אָטצי אי דיעטי" האָט דער פאַרפאַסער געוואָלט אויסנוצן איינדרוקן פון אַ וועלט, וואָס האָט דאַן ערשט געהאַלטן אין אויפקומען: איז עס אים קינסטלעריש נישט אַזוי געלונגען. און ער איז ניט געווען קיין אויסנאַם. באַטראַכט די ווערק פון כמעט אַלע שרייבער (און דערהויפּט די ווערק פון די אידישע שרייבער), וועט איר זען, אַז וואָס נענטער זיי זיינען צום נייעם לעבן, ד. ה., צום לעבן, וואָס האָט נישט באַוויזן נאָך אָפּצו־שטיין זיך און קריסטאַליזירט צו ווערן אין באַשטימטע פאָרמען, אַלץ ווייטער איז עס פון אמת'ער קונסט.*)

און דאָס איז ניט סותר דעם פאַקט, וואָס די קונסט שאַפט איר אייגענע פאָרם און איר אייגענעם לעבן. זי שאַפט ניט קיין יש מאַין. זי מוז האָבן פון וואַנען צו ציען איר יניקה. און ציען איר יניקה קאָן זי נאָר פון אַזאַ לעבנס־קוואַל, וואָס האָט אַ פאָרם און אַ געשטאַלט...

מען זאָגט: מענדעלע, פּרץ, און זייערע נאָכגייער האָבן גע־מאָלן דעם אידישן לעבן פון ז י י ע ר צייט. עס איז אַ טעות! דאָס לעבן, וואָס ווערט געשילדערט אין אַלע בע־סערע ווערק זייערע, איז אַ לעבן, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט אין משך פון דורות. אודאי האָט עס עקזיסטירט אויך אין זייער צייט (און עס עקזיסטירט נאָך צום טייל אויך איצט). אָבער א ו י פ ג ע ק ו מ ע ן איז עס פריער אַ סך: האָט עס באַוויזן זיך איינצופונדעווען און צו קריגן אַ באַשטימטע פאָרם און אַ באַשטימטע פאַרב. דאָס אידישע לעבן אין אַמעריקע איז אַלץ נאָך נישט איינגעשטעלט, ניט איינגעפונדעוועט (פּונקט אַזוי ווי דאָס אידישע לעבן פון נאָך דער מלחמה און נאָך די רעוואָלוציעס

*) זע „שמועסן וועגן ביכער", פאַרלאַג „אידיש", ניו יאָרק, 1922, זז. 30־35.

אין איירָאָפּע) : אָט פּארוואָס עס איז נישט קיין דאנקבארער מאַ־טעריאַל פאר אַ קינסטלער!

הלל ראָגאָף האָט זייער שלעכט אויסגעטייטשט וואָס איך האָב געזאָגט, ווען ער שרייבט מיר צו די אומזיניגע מיינונג, אַז „דאָס לעבן פון די אידן אין אַמעריקע איצטער איז נ י ט ו ו י ר ד י ג צו דינען אַלס מאַטעריאַל פאר קינסטלער". עס רעדט זיך נישט וועגן „ווירדיגקייט" און אומווירדיגקייט. עס רעדט זיך וועגן אַ לעבן, וואָס האָט אַ פאָרם, וועלכע שניידט זיך איין אין דעם קינסטלער'ס פאנטאזיע, און וועגן אַ לעבן, וואָס איז נאָך אין אַ כאאָטישן און פאַרמלאָזן צושטאנד.

הלל ראָגאָף פאַרגינט זיך אפילו צו ברענגען פון מיין אַר־טיקל אַ „ציטאַט", וואו עס זיינען דורכגעלאָזן ווערטער און גאַנצע שורות, אַבי נאָר צו קאָנען זאָגן, אַז איך מאַך „אַש און בלאָטע פון איצטיגן דור" אין אַמעריקע און קוק אויף אים „מיט פאַר־אַכטונג". אזוי ווי די פראַגע פון פּאַסיגן אָדער ניט פּאַסיגן שטאָף וואָלט געהאַט צו טאָן מיט דער פראַגע פון אַכטונג און פאַראַכטונג! האָט ג אָ ג אָ ל שטאַרק געהאַלטן פון די טשי־טשיקאָווס און די כליעסטיאַקאָווס? האָט פ ל אָ ב ע ר געהאַט „אַכטונג" צו דער קליינשטעטלדיגער סביבה, אין וועלכער עס האָט געלעבט זיין מאַדאַם באָוואַרי? האָט אונזער מ ע נ ד ע ל ע שטאַרק ליב געהאַט די „קופּע מילבן", וואָס ער האָט אויסגעמאָלן פאר אונז מיט אַלע פרטים? אָדער מיינט אפשר קאָלעגע ראָגאָף, אַז מאָרים ראָזענפעלד איז געווען פאַרליבט אין דעם שוויץ־שאַפּ און אין די „לומפּן", וואָס ער האָט „געפּיקסט"? עס איז, פּשוט, אַן אומזין צו זאָגן, אַז די אידישע שרייבער פון 25־30 יאָר צוריק האָבן „ליב געהאַט" אַמעריקע און די שפּעטער־דיגע „פאַרראַטן" זי. ווי ווייט איך וויים, זיינען דוקא די „יונגע" געווען די, וואָס האָבן געמאַכט אַ קולט פון אַמעריקע און פון אַן אַ מ ע ר י ק א נ ע ר אידישער ליטעראַטור. צווישן זיי זיינען געווען ניט ווינציגער, אויב נישט מער, אַזעלכע, וואָס האָבן גע־פּרוּווט מאַכן פאר אַ טעמע דעם אַ מ ע ר י ק אַ נ ע ר (ניט נאָר דעם „גרינעם") אידישן לעבן.

אָבער נישט וועגן דעם רעדט זיך דאָ.

אַלע ווייסן, אַז דאָס אידישע לעבן אין אַמעריקע, ווי יעדעס
לעבן, איז „רייך אין טראַגעדיע און קאָמעדיע א. אַז. וו.” קאָ־
לעגע ראָגאָף האָט דאָ נישט אַנטדעקט קיין אַמעריקע. די פּראַגע
איז נאָר, צי זיינען די דאָזיגע „טראַגעדיע און קאָמעדיע” שוין
קריסטאַליזירט געוואָרן אין קאָנקרעטע און קאָלירפולע לעבנס־
פאָרמען? צי קאָנען זיי שוין נערן דעם קינסטלער׳ס חוש
הראיה און אַנדערע חושים? צי קאָנען זיי שוין זיין אַ שטיץ־
פּונקט און אַן אויסגאַנגס־פּונקט פאַר זיין בילד־דורשטיגער און
וויזיאָנערישער פאַנטאַזיע? אָדער אפשר זיינען זיי דערווייל
נאָר גוטער מאַטעריאַל פאַר אַבסטראַקטע חקירות און כאַאָטישע
מאָמענט־פאָטאָגראַפיעס?

איך האָב געשריבן אין אַ פריערדיגן קאַפּיטל, אַז „דאָס וואָ־
כעדיגע טאָג־טעגלאַכע לעבן פון די אידן אין אַמעריקע איז אַ
גוטער מאַטעריאַל דערווייל נאָר פאַר סאַטירע און פּאַראָדיעס”.
הייסט עס, ווי הלל ראָגאָף שרייבט, אַז איך „זוך בלויז סאַ־
טירע און קאָמעדיעס” אין דעם אַמעריקאַנער אידישן לעבן און
זע אין אים קיין זאַך ניט, אַ חוץ עפּעס קאָמישעס? פאַר־
שטייט זיך, אַז ניט. איך האָב נאָר געוואָלט זאָגן, אַז אַ פאָרמ־
לאָזן לעבן איז לייכטער צו קיבעצן און פּאַראָדירן, ווי צו „שיל־
דערן”.

„עס האָט קראַפט און שיינקייט, ווען מען זעט עס דינאַ־
מיש” — אַזוי האָב איך געשריבן וועגן דעם אַמעריקאַנער אי־
דישן לעבן (איך בין, אַלזוי, פול מיט צוטרוי און גלויבן אין דעם
אַמעריקאַנער אידישן לעבן). אָבער . . . „אין סטאַטישן צו־
שטאַנד איז עס רוי און העסליך”. ד ע ר פ א ר קאָן עס לייכט
ווערן איבערגעקרימט. די עצם פאָרמלאָזיגקייט איז שוין אַ
מאָטיוו און אַן אויסגאַנגס־פּונקט פאַר אַ גראָטעסקער פּאַראָדיע...

עס איז ריכטיג, וואָס הלל ראָגאָף שרייבט, אַז עס איז „די
אויפגאַבע פון יעדן, וואָס וויל זען אַ צוקונפט פאַר דער אידישער
ליטעראַטור אין אַמעריקע, צו ווירקן אויף אונזערע קינסטלער, זיי
זאָלן פאַרשטיין דעם אידישן לעבן אין אַמעריקע, זיי זאָלן ווערן
אַ טייל פון דעם לעבן, א. אַז. וו.” אַ קינסטלער מוז קענען דעם
ארומיגן לעבן אפילו דאַן, ווען ער שרייבט וועגן א מ אָ ל

אָבער אַ שטיצפּונקט פאַר זיין שאַפן מוז ער זוכן דאָך אין דער פאָרם, נישט אין דעם כאַאָס פון לעבן. און עס וועט אײַ־בערגיין נאָך אַ היבשע צייט, ביז דאָס אידישע לעבן אין אַמע־ריקע וועט אויפהערן צו זיין כאַאָס און ווערן פאָרם. דערפאַר האָב איך מורא אַז עס וועט נאָך לאַנג דויערן, ביז מיר וועלן האָבן אַן אַלזייטיגע אַמעריקאַנער אידישע ליטעראַטור אויפ׳ן געביט פון עפּיק (ליריק קאָן פריער אויפקומען, און זי איז שוין טאַקע אויפגעקומען). קיין מוסר און קיין דרשות וועלן נישט העלפן.

און זיי זיינען אויך נישט נויטיג.

די עפּישע ליטעראַטור איז ניט מחויב „אָפּצושפּיגלען" כסדר נאָר דעם פריש־צאַפּלדיגן לעבן פון אַרום. זי קאָן נעמען איר שטאָף, וואו זי געפינט אים. געפינט זי אים נישט אין דער נאָענט, ברענגט זי אים פון ווייטן. און דאָס טוט די אידישע לי־טעראַטור אין אַמעריקע.

דער אויסדרוק „אַ דור אָן ליטעראַטור" וואָלט געוועזן דעריבער אַ פאַלשער און אַ פאַרפירערישער, ווען אַפילו ס׳זאָל זיין אמת, אַז די אידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע „שפּיגלט ניט אָפּ" דעם לעבן פון׳ם שאַפּ, פון׳ם הויז, א. אז. וו. מיינען, אַז אָן אַזאַ „אָפּשפּיגלונג" איז ניטאָ קיין קינסטלערישע ליטעראַטור, הייסט זוכן דעם רעכטן עיקר פון אַ קונסטווערק ניט אין זיין אייגענעם אינעווייניגסטן לעבן און ניט אין דעם קינסטלער׳ס שאַפונגס־כח, נאָר אין עפּעס דרויסנדיגס, הייסט פעלשן און פאַרדרייען און פאַרטונקלען דעם עצם באַגריף פון קונסט.

דערפאַר האָב איך זיך ניט געוואָלט אַריינלאָזן אין די פּרטים פון דער פראַגע וועגן די טעמעס פון אונזערע שריי־בער און וועגן זייער פאַרהאַלטן זיך צום מאַטעריאַל פון אַרו־מיגן לעבן. עס איז וויכטיגער צו דערמאָנען, אַז ניט דאָס איז די הויפּט־פראַגע און אַז אויב מען וויל וויסן, צי אַ דור האָט אַ ליטעראַטור אָדער ניט, דאַרף מען זען, צי איז אין די ווערק, וואָס ער האָט געשאַפן, דאָ קינסטלעריש לעבן, נישט צי עס איז דאָ אין דעם געגנוג שטאָף אויף צו שטודירן דעם

לעבן פון די ארבעטער, פון די „גרינע״ אידן אָדער פון די „אַמעריקאַניזירטע״...

דער פאַקט וואָס פּובליציסטן (און פּובליציסטישע קריטיקער) נוצן אויס אָפט קינסטלערישע ווערק כדי ארויסצוברענגען אָדער אילוסטרירן געוויסע אידייען וועגן געזעלשאַפטלאַכע פראַגן, ווייזט נאָך ניט, אז דאָס דאַרף זיין דאָס ציל פון דער קינסטלערישער ליטעראַטור...

דאָס איז אַלץ אלף־בית פאַר מענטשן, וואָס האָבן א ידיעה אין קונסט־זאַכן, אָבער — מיר קאָנען זיך נישט העלפן. מען וועט נאָך לאַנג מוזן ריידן ביי אונז וועגן איינפאַכע און עלע־מענטאַרע ענינים, אויב מען וויל אַז דער לעזער זאָל, ענדלאַך, קריגן א באַגריף פון אמת׳ער ליטעראַטור...

עס האָט מיך געפרייט צו זען, אַז אין דעם ענטפער אויף מיין אַרטיקל וואָס הלל ראָגאָף האָט פּאַרעפענטלאַכט אין דער „פרייע אַרבעטער שטימע״ (פון 24טן אָקטאָבער, 1924), איז שוין ניט געברויכט געוואָרן מער דער אויסדרוק „אַ דור אָן לי־טעראַטור״.

אַ ליטעראַטור, איז שוין ראָגאָף מודה, האָבן מיר, נאָר — וואָס דען? עס איז אַ „ליטעראַטור אָן לעבן״. ער האָט, זאָגט ער, „נישט געזוכט צו אונטערשעצן די ווערק פון די איצטיגע שרייבער״, ער האָט נאָר געוואָלט זאָגן, אַז עס איז ניטאָ אין זייערע ווערק קיין לעבן. אָבער זאָגן, אַז די היינטיגע אידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע איז אַ „ליטעראַטור אָן לעבן״ הייסט איבער׳חזר׳ן, מיט אַנדערע ווערטער, אַז אונזער דור איז אַ „דור אָן ליטעראַטור״.

וואָרים אויב עס זאָל אמת זיין, אַז עס איז ניטאָ קיין לעבן אין די ווערק פון די היינטיגע אידישע שרייבער, וואָלט עס הייסן, אַז עס איז ניטאָ אין זיי קיין ליטעראַטור, קיין קונסט. שאַפן ליטעראַטור הייסט שאַפן לעבן, און צי איז דאָס געשאַפענע לעבן ענליך אָדער נישט ענליך אויף דעם לעבן פון דער סביבה, — דאָס איז — פון אַ ריין־קינסטלערישן שטאַנדפּונקט — אַלץ איינס.

נעמט, ווי אַ ביישפּיל, די „שמאַטעס״ פון ה. לייוויק. עס

איז דאָ אין דער דראַמע דער שאַפֿ און דער קאָנפֿליקט צווישן דעם „גרינעם" טאַטן און די „אַמעריקאַניזירטע" קינדער — זאַכן, וואָס זיינען „גענומען פֿון לעבן", און עס איז דאָ אין איר מ ר ד כ י מ אַ ז ע — אַ געשטאַלט, וואָס עס קאָן זיין, אַז זי איז ערגעץ פֿאַראַן אין לעבן און עס קאָן זיין, אַז זי איז ערגעץ ניטאָ. פֿונדעסטוועגן וועלן אַלע, גלויב איך, מודה זיין, אַז מרדכי מאַזע איז פּונקט אַזוי לעבעדיג, ווי זיינע קינדער און זיינע חברים אין שאַפּ, און אַז קינסטלעריש איז ער וויכטיגער און ווערטפֿולער, ווי זיי. מחמת דאָס לעבן, וואָס איז אריינגעהויכט געוואָרן אין אים, איז פֿון אַ העכערן, איידעלערן און אינטענסי־ווערן מין, ווי דאָס לעבן, וואָס איז דאָ אין די וואָכעדיגע מענטשן פֿון זיין סביבה. און מען האָט זיכער גענדאַרפֿט האָבן מער שע־פֿערישקייט אויף אַרויסצוברענגען זיין איידלקייט און זיין שווייגן און זיינע טיפֿע ליידן, ווי אויף צו געבן אונז דעם אַלעמען גוט־באַקאַנטן בילד פֿון שאַפֿ און דעם שוין לאַנג באַנאַל־געוואָרענעם קאָנפֿליקט צווישן די „גרינע" עלטערן און די „אַמעריקאַנער" קינדער...

וואָס ציינט אונז דער דאָזיגער ביישפּיל? אַז דער ווערט פֿון אַ קינסטלערישער געשטאַלט — און פֿון דער גאַנצער קינסט־לערישער ליטעראַטור — ליגט אין דער עכטקייט און רייכקייט פֿון איר אייגענעם לעבן, ניט אין דעם גראַד, אין וועלכן זי באַ־נוצט אָדער באַנוצט נישט דעם שטאָף פֿון דער סביבה. און אויב אַזאַ קריטיקער, ווי אַב. קאַהאַן, האָט אין זיין קריטיק וועגן „שמאַטעס" געערדעט דערהויפּט וועגן דעם קאָנפֿליקט צווישן די אימיגראַנטישע עלטערן און די אַמעריקאַנער קינדער, האָט ער דערמיט נאָר געוויזן, אַז ער האָט געזען דאָס אויבנאויפֿיגע, דאָס דרויסנדיגע, אָבער ניט דעם טיפֿערן תוך פֿון דער דראַמע...

דער תוך ליגט אין דעם, וואָס דער דיכטער האָט געשאַפֿן, ניט אין דעם סביבה־מאַטעריאַל. דאָס זעען מיר אויך אין ראָמען ראָלאַנס דראַמע „וועלף", וועלכע איז גוט באַקאַנט דעם אידישן טעאַטער־גייער. אָט די ה י ס ט אָ ר י ש ע דראַמע ציינט אונז, אַז די סביבה־ און צייט־„אָפּשפּיגלונג" איז אַ ביי־זאַך אין אַן

אמת׳ען קונסטוועדק. דער עיקר איז דאָס, וואָס האָט נ י ט צו טאָן מיט די אָרטיגע אָדער צייטליכע אומשטענדן.

„וועלף" איז געשריבן געוואָרן אונטער דעם איינדרוק פון דעם דרייפוס־פּראָצעס. דער שטאָף פאַר דער דראַמע איז גענומען פון דעם לעבן פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, אָבער אַז מיר זעען עס איצט אין טעאַטער, טראַכטן מיר ניט נישט וועגן דרייפוס׳ן און נישט וועגן דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. מיר טראַכטן וועגן זאַכן, וואָס זענען שטענדיג געווען און וועלן שטענדיג זיין.

די היסטאָרישע קאָסטיומען הויבן אונז נישט אָן צו אינטערע־סירן. אונז אַרט נישט, ווער זענען די פּערזאָנען, וואָס קעמפן צווישן זיך אויף דער בינע, פראַנצויזן אָדער נישט קיין פראַנצוזן. אונז גייט נישט אָן די צייט, ווען זיי האָבן געלעבט. עס איז דאָ אין זיי עפּעס וויכטיגערס, ווי די עפּאָכע, עפּעס וויכטיגערס, ווי די נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע סביבה, צו וועלכער זיי האָבן געהערט.

דאָס, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אין דער צייט פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, איז געווען ווי אָנגעמאָסטן פאַר דעם דרייפוס־פּראָצעס, וועלכער איז פאָרגעקומען מער ווי מיט הונדערט יאָר שפּעטער, און דאָס פּאַסט זיך אויך פאַר די רעוואָלוציעס, וועלכע זיינען פאָרגעקומען אין אונזערע טעג. די פּראָבלעם פון „וועלף" טרעט באַזונדער שאַרף אַרויס אין די עפּאָכעס פון געזעלשאַפטלאַכע איבערקערעניש. דאַן איז בולט׳ער ווי אַלע מאָל דער קאָנפליקט צווישן יחיד און כלל. דאַן זענען די בעלי־בתים פון לעבן די זעלבסטצופרידענע ו ו ע ר א ס און די אומגליקלאַכע ק ע נ ע ל ס . דאַן איז דער גורל פון די ט ע ל י ע ס באַזונדער טראַגיש. פאַר די טעליעס איז ניטאָ דאַן קיין פּלאַץ אין לעבן... אָבער אויך אין געוויינלאַכע צייטן לעבן — און שטויסן זיך צונויף — די דאָזיגע מענטשלאַכע, אייביג־מענטשלאַכע טיפּן. אויך אין געוויינלאַכע צייטן מאַכן זיך מענטשן אָפּגעטער און ברייגגען זיי פאַר א קרבן די נשמה, דעם געוויסן. אויך אין געוויינלאַכע צייטן האַסט דער פעבל דעם העכערן סאָרט מענטשן. (און א פעבל איז דאָ אין אַלע קלאַסן פון דער געזעלשאַפט, אין די „העכערע" אַזוי גוט, ווי אין די ני־

דערינגע.) אויך אין געוויינטלאכע צייטן איז דער פּרינציפּ פון ניצלאכקייט שטארקער און ווירקנדיגער פאר דעם פּרינציפּ פון אמת... די פּראָבלעם פון „וועלף" איז א פּראָבלעם פאר אלע צייטן, פאר די פארשיידנסטע סביבה'ס. אָט פארוואָס די דראמע מאכט אויף אונז א שטארקן און א דויערנדיגן איינדרוק. עס איז טאקע א סביבה־זאך, א צייט־זאך, אָבער עס איז דאָ אין דעם עפּעס, וואָס האָט איבערגעוואקסן די סביבה, עפּעס וואָס איז געוואָרן איבער־צייטלאך, און אָט דאָס, ניט די סביבה און נישט די צייט־פראגן, איז דער קערן פון דער זאך און פון אלע קונסט־זאכן.

אודאי קאָן א קינסטלער זיך נישט באגיין אָן דרויסנדיגן מאַ־טעריאל. ליטעראטור אָן לעבן קאָן אודאי נישט געמאָלט זיין: ליטעראטור *איז* לעבן; ליטעראטור איז דאָס אינטענסיווסטע לעבן, וואָס מען קאָן זיך נאָר פארשטעלן. אָבער זי *קאָן זיך באגיין* אָן *דירעקטע* „אָפּשפּיגלונגען" פון דער ארומיגער סביבה. נישט נאָר פרץ און אש, אפילו שלום עליכם איז זיך אָפּט באגאנגען אָן זיי. מנחם מענדל מיעהופּעץ, טביה דער מיל־כיגער, מאָטל פּייסי דעם חזנ'ס אינגל, זיינען נאָר אויסערלאך גענומען פון דער ארומיגער ווירקלאכקייט. זייער נשמה, זייער לעבנספילאָזאָפיע איז א פּראָדוקט פון דעם קינסטלער'ס פאנ־טאזיע...

7. דער שרייבער און דער קעמפער

7. דער שרייבער און דער קעמפער.

א. פון דער נאָענט אָדער פון ווייטן?

— פאַרוואָס שטייט איר פון ווייטן?

דאָס איז אַ פראַגע, וואָס ווערט אָפּט געשטעלט צו שרייבער.

— פאַרוואָס מישט איר זיך ניט אַריין, — טענה'ט מען צו זיי, — אין דער פּראַקטישער כלל־אַרבעט? איר האָט ליב צו זאָגן דעה'ס, איר ווערט באַגייסטערט פאַר אַן אויפטו, וואָס געפעלט אייך. און אַז מען טוט אַ זאַך שלעכט אָדער מען טוט אַ שלעכטע זאַך, קרימט איר מיט דער נאָז. אָבער איר קאָנט נאָר ריידן, איר זענט בריה'ס נאָר ווען איר האַלט די פען אין האַנט. טאָן — טוען אַנדערע. פאַרוואָס זאָלט איר ניט צולייגן אַ האַנט צו דער אַרבעט? איז עס שיין צו באַנוגענען זיך נאָר מיט ווערטער? איז עס ערלאַך?

און אַנדערע גייען נאָך ווייטער. זיי זאָגן, אַז דעם שרייבער'ס שרייבאַכטס איז גאָרנישט ניט ווערט, וויבאַלד אַז ער שטיצט עס נישט אונטער מיט פּראַקטישע טאַטן.

— מען גלויבט אייך, פּשוט, נישט. נעמען זיי שוין גאַנץ גראָבלאַך די שרייבער אויפ'ן צימבל. מען נעמט נישט ערנסט, וואָס איר זאָגט, ווייל . . . עס איז נישט מער ווי גערעדט . . .

גאָר אַנדערש, הייסט עס, וואָלט געווען, ווען די שרייבער זאָלן זיך אַליין „אַריינוואַרפן אין דער אַרבעט", „איינשפּאַנען זיך אין וואָגען". זיי וואָלטן געווען דאַן אַ מוסטער פאַר אַנדערע. און דער עיקר — מען וואָלט געהאַט צו זיי מער צוטרוי. מען וואָלט געזען באַשיינפּערלאַך, אַז זיי מיינען, וואָס זיי זאָגן, און זייערע רייד וואָלטן געמאַכט גאָר אַן אַנדער רושם און געהאַט גאָר אַן אַנדער ווירקונג.

— איצט, — טענה׳ט מען צו די וואָרט־פירער, — איצט זענט איר אַזוי ווי יענע, וואָס רופן דאָס פאָלק בעת אַ קריג צו גיין אויפ׳ן פראָנט איינשטעלן דאָס לעבן, מוסר־נפש זיין זיך פאַר׳ן פאָטערלאַנד, פאַר דער פרייהייט — און אַליין בלייבן זיי זיצן אין דער היים.

וואָלט טאַקע דעם שרייבער׳ס געוויסן נישט געווען ריינער און רואיגער, ווען ער זאָל אַליין דער ערשטער זיך אָפּרופן אויף זיין אייגענעם רוף און שטעלן זיך אין די ערשטע רייען פון יענע קעמפער אָדער טוער, מיט וועלכע ער סימפּאַטיזירט און צו וועלכע ער וועקט די סימפּאַטיעס פון אַנדערע? וואָלט די ווירקונג און דער ווערט פון זיין שרייבן נישט געווען דאַן פילפאַך גרע־סער?

יאָ, ענטפער איך, ווען . . . ער זאָל, ווערנדיג אַ טוער, נאָך אַלץ קאָנען זיין אַ שרייבער און ווען ער זאָל בלייבנ־דיג אַ שרייבער קאָנען זיין אַ טוער. די פראַגע איז, צי איז מעגלאך צו זיין גלייכצייטיג אי אַ טוער, אי אַ וואָרט־פירער, צי איז עס נישט צופיל פאַר איין מענטשן.

אין פריוואַטן לעבן ווייסט יעדערער, אַז אפילו אַ מלאך קאָן ניט טאָן קיין צוויי מלאכות מיט אַמאָל. קאָן מען טאָן מיט אַמאָל צוויי געזעלשאַפטלאַכע מלאכות? קאָן מען זיי טאָן מיט אַמאָל — און זיי זאָלן נישט ליידן דערפון?

עס זיינען געווען — און עס זיינען דאָ — שרייבער, וואָס האָבן זיך צו גלייכער צייט אָפּגעגעבן — און גיבן זיך אָפּ — מיט פּראַקטישער טעטיגקייט. געטע איז יאָרנלאַנג געווען אַ שטאַטסמאַן. צווישן די ענגלישע אָדער פראַנצויזישע מיניסטאָרן זיינען דאָ זשורנאַליסטן, געלערטע, שריפטשטעלער. אַזוינע זיי־נען דאָ אין סאָוועט־רוסלאַנד צווישן די פאָלקס־קאָמיסאָרן. ס׳איז לייכט אָנצורופן אויך נעמען פון שרייבער, וואָס זיינען פּראַק־טישע פּעדאַגאָגן, דאָקטוירים, פּשוט׳ע בעל מלאכות.

עס איז אַ פאַקט, אַז שרייבער זיינען זייער אָפט נישט נאָר שרייבער אַליין, אָבער דער פאַקט באַווייזט נאָך גאָרנישט.

די פראַגע איז, צי קאָנען אָט די שרייבער, און צי דאַרפן זיי — זיין אַ מוסטער פאַר אַנדערע מענטשן פון פען? די

פראגע איז: צי איז עס פאר זיי אליין, פאר זייערע אויפטו־אונגען, א מעלה, וואס זיי צעטיילן זייער צייט, זייערע פיי־איגקייטן און אלע זייערע כחות צווישן פארשיידענע סארטן טעטיגקייטן? די פראגע איז: צי איז עס פילזייטיגקייט אדער אפשר גאר — צעוואָרפנקייט?

וואס ס'איז שייך צו געטע'ן, וועלכן איך האב נאר וואס דער־מאנט, איז ער אליין ניט שטענדיג צופרידן געווען מיט זיין שטאטסמאנשאפט. אין א געשפרעך מיט עקערמאנען האט ער אמאל דערקלערט: „ווען איך זאל זיך האבן מער צוריקגעהאלטן פון עפנטלאכע און געזעלשאפטלאכע האוועניישן און געקאנט לעבן מער אין איינזאמקייט, וואלט איך געווען גליקלאכער און וואלט א סך מער אויפגעטאן אלס דיכטער".

אפשר קאנען געמאלט זיין יחידים, וועלכע פארמאגן אזא שפע ענערגיע, אזוי פיל שאפונגס־כחות, אז עס קלעקט זיי אויף אלץ. אבער וויפיל זיינען דא אזוינע? געניאליטעט פון דער ברייט און דער לענג איז (אויב זי קאן זיך אנרופן געניאליטעט) פונקט אזוי זעלטן ווי גאונות, וואס גייט אין דער טיף. דאס רוב פילזייטיגע מענטשן זיינען, ווי ס'איז באוואוסט, דילעטאנטן. זיי טוען א סך זאכן ניט ווייל זיי זיי־נען פייאיג צו טאן די אלע זאכן, נאר ווייל עס פעלט זיי די פייאיגקייט צו טאן איין זאך בשלמות. זיי איז אלץ נאענט, ניט ווייל אלץ איז זיי נאענט, נאר ווייל קיין זאך איז זיי נישט נאענט גענוג, אז זיי זאלן זיך איר איבערגעבן אינגאנצן...

— אבער די ארבעט, וואס איר אליין פרעדיגט, — זאגט מען צו שרייבער, — די ארבעט איז דאך אייך געווים צום הארצן, היינט פארוואס זאלט איר נאר שרייבן, נאר ריידן וועגן איר? טוט!

דעם, וואס טענה'ט אזוי, פאלט ניט איין דער געדאנק, אז דער שרייבער קאן אפשר נישט טאן, ווייל זיין גאנצע ענערגיע, זיין גאנצע ווילענס־קראפט, אויב ניט זיין גאנצע צייט, ווערט איינגעשלונגען פון שרייבן און ערב־שרייבן.

דער זייטיגער מענטש פארגעסט אפט, הגם עס איז אומפאר־שטענדלאך, ווי אזוי ער קאן פארגעסן, אז שרייבן איז אויך אן

אַ ר ב י י ט. טאָמער דערמאָנט ער זיך, אַז עס איז אַן אַרבייט, דוכט זיך אים, אַז עס איז אַ באַשעפטיגונג, וואָס איז ענלאַך צו עפּעס אַ מין ספּאָרט: ניט קיין אָנשטרענגונג, נאָר עפּעס אַ מין שפּיל פון די כחות, שיר ניט אַן אָפּרו... די אינספּיראַציע אָדער דער רוח הקודש קומט, זעצט מען זיך און מען שרייבט... „טאַלאַנט" איז דאָך נאָך אַלץ אַ מיסטעריע פאַר'ן דורכשניטלאַכן מענטשן, עפּעס אַ וואונדערלאַכער געשאַנק פון די געטער. איז איינער גע־בענטשט מיט טאַלאַנט צו שרייבן, שרייבט ער. אָפּגעשריבן, קאָן ער דאָך שוין עפּעס טאָן אויך...

דער פּשוט'ער מענטש ווייסט ניט, אַז „די מוזע" זויגט אויס דעם שרייבער, ליידיגט אים אויס. ער האָט געהערט, אַז זי „ברענט ווי אַ פייער אין די ביינער" אין דעם בלוט פון איר אויסדערוויילטן. ער ווייס אָבער ניט, אַז זי לייגט אַרויף אַ מַשא אויף זיינע פּלייצעס און לאָזט אים קיין אַנדער משא ניט טראָגן. ער ווייסט ניט, ווי אייפערזיכטיג די „מוזע" איז... ער האָט קיין באַגריף ניט פון דער גרויסער מידקייט, וואָס באַפאַלט דעם שאַפנדיגן מענטשן... אים איז נאָך פרעמדער דאָס אינטענ־סיווע געדאַנקען־לעבן און דאָס שטיל־פאַרצערנדיגע טרוימען פון דעם שרייבער'ס ליידיג־גיין...

דער, וואָס ווייסט עס, וועט ניט זאָגן, אַז דער שרייבער „טוט גאָרנישט". ער וועט, פאַרקערט, צוגעבן, אַז קיינער איז ניט אַזוי פּ אַ ר ט אָ ן, ווי יענער, וואָס לעבט אין דער וועלט פון וואָרט (אָדער אין דער וועלט פון קלאַנג און פאַרב און ליניע). ער וועט באַנעמען, אַז דאָס וואָרט איז טאַט.

און נישט נאָר סוביעקטיוו, אויך אָביעקטיוו, אויך געזעל־שאַפטלאַך איז דעם שרייבער'ס וואָרט — טאַט.

וואָס הייסט ט אָ ן? עפּעס ענדערן אין דער וועלט. (גוטס טאָן הייסט ענדערן עפּעס צו גוטן.) דער שרייבער ט ו ט, ווייל ער ברענגט אַריין אַן ענדערונג, — אַן אומרו, אַ יערונג — אין די געדאַנקען, אין די געפילן, אין די חלומות פון מענטשן. דער שרייבער ווירקט אויף דעם מענטשנ'ס אי־נעווייניגסטן לעבן, און דורך דער אינעווייניגסטער וועלט ווירקט

ער אויך אויף דער דרויסנדיגער... ווי קאָן מען זאָגן, אַז ער טוט גאָרנישט ניט געזעלשאַפטלאַך?

ווי קאָן מען זאָגן, אַז כּל זמן ער טוט ניט אַליין קיין „פּראַק־טישע אַרבעט", איז זיין שרייבן — נאָר גערעדט? ווי קאָן מען מיינען, אַז ער איז ניט ווערט קיין צוטרוי, ווייל ער איז א „נאה דורש" און ניט קיין „נאה מקיים"? ער איז אַ „נאה דורש" בלויז דאַן, ווען ער איז ניט קיין אמת'ער שרייבער. אמת'ע ווערטער, אמת'דיג געזאָגט, זיינען ניט קיין ווער־טער, ניט קיין „דרש", נאָר שטיקער לעבן, געדאַנקען־לעבן, געפיל־לעבן. דאָס לעבן פון געדאַנקען, וואָס וועקן געדאַנקען אין אַנדערע, דאָס לעבן פון געפילן, וואָס צינדן אָן יענעמס געפילן. אמת'ע ווערטער, אמת'דיג געזאָגט, זיינען נישט נאָר אַן אויסדרוק פון דעם שרייבער'ס ענערגיע. זיי זיינען אַ קוואַל פון נייער ענער־גיע, פון נייער שעפערישקייט — אין דער וועלט, אין דעם אַרו־מיגן לעבן.

דער שרייבער „שטייט פון וווייטן". אָבער אויך די דינאַמאָ־מאַשין, דער מאָטאָר, איז אָפּגערוקט פון דעם פּלאַץ, וואו עס דרייען זיך די רעדער און עס אַרבעטן די מאַשינעס. דער שריי־בער איז די טרייב־קראַפט, וואָס מאַכט די רעדער זאָלן זיך דרייען, די מאַשינעס זאָלן אַרבעטן — און עס מאַכט נישט אויס, „וואָס ער שטייט פון וווייטן".

עס איז גוט, וואָס ער „שטייט פון וווייטן". עס זיינען דאָ געזעלשאַפטלאַכע פונקציעס, וואָס עס איז בעסער צו טאָן ביחידות, ווי אין דעם טומל פון דער פּראַקטישער געזעל־שאַפטלאַכקייט. אַזאַ סאָציאַלע פונקציע איז שרייבן. כּדי צו שרייבן וועגן דעם אַרומיגן לעבן, מוז מען דאָס, ערשטנס, אָבסערווירן (איך האָב פיינט דעם טייטשמערישן „באַאָב־אַכטן"), צווייטנס, מאַכן דערפון אַ סך־הכל, און, דריטנס, האָבן די פייאיגקייט צו באַקענען אַנדערע מיט דעם, וואָס מען האָט געזען אין לעבן און געלערנט דערפון. דאָס איז אַלץ שווער צו טאָן אויפ'ן יאַריד פון דער פּראַקטישער אַרבעט. עס איז לייכטער דאָס צו טאָן, ווען מען שטייט אַביסל אָן אַ זייט.

און נישט נאָר װעגן ליכטקייט אַליין רעדט זיך דאָ. עס איז, פּשוט, נישט פּראָדוקטיװ, ניט שׂכל'דיג צו געברױכן דעם סאָרט ענערגיע און דעם סאָרט פייאיגקייטן, װאָס שרייבער האָבן, דאָרט, װאו עס איז נױטיג ענערגיע און פייאיגקייטן פון גאָר אַן אַנדער קוואַליטעט.

אויפ'ן פעלד און אַפילו אין שול האָט טאָלסטאָי'ען געקאָנט פאַרבייטן יעדער געזונטער פּויער, יעדער ריכטיגער פּעדאַגאָג. אין דער ליטעראַטור האָט קיינער זיין אָרט נישט געקאָנט פאַר־נעמען, און װען ע. מ. דע װאָגיוע האָט אַמאָל דערזען א בילד, װאו טאָלסטאָי איז געװען פאָטאָגראַפירט אין פּויערשע קליידער מיט א זעג אין די הענט, האָט ער זיך געװענדט צו אים מיט א פּאַטעטישן רוף: „מייסטער פון פּרעכטיגע װערק, דאָס איז נישט אייער געצייג! אונזער געצייג איז די פען, אונזער פעלד — די מענטש־לאַכע נשמה, װעלכע נויטיגט זיך אויך אין שוץ און נערונג. דערלויבט אייך דערמאָנען דעם אויסגעשריי פון א רוסישן פּויער, דעם ערשטן רוסישן דרוקער אין מאָסקװע, װען מען האָט אים געשלעפּט צוריק צום אַקער: „ס'איז נישט מיין אַרבעט צו פאַר־זייען די קערנדלאַך פון געװיקסן, נאָר צו פאַרשפּרייטן די קערנדלאַך פון גייסט". דע װאָגיוע האָט געמאַכט א טעות, װען ער האָט געמיינט, אַז טאָלסטאָי האָט װען עס איז געװאָלט אװעק־װאַרפן זיין פ ע ן-געצייג, אָבער ער איז געװען גערעכט, װען ער האָט דערקלערט, אַז דער, װאָס איז מסוגל צו פאַרשפּרייטן „קערנדלאַך פון גייסט" איז פּטור פון דער מצוה צו זייען סתם אזוי קערנדלאַך...

דער שרייבער איז בטבע א מענטש מער פון גייסטיגער, װי פון פיזישער זריעה, מער א מענטש פון טראַכטן, װי פון טאָן.

ער האָט צופיל אינטערעס פאַר דעם אַ ל ג ע מ י י נ ע ם זין פון לעבנס־פּראָצעס, אַז ער זאָל קאָנען זיך אַריינטאָן אין די א י י נ צ ל ה י י ט ן, װעלכע זיינען װיכטיג פאַר דעם פּראַק־קער.

ער טויג אָ נ צ ו צ י ע ן דעם זייגער, ניט צו װערן זיינס א רעדל...

הייסט עס, ער קאָן נאָר עצה'ס געבן?

ווען דאָס זאָל זיין אַפילו אַזוי, וואָלטן מיר אים אויך גע־דאַרפט טייער האַלטן. וואָרים מיר זיינען מיט עצה'ס נ י ט זאַט. אין דער אמת'ן קאָן דער שרייבער זיין מער ווי אַ ראַט־געבער. ער קאָן סטימולירן און פאַרשטאַרקן און באַפרוכפּערן די ט ו ע ר י ש ע ענערגיע פון אַנדערע...

די פאַרצייטיגע קריגס־פירער האָבן עס געוואוסט, האָבן זיי אין זייערע אַרמייען געהאַט זינגער, וואָס פלעגן באַגייסטערן די קריגער... אין עקסטרעמער געפאַר האָט דער זינגער אַוועקגע־וואָרפן די לירע און גענומען אַ שווערד אָדער אַ שפּיז אין האַנט. אָבער מער ווי מיט זיין שווערד און שפּיז איז ער ניצלאָך געווען מיט זיין לירע...

האָט דאָך אונזער איינעגער מאָרים ווינטשעווסקי, דער „זיידע" פון דער אידישער קאַמפּס־פּאָעזיע, געזאַגט וועגן דעם רעוואָלו־ציאָנערן שלאַכטפעלד, אַז —

דאָרטן וועל איך מיינע ברידער
פירן ניט אלס גענעראַל,
איך וועל נאָר מיט פרייהייט לידער
זיי דערמונטערן איבעראַל.

דען צום קאַמף וועט מען באַדאַרפן,
יענעם טאָג פון היץ און דראַנג,
חוץ דעם ביקס, דעם שווערד דעם שאַרפן,
אַ באַגייסטערטן געזאַנג...

אַ באַגייסטערטן געזאַנג קאָן שאַפן נאָר דער, וואָס איז אַ פּאָעט, אַ קינסטלער, דאַרף עס ד אָ ס טאָן און ניט אַרויפשלעפּן אויף זיך די ג ע נ ע ר א ל י ש ע קליידער, וועלכע פּאַסן אים ניט.

ב. וואָס הייסט קעמפן?

מוזן שרייבער זיין קעמפער?

דאָס איז ניט קיין אַקאַדעמישע פראַגע. עס פלאַקערט אַרום אַ מלחמה. אַ קין־און הבל־קריג. ניט אַלע ווייסן, ווער איז קין און ווער הבל, אָבער ברידער זיינען זיי, פון איין טאַטן און איין מאַמען, — דאָס ווייסן אַלע. און זיי ליגן איינע די־

אַנדערע „אין די טשופּרינעס״, זיי שלאָגן זיך ביז בלוט, אַן אויג פאַר אַן אויג... פרעגט מען ביים שרייבער: וועמען העלפסטו, אויף וועמעס צד ביזטו? און אויב דו מישסט זיך ניט, איז די פראַגע נאָך הארבער און שטעכיגער: ס׳טייטש, ווי זיצט מען עס אין הויז, „אין קאַבינעט״, ווען עס ב ר ע נ ט אַרום און אַרום?

און ווען ב ר ע נ ט עס ניט? ווען איז עס ניטאָ קיין קאַמף אין לעבן? אַמאָל איז ער הייסער, אימפּעטיגער און אַמאָל — שטילער; נעכטן האָבן זיך ד י געקריגט, היינט קריגן זיך אַ נ ד ע ר ע. אָבער תמיד זיינען דאָ צדדים, פּאַרטייען, קריגס־לאַגערן. קאָן מען אַלעמאָל, ניט נאָר איצט, אַרויפשרייען צום שרייבער׳ס „עלפנביינערנעם טורעם״ און פאַרלאַנגען, אַז ער זאָל אַראָפּנידערן אויף דער ערד און שטעלן זיך אונטער דער אָדער יענער פאָן, צושטיין צו דער אָדער יענער מחנה.

איז שוין טאַקע לאַנג געשטעלט געוואָרן די פראַגע: מוז אַ שרייבער „זיך אַריינוואַרפן אין קאַמף״ און אַרויפוואַרפן זיך אויפ׳ן פיבערנדיגן וואָגשאָל מיט דער גאַנצער געוויכט פון זיין לעבנס־ענערגיע, אָדער זיין איינציג געווער איז — זיין פען? און אויב ער אַרבעט מיט דער פען בלויז, מוז זי ווערן אין זיין האַנט אַ שווערד, אַ שפּיז, אַ קוילן־וואַרפער, אָדער זי קאָן זיין ענלאַך צו אַנדערע, פרידלאַכערע, אינסטרומענטן?

דער ענטפער אויף דער פראַגע ווענדט זיך אָן דעם, וואָס מיר רופן אַן קאַמף.

אויב אַ קעמפער אין גייסטיגן זין איז דער, וואָס שטעלט זיך איין פאַר זיינע הייליגע ווערטן, דער, וואָס שטייט איינ־געַ׳עקשנ׳ט און שטאָלץ אויף זיין פּאָזיציע, שיצט די גרעניצן, וואָס זיינען אים אָנפאַרטרויט געוואָרן, און זוכט זיי ברייטער צו מאַכן מיט מיטלען, וואָס פאַרטונקלען ניט זיין ציל, — אויב ד אָ ס איז אַ קעמפער, איז עס יעדער אמת׳ער שריפטשטעלער.

אַלץ איינס צו וואָס פאַר לעבנס־ספערן אַ שרייבער איז נאָענט און אין וואָס פאַר אַ ריטם עס איז פאַר אים נאַטירלאַכער זיך אויסצולעבן, אין אַ געלאַסענעם אָדער אַן אויפגעשטורעמטן, אין אַ פרידלאַכן אָדער אַן אַגרעסיוון, — כל זמן ער „שטייט

אויפ'ן פּאָסטן" און טוט ערלאָך זיין שליחות, כל זמן ער איז געטריי צו זיין פאָן — „קעמפט" ער און „קעמפט" עפּעס אויס.

צי ער וויל ארויפזעצן „שיינקייט" אויפ'ן טראָן פון לעבן, צי ער וויל מאכן געוועלטיגן „יושר" אדער „אמת" — דאָס זיינען דאָך אַלץ שליסלען צו איין טיר, צו איין רעטעניש, — סיי־ווי טראָגט ער מיט גבורה און שטאָלץ זיינע הייליגע כלי־זיין... אָסקאַר ווײַלד דער „עסטעט" איז — פון דעם שטאַנד־פּונקט — געוועזן פּונקט אזא קעמפער, ווי בערנאַרד שאָו איז. געטע'ס „גלייכגילטיגקייט" צו דעם נאפּאָלאָן־שטורעם האָט אים ניט געשטערט צו זיין אליין א נאפּאָלעאָן — פון גייסט. ער האָט איינגענומען די וועלט — פון אינעווייניג...

פּרץ אין זיינע „פאָלקסטימליכע געשיכטען" און אין זיין „חסיד'יש" איז געוועזן פּונקט אזא קריגסמאַן, ווי אין „שטריימל" אָדער „באָנצע שוויג"... בעלינסקי, דער היציגער וויסאריאָן, איז אין זיינע ריין קינסטלערישע ארטיקלען וועגן פּושקינ'ס פּאָעזיע געוועזן פּונקט אזא קעמפער, ווי אין זיין בארימטן פּאָליטישן בריף צו גאָגאָל'ן, — אויב מיר ווילן רופן קעמפער יעדן איינעם, וואָס איז זיך מקריב, אין דער אָדער יענער פאָרם, פאַר זיין אמת, פאַר זיין באַגריף פון שיינקייט און גערעכטיגקייט.

אויב אָבער א קעמפער איז בלויז דער, וואָס מישט זיך אריין דירעקט אין די טאָג־טעגלאכע קאָנפליקטן פון געזעלשאפט־לאכע גרופּעס און פּאָליטישע פּארטייען, אויב א קעמפער איז נאָר דער, וואָס ווערט הייזעריג ריידנדיג אויף מאסן־פאַרזאמלונגען, איז די פראגע ניט — צי מוז, נאָר צי קאָן יעדער שרייבער, צי האָט יעדערער די פייאיגקייט צו שרייען און איבערצושרייען אלעמען? און צי דארפן מיר גאָר וועלן, אז ער זאָל פייאיג זיין דערצו?

אויב א קעמפער איז דער, וואָס אינאיינעם מיט'ן אמת פון דער אָדער יענער פּארטיי נעמט ער אויך אָן אירע שקרים און שטעלט זיך איין פאַר זיי מיט דעמזעלביגן ברען, מיט וועלכן ער שיצט דעם אמת, — איז עס ניט נאָר געטע ניט געוועזן, — אויך שילער איז עס ניט געוועזן. און עס דארפן עס ניט זיין אויך יענע, וואָס פאַרגלייכן זיך ניט מיט שילער און געטע. אויך

זיי קאָנען טאָן זייער חוב אויף אַן אַנדער אופן, און ניט נאָר זיי קאָנען — זיי מוזן עס טאָן אויף אַן אַנדער שטייגער...

דאָס איז די מיינונג פון אַזאַ ראַדיקאַלן און געזעלשאַפטלאַך־אַקטיוון שריפטשטעלער, ווי דער פראַנצויז דזשאָרזש דיואַמעל. ער איז דאָ נישט לאַנג אַרויס מיט אַ הייסן פּראָטעסט קעגן די שרייבער, וואָס פאַרשפאַרן זיך אין אַ „טורם פון עלפנביין" און בלייבן קאַלט און גלייכגילטיג צו די געזעלשאַפטלאַכע פאַסירונגען פון זייער צייט. מיט אָן אַ שיעור ביישפּילן פון דער געשיכטע האָט ער געוויזן, ווי גרויס עס איז די צאָל פון דיכטער און דענקער, וועלכע האָבן זיך אַריינגעמישט אין דעם סאָציאַלן קאַמף פון זייער עפּאָכע, זיך איינגעשטעלט פאַר'ן יושר, פאַר'ן אמת און געגעבן אונז מוסטערן פון העראָאישע טאַטן, ניט נאָר פון וואָרט און געדאַנק. פונדעסטוועגן וואָלטן די, וועלכע ווילן אויסנוצן די שרייבער פאַר זייערע פּאַרטיי־צוועקן, נישט געקאָנט ברענגען קיין ראיה פון דזשאָרזש דיואַמעל. ער איז אַליין אַ שריפטשטעלער, פאַרשטייט ער זייער גוט דעם אונטערשייד, וואָס מוז זיין צווישן דער געזעלשאַפטלאַכער מיסיע פון דעם אמת'ן שרייבער און דער האַוועניש און שמאַיעניש פון די פּראָפעסיאָנעלע פּאָליטיקער.

„דער שרייבער", זאָגט דיואַמעל אויף זיין פראַנצויזיש־פּאַטעטישן שטייגער, — „דער שרייבער צינדט אָן דעם פאַקל, וויקלט פאַנאַנדער די פאָן, ער איז פאַנצער און שווערד. מאַכט פון אים ניט קיין אויספירער פון קליינע זאַכן"... „שפּילן אַ ראָלע אין געשעענישן, פירן די אָפּגעלאָזענע מאַסע, אונטערהאַלטן מיט'ן מאָראַלישן אויטאָריטעט אַ גערעכטע פאָדערונג, אַריינמישן זיך אין די מחלוקת'ן פון דער מענטשהייט — אָט דאָס איז אַ וואונדערלאַכער גורל. דאָס הייסט אָבער ניט אַז מ'דאַרף זיך לאָזן אַריינשלעפּן אין פּאָליטיק. די היינטיגע פּאָליטיק איז כמעט אומעטום אַזוי נידעריג געפאַלן, אַז זי דאַרף דערווייטערן פון זיך שטאָלצע הערצער, די הערצער, וועלכע ווילן ניט פאַרשמוצן די שיינקייט פון זייערע סטימולן".

אָט די הערצער קאָנען זיך ניט לאָזן פאַרפירן פון פּאָליטיק, ווען אפילו זיי זאָלן עס וועלן. עס פעלט זיי דער חוש, די פיי־

איגקייט דערצו. כדי צו זיין א סאָלדאט, מוז מען זיך באוואַ־פענען מיט דעם וואָפן פון דער מיליטער־אָפטיילונג, צו וועלכער מען איז צוגעשריבן. אָבער ניט אַלע שרייבער זיינען מסוגל אָנ־צוטאָן אויף זיך די כלי־זין, וואָס ווערן באַנוצט אין דעם טאָג־טעגלאַכן קאַמף פון די גרופּעס און פּאַרטייען. ניט אַלע זיינען גרייט צו קריכן אין יענע זומפּן, וואו עס פּאַלט דער שמוץ פון איין מחנה אין דער אַנדערער.

עס איז לייכט צו מאָנען אַ „שטעלונג" ביי שרייבער און צו פאַרלאַנגען פון זיי, אַז זיי זאָלן זיך אָפּרופן אויף יעדן „קאַמף". אָבער ווי איז דער דין, ווען זיי שטייען פון ווייטן און נעמען ניט קיין שטעלונג ניט דערפאַר ווייל זיי זיינען גלייכגילטיג, נאָר דערפאַר וואָס זיי זיינען אַ . . . ד ר י ט ע ר צד?

איז דאָ אַ פּלאַץ אין דער ענגשאַפט און שטיקעניש פון אונזערע שלאַכט־ווינקעלאַך פאַר אַ קליינער ד ר י ט ע ר מחנה? וועט זי ניט פאַרטומלט ווערן פון די קולות און געוואַלדן, מיט וועלכע עס וואָלטן איר באַגעגענעןביידע צדדים? וואָלט זי ניט פאַרפלייצט געוואָרן פון די ברודיגע שטראָמען, וואָס וואָלטן זיך אַ גאָס געטאָן אויף איר פון ביידע זייטן?

איז גלייכער, אַז זי זאָל טאָן איר אַרבעט און פירן איר קאַמף אין איר אייגענער ספערע, מיט אירע אייגענע מיטלען און צוליב אירע אייגענע צילן.

אי וואָס, מען ווערט „אָפּגעריסן פון לעבן, פון די מאַסן"?

— דאָס איז אַ פראַזע. ניט אין רעדעס, ניט אין מיטינגען, ניט אין זידלערייען איז דאָס לעבן. די פּאַרטיי־פירערס, די פּאַרטיי־שרייערס — זעט איר — ז י י לעבן זיך אוים טאַקע אפשר אין מעדיסאָן סקוועער גאַרדן־רעדעס. אָבער ניט די מאַסן. ביי זיי איז דער מאַסן־מיטינג און דער גאַנצער הו־האַ פון די פּאַרטיי־קעמפער אַ טייל, און נאָר אַ קליינער טייל, פון זייער עקזיסטענץ.

און איך ווייס ניט, ווער איז נענטער צום לעבן פון פאָלק און צום לעבן בכלל, צי די וואָס מיינען אַז דער יאַריד און דער טומל, וואָס זיי אַליין מאַכן־אָן, איז דאָס גאַנצע לעבן און דער

גאנצער זין פון לעבן, אָדער יענע, וועלכע ווייסן, אז דאָס איז נאָר דער שוים און די שנעל־פארגייענדיגע כוואַליע פון מענטש־לאַכן קיום, בעת אונטן איז דאָ עפּעס טיפערס און דויערהאַפ־טיגערס.

איך ווייס ניט, ווער עס „זויגט פון פינגער", צי דער שרייבער, וועלכער קוקט זיך צו צו אַלץ, וואָס טוט זיך אַרום, און מיט זיך צו שטודירן און פארשטיין, אָדער יענער וועלכער רעכנט, אז ער ווייסט שוין אַלץ און פארשטייט שוין אַלץ און האָט זיך שוין מער ניט וואָס צו לערנען. איך ווייס ניט, ווער עס איז דער „בטלן", צי דער, וואָס ווייס און קען די שווערקייט פון מענטשלאַכן גורל, צי די, וואָס זיינען זיכער, אז די גאַנצע וועלט טויג ניט, נאָר זיי אַליין קאָנען מאַכן אַ טאָלק אין איר, אז אַלע זיינען בלינד אָדער קאָרופּט, נאָר זיי אַליין זיינען די צדיקי הדור.

איך ווייס בכלל ניט, צי איז אנטיילנעמען אין דעם פּראַק־טישן געזעלשאַפטלאַכן לעבן אַזאַ מעלה פאַר יענעם, וואָס וויל עס קענען.

אודאי איז ניצליך און נויטיג צוצוגיין אַמאָל נענטער צו דער לעבעדיגער געזעלשאַפטלאַכער טאָג־טעגלאַכקייט, אָבער עס איז דאָ אַ געפאַר פארשלונגען צו ווערן פון איר. אַ שרייבער מוז זיך היטן פאַר דער געפאַר.

ער וועט מער זען און קלערער זען פון וויטן ווי פון דער נאָענט. פון דער נאָענט וועלן די איינצלהייטן אים שטערן צו באַנעמען דאָס גאַנצע.

פאַר אַ פּראַקטיקער, פאַר אַ שרייבער אַ פאַכמאַן, זיינען די קאָנקרעטע איינצלהייטן דאָס וויכטיגסטע. פאַר דעם ניט־ספּע־ציאַליזירטן שרייבער איז דער עיקר די פּערספּעקטיווע און דער אַלגעמיינער זין פון די פּאַסירונגען. אויב עס איז ניצליך פאַר אים צו האָבן געוועזן אַמאָל „אויפ'ן פראָנט", אין רעכטן מיטן פייער פון שלאַכט, איז דאָך זיין שטענדיגער און נאָרמאַלער אָרט ניט דאָרטן, נאָר — אין גענעראַל־שטאַב. אין גענע־ראַל־שטאַב וועט ער ניט זיין אַזוי נאָענט צו דער פראָנט־ליניע,

דערפאַר אָבער וועט ער מער וויסן פון איר און זי אַלזייטיגער באַטראַכטן...

די אונטערשטע שורה איז: „ווייכן פון קאַמף, ווי אַ שד פון ווירוויך" דאַרף מען ניט, אָבער מען מוז פאַרשטיין דעם אינ־האַלט פון געזעלשאַפטלאַכן קאַמף און זיינע פאָרמען ברייטער, טיפער, ווי מען טוט עס געוויינטלאַך אין די פאַרטיי־קרייזן.

ראָמען ראָלאַנ'ען וועט געוויס קיינער ניט באַשולדיגן אין דערווייטערן זיך פון געזעלשאַפטלאַכע פּראָבלעמען, אָבער לייענט, וואָס ער שרייבט וועגן די, וואָס מאַכן זיך נאַריש און מעסטן אַ טאָלסטאָי'ען „מיט דער מאָס פון זייער פאַרטיי, דער סאָציאַליסטישער אָדער קלעריקאַלער"... „אַזוי ווי, זאָגט ער, אונזערע פאַרטייען וואָלטן געקאָנט זיין די מאָס פאַר אַ געני!... און וואָס גייט מיר אָן, צי טאָלסטאָי איז געווען פון מיין פאַרטיי אָדער ניט! דאַרף איך דען וויסן, צו וואָס פאַר אַ פאַרטיי עס האָבן גע־הערט דאַנטע און שעקספּיר, כדי איך זאָל קאָנען אריינאָטעמען זייער הויך און טרינקען זייער ליכט?"

ג. שטימונגען און איבערצייגונגען.

לויט דער נישט גאָר אָריגינעלער, אָבער פיינער דעפיניציע פון עדווין אַרלינגטאָן ראָבינסאָן, איז פּאָעזיע „עפּעס, וועלכעס זאָגט, וואָס ס'קאָן ניט געזאָגט ווערן". און אויב ס'איז אַזוי, איז *שטימונג*, אָט די *אומזאָגלאַכסטע* פון אַלע אונזערע איבערלעבענישן, די נאַטירלאַכסטע לופט פון פּאָעזיע. מוז אפשר אַזאַ צייט, ווי אונזערע, אַ צייט, וועלכע האָט פיינט ליריק, זיין אָן גוסט פאַר „שטימונגען".

דאָס, וואָס האָט ניט קיין מער באַשטימטן נאָמען ווי „שטי־מונג", איז צו אומקלאָר, צו פאַרשלייערט, צו איליוזאָריש, צו „ראָמאַנטיש" פאַר אַ דור פון מלחמה און רעוואָלוציע. די מלחמה האָט דעם מענטשן *אויסגעניכטערט*, די רעוואָלוציע האָט אין זיין ניכטערקייט אריינגעזאָגט די שברות פון רעוואָלט, דעם עקסטאַז פון מרידה געגען אַלע פרומע דוכטענישן; נאַ־קעטקייט איז געוואָרן דאָס קלייד פון לעבן, אָפנקייט — זיין

איינציגער סוד; דערצו האָט געבלאָזן אין די שופרות, טריאומ־פירנדיג, די נאַאיווע זיכערקייט פון דער קאַמפּס־יוגנד, פון דער יוגנד, וועלכע גלויבט, אַז זי ווייס אַלץ, און עס איז געוואָרן געזעץ דער עקסטרעמיזם, וועלכער האַלט נאָר פון יע אָדער ניין, שוואַרץ אָדער ווייס, וועלכער איז בלינד צו ניואַנסן, טויב צו האַלבע טענער: — איז, אין רעזולטאַט דערפון, פאַריאָגט געוואָרן די שטימונג פון דער ליטעראַטור, און ס'איז גע־וואָרן אַ מאָדע צו שרייבן אפילו לידער אָן ליריק...

אָבער די זעלביגע שטימונגען, וועלכע זיינען פאַריאָגט גע־וואָרן פון דער פּאָעזיע, זיינען געבליבן פעסט איינגעוואָרצלט אין אַ טייל פּאָעטן. זיי זיינען נאָך אַלץ, ווי מען רופט עס, „שטימונגס־מענטשן".

זיי וואַקלען זיך, ווי שכור'ע. זיי זאָגן וועגן די וויכטיג־סטע לעבנס זאַכן, וואָס זיי פאַלט איין אין דער מינוט, אָן קיין שום איבערלייגונג, אָן קיין שום געפיל פון פאַראַנט־וואָרטלאַכקייט.

אַ פּשוט'ער מענטש, אַז ער שאָקלט מיט'ן קאָפּ אהער און אהין, איז איצט מיט איין ריכטונג און אין אַ האַלבער שעה אַרום מיט אַן אַנדערער, — איז ער אַ כאַמעלעאָן, אַ דריי־קאָפּ, פּשוט, אַ צבועק. ווען עס טוט אָבער דאָס איינענע אַ דיכטער, איז עס ביי אים אַ „שטימונגס־זאַך".

דיכטער דאַרפן נישט (אַנדערע זאָגן: טאָרן נישט) האָבן קיין איבערצייגונגען. זיי מעגן (אַנדערע מיינען: זיי מוזן) אַרויסזאָגן געדאַנקען, וואָס שליסן אויס איינס דאָס אַנדערע. מיט זייער וואָרט, מיט זייער פּרעסטיזש, מיט זייער נאָמען מעגן זיי קומען צו הילף אַזאַ געזעלשאַפטלאַכער פּראָגראַם, אין וועלכער זיי גלויבן ניט. זיי מעגן זיך פאַרבינדן מיט אַ פּאַרטיי, וועלכע איז געגן אַלץ, וואָס איז זיי ליב און טייער. זיי האָבן קיין שום התחייבות'ן ניט צו דער עפנטלאַכער מיינונג. זיי זיי־נען ניט מחויב צו רעכענען זיך אפילו מיט זייער אייגענעם גע־וויסן. זיי מעגן אָפּטאָן די לייכטזיניגסטע זאַכן, זיי מעגן באַגיין אפילו געזעלשאַפטלאַכע פאַרברעכנס, — משפּט מען זיי ניט. זיי זיינען אונטערן שוץ פון זייערע — „שטימונגען".

ניט קיין דיכטער וועט זיך צען מאָל מישב זיין, ביז ער וועט לאָזן זיך אידענטיפיצירן מיט דער אָדער יענער באַוועגונג. ער ווייס, אַז ער וועט דאַרפן אָפּגעבן — זיך אַליין און אַנדערע — אַ דין וחשבון. דער דיכטער פון דעם מין, וועגן וועלכן מיר ריידן דאָ — קומט קיינעם גאָרנישט. פון אים קאָן מען גאָרנישט ניט מאָנען. מעג ער געבן פּרעסטיזש דעם קאָמוניזם, ניט זייענדיג קיין קאָמוניסט. מעג ער זיך לאָזן אויסניצן פון ציוניסטן, ניט האָבנדיג קיין אינעווייניגסטע שייכות צום פּאָליטישן ציוניזם. מעג ער זיין וואָס ער וויל, וואָס אים פּאַלט איין. ער דאַרף נישט האָבן קיין פעסטקייט פון איבערצייגונג און ער דאַרף נישט האָבן קיין איבערצייגונגען. ס'איז גענוג, אַז ער האָט „שטימונגען"...

מער פאַרלאַנגען מיר נישט פון אים.

אַזוי ווי ער וואָלט געווען עפּעס אַן אייביג קאַפּריזנער בן יחיד'ל, ניט קיין דערוואַקסענער. אַזוי ווי ער זאָל בטבע נישט פייאיג זיין צו דענקען און צו האָבן אַ ישוב הדעת. אַזוי ווי עס זאָל זיין פאַר אים צו שווער, אָדער אַזוי ווי עס זאָל ניט פּאַסן פאַר זיין פּאָעטישן באַרוף אָפּצואָוואויגן און אָפּצומעסטן אַ געדאַנק, ער זאָל ניט זיין צעגאָסן. אַזוי ווי מיר וואָלטן נישט געקענט קיין קינסטלער און פּאָעטן, וועלכע זיינען שטרענג צו זיך אַליין, און ווייסן, וואָס זיי ווילן.

מיר פילן ניט, ווי מיר דערנידעריגן אָט דעם סאָרט דיכטער דערמיט, וואָס מיר „פּיעסטשן" אים, ווי אַ קינד, און נעמען פון אים אַראָפּ יעדע געזעלשאַפטלאַכע און יעדע אינטעלעקטועלע פאַראַנטוואָרטלאַכקייט. מיר פילן ניט, ווי מיר גיבן אים אַרויס מיט אונזערע אייגענע הענט אַ כתב אויף אומרייפקייט און זאָגן צו אים:

— קאָנסט זיך דאָרט פראַוון שטימונגען וויפיל דו ווילסט אַליין, סיי ווי נעמען מיר דיך נישט ערנסט, ביזט ביי אונז נישט מער ווי אַ שיינע דעקאָראַציע!...

איז ניט צייט אויפצוהערן אָט דעם דערנידעריגנדיגן שפּיל? איז ניט צייט צו פאַרשטיין, אַז אַן אמת'ער דיכטער האָט אַ

קאַפּ אויף זיך און ממילא אויך מ י י נ ו נ ג ע ן, ניט נאָר „שטימונגען"?

מיט „מיינונגען" מיין איך אָבער נישט אַ פּאַרטייִשן שולחן ערוך, אַ פּאַרטיי דאָגמע. אַ דיכטער דאַרף האָבן זיינע א י י-ג ע נ ע מיינונגען. ער מעג בייטן — אַזוי ווי יעדער מענטש מעג און מוז בייטן — זיינע פּראָ'ס און קאָנטראַ'ס, ווען עס ענדערט זיך זיין אינעווייניגסטע באַציאונג צו זאַכן. אָבער ער דאַרף האָבן וואָס צו בייטן. ווען ער האָט נאָר „שטימונגען", האָט ער נישט וואָס צו ענדערן: זיי ענדערן זיך אַליין...

וואָס מיר ווילן איז, אַז ער זאָל זיין אַ בעל הבית איבער זיך, אַז ער זאָל זיין אַ מייסטער פון זיינע געדאַנקען, ניט קיין שקלאַף פון קאַפּריזנע, דרויסנדיגע און אָפט צופעליגע ווירקונגען.

וואָס מיר ווילן איז, אַז אויב דער פּאָעט רעכנט זיך יע מיט שטימונגען אין זיין געזעלשאַפטלאַך-קולטורעלער אָריענטאַציע, זאָל ער אויסקלייבן פון זיי אַזוינע, וואָס וואָלטן געקענט זיין גוט אויך פאַר פּאָעזיע. פאַר פּאָעזיע, פאַר קונסט פּאַסן נאָר יענע שטימונגען, וואָס האָבן אַ ממשות, אַ בלייבנדיגן ווערט, יענע, אין וועלכע עס ווערט אויסגעדריקט דעם פּאָעט'ס העכערע פּערזענלאַכ-קייט און איר טרייהייט צו זיך אַליין, ניט זיין וואַכעדיג איך מיט זיין אָרימען וואונש צו געפעלן אַנדערע...

ביי אונז טרעפט, אַז דיכטער נעמען אַ שטעלונג צו וויכ-טיגע פּראָבלעמען אויפ'ן סמך פון „שטימונגען", וועלכע זיינען גאָר קיין שטימונגען אויך ניט... און אָט דאָס טויג ניט. אַ דיכטער מוז האָבן אַ ב אַ צ י אָ ו נ ג צו די וויכטיגע פּראָבלע-מען פון לעבן. פּליסיגע, קאַפּריזנע „שטימונגען" זיינען פּונקט אַזוי שלעכט, ווי פאַרגליווערטע דאָגמעס.

ד. „אַהער אָדער אַהין".

אין פּאָליטיק איז — אַ ה ע ר אָ ד ע ר אַ ה י ן. פּאָליטיק איז די ספערע פון ווילן: האַנדלונג. ווען דו ו ו י ל ס ט עפּעס שטאַרק, ציט דיך נאָר צו איין פּונקט; קיין זאַך עקזיס-טירט ניט, אַ חוץ אָט דעם פּונקט. איז לייכט צו זאָגן: י ע אָדער נ י י ן.

עס איז דאָ נאָר איין ציל, איין אימפּולס ממילא איז פאַראַן אויך נאָר איין לאָגישע מאָטיווירונג. אַלץ, וואָס צווישן יע און ניין, ווערט אויסגעמעקט.

דאָס איז דעם ליבהאָבער פון דענקען נישט גע־פעלן. ביי אים איז דער עיקר דער פּראָצעס, וואָס ווערט דורכגעמאַכט, ביז עס קומט אַרויס אַ יע אָדער אַ ניין, אַזוי ווי ביי דעם טוריסט איז דאָס ציל — דער וועג. דער פּאָ־ליטיקער, דער ווילענס־מענטש — ער דאַרשט, ווי דער געשעפטסרייזנדער, נאָכ'ן ענדפּונקט.

ניט אומזיסט איז דער פּאָליטיקער אַזוי אינדיפערענט צו די מיטלען וואָס ער געברויכט: זיי ציען ניט צו זיין אויפמערק־זאַמקייט; ער איז אינגאַנצן איינגעשלונגען פון זיין ציל. פאַר אים איז דאָס ציל אַלץ, די באַוועגונג גאָרנישט. איז אים לייכט צו האָבן „קלאָרע און באַשטימטע" לאָזונגען. און נישט נאָר איז עס לייכט — עס איז אַ מוז פאַר אים צו איגנאָרירן אַלע צווישן־שטופן, אַלע ניואַנסן פון אורטייל. וואָרים ער איז ניט נאָר אַליין אַ מענטש פון ווילן — ער מוז זיין ווילן שטעלן קעגן דעם ווילן פון אַנדערע: ער איז אַ קעמפער, און דער קאָ־ליר פון קאַמף איז רויט — אַ שאַרפע, שרייענדיגע, וואולגאַרע פאַרב.

דעם גרויען באַקי־קאָליר ניצט מען נאָר כל־זמן מען באַהאַלט זיך פון שונא. באַגעגנט מען זיך מיט אים פּנים אל פּנים, מוז מען ריידן מיט אים אויף דער שפּראַך פון טאַטן — און די שפּראַך פון טאַטן (בפרט נאָך — פון גוואַלד־טאַטן) איז אַ קלאָרע, אַ קלינגנדיגע, אָן קיין שום צווייַדייטיגקייטן.

די אַזוי־אָנגערופענע בויגעוודיגע פּאָליטיק, די פּאָליטיק וואָס איז אי אַהער, אי אַהין און איז ניט אַהער און ניט אַהין — איז אָפט גאָר ערב־פּאָליטיק. דאָס איז אַ מין באַקי־קאָליר, אונטער וועלכן זי באַהאַלט זיך — ביז אַ צייט — פון פיינט. עס וועט קומען די מינוט, וועט זי ריידן קלאָרע דבורים. אויב זי פאַרגינט זיך דעם לוקסוס פון ניואַנסן אויך אין דעם מאָמענט פון האַנדלונג, איז עס — די אומגליקלאַכע קערענסקי־פּאָליטיק!

דער כח פון באָלשעוויזם אין רוסלאַנד איז געלעגן אין זיין עלעמענטאַרער און אַבסאָליוט איינדייטיגער קלאָרקייט. (דער באָל־שעוויזם ווערט איצט קאָמפּליצירט — און דאָס איז פאַר אים אפשר אַ גרעסערע געפאַר ווי די געוועזענע בלאָקאַדע.)

פּאָליטיק איז אַ פאַרוויקלטע זאַך; אָבער דער כח פון דעם אמת'ן פּאָליטיקער איז — זיין ברוטאַלע פאַר־איינפאַכונג. ער קומט מיט אַ האַק און האַקט פאַנאַנדער דעם פאַרפּלאָנטערטן קנופּ. וויל ער אים פאַנאַנדערפּלאָנטערן — פאַר־פּלאָנטערט ער זיך אַליין.

זיין מעטאָד מוז זיין דער זיכערער מעטאָד פון דעם ווילענס־מענטשן (ניט פון האמלעטיזם), זיין וועג איז דער וועג פון קאַמף, און אין קאַמף מוז מען געברויכן שאַרפע און שנעלע געווער.

און עס איז פאַראַן נאָך אַ זאַך, וואָס דיקטירט אים אַ קלאָרן און אַ באַשטימטן יע אָדער ניין: דאָס איז זיין מוזן נאָך זיך פירן אַנדערע.

אַליין קאָן מען גיין אויך אויף שמאָלע, פאַרדרייטע זייטן־וועגן. ווען מען פירט נאָך זיך אַנדערע, מוז מען האָבן אַ ברייטן שליאַך. אַליין קאָן מען זיך באַגיין מיט שאַטירונגען; די מאַסע (און דער מאַסנמענטש) פאָדערט, מען זאָל זאָגן: שוואַרץ אָדער ווייס.

אין קונסט (און אין קונסטווערק) זיינען די מאָטיוון ניטאָ.

דער שאַפער (און געניסער) פון קונסטווערק, וויל פריער פאַר אַלץ פאַרשטיין, ניט (ווי דער פּאָליטיקער) פאַר־שטאַנען ווערן.

דער שאַפער (און דער אויסטייטשער) פון קונסט איז אַליין. עס גייען צו אים פילע, אָבער יעדערער גייט פאַר זיך. קאָן מען דאָ זיין פריי פון דער וואולגאַריטעט פון שוואַרץ־אָדער ווייס־פּסיכאָלאָגיע, וועלכע צייכנט אויס דעם מאַסן־גע־שמאַק.

ווען איך זע אַ בילד, אַ סטאַטוע, אַ שיינע געביידע, ווען איך לייען אַ בוך, און האָב ניט דערביי קיין אַנדער ציל אַ חוץ דעם גענוס, בין איך ניט מחויב צו רעדוצירן מיין איינדרוק ביז

צו אַ שמאָלן אורטייל. צו וואָס זאָל איך עס טאָן? מיין איינדרוק איז רייכער, ברייטער און גערעאמער, נישט נאָר אוממיטעלבאַרער און פרישער, ווי דאָס סדום־בעטל פון מיין אורטייל. אין מיין איינדרוק איז דאָ אי דער פּראָצעס, אי דער רעזולטאַט פון גענויסן דאָס קונסט־ווערק; אין מיין אורטייל — בלויז דער רעזולטאַט, און אויך ער איז אַרומגעשלייפט, אָן די נאַטירלאַכע לעבעדיגע שפּיצן און ווינקלען. אין מיין קונסט־איינדרוק (אויב מיר געלינגט אים נאָר געבן אַן אויסדרוק) בין איך ניט באַגרעניצט: יעדער אמת'ער איינדרוק פון קונסט קאָן זיין אַן אָנהויב פון נייע איינדרוקן; אָבער אַן אורטייל — דאָס איז אַן אונטערשטע שורה, אַ סוף.

ווען פאַר'ן קונסטווערק זאָל שטיין אַ מאַסע (אָדער אפילו אַ יחיד), וואָס דאַרף וויסן וואָס צו טאָן, לויט דעם דאָזיגן ווערק, וואָלט געווען נויטיג אַן אורטייל, — און אַן אמת'ער אורטייל הייסט: שולדיג אָדער ניט־שולדיג, אַהער אָדער אַהין. וואָרים טאָן קאָן מען ניט אַנדערש, סיידן עס וואַכט דער ווילן, און דער ווילן האָט נאָר איין דימענסיע, דער ווילן איז גראַדליניג.

דערפאַר זיינען די קונסטווערק, וואָס הויבן זיך אויף (אָדער לאָזן זיך אַראָפּ) ביז צו עטיק און רעליגיע — איינמאָסיג (אויף איר נידעריגער מדרגה רופן מיר די איינמאָסיגקייט אָן טענדענץ). עס איז דאָ אין זיי אַ באַהאַלטענע כונה צו ווירקן אויף אונזער ווילן, אויף אונזערע מעשים, אַ כונה צו פירן אונז — און דאָס דערנענטערט זיי צו פּאָליטיק.

בכלל אָבער איז די קונסט, לויט שאָפּענהויער'ס ריכטיגער אויסטייטשונג — ווילנס־ריין. אפשר אין דער צוקונפט וועט די קונסט, וואָס וועט זיין צוגלייך אויך די רעליגיע פון דער מענטשהייט, געפינען אַ וועג צו דער ווילן־ספערע. דערווייל וויל די קונסט אין אונז אַרויסרופן נאָר שטילע ענטציקונג, ניט קיין באַוועגונג. זי האָט דערווייל ניט קיין אַנדער ציל אַ חוץ איר אייגענער עקזיסטענץ: דאַרף זי ניט מקריב זיין איר גאַנצקייט, איר טאָטאַליטעט, צוליב פאַרשאַרפטער איינהייטלאַכקייט. זי קאָן זיך פאַרגינען צו זיין אי איינהייטלאַך, אי אַלץ־אַרומנעמענ־

דיג. זי קאָן דערגרייכן איר איינהייטלאַכקייט ניט דורך פאַר־איינפאַכונג און אויסשליסונג, ווי מען טוט דאָס אין דער ספּערע פון פּאָליטיק, נאָר דורך פאַרוויקלטער סובאָרדינירונג. דאָס הייסט: זי שטעלט־אויס די ווייניגער וויכטיגע עלעמענטן אַזוי, אַז זיי גייען ניט פאַרלוירן און פאַרנעמען דאָך ניט צופיל פּלאַץ. זי איז ניט אַזוי אויסגערעכנט ווי די פּאָליטיק, וועלכע מוז אַלץ אָפּגעבן דעם עיקר; זי קאָן שענקען אַ געוויסן טייל פון איר (און איר געניסער׳ס) אויפמערקזאַמקייט אויך פאַר די פּרטים און ניואַנסן.

און ניט נאָר זי קאָן — זי מוז עס טאָן. זי וועט פאַרלירן איר פּראַכט, איר רייכקייט, איר גאַנצע שיינקייט, ווען זי וועט שאַפן אַ וועלט פון בלויז איינצעליגע באַשעפענישן. אירע ווערק מוזן זיין פילגלידערדיגע אָרגאַניזמען. און פאַר די וואָס געניסן זיי, טאָר קיין איין גליד, קיין איין אָדערל, קיין איין קאַמערל אין זיי ניט זיין אָפּגעַ׳חלש׳ט. געוויס דאַרפן מיר, געניסנדיג זיי, זיך צוהערן פריער ווי אַלץ צום ריטמישן קלאַפּן פון זייער הארצן, אָבער דאָס הארץ פון אַן אָרגאַ־ניזם איז נאָר דאַן אַ הארץ (אַ צענטער), ווען עס זיינען דאָ רמ״ח אברים, וואָס ווערן פון אים באַלעבט.

דערפאַר זיינען נאָר אין דער פּאָליטיק (און אין דער רעד־נערישער אָדער פּובליציסטישער קונסט, ווי ווייט זי דינט דער פּאָליטיק) ריכטיג אַזוינע פּסוקים און שפּרוכן, ווי: אַהער אָדער אַהין, רעכטס אָדער לינקס, אַלץ וואָס אינמיטן איז „זומפּ", ווער עס איז ניט מיט אונז, איז געגן אונז א. אַז. וו. די קונסט וויים ניט פון די אַלע „אָדער — אָדער" און „יע — יע, ניין — ניין": די קונסט איז ווי יעדע אָרגאַנישע אַנטוויקלונג פון לעבן — דיאַלעקטיש (אין דעם העגעלישן זינען פון דעם דאָזיגן וואָרט).

די וואָס טראָגן אריין אין דער קונסט (און אין איר אויסטייטשונג) דעם אימפּעט, דעם „טעמפּעראַמענט", די האַסטיגקייט און דעם „אָננעמען פאַר׳ן קאָלנער" פון פאַספאַרטן־פּרעגער און פאַרסאַ־פּעטע אַהין־אָדער אַהער־שפּרייזער — ברענגען אין דער קונסט אַ גייסט, וואָס איז איר פרעמד.

זיי מאַכן אָן אַ טומל אין אַ טעמפּל. זיי זאָגן אַ תפילה מיט דעם ניגון און די תנועות פון אַ מיטינג־רעדע. זיי זיי־נען פאַר'משפט צו געשמאַקלאָזיגקייט, צו פּראָפּאַנאַציע. אפילו אַזאַ רייכער גייסט ווי וויקטאָר הוגאָ איז, מחמת זיין האסטיגן טעמפּעראַמענט, ניט פריי געווען פון שרייעוודיגקייט און מעלאָ־דראַמאַטישער וואולגאַריטעט. איך רייד שוין ניט וועגן עמיל זאָלאַ אָדער אַזאַ קליינעם דאָסטאָיעווסקי, ווי לעאָניד אַנדרעיעוו. מען האָט געדאַרפט זיין אַן אמת'ער דאָסטאָיעווסקי, כדי ניט צו לאָזן אונז שפּירן דעם ווידערשפּרוך צווישן דער צאָרנ־דיגער רויטקייט פון אַ פאַרוואונדעטן „באָגאָבאָרעץ" און די שטילע ניואַנסן פון קינסטלערישן שאַפן...

עס איז דאָ נאָר איין פּונקט אין דער וועלט פון קונסט, וואו עס איז נויטיג אימפּעט, „טעמפּעראַמענט", און עס איז ניצליך די שאַרפקייט פון „אַהער אָדער אַהין", דאָס איז דער פּונקט, וואו די קונסט ווערט זיך קעגן אומקונסט, וואו די קונסט שיצט אירע גרעניצן. דאַן פאַרשווינדט איר שטילקייט. עס קאָכט אין איר דאָס פאַרשעמטע בלוט. אירע אויגן ברענען. באַלד וועלן זיי ווידער ליכטן; אָבער פריער מוז פאַרטריבן ווערן דאָס פאַלשע, דאָס פרעמדע, וואָס וויל זיך דורכ'גנב'ענען דורך איר שטילן גרעניץ.

בעת עס שטורעמט דאָס פאַרטרייבן איז דער מענטש פון קונסט אַ קאַמפּס־מענטש, מוז ער געברויכן די מיטלען און די מעטאָדן פון קאַמף. ער איז דאַן אַ טוער, אויב איר ווילט — אַ „פּאָליטיקער", ניט קיין טראַכטער און באַטראַכטער און טאָן מוז מען מיט ענערגיע, מיט ליידנשאַפט...

יעדע לעבנס־ספערע האָט איר טעמפּוס און איר קאָליר: די ספערע פון ווילענס־לעבן איז אימפּעטיג, העל־פאַרביג און איין־פאַרביג; די קונסט־ספערע איז שטיל, און אירע פאַרבן מינען־זיך, לייכטן, ברענען, און בלייבן זיך און בייטן זיך, ווי די פאַרבן פון וואָלקנס, ווען די זון פאַרגייט...

8. שאַפֿן און אַרבעטן

8. שאַפן און אַרבעטן.

א.

לעוו טאָלסטאָי'ס פרוי, סאָפיאַ אַנדרעיעוונאַ, דערציילט אין אירע עראינערונגען, ווי זי האָט געהאָלפן טאָלסטאָי'ען איבער־אַרבעטן און פאַרריכטן זיינע ווערק. זי פלעגט זיי איבערשרייבן, איידער זיי האָבן געדאַרפט גיין אין דרוק; איבערשרייבנדיג זיי, האָט זי, לויט דעם אויפטראַג פון טאָלסטאָי, אָנגעמערקט די שטעלן, וואָס לויט איר מיינונג דאַרפן זיי איבערגעמאַכט ווערן. אין איין אָרט האָט אַ זאַץ איר אויסגעזען צו זיין צו לאַנג, אין אַן אַנדער אָרט איז געווען עפּעס נישט קלאָר, אין אַ דריטן — איז איר נישט געפעלן געווען אַ וואָרט, אָדער אַ גאַנצער אויסדרוק. טאָלסטאָי איז ניט אין אַלץ געווען מיט איר איינשטימיג. אָבער זייער אָפט זיינען אירע באַמערקונגען אים צוניץ געקומען, ווען ער פלעגט זיך נעמען אויסבעסערן זיינס אַ ווערק.

און נישט נאָר אירע באַמערקונגען אַליין. אויך מיט פיל אַנדערע, נאָענטע פריינט זיינע פלעגט ער זיך מישב זיין וועגן דעם סטיל און די איינצלהייטן פון זיינע שאַפונגען. ער פלעגט נישט לאָזן דרוקן קיין ראָמאַן, קיין דערציילונג, אַפילו נישט קיין איינפאַכן אַרטיקל, וואו ער האָט עס נישט איבערגעקוקט און איבערגעאַרבעט עטלאַכע מאָל נאָכאַנאַנד.

„אָפט, איבערשרייבנדיג, דערציילט גרעפין טאָלסטאָי, האָב איך זיך געוואונדערט און ניט פאַרשטאַנען, צו־וואָס איז איבער־געמאַכט און פאַרניכטעט געוואָרן דאָס, וואָס האָט אויסגעזען אַזוי שיין; און איך האָב זיך געפרייט, ווען דאָס אויסגעשלאָסענע איז צוריק אַריינגעשטעלט געוואָרן. עס האָט אויך געטראָפן, אַז קאָרעקטור־בויגנס, וואָס זיינען ענטגילטיג אָוועקגעשיקט געוואָרן,

זיינען לויט דער פאָדערונג פון לעוו ניקאָלאַיעוויטש צוריק אומגע־קערט געוואָרן און זיינען ווידער פאַרריכט און איבערגעשריבן געוואָרן. און אַמאָל פלעגט טעלעגראַפיש געמאַכט ווערן אַ פאַר־אָרדענונג צו פאַרבייטן אַוועלכעס עס איז איין וואָרט מיט אַן אַנדערן."

אין דער לענינגראַדער עפנטלאַכער ביבליאָטעק געפינט זיך אַן עקזעמפּליאַר פון „אַנאַ קאַרענינאַ" מיט טאָל־סטאָי'ס האַנטשריפטלאַכע אויסבעסערונגען און מיט אַ פאַרבאַ־מערקונג פון לעוו ניקאָלאַיעוויטש'עס פריינט, דעם קריטיקער סטראַכאָוו. דערציילט אין אָט דער פאַרבאַמערקונג סטראַכאָוו, ווי ער האָט געהאָלפן טאָלסטאָי'ען צוגרייטן דעם ראָמאַן צום דרוק פאַר אַ באַזונדער אויסגאַבע, און ער שליסט זיינע ווערטער מיט די פאָלגנדיגע שורות: „פון זיינע (ד. ה. טאָלסטאָי'ס) דער־קלערונגען האָב איך זיך איבערגעצייגט, אַז אים איז אויסערגע־וויינטלאַך טייער זיין שפּראַך און אַז ניט געקוקט אויף דעם, וואָס עס דוכט זיך, אַז זיין סטיל איז נאַכלעסיג און ניט גלאַט, איז ביי אים יעדעס וואָרט און יעדע ווענדונג אויסגערעכנט ניט ווייניגער ווי ביי דעם אָפּגעהיטסטן פּערזנדיכטער. און ווי פיל בכלל ער טראַכט, ווי פיל ער אַרבעט מיט'ן קאָפּ — דאָס איז ביי מיר שטענדיג געווען אַ וואונדער, דאָס האָט מיך איבערראַשט, ווי אַ נייס, ביי יעדער באַגעגעניש אונזערער, און נאָר מיט דער דאָזיגער שפע פון האַרץ און שכל דערקלערט זיך די קראַפט פון זיינע ווערק."

אַזוי שרייבט סטראַכאָוו, און דער — פון אים און טאָלסטאָי'ען אַליין דורכגעזעענער — עקזעמפּליאַר פון „אַנאַ קאַרענינאַ" באַשטע־טיגט עס. עס זיינען פאַראַן דאָרט נישט בלויז איינציגע ווערטער פאַרריכטע, נאָר גאַנצע זייטלאַך, וואָס דער קינסטלער האָט אויסגעמעקט און אָדער גאָר אינגאַנצן דורכגעלאָזן, אָדער פאַרביטן מיט אַנדערע. די מער באַדייטנדיגע פון די דאָזיגע פאַרמעקטע און דורכגעלאָזענע שטעלן זיינען אין דער נייער אויסגאַבע פון טאָלסטאָי'ס ווערק (אונטער דער רעדאַקציע פון פ. ביריוקאָוו) פאַרעפנטלאַכט, און מען געפינט אין זיי מוסטערן פון שפּראַכלאַכער, פּסיכאָלאָגישער און קינסטלערישער מייסטערשאַפט.

אָן אַ שיעור לעבעדיגע בילדער, טיפּע באַמערקונגען און וואונדער־לאַך פיינע כאַראַקטעריזירונגען פון די העלדן און די סיטואַציעס, וואָס זיינען דאָ אין דעם גרויסן ראָמאַן. אַן אַנדער שרייבער וואָלט זיך נישט פאַרגונען דורכצולאָזן אַזוינע שטעלן. ער וואָלט זיך נישט געקאָנט שיידן מיט זיי, ער וואָלט שוין צוגעטראַכט עפּעס אַ מיטל, אַבי ניט צו לאָזן זיי גיין פאַרלוירן. טאָלסטאָי׳ען האָט עס ניט געאַרט. ווי אַלע גרויסע דיכטער, האָט ער געוואוסט, אַז קאָנען שרייבן הייסט קאָנען מעקען. (און אין יעדער קונסט איז אַזוי: „צייכנען איז ווענלאַססען", זאָגט דער מאָלער מאַקס ליבערמאַן). דערביי קאָן אַמאָל עפּעס וויכטיגס פאַרלוירן גיין, אָבער אַז מען שלייפט אַ טייערן שטיין, זאָרגט מען ניט פאַר דעם דימענט־שטויב, וואָס גייט לאיבוד.

אַ דימענט איז אַלץ שענער, אַלץ לויכטנדיגער, וואָס מער מען שלייפט אים. עס איז וויניג די שיינקייט, דאָס ליכט, וואָס די נאַטור האָט אים געשענקט; דער נאַטור דאַרף קומען צוהילף דעם מענטשנ׳ס פאַרשטאַנד, דעם מענטשנ׳ס אַרבעט. דעם מענטשנ׳ס מייסטערשאַפט.

און אַזוי איז עס אויך מיט דער קינסטלערישער אינטואיציע. זי איז דער עיקר אין אַ קונסטווערק (אַזוי ווי אין אַ דימענט איז דער עיקר, וואָס ער האָט פון זיך אַליין, פון דער נאַטור); אָבער זי איז ניט אַלץ: עס דאַרף קומען דער דימענט־שלייפער, דער באַוואוסטזיין, די דערפאַרונג, די קריטישע פעאיגקייט, די אַ ר ב ע ט פון דעם מייסטער — און העלפן דעם נאַטירלאַכן אינטואיטיוון כח.

אין אַ שמועס וועגן קונסט האָט טאָלסטאָי אַמאָל געזאָגט:

„וואָס גרעסער, וואָס העלער עס איז די באַגייסטערונג, אַלץ מער מאַרודנע אַרבעט פאָדערט זיך די באַגייסטערונג אויסצודריקן. מיר לייענען ביי פּושקינ׳ען אַזוינע גלאַטע לידער, אַזוינע פּשוט׳ע, און אונז דוכט זיך, אַז ביי אים האָט זיך עס גלייך אויסגעגאָסן אין אַזאַ פאָרם, מיר באַמערקן גאָר ניט, וויפיל אַרבעט עס האָט אוועקגעלייגט אויף דעם, כדי עס זאָל אַרויסקומען אַזוי פּשוט און גלאַט."

אַן אמת׳ער מייסטער אין שרייבן ווערט מען דאַן נאָר, ווען מען לערנט זיך אויס צו זיין אַליין דער לעזער און דער קריטיקער, ניט נאָר דער שרייבער פון דעם ווערק, וואָס מען לאָזט ארויס אויף דער ליכטיגער שיין, דאַן נאָר, ווען מען דערגרייכט די מדרגה, וועלכע גיט אונז די מעגלאכקייט אַ קוק צו טאָן אויף אונזער אייגענעם ווערק פון א זייט, אזוי ווי עס זאָל שוין זיין אינגאנצן אָפּגעטיילט פון אונז, אזוי ווי עס זאָל שוין זיין ניט אונזערס, נאָר אַן אַנדערנ׳ס אַ ווערק. נאָר אזא פרייע באַציאונג צו דער אייגענער שאַפונג גיט אונז די מעגלאכקייט זי איבערצוקוקן און פאַרריכטן. די אינעווייניגסטע פרייהייט פון דעם שאַפער, באַהעפט מיט דעם מוז צו שאַפן — איז דער סוד פון יעדער מייסטערשאַפט. דאָס איז א וועג, וואָס מיר ווערן אַרויפגעפירט אויף אים בלינד און גייען ווי העלזזעערס.

פרידריך שלעגעל האָט געהאַט רעכט צו זאָגן, אז „אין יעדעם גוטען געדיכט מוסס אַללעס אַבזיכט און אַללעס אינסטינקט זיין". דער „אינסאינקט" גיט דעם אימפּולס צו שאַפן דאָס געדיכט; דער שכל און די דערפאַרונג לערנען, ווי צו באַנוצן דעם אימפּולס און — ווי אים צו באַהערשן.

יעדע לעבעדיגע באַשעפעניש ווערט געבוירן מיט געוויסע נאַטירלאַכע פעאיגקייטן; אָבער זי דאַרף זיך אויסלערנען זיי צו נוצן, זי מוז דורכמאַכן אַ געוויסן פּראָצעס פון דערציאונג אָדער זעלבסטערציאונג. אויך קונסט איז נישט מעגלאַך אָן דערציאונג און זעלבסטערציאונג.

„עס איז נויטיג, האָט געשריבן אין אַ בריוו טאָלסטאָי, אז אַ שרייבער זאָל זיך אויסלערנען פאַרהאַלטן אין זיך זיינע געדאַנקען, כדי זיי זאָלן איבערגעאַרבעט ווערן, כדי אז פון טויזנט געדאַנקען זאָל אויסגעקליבן ווערן איינער און דערנאָך זאָל דער איין געדאַנק צווישן טויזנט שטעלן, וואו ער קאָן אריינגעשטעלט ווערן, געפינען ענדלאַך איין שטעלע אזא, וואָס פּאַסט פאַר אים." לאָזן אויף הפקר 999 געדאַנקען, כדי אויפצוהיטן, אויפצוהאָדעווען איינעם — דאָס איז א צו גרויסער קרבן. נאָר אַזאַ גייסטיגער עושר, ווי טאָלסטאָי, קאָן אים ברענגען. אָבער דער, וואָס האָט וויניגער

געדאַנקען, דאַרף אויך וויינ יגער מקריב זיין. דער עיקר איז, עס זאָל זיין אַן אָ פּ ק ל י י ב פון די געדאנקען. ביי אַ טאָלסטאָי'ען ווערט איין געדאַנק אויסגעקליבן פון טויזנט, ביי אַן אָרימערן שרייבער — פון צען אָדער פון צוויי, אָבער אי ביי דעם, אי ביי יענעם מוז בלייבן נאָר א י י ן געדאַנק, אַן אפּגעקליבענער.

„דער שרייבער, ווי דער מוזיקער, זאָגט גיואַ, קלייבט אויס אין דער צעוואָרפענער מאַסע פון זיינע געדאנקען דאָס, וואָס איז מעלאָדיש, וואָס קלינגט ריכטיג און גוט."

דער אָפּקלייב ווערט אָפטמאָל געמאַכט אַזוי ווי פון זיך אַליין; דאָס רוב אָבער איז ער אַ רעזולטאַט פון טראַכטן און איבער־טראַכטן, אַ רעזולטאַט פון דעם קינסטלער'ס באַוואוסטזיניגן און קרעפטיגן אריינמישן זיך אין דעם אינטואיטיוון פּראָצעס פון שאַפן.

טאָלסטאָי איז ניט דער איינציקער קינסטלער, וואָס האָט פיל ג ע אַ ר ב ע ט אויף זיינע ווערק. וועגן איבסענ'ען האָט געשריבן בראַנדעס, אַז דאָס וואָס „זיין קינסטלערישער טאַלאַנט אַנטוויקלט זיך אַלץ מער און מער, דערקלערט זיך דערמיט, וואָס ער איז פלייסיג, געוויסנהאַפטיג און זייער ערנסט. ער אַרבעט זייער לאַנגזאַם, שרייבט איבער ניט איין מאָל זיינע ווערק און אַז. וו."
אַזוי איז זיך באַגאַנגען איבסען, אַזוי טוען פילע אַנדערע דיכטער.

אַנאַטאָל פראַנס פלעגט לאָזן מאַכן נישט ווינציגער ווי זעקס אָדער זיבן קאָרעקטור־אָפּצוגן פון יעדער זאַך, וואָס ער האָט געדרוקט. ביי יעדער קאָרעקטור האָט ער פאַרריכט און פאַר־בעסערט עפּעס אין טעקסט. איינמאָל האָט ער דורכגעקוקט די זאַצן און פאַרקירצט די, וואָס זיינען צו לאַנג. אַן אַנדערש מאָל האָט ער אויסגעבעסערט די אַדיעקטיוון... „איר וואונדערט זיך, מיין טייערער פריינט", האָט ער געזאָגט אַמאָל צו זשאַן זשאַק ברוסאָן, „איר האָט אודאי גערעכענט, אַז אַ מלאך האָט מיר אין איין אָטעם איינגערוימט מיינע בלעטער און מיינע פּרקים. מיך האָט זעלטן ווען אָנגערירט דער ווינט פון רוח הקודש. מיין פען־האַלטער איז קיינמאָל ניט לייריש. איך בין קיינמאָל ניט שכור געווען פון מיין אַרבעט. איך אַרבעט מיט מי און מאַטערניש."

ביי אונז אין דער אידישער ליטעראַטור איז מענדעלע מוכר

ספרים געווען א מוסטער פון אַ שרייבער, וואָס האָט געאַר־בעט אויף זיינע ווערק און געטראַכט לאַנג און פיל ביז וואַנען ער האָט אויסגעקליבן אַן אויסדרוק אָדער א וואָרט. „די גרעסטע קונסט, האָט מענדעלע געזאָגט, איז אין דעם, וואָס מען זאָל ניט זאָגן, אינ׳ם אַרויסוואַרפן. איזהו גבור? הכובש את הגלייכ־ווערטל״ (בן־עמי). און אָט ווי דער דיכטער ז. שניאור גיט איבער מענדעלע׳ם אַ דערציילונג, ווי אזוי ער האָט זיך נוהג געווען צו שרייבן:

„— אָפּט מאָל, ווען איך זיץ און שרייב — האָט מיר איינ־מאָל מענדעלע דערציילט — ווען איך זיץ און שרייב און זוך א וואָרט, אַן אויסדרוק, וואָס זאָל קורץ און שאַרף אַרומכאַפּן דאָס, וואָס איך וויל זאָגן, קומען צוגיין אַ סך, אַ סך ווערטער, א סך, אַ סך אויסדרוקן, סינאָנימען.. און שטעלן זיך אוים אַנטקעגן מיר אין איין שערעגגע.

„עס שטעלן זיך אוים זאַטע, מיט זיך צופרידענע ווערטער; רויע, גראָבע, אָן מאַנירן; שטיפערישע ווערטער, שקצים... רייך־באַפּוצטע, אָנגעפּאַרבטע; שטאָלצע, יחוס׳דיגע, מיט אַלטע שטאַם־צעטלען אין די הענט; ווערטער ציגיינער, ווערטער מלכים... יעדער פון זיי זעט זיך מיר אַרויסווייזן פון דער שענסטער זייט. אַנדערע שמייכלען, אַנדערע בעטלען, אַנדערע גיבן אַ פּ טשעסט: „ראַד סטאַראַטסיאַ, מענדעלע!״ די יחוס׳דיגע, די זאַטע, די רייכע צעזעצן זיך בהרחבה, ווי ביים טאַטן אין ווייַנגאָרטן: „מענדעלע, אָן מיר קאָנסטו ניט אויסקומען! ... מענדעלע, אז דו וועסט זיין מיט זיבן קעפּ, וועסטו זיך פון מיר ניט אַרויסדרייען!... מענדעלע, כ׳קאָן רואיג שלאָפן, אז דו וועסט דאַרפן, וועסטו מוחל זיין, מיך אויפוועקן!״...

„נאָר ערגעץ וואו הינטער דער פאַרביגער ראָטע, פאַרקוועטשט הינטער די בייכיגע און רייכע ווערטער, שטייט זיך, נעבאַך, אַ פאַר־שעמט ווערטעלע, א באַשיידנס, א קליינס, א צאַרטס, אַ ציטער־דיגס, עס פילט זיך שלעכט צווישן אזא׳ן עולם מיט גבירים. דאָס פינגערל אין מיילעכל.. טרערן שטייען אים אין די אויגן.

„דערזע איך עס — לאָז איך שטיין אַלע זיינע קאָנקורענטן און גיב א וואונק מיט איין אויג און מיט איין פינגער:

„— א קום נאָר אהער, קליינינקער! שעם זיך ניט, נעענטער, נעענטער. אָט אַזוי! נאָר דיך, טייערינקער, דארף איך האָבן, נאָר דיך!"

„איינמאָל, דערציילט בן עמי, האָט ער מיר איבערגעלייענט דעם אָנהייב פון א קאַפּיטל. איך בין געווען אַנטציקט. „—עס טויג אויף כפרות", האָט ר' מענדעלע געזאָגט, און אין א פּאָר טעג ארום האָט ער מיר ווייטער איבערגעלייענט די אייגענע שטעל. זי האָט מיר אויסגעוויזן גלענצנד. „—ניין, זאָגט ר' מענדעלע, נישט דאָס, עס טויג נישט". ערשט אויפ'ן דריטן מאָל איז ער געווען צופרידן."

אָבער נישט נאָר דער שווערער, וואָגיגער ז י י ד ע, אויך דער לייכטער, שפּילעוודיגער א י י נ י ק ל, שלום עליכם, האָט פיל געאַרבעט אויף זיינע ווערק, הגם דער עולם האָט ניט געוואוסט דערפון. „ער פלעגט שרייבן זייער שנעל", דערציילט י. ד. בערקאָוויטש. אָבער דאָס געשריבענע פלעגט ער נאָך דעם „שטאַרק באַארבעטן, אויסמעקן שורות און אָנשרייבן פון אויבן אַנדערע, אריינפלעכטן ווערטער, אויסרייסן אָנגעשריבענע בלעט־לאַך און צושרייבן נייע". „גאַנץ אָפט פלעגט ער פאַר זיין ארבעט האַלטן אַן איבערשרייבער, דערהויפּט ווען ער האָט געשריבן גרעסערע זאַכן אָדער מיטגעאַרבעט רעגולמעסיג אין א צייטונג. ביי וויכטיגע ווערק איז דעם איבערשרייבער אויסגעקומען, צוליב די אויסבעסערונגען און באַארבעטונגען, איין זאַך איבערצושרייבן עטלאַכע מאָל. און ערשט נאָך דעם, אַז די זאַך איז שוין געווען אוועקגעשיקט אין דער רעדאַקציע אריין, פלעגט שלום עליכם זיך נעמען זיפן די קאָפּיע, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט פאַר זיך, אויסזוכן נייע סטיליסטישע אָדער וועזנטלאַכע חסרונות און פאַר־שיטן די רעדאַקציע מיט בריוו און טעלעגראַמעס וועגן תיקונים אינ'ם מאַנוסקריפּט, איידער עס גייט אין דרוק." ניט איין מאָל האָט ער איינגאַנצן צעריסן א ווערק, נאָכדעם ווי ער האָט עס אָנגע־שריבן און עס איז אים ניט געפעלן געוואָרן. אַזוי האָט ער פאַרברענט גאַנצע דריי טעאַטער־שטיק: „דוד בן דוד", „דאָס נייע לעבן" און „וואוהין". די ווערק, וואָס זיינען געדרוקט געוואָרן

האָבן אים אויך ניט שטענדיג צופרידנגעשטעלט. ער פלעגט זיי אָפט איבעראַרבעטן. „דערהויפּט איז ער געווען ליכט אויף מעקן", זאָגט בערקאָוויטש. „פון מנחם מענדל'ס בריוו, ווי זיי זיינען געדרוקט געוואָרן צום ערשטן מאָל אין די צייטונגען, האָט ער אַרויסגעוואָרפן כמעט אַ העלפט, און דאָס, וואָס איז פאַרבליבן, האָט ער שטאַרק איבערגעלייטערט; שיינע שיינדל איז אין דער צווייטער אויפלאַגע אַרויסגעקומען מילדער, איינגעהאַלטענער. איר שפּראַך איז פאַרווייכט געוואָרן, אירע קללות זיינען רעדוצירט געוואָרן ביז צום מינימום און האָבן באַקומען אַ נייעם ניואַנס — אַ ריין הומאָריסטישן. „דער מבול" (וואָס ער האָט איבערגעאַרבעט אונטער'ן נאָמען „אין שטורעם") איז אינגאַנצן אָפּגערייניגט געוואָרן פון זיין צייטונגס פּסולת; פאַרבליבן איז נאָר דער דערציילערישער עלעמענט און אַז. וו. "

אַפילו באַלזאַק, וואָס איז געצוואונגען געווען צו שרייבן איילנדיג, האָט זיך ניט שטענדיג פאַרלאָזן אויף זיין געניאַלן אימפּעט. „און אָפט," שרייבט איינער פון זיינע נייסטע ביאָגראַפן, עמיל לודוויג, „אָפט אַרויסלאָזנדיג אַ נייע אויסגאַבע, פלעגט ער איבערקוקן זיינע אַלטע ראָמאַנען זאַץ נאָך זאַץ."

אַז מען לייענט די ווערק פון די דיכטער, שפּירט מען ניט, אַז זיי האָבן שווער געאַרבעט אויף זיי. עס דוכט זיך, אַז זיי האָבן זיי געשאַפן שפּילענדיג; פליגלען, דוכט זיך, זיינען ביי זיי אויסוואַקסן, און אויף די פליגלען זיינען זיי, ווי מעכטיגע און ליכטע אָדלערס, געטראָגן געוואָרן, ביז זיי זיינען געקומען אַהין, אין יענע אויסגעטרוימטע וועלטן, וואו מיר זעען זיי. דער געני האָט אויסגעגלייכט די קנייטשן אויף זייערע שטערנס, פון זייער גרויסער אָנשטרענגונג איז געבליבן נאָר די קראַפט פון אויסדרוק, די פאַרצערנדיגע אויפפלאַמונגען פון זייער פאַנטאַזיע האָבן, ווי ווייטע שרפות, געלאָזן נאָר פאַסן ליכט אויפ'ן האָריזאָנט, און עס האָט זיך אָפּגעשטעלט בלויז דער ריטם פון די שטורעמס, וואָס האָבן געמאַכט ציטערן און כוואַליען זיך זייער גייסט. אָבער אַז מען באַקענט זיך מיט דעם פּראָצעס, ניט נאָר מיט די רעזולטאַטן, פון זייער שאַפן, זעט מען די גייסטיגע געבורטסווייען, וואָס מאַכן

מעגלאך די גייסטיגע געבורטן. מען זעט דעם וועג פול מיט שטרויכלונגען, דעם וועג, וואס איז אליין לענגער, וואס גרעסער עס איז דאס ציל, צו וועלכן ער פירט. מען דערוויסט זיך, אז קיין גרויס ווערק איז ניט געבוירן געווארן בלויז פון קומען אין בארי־רונג מיט'ן הייליגן גייסט.

דער הערקולישער עפאס פון די גריכן איז, ווי אונזער תנ"ך און ווי די מיטלאלטערלאכע גאטישע קירכן־געביידן, געשאפן געווארן פון דורות, אין משך פון הונדערטער יארן. די גרויסע ווערק פון יחידים־גאונים, ווי דאנטע'ס „געטלאכע קאמעדיע", מילטאנ'ס „פארלארענער גן־עדן", געטע'ס „פאוסט", זיינען אויך ווערק, וואס זייערע שאפערס האבן געארבעט אויף זיי זייער גאנצן באוואוסטזיניגן לעבן.

און אפילו אין דער קלענסטער לירישער פאעמע ליגט דער אמת'ער דיכטער אריין אן א שיעור אנגעשטרענגטע גייסטיגע ארבעט, ניט נאר „באגייסטערונג". די מאנוסקריפטן פון פושקין, היינע און אנדערע אמת'ע ליריקער ציינן אונז, וויפיל מאל יעדע שורה און יעדעס ווארט אין זייערן א געדיכט איז געשליפן געווארן.

לכתחילה קאן א פערז אדער א גאנץ געדיכט זיך אויס־גיסן אויפ'ן פאפיר לייכט דורך אן אומבאוואוסטער און אומגעריכטער אויפציטערונג אדער אויפלייכטונג פון אנגעזאמעלטע און רייף געווארענע דערפארונגען, אבער דערנאך מוז קומען באר־טראכטע, ישוב־הדעת'דיגע ארבעט....

„אפילו דער גרעסטער גאון," האט געזאגט אמאל געטע צו עקערמאנ'ען, „וואלט ניט אוועק ווייט, ווען ער זאל וועלן פאר־דאנקען אליין נאר זיין אייגענער אינעווייניגסטער וועלט. אבער דאס פארשטייען ניט א סך זייער גוטע מענטשן און זיי טאפן אפ א האלב לעבן אין דער פינסטער מיט זייער חלומ'ען וועגן אריגי־נאליטעט. איך האב געקענט קינסטלער, וועלכע האבן זיך באריסט, אז זיי זיינען ניט נאכגעגאנגען נאך קיין מייסטער און אז זיי האבן אליין צו פארדאנקען נאר זייער אייגענעם געני. נאראנים

וואָס זיי זיינען! ...״ און אין אַן אַנדער געשפּרעך האָט געטע געזאָגט, ווען מען האָט געלויבט פאַר אים אַ יונגען מאָלער, וואָס האָט אַלץ געלערנט פון זיך אַליין: „דער יונגער מאַן האָט טאַלאַנט, אָבער דערפאַר וואָס ער האָט אַלץ געלערנט פון זיך אַליין דאַרף מען אים נישט לויבן, נאָר טאַדלען. אַ טאַלאַנט ווערט נישט געבוירן צו בלייבן איבערגעלאָזן צו זיך אַליין, נאָר צו ווענדן זיך צו קונסט און גוטע מייסטערס, וועלכע קאָנען פון אים עפּעס מאַכן...״

„איינגעבווירענע פּייאיגקייט קאָן זיך ניט באַגיין, זאָגט ספּענסער, אָן דער הילף פון אָרגאַניזירטן וויסן. רוח הקודש קאָן אַ סך אויפטאָן, אָבער ניט אַלץ. העכערע רעזולטאַטן קאָן מען דערגרייכן נאָר דורך פאַראייניגונג פון טאַלאַנט מיט וויסנ־שאַפט״...

„דער געני, זאָגט בראַנדעס זייער ריכטיג, איז ניט קיין געניאַלער פוילער, נאָר אַ געניאַלער אַרבעטער, און די איינגע־בוירענע באַגאַבטקייט איז נאָר דאָס ווערקצייג, ניט דאָס ווערק.״ וועגן פלאָבער׳ן דערציילט דער זעלביגער בראַנדעס, אַז ער האָט יעדן טאָג געשריבן נאָר צוויי־דריי זייטלאַך, אפּוועגנדיג יעדן וואָרט, כדי אויסצומיידן איבערחזרונגען, ענלאַכע קלאַנגען, שאַרפ־קייטן און אַז. וו.״ „איינמאָל, דערציילט טורגעניעוו, פלאָבער׳ס נאָענטער פריינט, האָט ער, פלאָבער, אַ גאַנצן טאָג אָן אויפהער געאַרבעט איבער איין זייטל און איז דערנאָך אַרויס עסן מיטאָג. געקומען צוריק אהיים, האָט ער זיך געוואָלט פאַרשאַפן דעם פאַר־געניגן איבערצולייענען נאָך אַמאָל אין בעט דאָס אָנגעשריבענע, האָט ער געפונען, אַז דאָס טויג ניט, איז ער אַרויסגעשפּרונגען פון בעט אין איין העמד און אָנגעהויבן איבערצומאַכן אַלץ פון ס׳ניי און האָט נאָך אַמאָל און ווידער אַמאָל איבערגעשריבן דעם בלעטל...״

זאָגט טאַקע בראַנדעס וועגן פלאָבער׳ן, אַז דערפאַר „איז ער געוואָרן אַ גרויסער קינסטלער, ווייל ער האָט קיינמאָל ניט מורא געהאַט פאַר אַרבעט, ניט דעמאָלט, ווען ער האָט צוגעגרייט

זיינע ווערק, ניט דעמאָלט ווען ער האָט זיי געשריבן. ער האָט געזאַמעלט דערפאַרונגען, געלערנט, געזוכט דערקלערונגען מיט אַזאַ פלייס, וועלכער טרעפט זיך געוויינטלאַך נאָר ביי וויסנשאַפטס־לייט." און וועגן באַלזאַק'ן זאָגט מען, אַז „ער האָט געאַרבעט ווי אַן אָקס און ווי אַ געני". „ער פלעגט זיך פאַרשפאַרן ביי זיך אין דער היים אויף זעקס־אַכט וואָכן, פלעגט פאַרמאַכן די לאָדן און אַראָפּלאָזן די שטאָרן, פלעגט נישט לייענען די בריוו, וואָס פלעגן אים אָנקומען, און ביי דער באַלייכטונג פון פיר וועקסענע ליכט, אַנגעטאָן אין אַ ווייסן קיטל פון אַ דאָמיניקאַנער, האָט ער געאַר־בעט אָפט אַכטצען שעה אין מעת־לעת." ער האָט שוין צופיל געאַרבעט. אָבער עס איז דאָך נישט קיין צו גרויסע גוזמא, ווען קאַרלייל זאָגט, אַז „געניאַליטעט — דאָס איז אַרבעט", און מען מעג אודאי גלויבן דיקענס'ן, ווען ער דערקלערט, אַז „עס האָבן אַ גרויסן טעות די, וועלכע גלויבן, אַז אַ געני, קאָן אַלץ דער־גרייכן אָן אָנגעשטרענגטער און איינגעשפּאַרטער אַרבעט" און מען מעג זיך פאַרלאָזן אויף דעם גרויסן שווייצערישן דיכטער, קאַרל שפּיטעלער, וועלכער שרייבט: „איך וויל באַטאָנען, אַז פליי־סיגקייט מוז שפּילן אויך אַ וויכטיגע ראָליע ווי דער פּאָרלויפער און פּיאָנער פון אינספּיראַציע. די אַלטע עצה צו וואַרטן אויף אַ פּאַסיגער שטימונג אָדער אויפ'ן רוח הקודש וואָלט גלייכער געווען צו פאַרבייטן מיט אַ פּונקט פאַרקערטן כלל, וועלכער הייסט אונז אַרויסצורופן און אַרויסצו'כשופ'ן די שטימונג און די אינספּי־ראַציע..."

דאָס ווייס יעדער, וועלכער פאַרדינט דעם נאָמען שריי־בער, פון זיין אייגענער דערפאַרונג, און אין פלוג האָט וועגן דעם גאָר ניט געדאַרפט זיין נויטיג צו ריידן. אָבער עס זיינען פאַראַן דאָך פיל מענטשן, וואָס באַהאַלטן זיך הינטער דעם געפליגלטן וואָרט „שאַפן" און ווילן זיך אויסדרייען פון אַ ר ב ע ט. אַזוינע זיינען פאַראַן אויך ביי אונז, אידן, און דערהויפּט צווישן די, וואָס האַלטן אויפ'ן צונג כסדר, ווי אַ פאַרטיקן תירוץ אויף אַלע קשיות, דעם וואָרט „קונסט". דערפאַר איז די פראַגע וועגן ש אַ פ ן און אַ ר ב ע ט ן ביי אונז ניט קיין אַקאַדעמישע פראַגע.

ב.

ביי אונז זיינען פאראן שרייבער, וועלכע מיינען, אז ס'איז שיין, וואס זיי „ארבעטן" ניט אויף זייערע ווערק. זיי נעמען זיך איבער דערמיט, וואס דער רוח הקודש איז זיי טריי איבערגעגעבן, און ער טוט שוין אלץ, וואס מען דארף. ער קומט צו זיי, ווי דער מלאך צו ר' יוסף קארו, און זאגט זיי אלץ, וואס ס'איז נויטיג צו וויסן. עס בלייבט זיי נאר צו פירן שנעל מיט דער פען און פארשרייבן יעדעס ווארט און יעדן סוד, וואס דער „היי־ליגער גייסט" רוימט זיי איין אין אויער. זיי זיינען אזוי ווי די מעדיומס פון רוח הקודש. זיי פילן זיך אלע אזוי ווי די ברידער גאנקור, וועלכע האבן געשריבן: „דאס איז עפעס א פאטום, וועל־כער ברענגט אייך די אורשפרינגלאכע אידעע. דאן קומט עפעס אן אומבאוואוסטע קראפט, עפעס א העכערער ווילן, עפעס א מוז באצווינגט אייך און פירט מיט אייער פען. אזוי, אז אן אנדערס מאל דוכט זיך אייך, אז דאס בוך, וואס איר האט געשריבן איז ניט אייער אייגן בוך"... אזוי פילן א סך פון אונזערע שרייבער און זיי קומט ניט אויפ'ן זינען די פאלגענדיגע איינפאכע פראגע פון וואלערי בריוסאוו: „פארוואס", האט געפרעגט אט דער רוסישער פאעט און קונסט־טעארעטיקער, — „פארוואס לערנען זיך די קינסטלער פון פענזל און סקולפטור צו עטלאכע יאר אין קונסט־אקאדעמיעס אדער מאלעריי־שולן, שטודירנדיג די פערספעקטיוו, די טעאריע פון שאטנס, איבנדיג זיך אין עטיודן פון גיפס אדער פון דער נאטור? פארוואס פאלט קיינעם ניט איין צו שרייבן א סימפאניע אדער אן אפערע אן די געהעריגע קענטעניש און פארוואס וועט קיינער ניט אנגאזשירן צו בויען א קירך אדער א פאלאץ א מענטשן, וואס קאן ניט די געזעצן פון ארכיטעק־טור? אבער אויף צו שרייבן א דראמע אדער א פאעמע האלטן א סך, אז עס איז גענוג צו קענען די כללים פון גראמאטיקע!" און אנדערע, וועל איך צוגעבן, האלטן, אז מען דארף דאס אויך נישט קענען...

דערהויפט פארלאזן זיך אויפ'ן „פאטום", אויף דער „אינ־טואיציע", אויף „דעם בלינדן אינסטינקט", דעם „קאפריז פון דער

מוזע", א. ד. ג., אונזערע פערזנדיכטער. פיל פון זיי נעמען גאָר לכתחילה ניט קיין פאַראַנטוואָרטלאַכקייט פאַר דאָס, וואָס ווערט אויסגע'שורה'ט אין זייערע שיטערע געדיכטן. זיי זיינען ניט מחויב, טראַכטן זיי, צו געדענקען אין דער צווייטער סטראָפע, וואָס עס שטייט אין דער ערשטער, און עס איז ניט זייער זאַך צו זאָרגן, אַז איין וואָרט זאָל זיך קלעפּן צום אַנדערן. אויב עס קלעפּט זיך ניט, איז אַ סימן, אַז עס דאַרף אַזוי זיין. מיט זיי האָט עס ניט צו טאָן. אַזוי האָט געוואָלט די „מוזע". כה אָמר...

איינינגע פון די דאָזיגע „זין פון אַפּאָלאָ" האָבן דוקא גאָרנישט קעגן באַוואוסטזיניגקייט אין פּאָעזיע. אָבער דאָס פּירט אָפּט נאָר דערצו, אַז זיי שרייבן באַוואוסטזיניג אַלץ, וואָס עס קומט זיי אויפ'ן זינען; אַלץ, וואָס די ניט־געצוימטע און אויף הפקר געלאָזענע פאַנטאַזיע פּלאָנטערט אָן.

זעלבסט־קאָנטראָל און זעלבסט־דיסציפּלין — דאָס איז אַ זעלטענע זאַך אפילו ביי יענע אינגערע דיכטער אונזערע, וואָס האָבן טאַלאַנט. אָפּטמאָל לייענסטו אַ געדיכט זייערס, וואָס וואָלט געקאָנט זיין גוט, ווען עס זאָל נאָר איינמאָל און נאָכאַמאָל דורכגעזען ווערן, און דו טראַכסט: פאַרוואָס האָט דער יונגער פאַרפאַסער ניט איבערגעלייענט זיין געדיכט נאָך אַמאָל, איידער ער האָט עס געגעבן דרוקן? ער וואָלט דאָך זיכער דערפילט (ניט שוין דען וואָלט ער נישט דערפילט?), אַז אָט דער פערז דאָרט אינמיטן איז אַן איבעריגער, אַז דאָס וואָרט אָט דאָ דאַרף פאַרביטן ווערן אויף אַן אַנדערן, אַז יענער אויסדרוק איז צו באַנאַל, אַז אָט דאָס „ניי" בילד האָט אין זיך גאָרנישט, אַ חוץ דער „נייקייט", און אַז די גאַנצע זאַך, נאָכדעם ווי זי איז שוין אָנגעשריבן געוואָרן, האָט געמעגט ליגן און וואַרטן, ביז דער דיכטער וועט זיך אָפּקילן אַביסל און קאָנען אַ קוק טאָן אויף די אַלע פּרטים מיט קלאָרע אויגן...

פאַר וואָס זיינען צווישן אונזערע דיכטער דאָ אַזוי פיל, וואָס אַרבעטן ניט אויף זייערע פערזן נאָכדעם, ווי זיי האָבן זיי געשאַפן?

אָדער — זיי אַרבעטן, נאָר עס העלפט ניט? דאָס

ווערק ווערט נישט בעסער, פאַרקערט גאָר, עס ווערט ערגער פון זייער באַארבעטונג? איז עס אַ סימן, אַז זיי דאַרפן אַרבעטן אויף זיך אַליין: גרייטן און דערציען זיך אַליין צו קאָנען קאָנטראָלירן די אייגענע שאַפונגס־פּראָצעסן.

ווי דאָס צו טאָן — דאָס איז ניט קיין פראַגע, וואָס מען זאָל קאָנען אויף איר געבן אַן ענטפער, וועלכער זאָל גוט זיין פאַר אַלעמען. יעדער מוז זי פאַרענטפערן פאַר זיך אַליין, בהסכם מיט די באַזונדערקייטן פון זיין אייגענעם „איך". די הויפּטזאַך איז — האָבן אַזאַ שטאַלץ אין זיך און אַזאַ זעלבסט־באַוואוסט־זיין, וואָס דריקט זיך אויס אין שטעלן די העכסטע פאָדערונגען צו זיך אַליין, ניט נאָר אין וואָרטן פון זיך אַליין די גרעסטע רעזולטאַטן. ווען מען האָט אַזאַ מין זעלבסט־באַוואוסטזיין, גלויבט מען אין דער צוקונפט פון דעם אייגענעם שאַפן און מען קאָן זיך פאַרגינען צו זיין קריטיש צום היינט און ניט צאַצקען זיך מיט יעדן וואָרט, וואָס האָט זיך אַראָפּ־געגליטשט פון פען, אַזוי ווי עס וואָלט געווען תורת משה.

אַזאַ מין „קריטישע" באַציאונג צו זיך אַליין איז, ווי ווייט זי איז באַוואוסטזיניג, נישט נויטיג און אפשר גאָר שעדלאַך אין דעם ערשטן מאָמענט פון שאַפן, אין דעם מאָמענט, ווען מען מוז זיין אַריינגעטאָן אין דעם עיקר זאַך, ניט אין די פּרטים, אין דעם מאָמענט, ווען מען איז שכור פון די אויפגעשוימטע שאַפונגס כוחות, וואָס מען שפּירט אין זיך. זי איז אָבער נויטיג — און אומגעהייער ניצלאַך — ווען דאָס ווערק איז שוין אָנגע־שריבן געוואָרן. ווי יעדע לעבעדיגע באַשעפעניש, וואָס איז נאָר וואָס אַרויס אויף דער ליכטיגער שיין, מוז עס גערייניגט ווערן. נאָך דער געבורט הויבט זיך אָן די האָדעוואַניע.

קיין דערציאונג קאָן נישט ענדערן די איינגעבאָרענע אייגנ־שאַפטן פון אַ ווען, אָבער זי קאָן העלפן זיי אַרויסברענגען, לייטערן, אַנטוויקלען, קאָנטראָלירן. אַזוי קאָן די אַרבעט קלערער מאַכן, אויסשלייפן, אַרומפיילן די רעזולטאַטן פונ'ם שאַפונגס פּראָצעס.

א גוטע שולע פאר אזא מין ארבעט — זיינען די מאנו־סקריפטן און קארעקטור־בויגנס פון גרויסע דיכטער. די, וואס אינטערעסירן זיך מיט דער לאבאראטאריע פון פאעטישן שאפן און דערהויפט די, וואס זיינען אליין דיכטער, טארן נישט באַ־נוגענען זיך מיט דעם, וואס זיי לייענען די געדרוקטע ווערק פון גרויסע שרייבער: זיי דארפן שטודירן אויך די װאריאַנטן, וואס זיינען ניט געדרוקט געווארן. א שורה, אן אויסדרוק אדער א ווארט, וואס א גרויסער דיכטער האט אויסגעמעקט אדער איבערגעמאכט, קאן אונז אמאל מער לערנען און בעסער באקענען מיט'ן עצם פון דיכטער און דיכטונג, ווי גאנצע ביכער.

אויף אידיש איז דערוויילע דא נאר זייער ווייניג מאטע־ריאל פאר אזעלכע סטודיעס; אונזער ליטעראַטור איז נאך יונג, אונזער פארלאג־טעטיגקייט — ארים, און נישט נאר די האַנט־שריפטלאכע וואריאנטן, אפילו די געדרוקטע ווערק פון אונזערע קלאסיקער זיינען נאך נישט אלע געזאמלט (צו אן אבסאלוט פול־שטענדיגער אויסגאבע פון זיינע ווערק האט ניט זוכה געווען נאך ביי אונז ניט פרץ, ניט שלום עליכם און אפילו ניט מענ־דעלע מוכר ספרים); אבער פון אייניגע ווערק מענדעלע'ס, שלום עליכמ'ס און פרץ'ס פארמאגן מיר דאך פארשיידענע נוסחאות... זיינען עפעס א פולע פרופן געמאכט געווארן צו באקענען זיך מיט זיי, אויסצופארשן זיי, פארגלייכן זיי צווישן זיך? און דאן — דארפן מיר זיך דען לערנען נאר פון די דיכטער, וואס האבן געשריבן אויף אידיש? זיינען דען ניט אפן פאר אונז די רייכע לאבאראטאריעס פון דער וועלט־ליטעראטור? אונזערע שרייבער קאנען געפינען וועגן, ווי צו לערנען זיך ארבעטן אויף די אייגענע ווערק, זאלן זיי נאר וועלן.

און ניט נאר ארבעטן, אויך שאפן (אויב מען איז א שעפערישער מענטש) קאן מען זיך לערנען ביי אנ־דערע דיכטער... „איך שרייב שוין", האבן מיר דא ניט לאנג געלייענט אין א בריוו פון מאקסים גארקי צו זיינעם א אינגערן קאלעגע, — „איך שרייב שוין פינף־און־דרייסיג יאר, אבער פון

זעלבסט־זיכערקייט לייד איך ניט — — — און איך שעם זיך ניט צו לערנען אפילו ביי אנפאנגער"... און אט ווי ראבערט לואיס סטיווענסאן האט זיך געלערנט שרייבן: „ווען נאר איך האב געלייענט (דערציילט ער) א בוך אדער א שטעלע אין א בוך, וואס איז מיר גאר באזונדערס געפעלן געווארן, וואו א זאך איז געזאגט געווארן אדער אן עפעקט איז ארויסגעבראכט געווארן ווי געהעריג איז, וואו עס איז געווען אדער עפעס א קענטיגע קראפט, אדער עפעס א געלונגענע איינגנארטיגקייט פון סטיל, פלעג איך מוזן נעמען זיך נאכמאכן אט די קוואליטעט. עס איז מיר ניט געלונגען, און איך האב עס געוואוסט, האב איך געפרובט נאכאמאל און עס איז מיר ווידער ניט געלונגען, און עס איז מיר קיינמאל ניט געלונגען, אבער אט די אומזיסטיגע פרואוון האבן מיר ווינציגסטנס געהאלפן צו איבן זיך אין ריטם, אין הארמאניע, אין קאנסטרוקציע און אין דער קאארדינירונג פון איינציגע טיילן... אט אזא מין פלייסיגע מאלפע בין איך געווען בנוגע צו העיזליט, לעמב, באדלעיר און אבערמאן... דאס איז, צי אייך געפעלט עס אדער ניט, דער וועג ווי אויסצולערנען זיך שרייבן. צי האב איך פון דעם פראפיטירט אדער ניט, אבער דאס איז דער וועג. אזוי האט קיטס זיך געלערנט, און עס איז קיינמאל ניט געווען קיין פיינערער טעמפעראמענט פאר ליטע־ראטור ווי קיטס. אזוי האבן אלע זיך געלערנט שרייבן, ווען מיר וואלטן עס געקאנט נאכפאלגן; דערפאר ווערט שטענדיג אן אויפלעבונג אין ליטעראטור באלייט אדער אנגעזאגט פון אן אומ־קערן זיך צו פריערדיגע און פרישערע מוסטערן... וועט אפשר אימעצער אויסשרייען: אבער דאס איז ניט דער וועג צו זיין אריגינעל! ניין, אבער עס איז בכלל ניטא קיין וועג צו ווערן אריגינעל, סיידן געבוירן ווערן אזוי. אבער אויב איר זייט געבוירן אריגינעל, איז אין אט דעם לערנען זיך ניטא קיין זאך, וואס זאל אפשלאגן די פליגלען פון אייער אריגינאליטעט"...

אט אזוי לערנט מען זיך שרייבן, אט אזוי לערנט מען זיך אויסנוצן די אייגענע זעלבסטשטענדיגקייט, און אז מען האט זיך אויסגעלערנט, ארבעט מען ערשט און מען ארבעט אן א שיעור

אויף יעדן ווערק, נאָכדעם ווי מען האָט זיך לאַנג צוגעגרייט צו דעם... אַט וואָס פאַר אַ פאַראַרבעט פרידריך שילער האָט דורכ־געפירט, איידער ער האָט זיך גענומען פאַר זיין „ווילהעלם טעל", — לויט דער באַשרייבונג פון זיין גרויסן פריינד געטע: „ער האָט אָנגעהויבן דערפון, וואָס ער האָט אַלע ווענט פון זיין צימער באַהאָנגען מיט אַזויפיל ספּעציאַל־קאַרטן (מאַפּעס) פון דער שווייץ, וויפיל נאָר ער האָט געקאָנט קריגן. דאַן האָט ער גענומען לייענען שווייצאַרישע רייזע־באַשרייבונגען, ביז ער האָט גע־וואוסט די מינדסטע פּרטים פון דעם פּלאַץ, וואו עס איז פאָר־געקומען דער שווייצאַרישער אויפשטאַנד. דערביי האָט ער שטו־דירט די געשיכטע פון דער שווייץ און ערשט נאָכדעם ווי ער האָט צונויפגענומען די אַלע מאַטעריאַלן האָט ער זיך געזעצט אַרבעטן און איז בפועל ממש ניט אויפגעשטאַנען פון אָרט, וואו „טעל" איז ניט פאַרטיג געוואָרן. איז אים באַפאַלן אַ מידקייט, האָט ער אַוועקגעלייגט דעם קאָפּ אויף די הענט און אַ שלאָף געטאָן, און ווי נאָר ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, האָט ער זיך געהייסן געבן — ניט שאַמפּאַניער, ווי מען האָט אויס־געטראַכט, נאָר שטאַרקן שוואַרצן קאַפע, כדי צו זיין מונטער. אַזוי איז „טעל" פאַרטיג געוואָרן אין זעקס וואָכן"...

אַרבעטן הייסט אינטענסיוו, נישט דווקא לאַנג אַרבעטן.

ג.

איך האָב פריער דערמאָנט אונזערע פערזנדיכטער און כ'האָב געזאָגט, אַז ניט אַלע ווייסן זיי דעם סוד פון אַרבעט.

אָבער אויך ניט אַלע פּראָזאאיקער אונזערע שאַצן אָפּ, ווי געהעריג איז, דעם ווערט פון באַאַרבעטונג אין ליטעראַ־רישן שאַפן. אויך צווישן זיי זיינען דאָ אַזוינע, וואָס באַנוגענען זיך מיט זיצן אויף קעסט ביי דער שכינה.

ערב שאַפן גרייטן זיך (קלייבן מאַטעריאַל, מאַכן באַ־אָבאַכטונגען, אפשר אויך נאָטיצן) — דאָס פאַרשטייט מען נאָך ביי אונז; אָבער בעת און נאָכ'ן שאַפן איז — וואָס

עס קומט אַרויס, איז גוט. איבערשרייבן, איבערמאַכן אַ ווערק נאָכדעם ווי עס איז שוין „פאַרטיג״ געוואָרן, איבערשרייבן אָדער איבערמאַכן עס ניט איין מאָל, נאָר עטלאַבע מאָל, וועגן און מעסטן און איבערוועגן און איבערמעסטן יעדן קאַפּיטל, יעדן זאַץ, יעדעס וואָרט, ווי עס האָט געטאָן טאָלסטאָי, ווי עס האָט געטאָן פלאָ־בער, ווי עס האָט ביי אונז געטאָן מענדעלע מוכר ספרים — דאָס איז אַ לוקסוס, וואָס אין דער נייער אידישער ליטעראַטור פאַר־גינען זיך עס נאָר אַזוינע „לאַנגזאַמע״ שרייבער, ווי דוד בער־געלסאָן (אָדער יונה ראָזענפעלד.)

אַז י. אָפּאַטאָשו האָט מיט זיין ראָמאַן „אין פּוילישע וועל־דער״ געוויזן, אַז ער האָט געאַרבעט, שטודירט, — איז עס גע־ווען אַ סענסאַציע... יע, מען איז אין דער פּראָזע ביי אונז גע־וואוינט צו פאַרלאָזן זיך נאָר אויפ׳ן רוח הקודש.

און דאָס ברענגט איר פיל שאָדן. ניט איין ווערק האָט אָנגעוואוירן צוליב דעם אַ גרויסן טייל פון זיין קינסטלערישער ווערדע. אַ שטייגער, „מערי״ (און זיין המשך — „דער וועג צו זיך״) פון שלום אַש. ווען דער דיכטער זאָל האָבן געאַרבעט אויף דעם ראָמאַן אַזוי פיל, ווי ער האָט אין אָנהויב גערעכנט, (ווי ער האָט מיר אַמאָל, געדענק איך, געזאָגט, האָט „מערי״ גע־זאָלט זיין זיין לעבנס־ווערק), וואָלט עס זיכער געווען איינע פון זיינע בעסטע שאַפונגען. אָבער אַש האָט „מערי״ געשריבן איילנדיג; אין משך פון אַ קורצער צייט (אויב איך האָב קיין **טעות ניט** — אין אַ פּאָר חדשים!) איז פאַרטיג געוואָרן אַ ווערק פון גרעסטן פאַרנעם, אַ ווערק, וואָס האָט געזאָלט אַרומנעמען אַלע קלאַסן פון אידישן פאָלק אין אַלע לענדער, אַ ווערק, וואָס מען האָט גע־דאַרפט אויף אים אַרבעטן יאָרן און יאָרן. איז וואָס דער חידוש, וואָס עס איז פראַגמענטאַריש, רוי, און וואָס עס איז נישט מער ווי אַ בוך, וואָס האָט שיינע שטעלן?

אַ קורצע פּאָעמע קאָן נאָך אַמאָל זיך „אויסגיסן״ אויפ׳ן פּאַפּיר אין פיבער פון באַגייסטערונג, אין לויטערן ברען פון אַ גליקלאַכער אינספּיראַציע.

זילבערנע שטראַלן באַפאַלן די שאָטנס,
ציהען זיי איבער מיט שיין;
זילבערנע ריימען באַפאַלן דעם דיכטער,
קלינגען און שלינגען אים איין.
(א. ליעסין)

וויליאַם בלעיק האָט אין אַ בריוו אַמאָל דערציילט:

„איך האָב געשריבן די פּאָעמע פון דירעקטער דיקטאַציע צוועלף און אַמאָל צוואַנציג און דרייסיג שורה׳ם מיט אַמאָל אָן קיינע נאָכטראַכטונגען און אַפילו קעגן מיין ווילן”...

איז, מילא, וויליאַם בלעיק געווען אַ מיסטיקער און געגלויבט אין וואונדער. אָבער אַפילו ביי געוואוינטלאַכע לירריקער קאָן זיך טרעפן אַז אַ קורץ ליד זאָל זיך אויסגיסן מיט איין מאָל, אַזוי ווי אָן דעם דיכטער׳ס ווילן. און אַמאָל קאָן אויך אַ גרעסער ווערק זיין אַ רעזולטאַט פון לויטער אינטואיציע. אָט שרייבט, אַ שטייגער, ניטשע אין אַ בריוו צו בראַנדעס׳ן וועגן „אַלזאָ שפּראַך זאַראַטוסטראַ”, אַז „יעדער טייל (איז) כמעט אין צען טעג געשריבן אין אַ צושטאַנד פון אינספּיראַציע. אַלעם קאָנצעפּטירט אין דער צייט פון שפּאַצירן, אין אבסאָלוטע זיכערקייט! אַזוי ווי יעדן זאַץ וואָלט אימיצער מיר אַריינגעשריען אין אויער אַריין...”

געטע איז נאָך ווייטער געגאַנגען. ער האָט געזאָגט אַז „יעדע פּראָדוקטיוויטעט פון העכסטען סאָרט, יעדע וויכטיגע קאָנצעפּציע, יעדע אַנטדעקונג, יעדער גרויסער און פרוכטבאַרער געדאַנק איז ניט אין אונזער רשות און איז העכער פון יעדער ערדישער קראַפט. דאָס אַלץ מוז באַטראַכט ווערן ווי אַן אומגעריכטער געשאַנק פון אויבן, ווי אַ ריין געטלאַכער פּראָדוקט.” אָבער אָט דער געשאַנק ווערט דאָך נישט יעדן געגעבן. געוואוינטלאַך באַקומען אים די, וואָס זיינען צוגעגרייט צו אים נישט נאָר דורך זייער געבוירענעם טאַלאַנט, אויך דורך דער גרויסער דערפאַרונג און דעם לאַנגען וועג פון מי און אַרבעט און ווילנסאָנשטרענגונג, וועלכן זיי האָבן דורכגעמאַכט. געוואוינט־

לאך וואקסן אוים די „געטלאכע פּראָדוקטן" אויף אַ פּעלד, וואָס איז גוט געאַקערט און צוגעזען געוואָרן. האָט דאָך געטע אַליין צוגעשאָקלט מיט'ן קאָפּ, ווען עקערמאַן האָט אים אַמאָל אין אַ געשפּרעך געזאָגט, אַז „אין גאַנץ „פאוסט" איז ניטאָ קיין איינ־ציגע שורה, וועלכע זאָל ניט טראָגן אויף זיך די קענטיגסטע שפּורן פון דער פלייסיגסטער דורכפאָרשונג פון דער וועלט און דעם לעבן, און אַז עס קומט בשום אופן ניט אויפ'ן זינען, אַז דאָס אַלץ האָט ניט צו טאָן מיט דער רייכסטער דערפאַרונג, נאָר אַז דאָס איז אייך געשענקט געוואָרן"... ווי שטאַרק געטע האָט געהאַלטן פון „דאָס ליכט און די פאַרבן, וואָס מיר טראָגן אין אונזערע אויגן", האָט ער דאָך צוגעגעבן, אַז די אויגן זיינען געגעבן דעם קינסט־לער צו זען, און אַז עס איז אוממעגלאַך צו שאַפן עפּעס בלינ־דערהייט נאָר מיט'ן רוח הקודש אַליין. דערהויפּט איז שווער צו שאַפן אויף אַזאַ אומבאַוואוסטזיניגן אופן גרויסע, מאָנומענטאַ־לע ווערק.

עס זיינען, אמת, דאָ זאַכן, וואָס זיינען באַשאַפן געוואָרן אַזוי ווי נאָר מיט דעם פיבער און אימפּעט פון דער אינטואיציע. נישט נאָר די דערמאָנטע שרייבער, אויך דאָסטאָיעווסקי האָט גע־שריבן אָפט אין פיבערהאַפטיגער אייל?ניש. אַ שטייגער, דעם ראָמאַן „איגראָק" האָט ער פאַרטיג געמאַכט אין 26 טעג — ער האָט אים געמוזט צושטעלן צו אַ באַשטימטן טערמין... ליידן אָבער טאַקע זיינע ווערק דערפון (און איך גלויב, אַז יעדער שריפט־שטעלער מוז ליידן דערפון), וואָס ער האָט ניט געהאַט גענוג צייט, גענוג רו און ישוב הדעת פאַר זיין שטורמישן שאַפן. אָבער אַזעלכע ווי ניטשע אָדער דאָסטאָיעווסקי זיינען מיר עס מוחל. מיר פאַרלאַנגען נישט פון זיי קיין טעכנישע שלמות, אַזוי ווי מיר פאַרלאַנגען נישט פון ים, אַז עס זאָל רוישן לויט די געזעצן פון האַרמאָניע, פון אָפּגרונטן, אַז זיי זאָלן אָפּהיטן די כללים פון פּערספּעקטיוו. אָבער ביי מער רואיגע, מער עפּישע שרייבער, ווי, צום ביישפּיל, באַלזאַק'ן, וועלכער האָט געשריבן נאָך אין מער איילעניש, ווי דאָסטאָיעווסקי („די שרעקלאַכע געלט־נויט, אָט די נויטבאַדערפעניש, וועלכע האָט מיך נאָר וואָס געטריבן אָנצושרייבן „האַנאָרין" אין דריי טעג, וועט מיך אויך צווינגען צו ענדיגן

„לע דערניע אמור" אין דריי טעג") — פילן מיר שוין טאקע זייער שטארק דאס, וואס ער האט ניט געהאט גענוג צייט צו באארבעטן זיינע ווערק, דאס, וואס ער האט אין משך פון צוואנ־ציג יאר אנגעשריבן מער ווי הונדערט ראמאנען, דערציילונגען און פיעסן! און וועגן וואלטער סקאט'ן, וואס איז, ווי באלזאק, געווען איינגעטונקט אין חובות און האט געמוזט דערפאר „פאר־טיג מאכן" יעדן יאר דורכשניטלאך צוועלף בענד און אנשרייבן אפטמאל אין איין פרימארגן פערציג דרוק־זייטן, — וועגן וואלטער סקאט'ן שרייבט בראנדעס, וועלכער וויים אים ווי צו שעצן, אז ווען ער וואלט „געווען געהאט נאר האלב אזויפיל טאלאנט, ווי ער האט געהאט, און אויף דעם ארט צווייטמאל אזויפיל בילדונג און זעלבסטקריטיק, וואלט ער, אמת, ניט אנגעמאכט אזא רעש מיט זיך, אבער זיינע ווערק וואלטן געווען פון א פיל העכערן און לענגער אנהאלטנדיגן כאראקטער".

בילדונג און זעלבסט־קריטיק קאנען, פארשטייט זיך, ניט פארבייטן קיין טאלאנט און אפילו ניט קיין „העלפט פון א טאלאנט" (און בראנדעס'עס באמערקונג קליגט פאראדאקסאל), אבער העלפן דעם טאלאנט, לייטערן אים קאנען זיי זי־כער, ווארים צו זיין נאטירלאכער, אינטואיטיווער, גאב זיינען זיי מוסיף די גאב פון באוואוסטזיניגער און באדאכטער ארבעט.

„בילדונג און זעלבסט־קריטיק" זיינען ניט שטענדיג נויטיג אין דעם עצם גאנג און ברען פון שאפן; אבער זיי קומען שטארק צוניץ אין דער ארבעט, וואס פאר און נאכ'ן שאפן.

דאס, וואס פיל פון אונזערע שרייבער האבן ניט גענוג „ביל־דונג און זעלבסט־קריטיק", איז איינע פון די סבות, פארוואס דער אינסטרומענט פון זייער שאפן ווערט ניט געשארפט גע־נוג אויף דעם הארטן שטיין פון ארבעט.

נאך א סבה איז — דער מוז צו שרייבן פאר צייטונגען.

ביי אנדערע פעלקער האבן קינסטלער שוין מיט הונדערט יאר צוריק און פריער נאך אפט געארבעט אויף באשטעלונג — און געארבעט טאנדעט. ביי אונז איז עס געווארן ערשט אין דער לעצטער צייט. מיט עטלאכע צענדליג יאר צוריק האט א אידי־

שער שרייבער געמוזט לאנג האלטן ביי זיך זיין מאנוסקריפט, צי ער האט עס געוואלט צי ניט, פשוט, דערפאר, ווייל עס איז ניט געווען וואו צו דרוקן; האט ער זיך ממילא ניט געאיילט מיט׳ן שרייבן. די שונדשרייבער זיינען געווען דאן די איינציגע (אויב מען זאל ניט רעכענען א. מ. דיק׳ן און שפעטער ספעקטאר׳ן) וואס האבן געשריבן שנעל און פיל, כדי צו מאכן א לעבן. אלע איבעריגע האבן געשריבן לשם שמים, זיי האבן ניט געהאט קיין האר און קיין בייטש איבער זיך, און עס איז געווען ביי זיי גענוג צייט צו שלייפן זייערע ווערק. אויב פון דעם שלייפן איז אפט גארנישט ניט ארויסגעקומען, איז עס דערפאר, ווייל סוף כל סוף ווענדט זיך עס דאך אן דעם, ווער עס שלייפט און וואס מען שלייפט. פיל היינטיגע שרייבער, אבער, האבן אפט, פשוט, ניט קיין מעגלאכקייט צו ארבעטן אויף זייערע ווערק. א גרויסער טייל פון זיי איז פארבונדן מיט צייטונגען, און זיי מוזן יעדע וואך, אויב נישט אפטער נאך, צושטעלן „קאפיע“. איז ווען זיי שרייבן קורצע זאכן, קאנען זיי נאך אמאל האבן פאר דעם צייט גענוג און ישוב הדעת. אבער ווי איז צו א גרעסערן ווערק, ווען עס ווערט געשריבן אין איילעניש און כאפעניש פאר א טאג־בלאט. ווי איז צום רוח הקודש, וואס מוז נעבאך ווערן א טאג־ארבעטער און איז נאך געצוואונגען אמאל צו ארבעטן איבער־שטונדן!

אין אזא לאגע לערנט זיך דער קינסטלער אפטמאל אוים גראד צו . . . ארבעטן, ניט נאר צו שאפן, אבער דאס איז דאך ניט די ארבעט, וואס ווענגן איר ריידן מיר דא. דאס איז אן ארבעטן, וואס שטערט דעם שאפן און צעשטערט אים, אנ־שטאט אים צו העלפן און צו היטן. דאס איז שוויים־הארע־וואניע פון א האלצהעקער, ניט די איידעלע ארבעט, וואס קאן נוצן א קונסטווערק, ניט די ארבעט פון דעם גאלדשמיד און דעם דימענט־שלייפער.

עס קאנען זיין געווים אויסנאמען. אמאל קאן מען אונטער דער בייטש פון מוז־ארבעט ארויספיבערן פון זיך די פיינסטע אינספיראציעס, ארוים׳כשופ׳ן כחות, וואס זיינען פארבארגן,

פייאיג ווערן צו אָנשטרענגונגען, וואָס זיינען אָנגעלאָדן מיט שאַפונגס־בליצן. אָבער דאָס איז גוט נאָר ווי אַן אויסנאַם. ווען אַ קינסטלער אַרבעט אַזוי שטענדיג אָדער אַ לאַנגע צייט, מוז ער ווערן אויסגעשעפּט, אויסגעזויגן, אויסגעמאַטערט. און דער עיקר איז, וואָס ביי אַזעלכע אומשטענדן האָט דער שרייבער אין בעסטן פאַל אַפילו ניט קיין מעגלאַכקייט צו קולטיווירן זיין סטיל, צו קאָנטראָלירן זיין אייליגע פען. און ער איז קיין בעל־הבית ניט איבער זיין אייגענעם ווערק. ווען ער קומט צום מיטן אָדער צום סוף און זעט, אַז אין אָנהויב מוזן פיל פּרטים געענדערט ווערן, איז דער אָנהויב שוין לאַנג געדרוקט. ער האָט פאַר זיך נישט שרייבנדיג, דעם גאַנצן ווערק, ער האָט נאָר אַ טייל, דעם טייל, וואָס אים שרייבט ער אין דעם געגעבענעם מאָמענט, און אויך אים קאָן ער דאָס רוב נאָר שרייבן, אָבער ניט איבערשרייבן און אָפטמאָל אַפילו ניט איבערלייענען גוט, איידער עס גייט אין דרוק... אָט פאַרוואָס, איך זאָג, אַז דאָס שרייבן פאַר די צייטונגען איז איינע פון די סבות, פאַרוואָס אין דעם שאַפן ביי אונז פעלט אָפט די קילקייט פון אַרבעט און אין דער אַרבעט — דאָס פייער פון שאַפן.

אָבער דאָס שרייבן פאַר די צייטונגען איז ביי אונז נאָך ניט דאָס גרעסטע אומגליק. ערגער איז, וואָס אַפילו די פון אונזערע שרייבער, וואָס ווערן ניט געמאַטערט פון דרויסנדיגע אומשטענדן, זיינען ניט שטענדיג צוגעגרייט צו קאָנען אַכטונג געבן אויף די „אומבאַוואוסטע" פּראָצעסן פון זייער שאַפן און נישט שטענדיג ווייסן זיי צו שעצן די ווערדע פון אַזאַ מין זעלבסט־קאָנטראָל און זעלבסטקריטיק.

זיי האַלטן אומבאַוואוסטזיניג מיט דעם ענגלישן קריטיקער העיזליט, וועלכער זאָגט, אַז „די דעפיניציע פון אַ געני איז, אַז ער האַנדלט אומבאַוואוסטזיניג." אָבער אויך ער גיט־צו, אַז עס זיינען דאָ גרויסע טאַלענטען, וואָס זייערע ווערק לייכטן נישט אַרויס „ווי בליצן פון אַ זומער־וואָלקן", נאָר ווי פלאַנצונגען, וועלכע זיינען לאַנג קולטיווירט געוואָרן.

און אויף אָט דעם שטאַנדפּונקט שטייען, ווי מיר האָבן געזען, אַ סך שריפטשטעלער. איך וויל נאָך צוגעבן די מיינונג

פון דזשיימס אָפּענהיים, אַן אַמעריקאַנער פּאָעט און פּסיכאָאַנאַלי־
טיקער, וועלכער האַלט, אַז יעדעס שאַפן קומט דערהויפּט פון די
אומבאַוואוסטזיניגע קוואַלן פון אונזער פּסיכיק, און וועלכער גיט־
צו פונדעסטוועגן, אַז דעם קינסטלער'ס באַוואוסטזיניגע אַרבעט
האָט אַ גרויסע באַדייטונג. „אַ מענטש, שרייבט ער, קאָן זען
וואונדערלאַכע בילדער אויסגעמאָלן אין זיין אינעווייניגסטן אויג
און צו גלייכער צייט זיין פול מיט שאַפונג־ענערגיע, אַזוי אַז ער
פילט זיך אָנגערעגט איבערצוטראָגן די בילדער אויף אַ לייוונט,
אָבער אויב זיין גייסט האָט ניט דעם מאַלער'ס שאַרפן חוש פאַר
אויסוואַל און איינאָרדענונג און זיין האַנט פעלט די געשיקטקייט
פון יאָרן אַרבעט, איז ער אינגאַנצן אומבאַהאָלפן און וואָס ער
מאָלט־אָן איז אַ שטיק מיש־מאַש און פאָרמלאָזיגקייט"...

דער חוש פאַר אויסקלייב און איינאָרדענונג, ווי אויך די
פלינקייט, וואָס קומט פון יאָרן אַרבעט און איבונג, מוז קומען
צו הילף דעם אינטואיטיוון שאַפן.